STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05600

EYROPEISHE LITERATUR

Permanent preservation of this book was made possible
by Karen Miller
in honor of
Rosalie Genn Braverman & Moses Paul Braverman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אייראפעאישע און יודישע ליטעראטור.

א זאמעלבוך פון ערצעהלונגען, סקיצען, הומארעסקען און געדיכטע פון די פאפולערסטע יודישע און אייראפעאישע שריפטשטעלער.

רעדאגירט דורך **אברהם רייזען.**

IV באנד.

פערלאג: „פראגרעס“, ווארשא. || פערקויף: געזעלש. „צענטראל“, ווארשא.

ווארשא, תרע״ד.

אינהאַלט

— 21 —

1]	דער טויט פון קרוינפּרינץ	אַלפאָנס דאָדע
2]	שטאל — געשמאַק	גיואַי דע מאָפּאַסאַן
3]	דער ים — ראָב	יאָנאַס לי
4]	* * געדיכט.	פון שעלל
5]	בושה	מאַריאַ יאַניטשעק
6]	אַבענד ליעד	געטהע
7]	אָלאַ האַנסאָן	האַראַקטעריסטיק
8]	* * געדיכט	לערמאָנטאָוו
9]	די דמיונות פון יונגען אַפּעג	אָלאַ האַנסאָן
10]	טשיילד האַראָלד	לאָרד בייראָן
11]	פריילײן מוטער, ראָמאַן	ערנסט געאָרגי
12]	די טאַגע ביכלעך פון אדם און חוה	מאַרק טוועין

— 22 —

1]	אַרטור שניצלער.	געאָרג בראַנדעס
2]	בריף פון פרויען.	מאַרסעל פּרעוואָ
3]	דער אַלטער ראָק.	אַלעקסאַנדער קילאַנד
4]	* * געדיכט.	א. פושקין
5]	דאָס געלד פּושקעלע	האַלסטרעם
6]	דאָס אַנטלויפען נאָך מצרים	סעלמאַ לאַגערלאָף
7]	* * געדיכט.	אַ. מיצקעוויטש
8]	פריילײן מוטער, ראָמאַן.	ערנסט געאָרגי
9]	די טאָג-ביכלעך פון אדם און חוה	מאַרק טוועין

— 23 —

1]	דאָס פּאַריאַ-קינד.	ה. עהלער
2]	דער הונד און דער פלאַקאָן	שאַרל באָדלער
3]	אויגענשפּיעל.	הערמאַן הייערמאַנס
4]	איהר שמייכעלע.	אָלאַ האַנסאָן
5]	מעצענהערשטיין.	עדגאַר פּאָל
6]	ליעדער.	היינריך היינע
7]	פריילײן מוטער, (ראָמאַן)	ערנסט געאָרגי
8]	די טאָג ביכלעך פון אדם און חוה.	מאַרק טוועין
9]	אַפאָריזמען	פרידריך ניטשע
10]	"	אָטאָ וועניגער

— 24 —

1]	די עבּיגע רוהע	ערנסט צאָהן
2]	נאָך דער לוסט רייזע	אָלא האַנסאָן
3]	אַפריִשע סענזאַציע	גיזאִי דע מאָפּאַסאַן
4]	הימעל און שטערן געדיכט	ס. י. לערמאָנטאָוו
5]	דער לעצטער אָבענד	הערמאַן באַנג
6]	אַגאָלדענער שליסעל	קאַטול מענדעס
7]	נעבעל געדיכט.	
8]	פרייליין מוטער ראָמאַן	ערנסט געאָרגי
9]	אויפריכטיגע געלעכטער	

— 25 —

1]	פולוויע	היינריך מאַן
2]	אַמאָרם מויט	ד. באַקאַטשיאָ
3]	היינריך מאַן	קריטישע סקיצע
4]	די חוואַליע	יאָנאַס לי
5]	„בוך דער ליעדער“	היינריך היינע
6]	פרייליין מוטער ראָמאַן ענדע	ערנסט געאָרגי

№ 26.

1)	דאָס ביימעל	י. ל. פרץ.
2)	לואיזאָן	י. יענסען.
3)	אויף דעם פּאָסט-וועג . . .	קנוט האַמסון.
4)	צווישען די זאַנגען (געדיכט) . .	דוד איינהאָרן.
5)	קינדער	י. ד. בערקאָוויטש.
6)	אַ ליעד, אַ ליעד... (געדיכט) . .	א. רייזען.
7)	נאָך לענאַו (געדיכט) . . .	אָ. קאַמאַ.
8)	אַ מיאוס בעגעגעניש . . .	ד. קאַפּלאַנאָוויטש.
9)	דער אַלטער געפענגניש-אויפזועהער .	אַנאַטאָל פראַנס.
10)	* * * (געדיכט) . . .	ק. באַלמאָנט.
11)	בעל-מחשבות	י. מרגלית.

אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

איינאונצוואנציגסטעס העפט.

אינהאלט.

1) דער טויט פון קרוינפּרינץ — אַלפאָנס דאָדע.
2) שטאַל=געשמאַק — גואי דע מאָפּאַסאַן.
3) דער ים=ראָב — יאָנאַס ליע.
4) * * * (געדיכט) — יון שעלל.
5) בושה — מאַריא יאַניטשעק.
6) אָבענד ליעד — געטהע.
7) אָלאַ גאַנסאָן (כאַראַקטעריסטיק).
8) * * * (געדיכט) — לערמאָנטאָוו.
9) די דמיונות פון יונגען אָפּעג — אָלאַ גאַנסאָן.
10) טשײַלד האַראָלד (ענדע) — לאָרד בײַראָן.
11) פרײַליין מוטער (ראָמאַן פון דײַטשען) — ערנסט געאָרגי.
12) די טאַגע=ביכלעך פון אָדם און חוה — מאַרק טווען.

אַלפאָנס דאָדע.

דער טויט פון קרוינפּרינץ.

דער קלײנער קרוינפּרינץ איז קראַנק, דער קלײנער קרוינפּרינץ האַלט בײַ שטאַרבען... אין אַלע קלויסטערס פון דער גאַנצער קעניגרײַך ווערען אָבגעריכטעט גאָטעס=דינסטען און גרויסע ליכט ברענען סײַ טאָג סײַ נאַכט פאַר'ן לעבען פון קײזערליכען קינד. אין די גאַסען פון דער אַלטער רע־זידענץ הערשט אַ טויט=טרויער, די גלעקער קלינגען נישט מעהר, די פוהרען פאָהרען לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט... אַרום דעם קײזערליכען הויף שטעהען רעדלעך אַנגעזעהענע לײַט פון שטאָדט און קוקען מיט אַ אונגעדולדיגער נײַגיריגקײַט צום פּאַלאַץ און זײַ וואָלטען גערן זײַן עטוואָס הערען פון דאָרט...

דער גאַנצער פּאַלאַץ איז צורודערט... די הויף אָפיצערן און די קײזערליכע דינער לויפען שנעל אַרויף און אַראָב די מאַרמאָרנע טרעפּ... די גאַליערען זענען פול מיט פּאַזשען און קורטיזאַנען אָנגעטהונענע אין זײַדענע קלײדער וועלכע געהען אַרום פון איין רעדעל מענשען צו דער

צווייטער און פרעגען זיך נאָך שטילערהייט וואָס עס הערט זיך דאָרט...
אין די ברייטע פּאַלאַץ-קאָלאַרען בעגריסען זיך בעגעגנענדיג די פּערוויינטע הויף-דאַמען וועלכע געהען אַרום מיט שעהנע אויסגענעהטע טיכלעך אין די הענד אַבווישענדיג מיט זיי זייערע אויגען.

אין איינעם פון די גרויסע פּאַלאַץ-סאַלאָנען קומען פאַר פיעל בעראַטונגען פון פּראָפעסאָרען און דאָקטוירים אָנגעטהונענע אין זייערע עהרען-קליידער. מען זעהט דורך די פענסטער ווי פערטיעפט און פאַרזיכטיג זייערע שמועסען פיהרען זיך, ווי מיט גרויס איבערגעבענהייט זייערע בעטראַכטונגען זענען.

און אין קאָרידאָר פון דיעזען סאַלאָן שפּאַצירען אַרום דער גוווערנער און דער רייט-לעהרער פון יונגען קרוינפּרינץ וואַרטענדיג אויף דעם בעשלוס פון דעם דאָקטוירים-קאָנסוליום. די קיך-דיענער געהען דורך פערביי נישט בעגריסענדיג זיי. דער רייט-לעהרער געהט אַרום אַ כעס'דיגער און דער גוווערנער ציטירט פערזען פון האָראַץ... און אין דער זעלבער צייט, דאָרטען, אין דער זייט פון די פערד-שטאַלען, הערט זיך אַ לאַנגער וויינענדיגער הירזשען. דאָס איז דער קאַשטאַנאָווער פערד פון קליינעם קרוינפּרינץ וועלכען די פערד-דיענער האָבען פערגעסען און וועלכער איז געשטאַנען ביי זיין לעדיגער קאָריטע און האָט גערופען עמיצען מיט אַ אומעטיגער שטימע.

און דער קייזער? וואו איז עס דער קייזער?...

דער קייזער זיצט פערשפּאַרט איינער אַליין אין איינעם פון די צימערן אין עק פּאַלאַץ... דער מאַיעסטעט ליעבט נישט מען זאָל איהם זעהן וויינענדיג... פאַר דער קייזערין איז עס עטוואָס אַנדערש... און זיצענדיג צו-קאָפּענ'ס פון דעם קראַנקען קרוינפּרינץ האַלט זי אין איין וויינען. איהר שעהנע געזיכט איז אויסגעווייקט אין טרעהרען און זי יאָמערט אויפ'ן קול פּונקט ווי אַלע פּשוטע ווייבער.

און דער קליינער קרוינפּרינץ ליעגט אין זיין בעטעל. זיין געזיכט איז ווייסער פון די טיכלעך און ליילעכער אויף וועלכע ער ליעגט רוהיג מיט פערמאַכטע אויגען. מען מיינט אַז ער שלאָפט; אָבער ניין: דער קליינער קרוינפּרינץ שלאָפט נישט... ער קעהרט זיך אום מיט'ן געזיכט צו זיין מוטער און דערזעהענדיג אַז זי וויינט זאָגט ער איהר:

— מוטער קייזערין, וואָרום וויינסטו! צי דען רעכענסטו אַז איך וועל שוין שטאַרבען?

די קייזערין וויל ענטפערן. איהר געוויין אבער שטיקט איהר אין האלז און זי קען קיין ווארט נישט אויסרעדען.

— וויין זשע נישט, מוטער קייזערין. דו פערגעסט קענטיג אז איך בין דער קרוינפרינץ און די קרוינפרינצען קענען דאך נישט שטארבען...

די קייזערין פערחליפעט זיך נאך שטארקער און דער קליינער קרוינפרינץ הויבט זיך אן צו שרעקען.

— אוי, זאגט ער, איך וויל נישט אז דער טויט זאל מיך קומען צונעהמען, און איך וויים גאנץ גוט ווי אבצוהאלטען איהם פון צו קומען אהער... תיכף זאל מען ברענגען אהער פערציג גווארדיע-סאלדאטען אויף צו וואכען ביי אונזער בעט!... אויך הונדערט גרויסע הארמאטען זאלען ווי טאג זא נאכט הינטער אונזער פענסטער שטעהן! און ווער וועט שוין זיין דעם טויט אויב ער וועט זיך וואגען דערנעהנטערן צו אונז...

און כדי נאכצוגעבען דעם קראנקען קרוינפרינץ האט די קייזערין א וואונק געגעבען צו איינעם פון די דינער און האט איהם אויפ'ן אויער עטליכע ווערטער געזאגט.

און תיכף הערט מען ווי די גרויסע הארמאטען ווערען אין הויף אריינגעפיהרט און פערציג הויכע גווארדיע-סאלדאטען מיט זייער גרויסע אייזערנע פיקעס אין די הענד, ארדענען איין זייערע פאסטען ארום צימער. דאס זענען געוועזן די אלטע גווארדייצעס מיט גרויסע וואנסען. דער קליינער קרוינפרינץ האט א פאטש געטהון מיט די הענד דערזועהענדיג זיי. ער האט דערקענט איינעם און האט איהם גערופען:

— לארען! לארען!

דער אלטער גווארדייעץ איז צוגעגאנגען צום בעט.

— איך ליעב דיך זעהר, מיין אלטער לארען... ווייז מיר דיין גרויסען שווערד... אויב דער טויט וויל מיך צונעהמען, דארף מען דאך איהם הרג'ענען. נישט אזוי אפשר?

לארען ענטפערט:

— יא. מיין הערר...

און צוויי גרויסע טרעהרען האבען זיך אראבגעקייקעלט אויף זיינע צוקנייטשטע באקען.

אין דיעזען מאמענט איז צוגעגאנגען דער הויף-גלח און א לאנגע צייט האט ער גערעדט צו'ם קרוינפרינץ מיט א נידריגער שטימע אנווייזענדיג אויפ'ן

צלם וואָס ער האָט אין האַנד געהאַלטען. דער קלײנער קרוינפּרינץ האָט איהם אויסגעהערט מיט אַ מינע פון גרויס פערוואונדערונג און פּלוצלונג האָט ער איהם איבערגעהאַקט:

— איך פערשטעה גוט אַלעס וואָס איהר זאָגט מיר, הערר גלח! אָבער סוף כל סוף איז דען נישט מעגליך אַז מײן קלײנער חבר בעפּאָ זאָל שטאַרבען אַנשטאַט מיר, בעצאָהלענדיג איהם דערפאַר פיעל געלד?...

דער גלח האָט פאָרטגעזעצט זײנע רײד מיט דער זעלבער נידריגער שטימע און דער קלײנער קרוינפּרינץ ווערט וואָס ווײטער אַלץ מעהר פערוואונדערט.

ווען דער גלח האָט געענדיגט זײן געשפּרעך האָט דער קלײנער קרוינפּרינץ אַ שטאַרקען זיפץ געטהון זאָגענדיג דאַבײ:

— אַלעס וואָס איהר זאָגט מיר, הערר גלח, איז זעהר טרויעריג; אָבער אײן זאַך טרײסט מיך, דאָס איז דאָס וואָס אויך אויבען אין גן עדן וועל איך זײן דער זעלבער קרוינפּרינץ... איך ווײס אַז דער גוטער גאָט פערלאָזט מיך נישט און ער וועט געוויס בעהאַנדלען מיך דאָרטען נאָך מײן ראַנג נאָך.

נאַכהער האָט ער מוסיף געווען אומקערענדיג זיך מיט'ן געזיכט צו זײן מוטער:

— מען זאָל מיר ברענגען מײנע שענסטע קלײדער, מײן קאָסטיום פון ווײסען הערמין און די זײדענע שיך! איך וויל קומען שטאָלץ און הערליך פאַר די מלאכים און אין די קרוינפּרינצישע בגדים וויל איך אַרײן אין גן עדן.

אַ דריטען מאָל בויגט זיך אײן דער גלח פאַר'ן קלײנעם קרוינפּרינץ און רעדט צו איהם לאַנג, לאַנג און זעהר שטיל...

אין מיטען זײן געשפּרעך האָט איהם דער קײזערליכער קינד איבערגעהאַקט מיט כעס:

— אַלזאָ, האָט ער אויסגעשריען, איז אַ קרוינפּרינץ צו זײן גאָרנישט מיט גאָרנישט!...

און נישט וועלענדיג הערען מעהר קײן זאַך האָט זיך דער קלײנער קרוינפּרינץ אומגעקעהרט מיט'ן פּנים צום וואַנד און האָט זיך ביטער פונאַנדערגעוויינט...

פון פראַנצייזיש מ. ליעבערמאַן.

גואי דע מאפאסאן.

שטאל-געשמאק.

דריי דאמען פון דער קלאס וואס ניצט קיין נוצליכע בעשעפטיגונג, און ווייס דעריבער נישט, ווי אזוי די צייט צו פערברענגען, אויף א זיניגען אופן, זענען געזעסען אויף א בארג, אונטער דעם שאטען פון א געדיכטען ניס-בוים, און האבען געפלוידערט. פלוצלונג איז דער שמועס ארויפגע- פאלען אויף דער טהעמא: „וואס איז דער בעסטער ריח"?

איינע פון זיי, פרינצעסין פ., א שלאנקע ברונעטע, האט ערקלעהרט דאס עס גיט נישט קיין בעסערער ריח, ווי דער ריח פון רוסישע לעדער, זי טראגט שיך פון ברוינע רוסישע לעדער, א קלייד-טרעגער, געמאכט פון רוסישע לעדער, און דער פאס וואס האט איינגעצויגען איהר שלאנגען-טאליע, איז אויך פון רוסישע לעדער. אויף דער ברוסט טראגט זי א שפילקע, פון פערגילדעטע רוסישע לעדער, און אויף דער האנד, א בראנזלעט, פונ'ם זעלבען מאטעריאל.

מענשען זאגען דאס איהר שלאף-צימער איז אויסגעקלעפט מיט רוסישע לעדער, און דאס איהר ליעבהאבער איז געצוואונגען צו טראגען גרויסע רוסישע שטיוועל, און געפארבטע הויזען פון דעם זעלבען מאטעריאל, וועהרענד איהר מאן, איז דערפון בעפרייט.

מאדאם ה., א זעהר דיקע דאמע, וואס איז אמאל גאנץ שעהן געוועזען, און וואס האט געהאט א זעהר לייבליכע נאטור, האט בשום אופן נישט געקאנט פערשטעהן, דאס א פרינצעסין זאל האבען אזא וואולגארען געשמאק. דאס איינציגע וואס זי האט ליעב, איז דער ריח פון פריש- געשניטענע היי, און זי איז ווירקליך די ערשטע, וואס האט אריינגע- בראכט דעם „היי פערפום" אין דער מאדע אריין. איהר אידעאל איז א פריש-געשניטען היי-פעלד, בעלויכטען פון דער לבנה-ליכט; אז זי שפאצירט א מאל לאנגזאם איבער אזא פעלד, זעהט זי אויס ווי א בע- וועגענדע היי-קופע, און פון יעדען אבר איהרס, ווערט א היי-געשמאק.

דער געשמאק פון דער דריטער דאמע, איז געוועזען מעהר זאנדער- באר, ווי דער פון דער צווייטער, און מעהר וואולגאר ווי דער פון דער

ערשטער. די קליינע, צארטע, און העל-האריגע גרעפין וו. לעבט נאר פון שטאל-ריח. איהרע פריינדינס האבען עס בשום אופן נישט געקאנט פערשטעהן; די פרינצעסין האט גראציעז צוגעטראגען איהר שעהנע און פולע האנד אויף וועלכע ס'האט געהאנגען, דער ברייטער לעדערנער בראנזולעט, צו איהר גריכישע נאז, און האט איינגעאטהעמט, דעם זאנפטען ריח פון די רוסישע לעדער, וועהרענד די סענטימענטאלע היי-קופע, האט געהאלטען אין איין ווידערהאלען:

— ווי שרעקליך! ווי שרעקליך!

די צארטע גרעפין האט זיך א ביסעל פערשעהמט, זעהענדיג די ווירקונג וואס איהר ערקלערונג האט געהאט, און האט פערזוכט רעכטצופערטיגען איהר געשמאק:

— פרינץ ט. האט מיר דערצעהלט, דאס דער דאזיגער געשמאק, האט איהם אמאל פערכשופט, — האט זי ענדליך געזאגט: — עס איז געוועזען אין א יודיש שטעדטעל אין גאליציען, ער איז דארט געשטאנען, מיט זיין הוזארען רעגימענט. מיט אמאל זענען דארט אהין, אריבער-געקומען פון רוסלאנד, עטליכע אבגעריסענע צירק-רייטער, וועלכע האבען מיט זיך מיט-געהאט, א פאר אויסגעהונגערטע פערד, און האבען דארט אויפגעשטעלט א צירק, פון עטליכע דרענגלעך און לייווענטענע לייליכער. דער פרינץ איז זיי געגאנגען זעהן, און האט צווישען זיי בעמערקט א פרוי, וואס איז געוועזען נישט יונג, נישט שעהן, נאר פריי און חוצפה'דיג. די פרוי האט געטראגען א אב-בלאקירטען העל-רויטען זשאקעט, ארום-געזוימט מיט פאלשען דזשעט. פון דעם זשאקעט האט זיך געפיהלט א שטאל-ריח, דער דאזיגער ריח האט איהם פערכשופט. און יעדעס מאל וואס די שאנדלאזע איז געלעגען אין זיינע ארעמ'ס, געלאכט פרעך און געלאזט פון זיך פיהלען, דעם שרעקליכען שטאל-געשמאק, — האט ער זיך געפיהלט, ווי מאגנעטיזירט.

ווי שרעקליך! — האבען געזאגט די אנדערע צוויי דאמען, און נישט אילענדיג צוגעהאלטען זייערע נעזער. די קליינע גרעפין האט זיך אויף ס'ניי פערשעהמט און האט דאס מאל געהאלטען ס'מויל.

אין אנהויב ווינטער זענען די דריי פריינדינס ווידער געוועזען אין דער זעלבער שטאדט, און האבען זיך אין א שעהנעם טאג געטראפען אין דעם הויז פון די העלע גרעפין. די היי-ענטהוזיאסמקע, האט בעגריסט די אנהענגערין פון רוסישע לעדער, און זיי האבען זיך צושמועסט. א ביסעל שפע-

טער האָט זײ די גרעפין אַרײַן־גערופען אין איהר פּריוואַטע רײַט־שולע, וואו זי פלעגט נעמען איהרע טעגליכע לעקציעס.

נאָך דעם ווי זי האָט זײ געוויזען פערשיעדענע רײַט־קונצען, האָט זי צוגערופען איהר לעהרער, און איהם געבעטען ער זאָל איהר העלפען אַרונטער פון פערד.

ער איז געוועזען אַ יונגער מענש אַטלעטיש געבויט, און די געפּאַסטע הויזען זײַנע, און קורץ סאַמעטענער זשאַקעט האָבען איהם צוגעגעבען אַ בעזאָנדערן רייץ. ער איז צוגעלאָפען מיט לײַכטע טריט, גענומען די ליעבליכע משא אין זײַנע הענד, און איהר געהאָלפען אַרונטער פון פערד

אַז די דרײַ דאַמען האָבען אַ בליק געטהון אויף דעם שעהנעם און שטאַרקען מאַן, האָבען זײ שוין פערשטאַנען, פאַר וואָס זײער פרײַנדין האָט אַזאַ פאָרליעבע, פאַר דעם שטאַל־ריח. זײ האָבען זיך איינס דאָס אַנדערע אָנגעקוקט, די לעצטע ריט וועגעדיג ביז איבער די אויערן. וועלענדיג זיך בעפרײַען פון דער פערלעגענהייט, האָט זי אין אַשטרענגען טאָן בעפוילען דעם רײַט־מײַסטער ער זאָל דאָס פערד צוריק אַרײַנפיהרען אין שטאַל אַרײַן. ער האָט זיך אַ נויג געטהון און געשמייכעלט. אין דעם שמייכעלע איז געלעגען עטוואָס אונבעשרײַבליכעס, און האָט געטהון וואָס זי האָט בעפוילען.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום, איז גאַנץ וויען געווען איבעראַשט פון דער נײַעס: דאָס די גרעפין וו. האָט זיך גע׳גט מיט איהר מאַן. די זאַך איז געווען זעהר אונערוואַרטעט ווײַל אַלע האָבען געוואוסט, דאָס זי האָט גוט געלעבט מיט איהר מאַן, און קיינער קאָן נישט דעם מאַנס־פערשוין, ווען זי האָט ווען עס איז, געזאָלט ווײַזען בעזונדערע אויפ־מערקזאַמקייט.

לאַנג דערנאָך האָט זיך אָבער געלאָזט הערען אַ פרישער בעריכט. אַ פלוידערנדע דיענסט־מיידעל האָט דערצעהלט, דאָס דער שעהנער רײַט־מײַסטער, האָט זיך אַ מאָל אַזוי פערגעסען, אַז ער האָט אַזש דער גרעפין אַ זעץ געטהון מיט זײַן רײַט־שטעקעלע. אַ שמײַסער האָט עס דער־צעהלט דעם גראַף, און אַז דער לעצטער האָט דעם פריערען חברה־מאַן אַרײַנגערופען און פון איהם געפאָדערט אַן ערקלערונג, האָט איהם די גרעפין פערטהיידיגט, און דאָס האָט געפיהרט צום גט.

יאָהרען זענען אַוועק. מאַדאַם ה. איז געוואָרען דיקער און מעהר סענטימענטאַל. היי־קופּעס זענען פאַר איהר שוין צו וועניג געווען, און

זי פלעגט פערברענגען די צייט אין די וואַרעמע לענדער. ביי טאָג פלעגט זי אַרום־שפּאַציערען צווישען די ציפּרעסן־בוימער, און ביי נאַכט זיך שפּיען אויף אַ שפּיעל.

אין אָבענד, אומקעהרענדיג זיך אַהיים, אין דער בעגלייטונג פון אַ ענגלישע דאַמע, וואָס איז אויך געווען אַ גרויסע ליעבהאָבערין פון דער נאַטור, האָבען זיי אָנגעטראָפען אַ פּריוואַט שפּיעל, אין וועלכען ס'איז געזעסען איין אונגעוועהנליך פּאָרעל: אַ קליינע דאַמע איינגעהילט אין אַ ווייסען מאַנטעל און האַרט ביי איהר אַ שעהנער אַטלעטישער מאַנספּערשוין אין געפאַרבטע הויזען, אַ קורץ שוואַרץ סאַמעטענער זשאַקעט, אַרום־גע־זוימט מיט פוטער, אַ רויטע מיץ אויפ'ן קאָפּ, און אַרייט־שטעקעלע אין האַנד.

מאַדאַם ה. האָט נישט־ווילענדיג אַ געשריי געטהון.

— וואָס איז אייך? — האָט געפרעגט די ענגלישע דאַמע — קאָנט איהר דען די דאָזיגע מענשען?

— געוויס! זי איז אַ וויענער דאַמע, גרעפין וו. — האָט מאַדאַם ה. געמורמעלט.

— אַ טעות! — האָט געזאָגט די ענגלישע דאַמע! דאָס איז גראַף סאַוועלי און זיין פרוי. אַ שעהן פּאָרעל. אמת?

אַז דאָס שפּיעל האָט זיך דערנעהנטערט, האָט מאַדאַם ה. דאָך געזעהן אַז עס איז די קליינע גרעפין, און דאָס דער מאַנספּערשוין איז איהר אַמאָליגער רייט־לעהרער, מיט וועמען זי האָט חתונה געהאַט. און אַז דאָס שפּיעל איז פאַר זיי פאַרביי געגאַנגען, האָט דער קורץ סאַמעטענער זשאַקעט, וואָס האָט נאַכלעסיג געהאָנגען אויף זיינע אַקסלען, פון זיך אַרויס געלאָזט, ווי יענער זשאַקעט וואָס די פרעכע ציר־רייטערין האָט געטראָגען: אַ שטאַרקען שטאַל־געשמאַק.

איבערזעצט י. טופּמאַן.

זשאָנאַס לי.

דער ים־ראָב.

(אַ מעשה׳לע).

ניט ווײַט פֿון אַנדרווער *) ליגט אַ פֿויגעלש אינזעלע. קיינער קען צו איהם ניט צוקומען, ווי דער ים זאָל ניט זײַן רוהיג. די חוואַליעס, וואָס שלאָגען בײַם ברעג, האָבען עס אַרומגערינגעלט מיט שוים און וואַסער־שפּריצען.

אין אַ שעהנעם זומער־טאָג גלאַנצט עס אין דעם ים־נעבעל ווי אַ גרויסער גאָלדענער רונג, און דאָס פֿאָלק גלויבט פֿון לאַנג אָן, אַז דאָרט איז בעהאַלטען אַן׳אוצר, וואָס איז פֿערבליבען פֿון ים־רויבער.

אַז די זון פֿערגעהט, בעווײַזט זיך אַ מאָל אַ שיף מיט אַ הינטערדעק און פֿונקעלט אין דער אַלטער הויכער גאַלערײַ, גלײַך ווי זי שווימט אין שטורם אַרײַן און טוקט זיך צווישען די שווערע ווײַסע חוואַליעס.

אויפ׳ן ברעג זענען די ים־ראָבען אין אַ שוואַרצער שורה אויסגעזעצט. זיי וואַרטען, ווען פֿון וואַסער אַרויס וועט זיך בעווײַזען אַ פֿיש.

ס׳איז אָבער געווען אַ צײַט, ווען מען האָט פּונקטליך געוואוסט זייער צאָהל. זיי זענען שטענדיג געווען ניט מעהר און ניט וועניגער ווי צוועלף, און אויפ׳ן שטײַן, אין דעם ים־נעבעל אײַנגעהילט, איז געזעסען אַ דרײַצעהנטער, און איטליכעס מאָל, ווי נאָר עמיצער פֿלעגט איהם דערזעהן, פֿלעגט ער זיך אויפהויבען און אַוועקפֿליהען.

די אײנציגע מענשען, וואָס האָבען געוואָהנט אויף די פֿיש־פֿאַנגערײַען ווינטער־צײַט, ווען דער פֿיש־פֿאַנג פֿלעגט שוין זײַן געענדיגט, איז געווען אַ פֿרוי און אַ יונג מײדעלע.

זיי האָבען זיך דערהאַלטען דאָס לעבען דערמיט, וואָס זיי פֿלעגען

---

*) אין צפֿון־נאָרוועגען.

היטען די געוועלבער אויף צו טריקענען פיש פון רויב-פויגעל און ראָבען, וועלכע האָבען געהאַט די העזה צו צושטערען די דעכער מיט זייערע שאַרפע שנאָבלען.

דאָס מיידעלע האָט געהאַט געדיכטע, פּעך-שוואַרצע האָר און אַ פּאָר אויגען, וואָס האָבען אויף מענשען געקוקט אַזוי מאָדנע, אַז מען האָט כמעט ווי געקאָנט זאָגען: זי איז ענליך אויף די ראָבען פון דעם אינזעלע.

זעהר ווייניג גוטעס איז איהר פאָרגעשטאַנען. ווייל, ווער איז איהר פאָטער געוועזען, דאָס האָט קיינער נישט געוואוסט.

אַזוי האָבען זיי געלעבט, ביז דאָס מיידעלע איז אויפגעוואַקסען.

און דאַן, ווען די שיפלעך האָבען געדאַרפט זיך ווידער אַוועקלאָזען אויף די פיש-פאַנגעריייען זיך אָנצולאָדען דאָרט מיט געטריקענטע פיש, האָט זיך געטראָפען, אַז די יונגע לייט האָבען זיך אַליין אָנגעשלאָגען צו פאָהרען אַהין.

איינינגע האָבען זיך זאָגאַר אָבגעזאָגט פון זייער חלק פערדינסט און פון געהאַלט; און אין פיעל דערפער האָט מען געטרויערט, וואָס אַ סך תנאים זענען צוריסען געוואָרען.

און שולדיג אין דעם אַלעם איז געוועזען דאָס מיידעל מיט די מאָדנע אויגען.

זי איז אַפילו געוועזען שטאָלץ און נישט איבעריג פריינדליך, נאָר זי האָט געהאַט אַזאַ מין כח, אַז די אַלע, מיט וועמען זי האָט גערעדט, פלעגען ווי בעצויבערט ווערען און זיי פלעגט פאָרקומען, אַז זיי וועלען נישט קענען לעבען אָהן איהר.

דעם ערשטען ווינטער האָט זיך צו איהר געשדכנ'ט אַ בחור, וואָס האָט געהאַט אַנ'אייגען הייזעל און אַ ים-שיפעל.

„אויב דו וועסט ווידער צו קומען נאָך אַמאָל און וועסט מיר געבען יענעם גאָלדענעם רונג, מיט וועלכען איך וויל מיך מקדש זיין“, האָט זי געזאָגט, „וועל איך דיר דאַן געבען מיין יאָ-וואָרט!“

און אויפ'ן אַנדערן ווינטער איז דער בחור געקומען.

ער האָט געדאַרפט מיטנעהמען אַ סך פיש. און זי האָט געקענט בעקומען אַ גאָלדענעם רונג, אַ שווערען און אַ שעהנעם, וועלכען זי וואָלט נאָר וועלען.

„דער רונג, וואָס איך דאַרף, ליעגט אונטערן שלאָס, אין אַנ'איי-

זערנעם קעסטעל אויפ'ן אינזעלע", האָט זי געזאָגט, „אויב דו האָסט מיך אזוי שטאַרק ליעב, דאַרפסטו מיר איהם קריגען".

נאָר דאָ איז דער בחור בלאַס געוואָרען.

ער האָט דערזעהן, אז די חוואַליעס בײַם ברעג לאָזען זיך אַראָב און הויבען זיך אויף ווי אַ ווײַסע וואַנד פון שוים, נישט קוקענדיג אויף דעם שעהנעם וואַרעמען זומער־טאָג. און אויף די אינזעלעך זענען געזעסען ראָבען און האָבען געדרעמעלט אויף דער זון.

„שטאַרק האָב איך דיך ליעב", האָט ער געזאָגט. „נאָר דאָס שמעקט מיט אַ לְוָיָה, נישט מיט אַ חתונה".

אין דעמזעלבען אויגענבליק האָט זיך דער דרײַצעהנטער ראָב אויפגעהויבען פון שטײַן און איז אַוועק געפלויגען פון שוים און וואַסער־שפריצען.

אויף דעם אַנדער'ן ווינטער האָט זיך גע'שדכנ'ט אַ שטײַער־מאַן פון אַ יאַכט־שיף. צװײ יאָהר האָט ער זיך אומגליקליך געפיהלט צוליעב איהר.

דיזעלבע תשובה האָט ער אויך בעקומען:

„דו וועסט ווידער־קומען צו זומער צו און וועסט מיר געבען יענעם גאָלדענעם רונג, מיט וועלכען איך וויל מיך מקדש זײַן, דאַן וועל איך אײַנשטימען".

ער איז ווידער געקומען אויף די פיש־פאַנגערײַען אין דעם טאָג פון דעם הײליגען יאָהאַנעס.

ווען ער האָט אָבער דערהערט, וואו דער רונג ליעגט, איז ער געזעסען און געווײַנט דעם גאַנצען טאָג און אָבענד, ביז די זון איז געזונקען אין צפון־מעריב זײַט אין ים אַרײַן.

דאַן האָט זיך דער ראָב אויפגעהויבען און איז אַוועקגעפלויגען.

אין דעם ווינטער, וואָס איז דאַן אָנגעקומען, האָט אויסגעבראָכען אַ שרעקליכעם וועטער.

פיעל שיפען זענען אונטערגעגאַנגען. און אויפ'ן קיל פון אַנ'איבער־געקעהרטען שיפעל, וואָס איז צום ברעג צוגעשוואומען איז געהאַנגען אויף אַ פאַס אַ יונגלינג אין אַ בעוואוסטלאָזען צושטאַנד.

מען האָט איהם מיט אַלע כחות געטרײַסעלט און געמינטערט אונטער'ן דאַך פאַר די שיפלעך, אָבער ער איז צו זיך נישט געקומען.

דאָ איז דאָס מײדעל צוגעגאַנגען.

„דאָס איז מײַן חתן", האָט זי געזאָגט.

זי האָט איהם גענומען צו זיך אויפ'ן שויס, איז געזעסען אַ גאַנצע נאַכט און אָבגעוואַרעמט זיין האַרץ.

אַז ס'איז אָנגעקומען דער פריה־מאָרגען, האָט דאָס האַרץ זיינס אָנגעהויבען צו שלאָגען.

„מיר איז פאַרגעקומען, אַז איך בין צווישען די פליגלען פון אַ ראָב געזעסען און האָב דעם קאָפּ אויף זיין געדיכט־בעפעדערטעם האַרץ געלעגט", האָט ער געזאָגט.

דער יונגלינג איז געוועזען קלאָר און שעהן, מיט געקרויזטע לאָקען; ער האָט די אויגען נישט געקענט אָברייסען פון דעם מיידעל.

ער האָט זיך געשטעלט אַרבייטען אויף די פיש־פאַנגערייען.

איהם האָט אָבער צו איהר געצויגען, — ריידען מיט איהר פון פריהמאָרגען ביז שפּעט אין דער נאַכט.

און מיט איהם איז אויך געשעהן דאָס, וואָס מיט אַלעמען.

איהם האָט זיך גענומען דאַכטען, אַז ער וועט אָהן איהר נישט קענען לעבען, און אין דעם טאָג, וואָס ער האָט געדאַרפט אוועקפאָהרען, האָט ער איהר געמאַכט אַ פאָרשלאַג.

„דיך וויל איך נישט גענאַרען", האָט זי געזאָגט. „דו ביזט אויף מיין האַרצען געלעגען און ווען איך וואָלט דיך פון אומגליק געקענט פערהיטען, וואָלט איך דערפאַר גערן מיין לעבען אוועקגעגעבען.

דו קענסט מיך נעהמען, אויב דו וועסט מיר אָנטהון דעם קדושין־רונג אויף מיין פינגער. אָבער דיינע וועל איך נאָר איין טאָג זיין.

און איצט וועל איך וואַרטען און וועל בענקען און אומרוהיג זיין, ביז דער זומער וועט קומען".

אין דעם טאָג פון דעם היילינגען יאָהאַנעס איז דער יונגלינג אַליין אין זיין שיפעל געקומען.

זי האָט איהם דערצעהלט פון דעם רונג, וועלכען ער מוז פון דעם אינזעל בעקומען.

„דו האָסט מיך אַראָבגענומען פון דעם קיל פון דעם שיפעל און קענסט מיך ווידער אַהינצו אוועקלעגען", האָט דער יונגלינג געזאָגט. „אָהן דיר קען איך נישט לעבען".

נאָר ווען ער האָט זיך אין שיפעל געזעצט, צום אינזעל צו שווימען, איז זי צו איהם אין שיפעל אַריין און האָט זיך געזעצט אין דעם הינטערטייל. זי איז געוועזען אַזאַ בלאַסע, אַזאַ מאָרנע.

ס'איז געווען אַ שעהנער זומער-טאָג, און דער ים האָט געקייקעלט זיינע לאַנגע זילבערנע וועלען.

דער יונגלינג איז געזעסען, האָט געקוקט אויף איהר און האָט גע-טריבען מיט די רודערס, ביז עס האָט זיך דערהערט דאָס שלאָגען פון די חוואַליעס אַרום אינזעל אַרום און די שוימיגע חוואַליעס האָבען זיך גע-הויבען ווי טורעמס.

„אויב דיר איז דאָס לעבען טייער, וועסטו זיך באַלד אומקעהרען צוריק", האָט זי געזאָגט.

„דו ביזט מיר טייערער פאַר'ן לעבען", האָט ער געענטפערט.

נאָר ווען דעם יונגלינג האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער הינטערטייל פונ'ם שיפעל זינקט אין וואַסער אַריין און דער טויט האָט זיין פערשלאָ-סענעם מויל אויפגעעפענט, איז די אויבער-פלעכע פון ים פלוצלונג אַזוי רוהיג און גלאַנציג געוואָרען, און דאָס שיפעל איז שטיל צום ברעג צוגע-שוואומען, נישט אויפהויבענדיג אַפילו קיין איין חוואַליע.

אויפ'ן אינזעל איז געלעגען אַן'אַלטער פערזשאַווערטער שיף-אַנקער, וואָס האָט געשטאַרצט פון וואַסער אַרויס.

„אין דעם אייזערנעם קעסטעל, וואָס ליעגט אונטער'ן אַנקער, גע-פינט זיך מיין נדן", האָט זי געזאָגט. „נעהם עס אין שיפעל אַריין.

און טהו אָן דעם רונג, וואָס דו וועסט געפינען, אויף מיין פינגער. אַזוי וועט אונזער תקיעת-כף געשעהן.

און איך וועל דיינע זיין, ביז די זון וועט איהר טאַנץ נישט אָנהוי-בען אויף צפון-מעריב-זייט, אין ים".

דאָס איז געווען אַ גאָלדענער רונג מיט אַ רויטען שטיין; ער האָט איהם איהר אויפ'ן פינגער אָנגעטהון און האָט זי אַ קוש געטהון.

אויפ'ן אינזעל אין אַ טאָהל איז אַ גרין-בעוואַקסענע לאָנקע געוועזען.

זיי האָבען זיך דאָרט אוועקגעזעצט. ווי אַזוי מען האָט זיי בעדינענט, האָט ער נישט פערשטאַנען און דערפון טראַכטען נישט געוואָלט פון גרויס פרייד.

„ווי שעהן איז דער יאָהאַנעס-טאָג", האָט זי געזאָגט. „איך בין יונג און דו ביזט מיין חתן. איצטער קום אין אונזער חופּה-בעט".

זי איז אַזוי וואונדער-שעהן געווען. און ער איז פאַר ליעבע אויס-געגאַנגען.

און אַז די זון האָט אָנגעהויבען איהר נאַכט-טאַנץ אין ים, האָט זי איהם אַ קוש געטהון און האָט ביטערע טרעהרען געגאָסען.

„דער זומער־טאָג איז שעהן", האָט זי געזאָגט, „און דער אָבענד איז נאָך שעהנער, נאָר איצטער דונקעל עס".

איהם איז מיט אַמאָל פאָרגעקומען, אַז זי ווערט עלטער און עלטער און גלייך ווי זי ווערט נישט.

אַז די זון איז הינטער'ן ים געזונקען, איז נעבען איהם אויפ'ן אינזעל געלעגען אַ קליין הויפעלע פערפוילטע וועש.

שטיל איז דער ים געוועזען, און אין דער ליכטיגער יאָהאַנעס־נאַכט זענען איבער זיין אויבערפלעכע צוועלף ראָבען געפלויגען.

איבערזעצט **זלמן ר—ן.**

פון שעלל!

* * *

די שטראָמען גיסען זיך צוזאַמען,
די טייכען פליסען אין די ים'ען,
עס גליטשט זיך צאַרט, עס גליטשט זיך לינד,
און ס'גלעט די ערד דער שטילער ווינד...

און אַלץ וואָס אָטהעמט, אַלץ וואָס לעבט נאָר
זיך אויפגיסען צוזאַמען שטרעבט נאָר...
פאַר וואָס זשע, קינד מיינס, זאָג דו מיר,
ב'זאָל נישט בעהעפטען זיך מיט דיר?...

עס ציהט די בערג צום הימעל העלען,
צום ברעג אַנטלויפען שטיל די וועלען,
איין צאַרטעס בלום פול גליק און שטום
נויגט אָן זיך צו דער צווייטער בלום...

עס קושט די נאַכט די וואַסער־וואַלען,
עס קושען ד'ערד די זונען־שטראַהלען. — — —
נאָר וואָס זשע פון דעם קוש האָב איך,
ווען דו, מיין ליעבסטע, קושסט נישט מיך!...

ל. ניידום.

מאַריאַ יאַניטשעק.

בושה.

בלאַנש לויטענשלעגער האָט מען געקענט פערגלייכען מיט דער אינ־וועניגסטער זייט פון אַרויזען־בלעטעלע, — אַזוי ווייס, צאַרט און הימליש־גרינג איז זי געוועזען, גלייך ווי דאָס לעבען האָט איהר נאָר קוים־קוים בעריהרט. די זילבער־אַש־פאַרביגע האָר איהרע זענען ווי אויסגעוועבט געוועזען פון לבנה־שטראַהלען, די מוטער איז איהר יונג אַוועקגעשטאָרבען און דער פאָטער, אַ שטאַטסראַט, האָט זי ממש אויף די הענד געטראָגען.

איינמאָל אויף אַ קור־אָרט, וואו זיי האָבען דעם זומער צוגעבראַכט, האָט זי זיך בעקענט מיט אַ יונגען, רייכען און זעהר שעהנעם בחור, וועלכער האָט זיך אין איהר שטערבליך פערליעבט; זי איז אויך נישט געבליעבען גלייכגילטיג צו זיין ליעבע און אויף וויפיעל איהר יונג־מיידעלשעס געפיהל האָט עס איהר ערלויבט, האָט זי אַרויסגעוויזען איהר סימפּאַטיע צו איהם. אויסגעהענדיג, פאַר גליק, איז ער דאַן אַוועק צו איהר פאָטער און האָט איהם געמאַכט אַ פאָרשלאַג. דער אַלטער האָט שוין לאַנג געוואָרפען אַן אויג אויף דעם סימפּאַטישען יונגען מאַן און אויף זיין הייסער ליעבע צו בלאַנש'ן, און דערום האָט ער גלייך איינגעשטימט אויפ'ן שידוך.

זיי האָבען פערבראַכט אין אַ שווייצערישׁ דערפעל עטליכע טעג פון אונבעוואָלקענטען גליק, האָבען גערעדט וועגען די הכנות צו זייער חתונה, — מיט אַ מאָל האָט פּאַסירט עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט ווי אַ האָגעל צוקלאַפּט אַלע זייערע האָפנונגען.

היינריך פאָן־נידעררייטער איז אין איינינע שעה געוואָרען אַן אָרעמאַן צוליעב אַ מיאוס'ן אָנזעץ פון זיין באַנקיר.

מיט ווייבע ריהרענדע ווערטער האָט איהם בלאַנש פערזיכערט, אַז דאָס קען נישט האָבען די מינדסטע ווירקונג אויף זייער ליעבע; די מאַנסבילען אָבער האָבען געהאַט וועגען דעם אַן אַנדערע מיינונג.

דער שטאַטסראַט האָט געלעבט בלויז פון זיין פּענסיע; היינריך האָט אָבער געחלומט וועגען אַ לעבען, וואָס זאָל נישט פערשעמען די שעהנקייט

פון זײַן היינגעליעבטער. פריהער פון אַלץ אַנ׳אָרענטליכער מאַן, האָט ער זיך גלײַך גענומען זוכען דערווײַל עפּיס אַ שטעלע, וואָס זאָל אָבער פּאַסען פאַר זײַנע זעלטענע פעהיגקײַטען. ס׳פערשטעהט זיך, אַז אַזאַ שטעלע קריגען איז ניט פון די גרינגע זאַכען — און מען האָט געמוזט וואַרטען. שווערער פאַר אַלץ איז פאַר איהם אָבער געווען אויפהערען זיך זעהן אַזוי אָפט מיט זײַן געליעבטער, נאָר דערויף איז דער אַלטער ניט אײַנגעגאַנגען.

— קומט צו אונז אַרײַן אָפטער, — האָט ער געזאָגט, אַרויפלעגענדיג די הענד איהם אויף די אַקסלען: — נישקשה, איהר מעגט אַוועקוואַרפען די נאַרישע צערעמאָניעס; טאָמער דאַרף מען אויף אַ געוויסע צײַט, אָפּלעגען די חתונה, דעריבער מוז שוין מײַן טעכטערל בענקען נאָך אײַך?

זיי האָבען אַלע פערלאָזען זייער זומער-וואָהנונג און האָבען זיך אַריבערגעצויגען אין שטאָדט אַרײַן. אין וועג איז בלאַנש געווען זעהר צולעבט און האָט געמאַכט חוזק איבער די פערזאָרגטע פנימער פון בײדע מאַנסבילען, און פרעג צוליעב וואָס — עפּיס צוליעב נאַריש געלד! און אין דער צײַט, ווען מען איז אַזוי פערליעבט איינער אין דעם אַנדערן, ווי זי מיט היינריכ׳ן. זי האָט געפּלוידערט וועגען דעם, וואָס פאַר אַ פערוואונדערטע מינעס ס׳וועלען מאַכען איהרע בעקאַנטע, אַז זיי וועלען זיך דערוויסען וועגען איהרע תנאים. מיט אַ נאַאיווער שאַרפקײַט האָט זי זיך געווערטעלט איבער איהרע בעקאַנטע קאַוואַלירען, האָט זיי פאָרגעשטעלט אין אַ קאַריקאַטורן-געשטאַלט און איהרע צוהערער האָבען נעדאַרפט טרעפען, וועמען זי מיינט...

— איינעם האָסטו פערגעסען, — האָט אַ שפּאַס געטהון דער שטאַטסראַט, וועלכער האָט זיך אָנגעשטעקט פון דער טאָכטערס צולעבטקײַט, — דעם ריטער פון דער היילינגער שפּאָר.

— ווער איז דאָס אַזוינס? — האָט היינריך אַ פרעג געטהון.

— דאָס איז אַ מענש ניט פון אונזער קרײַז; ער האָט מיך אַ מאָל געלערנט רײַטען. דער פּאַפּאַ רייצט מיך שטענדיג מיט איהם, ווײַל ער איז אַזאַ מין פערזעהעניש, וואָס ס׳איז נישטאָ צו איהם קײַן גלײַכען.

— און איז ביז איבער די אויערן פערליעבט אין מײַן טעכטערל.

— אָהאָ! — האָט היינריך גרויזאַם אויסגעשריען, — איז דאָס ניט אַ מאָל הערר אַלפרעד פון אייבעלס טאַמערזאַל?

— טאַקי דערזעלבער, — האָט בלאַנש געענטפערט, עטוואָס

רויט ווערענדיג. — ער וואהנט מיט אונז אויף איין גאַס און מיר בעגעגענען זיך גאַנץ אָפט!

— אַזאַ געמיין געזיכט, ווי ביי איהם, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעהן, — האָט היינריך בעמערקט.

בלאַנש האָט צוגעשטימט. דער פאָטער האָט זיך אָנגעהויבען איבערצונעמען מיט דער טאָכטערס זעלטענעם רייטען, דערנאָך האָט ער גענומען רעדען וועגען אַנ׳ אַנדער זאַך.

היינריך האָט ענטזאַגט זיין גרויסאַרטיג צימער און האָט געדונגען נישט ווייט פון זיין צוקינפטיגען שווערס צוויי קליינע צימערן. אַלע טאָג פלעגט ער קומען צו די לויטענשלעגערס, פלעגט רעדען וועגען זיינע האָפנונגען, פלעגט זיך ישוב׳ן מיט׳ן אַלטען און פלעגט אָברוהען ביי בלאַנש׳ס פיס. אַמאָל פלעגט זיי שפּיעלען דאָס גליק און זיי פלעגען בלייבען אַליין. דאַן פלעגען די יונגע פערליבטע זיך פעסט צודריקען צו איינאַנדער, און בלאַנשס געזיכט פלעגט ברענגען פון דעם חתנ׳ס קושען. איהר האַרץ האָט זיך זעהר לייכט געעפענט פאַר דער הייסער ליידענשאַפט, ווייל ביז אַהער איז עס געוועזען ריין און אונבעפלעקט.

זי האָט דערקענט אַלע געהיימע תענוגים פון דער ליבע און האָט זיך זיי אינגאַנצען איבערגעגעבען. און אַזוי ווי זי האָט גאָר נישט געוואוסט, איז געווען אומשולדיג ווי אַ קינד און האָט נישט אַרויסגעוויזען היינריכ׳ן קיין שום ווידערשטאַנד, האָט היינריך אַלס אַנ׳עהרליכער מאַן געמוזט שטאַרק אַכטונג געבען אויף זיך, ער זאָל זי נישט פערפיהרען, אויסניצענדיג איהר צוטרוי צו איהם. ער האָט נישט געוואָלט, זי זאָל געהן צו דער חופּה מיט אַראָבגעלאָזטע אויגען און האָט געמיינט, אַז ער וועט זי אומגליקליך מאַכען, ווען ער וועט פאַר דער צייט געניסען פון זיינע רעכט.

איינמאָל האָט זיך אָבער געטראָפען, אַז די זעלבסטהערשונג האָט איהם פערלאָזען און ער האָט זי צוגעדריקט צו זיך הייסער ווי געוועהנליך. דאַמאָלס האָט זי אויף איהם אויפגעהויבען איהרע גרויסע ציטערדיג פערוואונדערטע אויגען, און פון דאַמאָלס אָן האָט זיך דאָס שוין מעהר נישט געטראָפען.

נאָר זיינע קושען, דאָס האַנד־דריקען און די בליקען זענען געוואָרען אַלץ אָפּענער, ליידענשאַפטליכער און וואַהנזיניגער... און זי איז מיט פערמאַכטע אויגען געלעגען אויף זיין ברוסט און האָט זיך צוגעהערט, ווי שטורמיש דאָס האַרץ זיינע וואַרפט זיך. ער האָט זי גערופען ווייסע רויז,

און זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פערבאָרגען פון איהם איהרע שוועראָגעוואָרענע ברעמען און די ציטערדיגע ליפּען. ער האָט נישט געטאָרט וויסען פון איהרע געפיהלען ווײַל דאַן וואָלט ער דאָך געקענט בײַטען זײַן הויכע מײַנונג וועגען איהר.

און אין דער צײַט ווען איהרע ליפּען האָבען זיך אַלץ מעהר און מעהר פונאַנדערגעפּענט אונטער זײַנע קושען און דער קערפּער איז געוואָרען אַלץ בויגיגער און נאָכגיביגער, איז אויפ'ן געזיכט געלעגען אַ מאַסקע פון אַ געטין. זעלטען נאָר, ווען זײַן ליעבע פלעגט ווערען צו אַכזריות'דיג, פלעגען איהרע אויגען פערלאָפען ווערען מיט הײַסע טרעהרען... זי האָט דאָס שוין כמעט מעהר נישט געקענט אויסהאַלטען. אַראָב די מאַסקע! מען טאָר נישט. און אַלץ אָפטער און אָפטער, אין די דאָזיגע פײַנליכע מינוטען, פלעגט זי גלײַך נאָך זײַן אַוועקגעהן, זיך לאָזען אין גאַס אַרויס, די פרישע לופט זאָל אײַנשטילען און בערוהיגען איהר הײס־ברויזענדעם בלוט. גאַנץ אָפט פלעגט זי דאַן בעגעגענען אַ מענשען, מיט אַ זעלטען שעהנער פיגור און אַ העסליכען פנים.

דער הערר אַלפרעד איז געווען אַ געבאָרענער אַנ'אַמעריקאַנער. מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט ער געקריגען אַ שטעלע אין דעם בעסטען טאַטערזאַל פון שטאָדט. עפּיס האָט מען דערצעהלט וועגען זײַן פערגאַנגענהײַט טונקעלע געשיכטעס און וועגען זײַן אויפפיהרונג אין שטאָדט זענען אַרומגעגאַנגען אויך זעהר פיעל נישט גאָר קײַן שעהנע מעשיות — ער איז געוועזען פערמישט נישט אין איין פיקאַנטען סקאַנדאַל. זײַן געמײַנעס באַנאַלעס געזיכט, מיט אַנ'אויסדרוק פון נידעריגער תאוה, האָט עדות געזאָגט, אַז די אַלע מעשיות זענען נישט איבערטריבען. בלאַנש האָט שטענדיג אַרויסגעוויזען צו דעם דאָזיגען מענשען אונגעוועהנליכע גאוה, נאָר איהם האָט דאָס געאַרט ווי די וואַנד. איצטער אָבער, אַליין זיך נישט אויסרעכענענדיג פאַר וואָס, האָט זי איהם אָנגעהויבען ענטפערן אויף זײַן גריסען מיט מעהר אויפמערקזאַמקײַט; און איינמאָל האָט זי איהם זאָגאַר אין די אויגען אַרײַן אַרײַנגעקוקט. פריהער האָט אויף איהר נישט געווירקט די אַטמאָספערע וואָס האָט איהם אַרומגערינגעלט; דער קאַלטער מאַרמאָר פון איהר מײַדעלשער רײַנקײַט האָט נישט געקענט אײַנזאַפּען די גיפטיגע לופט, וואָס האָט געהויכט פון איהם. איצט אָבער, ווען אין איהר האָט ערוואַכט די פרוי האָט זיך גיעריג אויסגעגלײַכט און זיך געצויגען צו תאוה, האָט אויף איהר זעהר געווירקט די מגושמ'דיגע לײַדענשאַפט פון דעם דאָזיגען מענשען. איהר פלעגט ווערען פיזיש נישט גוט אין זײַן

אַנוועזענהייט אָבער אין דער דאָזיגער נישט־גוטקייט איז געווען עטוואָס אַזוינס, וואָס האָט אויפגערעגט און פערש'כור'ט. — — ביי איהר פלעגט דאַן זיין אַ געפיהל, גלייך ווי זי וואָלט זיך געטונקט אין הייס וואַסער.

דער לעהרער פון רייטער־קונסט, וואָס האָט געקענט פרויען פון דער גאַנצער ערד־קוגעל, האָט מיט זיין שאַרפען בליק אַריינגעדרונגען אין דער אויפגערעגטער און צורודערטער נשמה פון דעם יונגען מיידעל און האָט אויף איהר גענומען וואַרפען חוצפה'דיגע אונפערשעמטע בליקען, אַזעלכע בליקען, מיט וועלכע ער פלעגט קוקען אויף די גאַסען־מיידען. און זי פלעגט פאַר עקעל און אויפגעבראַכטקייט צונויפדריקען די צייהן און האָט זיך געוואָרפען אין די אָרעמס פון איהר געליבטען. הייינריך האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר און מעהר געדאַרפט אָנשטרענגען זיין ווילענס־קראַפט, צו ווידערשטעהן געגען דעם הייסען בעגעהר, אָבער אונבעוואוסטזיניג האָט ער זי אַלץ מעהר און מעהר קלאָר געמאַכט אין די סודות פון דער תאוה. זי האָט שוין זעהר אַ סך געוואוסט, איז געווען שטאַרק געניט און האָט דאָך נישט געקענט אויסניצען איהר וויסען. די גליקליכע מינוט, אין וועלכער ער האָט שוין געזאָלט זאַמלען די פרוכט, וואָס ער האָט געזייעט, האָט זיך אַלץ גענעהערט. ענדליך האָט מען איהם צוגעזאָגט אַ גלענצענדע שטעלע.

צוליעב בלאַנש'ן האָט ער זיך געצוואונגען צו טרעפען זיך מיט איהר וואָס זעלטענער, דערפאַר אָבער, אַז זיי פלעגען זיך טרעפען, פלעגט זייער ליידענשאַפט קיין ברעג נישט האָבען, און איהר האָט זיך געדאַכט, אַז אין די דאָזיגע מינוטען בעטראַכט איהר געליבטער מיט פערוואונדערטע בליקען די ווילד־געשפאַנטע תאוה, וואָס שפּראָצט אַרויס פון איהר גאַנצען וועזען. זי פלעגט זיך צוריקהאַלטען און די בושה פלעגט איהר אומקעהרען איהר זעלבסט־בעהערשונג. זי האָט דאָך געמוזט בלייבען אַ ווייסע רויז...

נאָר די פלאַם, וואָס האָט זיך אין איהר אָנגעצונדען, האָט זיך צופלאַקערט מיט אַנ'אונגעהויערער קראַפט. וואָס האָט זי געזאָלט טהון, כדי זיך צו בעפרייען פון דער נאַרישער בושה, וואָס פלעגט זי בעהערשען, ווען זי פלעגט זיין מיט דעם מענשען, וועלכען זי האָט אַזוי געליעבט?

איינמאָל האָט זי בעגעגענט אַלפרעד'ן. גראָד איז דאַן קיינער אויף דער גאַס נישט געווען. ער האָט אויף איהר אַ קוק געגעבען מיט אַ בעליידיגענדע אונפערשעמטע חוצפה, און זי האָט איהם אָבגעענטפערט מיט אַ שפּיי אין פנים אַריין.

— קומט צו מיר צו געהן, — זאָגט ער.

זי ווערט בלאס און מיט'ן שפיץ פון איהר שוך ווארפט זי אב פון זיך א שטיין, וואס ליעגט אויפ'ן וועג.

פאר נאכט בלאנקעט זי זיך לאנג אין דער גאס ארום און געהט ענדליך אריין אין א הויז, וואו זי וואהנט נישט, גנב'עט זיך אויף די טרעפ און עפענט א טהיר אין צימער צו דעם מענשען, וועלכען זי האט אין דער פריה אין פנים אריין געשפיגען.

— איך האס אייך מיט'ן גאנצען הארצען. געמיינער נידריגער מענש.

ער לאכט, נעהמט איהר אין זיינע ארעמס אריין און זויגט זיך איין מיט זיינע דיקע נעגערשע ליפען אין איהר האלב=פונאנדערגעעפענטען מויל... פאר דעם דאזיגען מענשען האט זי זיך נישט וואס צו שעמען...

פאר איהם מעג זי זיין אזא, ווי זי איז...

איבערזעצט ז. רייזען.

געטהע.

אבענד-ליעד.

עס שוויגען די בערגער
אין שטילקייט פון נאכט;
עס שטייגען די טאהלען
אין אומעט פערטראכט.

פון פויגעל קיין רופען,
קיין ווינקען פון וואלד; —
ווארט צו נאר א רגע,
אויך דו רוהסט אב באלד

א. גראדזענסקי.

אָלאַ גאַנסאָן.

(אַ קורצע כאַראַקטעריסטיק).

מיט אַ וואונדערבאַרען אייגען־אַרטיגען קאָלאָריט איז בעפאַרבט סקאָניאַ. און וואונדערבאַרע אייגען־אַרטיגע מענשען בעווייזען זיך אין איהר!

צווישען אַנדערע שוועדישע פּראָווינצען איז סקאָניאַ עטוואָס אָבגעזונדערטעס, עטוואָס גאַנצעס. ווער עס האָט זי איינמאָל בעזוכט, וועט קיינמאָל נישט פערגעסען דעם שטאַרקען איינדרוק, וואָס זי מאַכט. דאָס איז אַ טאָל מיט ווייטע, אונענדליכע האָריזאָנטען און מיט אַ אונגעשטערטער רוהע, וואָס פערהאַפּט טיעף די נשמה. זי גיט צו אַלעם אַרום אַ בעזונדער קלינגענדען ריטם.

אין שוועדען זענען פיעל טאָלען פאַרהאַן, נאָר קיינע פון זיי לאָזט נישט איבער אַזאַ שטאַרקען רושם, ווי סקאָניאַ.

דער טאָל אויפלאַנד איבעראַשט מיט זיין קאַלטער טומקייט; ער איז אָדער בעדעקט מיט אַ געדיכטער שניי־דעקע, אָדער איהם ברענט און פער'שרפ'עט די זון. אין דעם רעש פון די דורכגעהענדע ווינטען הערט זיך דער אָבקלאַנג פון די צייטען פון געצענדיענעריי.

דער טאָל אָסטגאָטאַ איז נאָבעל אין זיין קלאַסישער גרויסקייט מיט זיינע קוים־קוים זיך וויגענדע ברויט־פעלדער.

קוקענדיג אויף איהם, דערמאַהנען זיך אונז די מיטעל־אַלטערשע ערצעהלונגען, בעלויכטענע מיט פּורפּור־ליכט, שרעקליכע לעגענדען וועגען די הריגות פון מלכים און גרויזאַמע בערויבונגען. פון די ערצעהלונגען הויבט זיך אויף עפּיס אַ צונויפגעמישטער רעש און קלאַנג, אַ גערוך פון רויכערנדיגע פאַקעלן, די קרעכצען פון טויטע — און דאָס אַלץ פלעכט זיך צונויף — מיט'ן וואָיען פון ווינד.

גאָר אַ אַנדער איינדרוק מאַכט סקאָניאַ. מיט איהרע געדיכטע וועלדער, מיט איהר פעטען פרוכטבאַרען באָדען, מיט איהרע קלינגענדע, פון דעם אָנגעלאָפענעם ווינטעל, בוימער און מיט איהרע רייכע געיעג־

פּאַרקען, דוכט זי זיך אוים אַלם אַ רייכע קאַטוילישע גוט, וועלכע בליהט שוין אונגעריהרט הונדערטער יאָהרען.

אַ בעזונדער געפיהל בעהערשט די נשמה, ווען דו בלאָנדזיעסט אין אָבענד, אין שפּעטען הערבסט איבער די פייכטע פעלדער, צווישען די איינזאַם צוואָרפענע דערפלעך; די ליניען פון האָריזאָנט פערשווינדען און גיסען זיך צונויף אין נעבעלהאַפטען רויך. נישט ווילענדיג הערסט דו זיך איין, צי עס קלינגען נישט די וואונדערבאַרע טענער פון Angelus, וועלכע רופען צו רוה און מנוחה.

די שטימונג, וועלכע עס רופט אַרוים סקאַניאַ איז אונענדליך אַלט און אונענדליך ניי. זי דערמאָהנט אונז די פּעיזאַזשען פון די בעסטע בעלגי־שע קינסטלער, מיט זייער אויפריכטיגען פּשוט'ן גלויבען אין קאַטאָליציזם און זייער מאָדערנעם מידען קומער.

פיעל פון די היינטיגע סקאָנישע פּאָעטען האָבען פיעל ענהליכקייט מיט די דיכטער פון דער יונגער בעלגיע. זיי פעראייניגען אין זייערע ווערק די פּשוט'ע נאַאיווע פרומקייט מיט דער ברענענדער תאוה און קרענקליכער מעלאַנכאָליע.

און אַ אמת'ר זון פון זיין געבורט'ס־לאַנד איז אָלאַ גאַנסאָן. זיינע עלטערן זענען דאָרפ'ס־לייט, און ער האָט אויף שטענדיג בעהאַלטען זיין טיעפען צובונד צו דער אייגענער ערד. זיין טיעף און עדעל פיהלענ־דע נשמה, קלינגט שטענדיג, ווי אַ צערטליכער מוזיקאַלער אינסטרומענט, אין אוניסאָן (האַרמאָניע) מיט די טענער פון זיין אייגענער סקאָניאַ. אין זיינע ווערק איז פאַרהאַן פיעל אויטאָביאָגראַפיע.

לאָמיר נעמען צום ביישפּיעל, דעם זאַמעלבוך פון זיינע נאָוועלען „די ליעבע־אונרוה". ער האָט זיך אין זיי אינגאַנצען אויסגעדריקט. ער געהערט צו אַ אַלטער דאָרפישער פאַמיליע און אין דערזעלבער צייט איז ער אַ מאָדערנער שרייבער, אַ קינד פון דעם נערוועזען יאָהר־הונדערט. אין זיינע נאָוועלען דריקט ער אוים אין אַ קינסטלערישער פאָרם די טראַגעדיע פון דיעזע צוויי יסודות — פון זיין אייגענער הפכים'דיגער נאַטור.

דיעזער זאַמעלבוך שטעלט איהם אין איין רייהע מיט די בעסטע שוועדישע פסיחאָלאָגען.

אָלאַ גאַנסאָן איז געבוירען אין 1860 יאָהר און האָט בעקומען אקאַ־דעמישע בילדונג. ער האָט פיעל גערייזט איבער סקאַנדינאַוויען, דייטש־לאַנד, פראַנקרייך און שווייץ. אין 1889 האָט ער געהייראַטעט מיט דער

דעניִשער שריפטשטעלערין לאורא מאַז, וועלכע איז בעוואוסט אונטער דעם פסעוודאָניִם מאַרגאָלם.

די אויפמערקזאַמקייט פון לעזער-פובליקום האָט צוגעצויגען צו איהם די אונגעוועהנליכע ׳אָנגעשטרענגטקייט און הויכקייט פון זיין לעבען׳ס-געפיהל.

ער שרייבט אין דריי שפראַכען: אין דייטש, נאָרוועגיש און דעניש.

אָלאַ גאַנסאָן שטעהט פיעל העכער פאַר די איבריגע סקאַנדינאַווישע זינגער (עמיל קלעען, וואַלענגרען, עקעלונד), חאָטש אויך אין זיי זעהען מיר דעמזעלבען טרויער און תאוה. זיי זענען אויך דיזעלבע עדעלע דענקער און זוכער, וועלכע ווערען פערציטערט ווען אויף זיי גיט אַ בלאָז די קאַלטקייט פון דער וועלט.

אָלאַ גאַנסאָן שרייבט ליעדער, נאָוועלען, ראָמאַנען און קריטישע אַרטיקלען.

„די שטילע, מעלאַנכאָלישע שטימונג פון דער נאַטור, וועלכע איז פערוויקעלט אין נעבעל-רויך" — אָט דאָס זענען אָלאַ גאַנסאָן׳ס ליעדער. דאָס זענען נייע פערעדעלטע אָבקלאַנגען פון אַלטע מאָטיווען. זיין סובּיעקטיווען פערשטעהן פון דער נאַטור האָט ער אויסגעדריקט אין צערטליך, בעצייכענטע מיניאַטיורען מיט אונקלאָרע, אונבעשטימטע ליניען.

אין 1881 יאָהר האָט ער אַרויסגעגעבען זיין ערשטעס בוך „די ליעדער", און אין אַ יאָהר אַרום דעם זאַמעלבוך „Notturno". דאָס זענען די אייגען-אַרטיגסטע און סובּיעקטיווסטע ליעדער אין דער נייער שוועדישער ליטעראַטור. דאָס איז ריכטיגער, אַ ריטמישע פראָזאַ מיט אַ אונבעשטימטען מוזיקאַלישען מאָטיוו.

אַמיעל זאָגט, אַז דער אָרט פערקערפּערט דעם נשמה-צושטאַנד פון מענשען. די פּערזאָן פון אָלאַ גאַנסאָן בעשטעטיגט אינגאַנצען דיזע מיינונג. ער מאָלט דעם פינסטערן לעבען פון דער נאַכט, די אונבעוואוסטע בעגעהרען און טרוימען פון געוויכסע, די שטילע חלומות פון רוהיגע וואַסערלעך, דעם גליק און נחת פון פאַנאַנדער-בליהענדע קנאָספּען, — דאָס אַלץ שפּיגעלט זיך אָב איז זיין שאַפען — אין זיינע „ליעדער אין פערזען און אין פראָזאַ".

עס ציילען זיך אויס זיינע זאַמעלביכער: «Sensitiva Amorosa» . «Parias», און „די ליעדער פון יונגען אָפּעג".

בערמאַן באַר (דער בעריהמטער דײַטשער קריטיקער), זאָגט אין איינער פון זײַנע נאָטיצען וועגען זאַמעלבוך „Parias“ פאָלגענדעס:

„איך בין געצוואונגען צו זאָגען וועגען אָלאַ גאַנסאָנ׳ס ווערק נאָר איניגע ווערטער, חאָטש געוואָלט האָב איך אָנשרײַבען וועגען איהם אַ גאַנצען בוך. דאָס איז — איינע פון די נישט פיעלע ביכער, וועלכע מוזען זײַן באַקאַנט דער גאַנצער וועלט“.

„דער אויטאָר פון דיעזען ווערק זאָגט אונז אַזעלכעס, וואָס ביז איהם האָט אונז קיינער נישט געזאָגט און וואָלט גאָר נישט געקענט זאָגען“.

פיעלע זײַטלעך פון זײַן זאַמעלבוך: „די ליעבע פון יונגען אָפּעג״ זענען אויך דורכגעדרונגען מיט אַ אונגעוועהנליכער שעהנהײַט, און אויך דאָס ווערק פערדעכענט זיך צו די בעסטע פון דעם מאָדערנעם שאַפען.

אין דער אַנקעטע וועגען דער צוקונפט פון דער דײַטשער ליטעראַטור זאָגט זיך אָלאַ גאַנסאָן אַרויס, ווי, נאָך זײַנער מיינונג, דאַרף דער דיכטער מאָלען דאָס מענשליכע לעבען.

„דער פּאָעט איז — דאָס אינדיווידואַליזירטע פיהלען; זײַנע צערטליכע אונענדליך־עדעלע נערווען, רעאַגירען (רופען זיך אָב) אויף אַלץ, וואָס עס איז נישט דערגרײַכבאַר פאַר די אויסערע געפיהלען. דער דיכטער דרינגט אַרײַן אין די אונבעוואוסט׳סטע, געהיימע ווינקעלעך פון דער נשמה. דער ווירקליכער פּאָעט דאַרף דאָס אונבעוואוסטע ענטפּלעקען“.

„די שאַפונג׳ס־לאָזע פעריאָדען אין דער ליטעראַטור זענען שטענדיג אַרויסגערופען געוואָרען דורך דער פערגעבונג פון די פיהלענדע נערווען; אַזאַ מין פערגעבונג האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם אָביעקטיווען נאַטוראַליזם“.

אָלאַ גאַנסאָן שטרעבט אונז צו געבען דעם אינערן, סובּיעקטיווען נאַטוראַליזם, די פיזיאָלאָגיע פון אונבעוואוסטען, פון דער נשמה.

איינער פון זײַנע ענטוזיאַסטישע שילער, דער באַוואוסטער פּוילישער שרײַבער ס. פּשיבישעווסקי, זאָגט אין איינעם פון זײַנע אַרטיקלען וועגען גאַנסאָנען: „דאָס ווירקליכע לעבען באַשטעהט פון גאָר אָהן אַ צאָהל באַוואוסטלאָזע פּראָצעסען, וועלכע פערוואַנדלען זיך אין באַוואוסטזיניגע טהאַטען, נאָר דערבײַ קען זיך דער באַוואוסטזיניגער יסוד נישט געגענשטעלען דעם באַוואוסטלאָזען. אין לעבען רײַסען זיך דורך די פינסטערע יסודות, וועלכע מאַכען צו גאָרנישט אַלע מאָראַלע אַנשויאונגען; שטענדיג קומט פאָר אין לעבען אויפרײַסונגען פון אַ וואולקאַנישער קראַפט, עביגע מלחמה פון יעקב׳ן מיט די מלאכים. דער מענש איז נישט דער

הויפּט-צענטער, די בעוועגענדע קראַפט, ער איז נאָר אַ פּילקע אין די גראָבע הענד פון דעם ליידען, פאַר וועלבע מיר וויסען קיין נאָמען נישט".

אָט אויף דיזע יסודות זענען געבויט אֶלאַ גאַנסאָנ'ס נאָוועלען «Sensistiva Amorosa» און „Parias".

מיט זיין מעלאָדישער, פערעדעלטער שפּראַך, וועלבע איז פול מיט קומער, איז דאָס בוך „Sensitiva Amorosa" אַ לירישע פּאָעמע פון אַ זינגער, וועלבער שאַפענדיג הערט זיך צו נאָר צו זיך אַליין און צו זיין אייגענעם אינסטרומענט, וועלבער קלינגט אייגזאַם און אינטים.

דיזע גלענצענדע פּאָעמע געהער צו די אויסגעצייבענטסטע שעפּפונגען פון די אַבציגסטע יאָהרען. אין איהר איז צוגאָסען אַ פולע מיט ליידען- און פרייד-מעלאַנבאָליע; פון איהר טראָגען זיך זיסע ריחות פון ראָזען און מירטען, אין איהר פיהלט זיך דער שרעק פאַר'ן לעבען און די הכנעה פון דיכטער פאַר'ן גרויסען און וואַבזאַמען שיקזאַל...

„... צו וואָס זאָלען מיר שטרעבען אַזוי, אָדער אַנדערש בויען אונזער לעבען, זאָגט גאַנסאָן אין איינער פון זיינע נאָוועלען, ווען מיר זענען דאָך זאָ ווי זאָ אונטערגעוואָרפען דער מאַכט פון אונבעוואוסטע פאַר אונז קרעפטען?

„וועגען דעם סודות'דיגען לעבען פון אונזערע געפיהלען ווייסען מיר נישט מעהר, ווי די אַלע געוויכסע, וואָס וואַכסען אַרום אונז...

„צו וואָס זענען אַלע אונזערע שטרעבונגען און מיה, קוים עס הענגט איבער אונז דער שיקזאַל, ווי אַ שוואַרצע דונער-חמאַרע אין דער פינסטערקייט פון דער נאַכט. לאָמיר בעסער שטיל בלייבען אין לעבען, און מיט גרויסע, דערשראָקענע און טרויעריגע אויגען לאָמיר זיך איינקוקען אין דאָס אַרומיגע, זובענדיג צו וואָס טיעף און וואַרעם זיך צובינדען".

בעסער פון אַלץ גיבען זיך איהם איין שטימונג'ס מאָטיווען; אין די רעאַליסטישע לעבענ'ס-בעשרייבונגען איז ער שוואַך אין בלייך. אַזוי צ. ב. איז זיין ווערק „די פרוי ברויסע", וואו ער בעשרייבט דעם שטודענטען-לעבען, לאַנגווייליג און נישט אינטערעסאַנט.

גאַנסאָנ'ס מעלאַנכאָלישע האַרץ ליידט פון דער געגענוואַרט, וואו עס רוישען די מאַשינען. זיין האַרץ שטרעבט צו דער רוהע פון דער פעאָדאַלער אָרדנונג, וואו עס גלאַנצען העל די פענסטער פון קאַטוילישע קלויסטערס.

קיינער האָט אונז נישט געמאָלט מיט אַזאַ קינסטלערישען פראַכט,

ווי גאַנסאָן, די אונבעוואוסטע פּאָעזיע פון דער נשמה, יענע יום־טוב'דיגע, מאַיעסטעטישע שטימונג, וואָס בעהערשט אונז און צווינגט אונז אָבגעבען זיך די מעלאַנכאָלישע, מוזיקאַלע טרוימען.

קיינער האָט אונז נאָך נישט געזאָגט אַזוי פיעל שעהנעם, וועגען גרויסען יו"ט פון דער נשמה, — וועגען דער מתיקות פון ערוואַרטונג.

אין דער צייט ווען עס האָט געקאָכט די מלחמה פאַר'ן וועלט־פּראָגרעס, האָט ער אונז אויסגעלערנט בויען איינזאַמע טעמפּלען, וואו מיר געפינען אָברוה אין די שווערע מינוטען פון לעבען.

איבערזעצט וו—ק.

לערמאָנטאָוו.

* *
*

(פריי איבערזעצט).

וואָלקענדלעך הימעלשע, עביגע וואַנדערער!
ציהען זיך ווייט אין דעם סטעפּ אין דעם הימעלשען;
וואָגעלט איהר אויבעט, ווי איך, איהר פערטריבענע,
פון צפון געפּראָר'נעם אין דרום דעם היציגען?

זאָגט זשע, איהר וואָלקענדלעך, ווער טהוט דען טרייבען אייך?
איז דען דער מזל אויף אייך אַזוי צאָרנדיג?
אפשר אַ קנאה פון פיינד אַ בעהאַלטענעם?
אָדער פערפאָלגען אייך זינד פיעל פערבאָרגענע!...

ס'איז אייך דערעסען דאָס רוהען דאָס עביגע;
פרעמד איז דאָס ליידען אייך, פרעמד איז דאָס מוטשען אייך;
עביג זענט פריי איהר און אייביג נאָר שווייגיגע,
כ'האָב נישט קיין היימאַט — איהר האָט אויך קיין גלות־לייד:..

א. גראַדזענסקי.

אַלאַ גאַנסאָן.

די דמיונות פון יונגען אפּעג.

II.

איך בין אַלט געוועזן צוואַנציג יאָהר, איך האָב זיך געלאָזט וואַנדערן איבער דער ווייסער וועלט גליק זוכען. לאַנג בין איך געגאַנגען; אין דער ווייט און אין דער נאָהנט האָב איך איהם געזוכט, אָבער איך האָב איהם אין ערגיץ נישט געפונען. די וועלט האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר מיר ווי אַ טוידטע מאַסע, און דער לעבען האָט מיר אויסגעוויזען פאַרבלאָז, די מענשען—פרעמד. מיין נשמה האָט זיך מיט קיינעם נישט געקענט מתקרב זיין (בעהעפטען), אָבער אין זיך אַליין האָב איך אויך קיין בעפרידיגונג נישט געפונען. דאַמאָלס האָב איך אָנגעהויבען פרעגען עצות ביי ביכער.

— קריעג ליעב דער פרוי, — האָבען זיי געזאָגט, — נאָר די ליעבע אַליין, וועט ענטדעקען פאַר דיר דעם פערבעהאַלטענעם זין פון לעבען, דעם גאַנצען פּראַכט פון זיין. קריעג ליעב דער פרוי, און די לופט וועט מיט טענער פול ווערען, אין דיין נשמה וועט די זון אויפשיינען, און דער גליק אַליין וועט דיר אַריינפליהען אין מויל, ווי געבראָטענע טייבעלעך פון מערבען-לאַנד.

און איך בין אַוועקגעגאַנגען זוכען דער פרוי. איינמאָל האָב איך איהר דערזעהן ביים וואַלד-קוואַל. אין משך פון גאַנצע פינף יאָהר, האָב איך יעדער פריהמאָרגען און אָבענד איהר קרוגען מיט וואַסער געטראָגען, און זי איז מיינע געוואָרען.

דריי טעג און דריי נעכט איז זי מיינע געוועזן, נאָר פּלוצלונג האָב איך ביי איהר אין די אויגען אַזאַנאַזע דערזעהן, און אַ ווערמעל אין די ווינקעלעך פון איהר מויל; דאַן האָב איך זי געוואָרפען.

ווידער האָב איך זיך צו די ביכער נאָך אַעצה געווענדט.

— דער מענש וועט קיינמאָל קיין גליק נישט געפינען כל זמן

ער וועט נישט האָבען קיין רוהיגען פאַמיליען־ווינקעל, קיין ווייב און קינדער.

דאַן האָב איך אײַנגעשמידט מײַנע פיס אין קייטען און האָב זיך אײַנגעשפּאַנט אין דעם שווערען יאָך פון געזעלשאַפטליכקייט, נאָר ווען איך האָב דערפיהלט, אַז דאָס אײַזען עסט זיך אײַן אין דער נשמה אַליין, ווען מען האָט אָנגעהויבען פאָדערן איך זאָל שוין צודרעשען די קערנער, וועלכער איך האָב פאַר דער צוקונפט געזייעט, צו דרעשען זיי אויף אַ קאַשע פאַר דער געזעלשאַפטליכער בעלי־בתּישקייט, דאַן בין איך אויפגעשפּרונגען, חרוב געמאַכט מײַן הויז און אַרויסגעלאָפען אויפ׳ן גאַס,

און דאַן האָבען אַנדערע אָנגעהויבען טײַטלען אויף מיר מיט די פינגער, און די צווייטע האָבען מיר שיער נישט דערטרונקען אין ימים פון שטעכיגע רייד; קינדער האָבען מיר נאָכגעוואָרפען מיט שטיינער, און עלטערע האָבען פוילע פרוכטען געשליידערט אין מיר; ביי מײַנע פענסטער האָט מען זיך מענגעס־ווייז געקליבען און מיט פעראַכטונג געלאַכט פון מיר.

דאַן האָב איך פערלאָזען די שטאָדט און ווידער געלאָזט זיך וואַנדערן איבער דער ווייסער וועלט.

איך בין פערקראָכען אויף אַ הויכען באַרג. דאָרטען אין דער טיעפעניש, ביי מיר אונטער די פיס זענען געלעגען צונויפגעפּרעסט די מענשען מיט זייערע טויזענדער שטעדט; איך האָב געקוקט אויף זיי פון מײַן אונגעהויערער (געפליגעלטער) הויך און זיי האָבען אין מײַנע אויגען אויסגעזעהן ווי פּיצינקע מוראַשקעס נאָר גלײַך פאַר מיר איז אַ פעלזען־שטיין אין אַ תּהום געפאַלען, דער דעק פון וועלכען האָט מען גאָרנישט געקענט זעהן.

און פּלוצלונג האָט זיך אין דער לופט אַ געריוש דערהערט, גלײַך ווי עס וואָלטען זיך פיעלע שטימען צוברומט, נאָר דאָס איז געוועזען נאָר איין שטימע פון אַ גיגאַנט, וועלכער האָט זיך געטראָגען אויף די פליגלען פון שטורם.

— דו האָסט פערלאָזען די וועלט, און האָסט אָבגעשטויסען פון זיך דאָס, וואָס מענשען רופען אַן גליק, אָבער יענער גליק — איז נישט מעהר ווי אַ נישטיגע פאַנטאַזיע פון נישטיגע מענשען, אַ פּוסטער קינדער־שפּיעל! פאַר דעם אמת׳ן (ריכטיגען) גליק אָבער וועסט דו פערציטערט ווערען, ווי פאַר אַ שרעקליכען אָבגרונד. — ער איז מורא׳דיג און מאַיעסטעטיש, ווי אַלעם גרויסעם. אויב דו וועסט נישט וואַגען אַ שפּרונג טהון צו איהם, טאָ קעהר זיך אום צוריק און בעגנוגען זיך מיט דײַן קלײנעם ערדישען גליק.

אויב דו ווילסט אָבער גרויסעס דערגרייכען, — וואַרף זיך מיט'ן קאָפּ אַראָב אין אָבגרונד (אין תהום). נאָר געדענק — פון דיר איז דיין מזל פערבאָרגען. אויסער די, וועלכע האָבען מיט זייערע אייגענע אויגען געזעהן, ווייס קיינער נישט, וואָס בעהאַלט אין זיך אָט דער פינסטערער תהום, און פאַר די, וועלכע זענען שוין דאָרט אין דער טיפעניש איז קיין צוריק-וועג נישטאָ.

וואַגען, — זיך בעשליסען, — מיט פערמאַכטע אויגען, — מיט פערקלעמטע ציינער! — — — — — — — — — — —

אין אַ נייער וועלט געה איך אַרום, אַ צוטרעט אַהין האָבען נאָר די, וועלכע האָבען פערלאָזען די מענשליכע געצעלטען. דאָרטען פיהרט נישט קיין איין וועג צוריק.

מיינע געדאַנקען פליהען דורך אין מיין קאָפּ ווי פויגעל; די צערטליכסטע ציטערנישען פון מיין נשמה בעפאַרבען זיי אין די עדעלע קאָלירען פון דעם שמעטערלינגס פליגלען...

מיינע חלומות און טרוימען וואַכסען אויף ווי גרינע בלעטלעך, ווי רייכפאַרביגע בלומען אויף'ן ברעג פון טייכעל אין וועלכען זיי שפּיגלען זיך אָב.

ברונען'ס און ימים שפּיגלען אָב מיין נשמה.

דעם בלאָהען הימעל שפּרייטען אויס איבער מיין קאָפּ מיינע לופט-טרוימען.

טשײַלד האַראָלד פון לאָרד בײַראָן, איבערזעצט י. בלײַכער.
(פאָרטזעצונג פון צװאַנציגסטען העפט).

LXXXII.

װי אָפט האָט האַראָלד שוין געליעבט — פיעלײַכט
געטרוימט נאָר בלויז — צום טרוים איז ליעבע גלײַך;
דאָך יעצט האָט זײַן קאַפּריז פון איהר געװײַכט:
געטרונקען האָט ער נישט פון לעטהאָס טײַך
און גוט געדענקט — די ליעבע איז בלויז רײַך
מיט איהרע פליעגלען נאָר, און איבעראַל,
װי הערליך ס׳זאָל נישט זײַן אין איהר צויבער־רײַך,
שלאָגט דאָרט מיט גיפט איהר קלאָהרער פריידענס־קװאַל,
דער זיסטער בלומען־זאַפט איז אויסגעמישט מיט גאַל.

LXXXIII.

פיר שעהנהײַט בלינד איז האַראָלד נישט געװען
דאָך װי אַ חכם קאַלט זײַן האָט ער געקענט,
אָבגלײַך נישט װײַל פילאָזאָפיע האָט װען
איהר קלאָהרען בליק צו איהם געװענדט,
נאָר לײַדענשאַפט פערצעהרט זיך און פערשװענדט
אין אונצוכט, װאָס אַ גרוב גראָבט זיך אַלײן,
האָט פון זײַן האָפען לאַנג געמאַכט אַנ׳ענד;
איהר קרבן איז ער — לעבענס־האַס מוז שוין
װי קין׳ס קללה־אות, אויף איהם געצײַכענט שטעהן.

LXXXIV.

דאָך אָפטמאָל גאָר אָהן מיזאַנטראָפ׳שען האַס
האָט ער דאָס לעבען פון דער װײַט בעטראַכט;
גערן װאָלט ער טהײַלען צונד זײַן שפיעל און שפּאַס
דאָך װער קען קעמפען געגען שיקזאַלס־מאַכט.
קײַן מיטעל האָט דעם קומער אָבגעשװאַכט.
זײַן דעמאָן האָט ער אײנמאָל בלויז בעזיעגט.

אין ליבסטענס צימער האָט ער דאָן פערבראַכט,
אין אונבעצוואונגענע ליעד עס אויסגעדריקט
צו שעהנהײַט גלײַך צו דיר, וואָס האָט איהם לאַנג בעגליקט.

צו איגעס!

1.

אָ, לאַך נישט פון מײַן טריבען בליק,
עס איז מיר מיטלאַכען צו שווער;
דאָך גאָט בעוואָהרען דײַן געשיק
פון טרעהרען — פון אומזיסטען טרעהר.

2.

און ווערסטו פרעגען וועלכע וואונד
נאָגט אין מײַן הארץ, מײַן יוגענד צערט?
און ווערסטו פאָרשען נאָכ'ן גרונד
פון וועה וואָס מיר איז צונר בעשערט!

3.

עס איז נישט ליעבע, האַס אויך ניט
און נישט ענטמוטישטער רוהם־בעגעהר,
וואָס מאַכט מיך גראַם און לעבענס־מיעד
און טרײַבט פון דיר וואָס איך פערעהר.

4.

עס איז פון אַלץ דער איבערדרוס,
וואָס איבעראַל אַנטקעגען הויכט;
פון שעהנהײַט האָב איך קײַן גענוס
ס'דערקוויקט מיך קנאַפּ דײַן בליק וואָס לויכט. —

5.

עס איז די פּײַן וואָס שטענדיג פלאָגט
דעם פאַבעלהאַפטען עביגען יוד, —
איהם איז אויף לאַנג דער טויט פערזאָגט,
דאָך פריהער רוהען טאָר ער נישט.

6.

װער קען אַנטלױפען װען פון זיך?
װאוהין איך האָב געריכט מײַן גאַנג
האָט נאָכגעשפּירט אַ דעמאָן מיך
װאָס אַלץ פערמיאוסט — „דער געדאַנק".

7.

דאָך מאַנכען זעה איך װי ער גאַרט
נאָך יענעם גליק װאָס איך פערשטױס;
אָ זאָל ער, זאָל ער, זײַן פערנאַרט —
ניט מערקען — ס'איז אַ חלום בלױז.

8.

כ'מוז לאַנג נאָך װאַנדערן, עס טרײַבט
מיך אױף דאָס אַלטע װידערזעהן;
און בלױז אײן טרײסט-געפיהל פערבלײַבט:
װי ס'װעט זײַן, ערגער איז געװען.

9.

װאָס איז דאָס ערגערע? — נישט פרעג
זאָל זײַן פערבאָרגען דיר דער זינן
אָ, לאַך נאָך לאַך! נאָר נישט ענטפּלעק
אַ האַרץ צו זעהן אַ גיהנם דרין.

LXXXV.

אַדיע, שעהן קאַדיקס! און אױף לאַנג פיעלײַכט.
װער קען פערגעסען דײַנע זיכערע װענד?
ביזט טרײַ געװען װען אַלעס האָט געװײַכט,
און אונבעזיגט געבליבען ביז צו ענד 1).

---

1) קאַדיקס האָט אױסגעהאַלטען די בעלאַגערונג פון פראַנצױזען צװײ אַ האַלב יאָהר.

און אויב אין קאַמפּף, וואָס דאָ האָט אויפגעבּרענט
איז בּלוט געׄרונען אין אַ בּרודערשטרײַט
האָט בּלויז פערראַטהער בּלוט 1) דאָס זײַן געקענט:
דאָ איז אַלץ נאָבּעל, חוץ די נאָבּעל לײַט
און קײנער, חוץ נאָר זײ, דולט אונטערטעניגקײט.

LXXXVI.

ווי איז דעם שפּאַניערס שיקזאַל רעטוועלהאַפט!
פאַר פרײַהײַט קעמפּפט און קײנמאָל איז ער פרײַ;
אָהן הערשערס אין אַ קעניגרײַך אָהן האַפט
גיט אָבּ זײַן בּלוט ווען ס'איז גאָר נישט כּדאי,
דעם פיהרער אַ פערראַטהער בּלײַבּט ער טרײַ,
און ליעבּט דאָס לאַנד וואָס גיט איהם לופט נאָר בּלויז;
צו פרײַהײַט פיהרט זײַן שטאָלץ, און אויף דאָס נײַ
דרענגט זיך אין שלאַכט, ער פאָדערט קריעג דורכאויס:
„קריעג, קריעג אויף מעסערס חאָטש!", שרײַט נאָך אַמאָל צונג אויס.

LXXXVII.

ווער ס'וויל פון פאָלק און לאַנד ערפאַהרען מעהר,
זאָל לעזען וואָס זײַן קריעגס־געשיכטע מעלדט;
וואָס ראַכּע קען נאָר אויפטהון מיט געוועהר,
מיט אַלעם דעם האָט ער זײַן פײַנד געקוועלט;
אַ מאָל אין אָפענעם קאַמפּף, אַמאָל פערשטעלט,
דיענט איהם גלײַך גוט אַ מעסער און אַ שווערד:
דורך זײ שיטצט מען אַ פרוי אין זײער וועלט,
דורך זײ האָט מאַנכער הערשען אויפגעהערט,
דורך זײ ווערד אויך דער פײַנד בּעצאָהלט, אָפט נאָך זײַן ווערטה.

1) פראַנץ סאָלאַנאָ אַ פּראָווינצען־פרעזידענט איז פון פאָלק אומגעבּראַכט געוואָרען (אין 1808).

LXXXVIII.

פליסט דאָ קײן מיטלײד־טרעהר נאָך קײנעמ'ס טויט? —
אין פעלד, וואָס דאמפּפט פון בלוט, בלײַבט שטעהן,
זעהט אָן די הענד פון פרויען־מאָרד נאָך רויט,
זעהט אָן די הינד, וואָס נאָגען בײַם געבײַן;
בעמערקט — אַ רויב־פויגעל פערלאָזט איהם שוין!
פון טרופּ פליהט ער מיט עקעל יעצט אַוועק;
ס'ווּעט בלײַבען דאָ. די יאָהרען וועלען געהן
אַ מאָל וועט אָנזעהן מיט געהײמען שרעק
אַ ווײַטער נײַער דור דעם בילד פון אונזערע טעג.

LXXXIX.

די וויסטע ווערק איז נאָך נישט אָבגעטאָהן:
נאָך לעגיאָנען קומען צו אין לאַנד.
ס'ברענט אַלץ מעהר אויף — די אַרבײַט פאַנגט ערשט אָן,
דאָס ענד פאָראויסזעהן איז מען נישט אימשטאַנד.
געפאַלענע פעלקער וואַרטען צונד געשפּאַנט:
ווערד שפּאַניען פרײַ — בעפרײַט זי זײַ געשווינד.
אָ, נעמעזירא! דורך קאָלומביאַס האַנד
ווערד יעצט צוריקגעצאָהלט פאַר קוויטאָס זינד,
דען מאָרד הערשט איבעראַל, און בלוט אָהן אויפהער־רינט.

XC.

נישט טאַלאַווערא'ס בלוט־בענעצטעס פעלד,
און נישט באַראָסאָס[1] העלדישער געפעכט,
נישט אַלבוערא וואו ס'ליעגט נישט אײן העלד
האָט שפּאַניען אומגעקעהרט איהר אַלטעס רעכט.

---

1) בײַ באַראָסאַ האָבען געזיעגט די ענגלענדער.

װען װעט אַ אײלצװײַג זײַן אין קראַנץ פערפלעכט?
װען װעט דאָס לאַנד זיך אָברוהען אין פריעד?
ס'פערגעהען טריבע טעג און טריבע נעכט
און שפּאַניענס ערד פערלאָזט דער פראַנק אַלץ נישט:
דער װעלטענער פרײַהײַטס=בוים האָט דאָ נאָך נישט געבליהט.

XCI.

און דו מײַן פרײַנד! אַ טיעפער שמערץ און לײַד
דרענגט מיט געװאַלד פון האַרץ אין ליעד אַרײַן;
װען ס'װאָלט דיך דורך אַ שװערד געריבט דער טויט,
אום שטאָלץ װאָלט איך פערשװיעגען דאַן מײַן פּײַן.
נאָר אַך! צו ענדיגען אַזױ אָהן שײַן;
פערגעסען גאַנץ און נאָר פון מיר בעװײנט,
פערװאַלגערט אונטער קריעג=אָפּפערס צו זײַן,
בעת ס'איז דער מינדעסטער מיט רוהם געקרוינט
פאַר װעלכער זינד ביזטו פון שיקזאַל האַרט בעלוינט?

XCII.

מײַן ערשטער פרײַנד 1), פאַר'ן בעסטען אויך געשעצט!
ביזט טהײַער דעם װאָס װײס קײַן טהײַערס מעהר,
כאָטש כ'האָב פערלאָרען דיך אויף עביג יעצט,
דאָך אין מײַן טרוים דיך זעהן נישט פערװעהר.
און אין דער פריה װעט אַ געהײמע טרעהר
בײַם אויפװאַכען דערמאָהנען מיר מײַן לײַד;
כ'װעל אומטראָגען אין האַרצען דעם בעגעהר
צו רוהען נעבען דיר, פון קײַן זאַך נישט געשײַד,
װען איך װעל גלײַך צו דיר געהערען אויך דעם טויד.

1) יאָהאַן װינגפיעלד איז געשטאָרבען דעם 14 מאַי 1811 נעבען קאָימבראַ פון פיעבער.

XCIII.

דאָ איז אַ גבול פֿון האַראָלדס װאַנדערװעג;
דאָך דער װער ס'גלוסט פֿון איהם ערפֿאַהרען מעהר,
װעט הערען אין די קומענדיגע טעג,
אויב ס'װעט דעם דיכטער עס נישט זײַן צו שװער.
דאָס אויך צופֿיעל שוין, קריטיקער? מײַן הערר
געדולד! כ'װעל מאָלען אײך װאָס ער װעט זעהן
װאו ער מוז רײַזען געגען זײַן בעגעהר:
אין לאַנד, װאו קונסט פֿלעגט בליהען דענסטמאָל
פֿערהיט פֿון באַרבאַרען איז גריעכענלאַנד געװען.

(פארטזעצונג פון צוואנציגסטען העפט).

הערליך, דאס וואלט פאר מיר א פארוואורף געוועזען! — האט זיך יאנוס אבגערופען.

אננא האט זיך ארומגעקוקט ווי צוטומעלט און האט אויסגעזעהן אזוי דערשראקען, אזוי אז פרוי פון שאטען האט די ארעמס איהרע אויף דעם טיש אנגעלעהנט און זיך האלב אויפגעהויבען. זי האט אננא'ן דרייסט אנגעקוקט און געזאגט: וואס איז אייך, קינד? איהר זעהט דאך אויס, ווי איהר וואלט מורא געהאט מען זאל אייך לעבעדיגערהייט ניט אויפעסען. דא ביי אונז האט איהר גארניט וואס מורא צו האבען! מיר אלע בעטראכטען אייך אלס מוטערבילד, אלס באהנברעכערין! עס ריהרט זיך שוין צווישען אונז, עס געהט א ליכטיגער שטראהל אויף! — קונץ לעבט מיט דער סענסיטיווען אין פרייער ליעבע. זי טראגט פון איהם א קינד אונטער דעם הארצען און דערצעהלט עס אלעמען מיט שטאלץ. די נייע גריכען ווייסען נאר די פרייהייט און די שעהנהייט. און ווער עס לעבט אונטער די פלאטערדיגע פאן פון די דאזיגע פרינציפען דער שטעהט א סך א סך העכער פאר דעם אלטעגליכען מענשען.

— בראווא! בראווא, שאטען! יא, פרײלײן מוטער, איהר האט אייער זוהן בעדארפט א נאמען צו געבען בענווענוטא, דאס הייסט דעם וואוילגעקומענעם! — — דערביי האט דער וויענער ציניש געלאכט: דאס הייסט מיר לאבען! איך בין פאר די הערציגע שנעקעס די מערדער! אבער דאס איינציגע, וואס מיר געפעלט ניט אין דער ליעבע דאס איז די קינדער. די גריכען האבען געהאט אמאר, באקכוס, הימען, ווענוס; אבער פון א מאדאנע מיט א קינד האב איך נאך ניט געהערט!

א קאמפף איז אויסגעבראכען. אננא האט זיך געפונען אין א העכסט פיינליכער לאגע. מיט ציטערדיגע הענד האט זי איהר טאס קאפע צום מויל צוגעטראגען. אין דער צייט וואס די אנדערע האבען וועגען איהר געשטריטען און געמאכט ציניש אדער ראמאנטישע בעמערקען האט זי זיך אויפ'ן העכסטען גראד אנגעשטרענגט זי זאל ניט אויסברעכען אין א יאמערליך געוויין. דאס רעדען אזוי בפרהסיא פון איהר זינד האט איהר גאר דאס בלוט אין געזיכט ארייגעשפארט און געקוועלט האט זי צו דער טהיר געקוקט. אה, ווי ווערט מען שוין אמאל לויז פון דעם דאזיגען גיהנם. פלוצלונג האט זי צוזאמענגעשווידערט. — קראפט האט זיך צו איהר צוגעבויגען און געפרעגט:

— איהר זייט דא אויך צום ערשטען מאל, גנעדיגעס פרײלײן?

— יאָ ! — האָט זי מיט די לעצטע כחות אַרויסגערעדט.

— איך האָב אַ שאַרפעס און אַ גוט געשולטעס פיזאָגנאָמיע־געדעכט־נים, — האָט ער ווייטער געזאָגט. — איך ווייס זיכער, אַז איך האָב אייך שוין ערגיץ וואו געזעהן ! דערביי האָט ער מאָדנע געשמייכעלט האַלב חוזק־מאַכענדיג האַלב גוטמוטיג.

— מיך געזעהן ? דאָס קאָן זעהר מעגליך זיין, איך בין אַ לאַנגע צייט געוועזען עמפפאַנגס־דאַמע און געשעפטס־פיהרערין אין דער רעטוש אָבטיילונג ביי X. — האָט אַ נ נ אַ שטיל געענטפערט.

ער האָט אויף איהר געקוקט ערשטוינט און ווי ער וואָלט זיך עפּיס דערמאָהנט געזאָגט : אָה, אַזוי ? הייסט עס זייט איהר אויך געוועזען ביי דער פירמע ב ו י ? אַרבייט איהר נאָך דאָרט ?

— ניין הערר קראַפּט !

— אָך זאָ־זאָ ! נון פון דאָרטען הייסט עס קאָן איך אייך נישט ; אָבער איך ווייס בעשטימט, אַז איך האָב אייך אין ציגאַרעטץ געזעהן. איך האָב דאָרטען מעהרערע יאָהרען פערבראַכט.

ביי אַ נ נ אַ ' ן אויפ'ן געזיכט האָבען זיך אַלערליי קאָלירען געביטען, אָט איז זי בלוט-רויט געוואָרען און אָט איז זי בלאַס ווי קרייד בלאַס געוואָרען. זי האָט זיך מיט אַלע כחות אָנגעשטרענגט צו האַלטען אויף די פיס און נישט צו פאַלען אין חלשות און האָט מיט גרויס מאַטערניש עפּיס אַנ'ענטפער אַרויסגעשטאַמעלט. יעצט האָט זי זיך ערשט דערמאָהנט, אַז זי האָט איהם אָפט געטראָפען געהענדיג ביים שטראַנד. זי פלעגט שטענדיג געהן צוזאַמען מיט ק אָ נ ט ה אַ ג ע ן. נאָר בלויז איין מאָל איז זי אין ציגאַרעטץ געוועזען, אין יענעם גליקליך — אונגליקליכען זומער. דערשראָקען האָט זי אויף איהם געקוקט ; אָבער ער האָט איהר אָנגעקוקט מיט אַזאַ רחמנות'־דיגען און מיטפיהל'ענדיגען בליק, אַז טרעהרען פון דאַנקבאַרקייט האָבען זיך איהר אין די אויגען געשטעלט. אַ נ נ אַ האָט געפיהלט, אַז ער ווייסט וועגען דער פאָטער פון איהר קינד איז. דאָס האַרץ האָט איהר אָנגעהויבען קלאַפּען ווי מיט האַמערס. צום גליק זענען אַריינגעקומען נייע מיטגליעדער פון פעראיין און זיך ביי אַ נ נ אַ 'ס טיש געזעצט. איינער האָט זאָגאַר אָבגערופען דעם הערר ק ר אַ פּ ט אָן אַ זייט. ער האָט זיך אויפגעהויבען און איהר פריינדליך צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ — נון האָט זי געהערט און געלעבט ווי אין אַ שווערען חלום. זי האָט געהערט ווי מען פרעגט איהר און ווי זי ענטפערט. קעגען איהר ווילען איז זי געוואָרען דער מיטעלפונקט אַרום וועלכער דער גאַנצער עולם האָט זיך געדרעהט. — אָה, ווי האָט דאָס

איהר געפּײַניגט. — מיט די אויגען האָט זי דעם סטודענט ר ו י ך געזוכט, ווי זי וואָלט בײַ איהם וועלען שוץ געפינען. זי האָט איהם אָבער נישט געקאָנט געפינען. זי האָט אויסגעקוקט אויף דוואָראַל ער זאָל איהר שוין פון דעם העלישען גיהנם אַרויספיהרען, איז ער אָבער אין אַ דערבײַאיגען צימער געוועזען. אַנגסטען שווײס האָבען זיך אויף איהר פּנים געגאָסען; וואָלט זי חאָטש דערזעהן דאָס געזיכט פון׳ם פאָטאָגראַפען, וואָלט איהר אויך אַ ביסעל לײַכטער געוואָרען צום מוטה, איז ער אויך ווי פערזונקען געוואָרען. זי איז זיך פאַרגעקומען ווי אין אַ ווילדען מדבר צווישען בלוטדאָרשטיגע חיות וואָס ווילען איהר אויפפרעסען. אין די אויערן האָבען איהר געגרילצט שלאַג-ווערטער, אוטאָפּישע אידעען. זי האָט געמוזט אויסהערען ווי מען זינגט שבחים אַזעלכע טהעאָריעס און האַנדלונגען וואָס זענען איהר צום העכסטען גראַד עקליג און אָבשטויסענד געוועזען. — ענדליך איז דוו אַ ר אָ ל אַרײַנגעקומען און אַ נ נ אַ האָט פרײַ אָבגעאָטהעמט.

— ז אַ נ ד ע ר ס, קינד, קומט דאָך מיט! — האָט דער שריפטשטעלער געזאָגט, — איך וואָלט אײַך וועלען עמיצען פאָרשטעלען! זײַן געזיכט האָט דערבײַ געשטראַהלט פאַר עפּיס אַ שמחה וואָס אַננאַ האָט דערפון נישט געוואוסט. ער האָט איהר פאַר׳ן האַנד אָנגענומען און אין אַ׳אַנדערן זאַל אַרײַנגעפיהרט.

אין אַ ווינקעל פון׳ם דאָזיגען זאַל האָבען זיך פערזאַמעלט די רײַכסטע עלעמענטען פון די נײַע גריבען. דאַמען אין עלעגאַנטע טואַלעטען מיט בליצענדיגע אוירינגלעך און בראַשען, מיט לאַנגע לאָרנעטען זענען געשטאַנען נעבען דרײַ הערדען, וועלכע האָבען געקאָנט גילטען אלס די אמת׳ע טיפּען פון דער צוקונפטיגער געזעלשאַפט, לויט די מעטאָדע פון די נײַע גריבען. אַז אַ נ נ אַ איז אַרײַנגעקומען איז מיט אַ מאָל שטיל געוואָרען. אַלע האָבען זייערע בליקען צו איהר געווענדט, דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבען אײַנצורוימען סודות אין די אויערן. זי האָט געוואוסט, אַז דאָס רעדט מען פון איהר, אַז מען טאַקסירט איהר אָב און אַז מען האָט זיך איהר אַ סך בעסער פאָרגעשטעלט ווי זי איז אין דער ווירקליכקײַט. אַ נ נ אַ האָט לײַכט אָבגעזיפצט. מען האָט זיך גערייכט צו זעהן עפּיס אַ מין אויסטערלישע פרוי און דאָ נאַ דיר גאָר אַ פּראָסט ווײַבעל אין וועלכער עס איז קײַן שום אויסערגעוועהנליכעס נישטאָ. עפּיס אײנער אַ שטאַרקער הערר האָט פערלאָזען זײַנע חברים און איז צו אַ נ נ אַ׳ן צוגעגאַנגען. דוו אַ ר אָ ל איז איהם אַנטקעגען געלאָפען און געזאָגט: „הערר דירעקטאָר ב ל ו ם, אָט דאָס איז די דאַמע, וועלכע איך האַלט פאַר פאַסענד

צו אייער אונטערנעהמונג. ליעבע ז אַ נ ד ע ר ס, — האָט ער זיך צו אַ נ נ אַ'ן געווענדעט, הערר דירעקטאָר בלום האָט אַ פרייע שטעלע אין זיין גרויסער קונסט-אויסשטעלונג און האָט נישט דאַגעגען איך די דאָזיגע שטעלע אָנצוטרויען! —

דער דיקער הערר האָט אַ נ נ אַ'ן די האַנד געדריקט, איהר מיט אַ בליק פון אַ געניטען סוחר אָנגעקוקט, האָט צופריעדען מיט'ן קאָפּ צוגע-שאָקעלט און גוטמיטיג געזאָגט:

— איך וועל זיך זעהר פרעהען אייך ביי מיר אין געשעפט צו האָבען פריילייו ז אַ נ ד ע ר ס. איך ברויך פערשטעהט איהר מיך, אַ דאַמע — אַ קראַפט, וואָס זאָל זיין דורך און דורך דאַמע פון קאָפּ ביז פוס און דאָס זייט איהר! איהר זייט פאַר מיר ווי געוואונשען. אייער שיקזאַל, אייער פּריוואַטע פערהעלטניסע וועלען ביי מיר קיין ראָליע נישט שפּיעלען. ווילט איהר אפשר אַזוי גוט זיין מיט מיר און מיט העררן ד וו וו אַ ר אָ ל אונטען אין רעסטאָראַן אָבענד-ברויט צו עסען? דאָרטען וועלען מיר קענען זיצען אונגעשטערט און איך וועל אייך קענען גענוי ערקלערן, וואָס איהר וועט ביי מיר האָבען צו טהון. וועגען דאָס געהאַלט, וואָס איהר וועט לאַנגזאַם אַלץ אַ גרעסערס בעקומען וועלען מיר שוין מן הסתם דורכקומען!

— מיר האָבען שוין געגעסען אַבענד-ברויט, הערר דירעקטאָר, — האָט אַ נ נ אַ געענטפערט. — אויב איהר ערלויבט אונז וועלען מיר זיך ביי אייער טיש זעצען!—

— נאַטירליך, מיר וועלען טרינקען אַ גלאָז ביער און וועלען בעגיסען דאָס נייע פערהעלטניס! — האָט זיך ד וו וו אַ ר אָ ל אַריינגעמישט, מורא האָבענדיג די זאַך זאָל נישט אָבגעלעגט ווערען.

צעהן מינוטען שפּעטער זענען די דריי געזעסען אונטען אַרום אַ טיש. מען האָט געשמועסט איבער וואָס עס איז נאָר אַריינגעפאַלען אין מויל, ביז דער דירעקטאָר האָט זיין מאָלצייט אָבגעגעסען. ער האָט גע-הייסען ברענגען אַ פלאַש וויין און דריי גלעזער.

— מיר מוזען דאָך מיט עפּיס אָרענטליכעס אונזערע גלעזער אָנקלאַפּען, — האָט בלום געזאָגט. דערנאָך האָט ער זיך אָבגעווישט דאָס מויל, האָט אָנגעצונדען אַ ציגאַר און האָט דעם רויך מיט אַ צופריעדענער מינע דורך די נאָז געשטויסען, — ער האָט ד וו וו אַ ר אָ ל'ן אויך מכבד געווען מיט אַ ציגאַר און האָט איהם, אַ נ נ אַ זאָל נישט זעהן, אַ וואונק-געגעבען ער זאָל זיי לאָזען אַליין. דוואָראָל האָט גראָד דערזעהן

א בעקאנטען, האט בלומען העפליך געדאנקט פאר דער ציגאר און איז צום בעקאנטען געגאנגען.

— דאס איז גוט, וואס מיר זענען געבליבען אליין! — האט דער דירעקטאר געזאגט. — נון וועט איהר מיר אזוי גוט זיין זאגען, וואס איהר קענט און ווי לאנג איהר האט זיך שוין דערמיט בעשעפטיגט.

— ווי לאנג מײנע בײדע עלטערן האבען געלעבט בין איך בײ זײ געוועזען. מײן מוטער האט דורכאויס פערלאנגט איך זאל דעם סעמינאר פערלאזען, ווײל איך האב געליטען אויף בלײזוכט און איך האב איהר, נאטירליך, געפאלגט, דאך האב איך אבגעלעגט לעהרער־עקזאמען. אז איך האב מיר שוין געהאט ערהוילט האב איך דורכגעמאכט א האנדעלס־קורס און האב אויסגעלערנט די בוכפיהרונג און קארעספאנדענץ. מײנע דאקומענטען אויף דעם קאן איך אײך באלד ווײזען, הערר דירעקטאר!

— דאנקע, איז נישט נויטיג, דערצעהלט נאר ווײטער!

— נאך דעם ווי מײן מוטער איז געשטארבען האב איך בײ מײן פאטער, א לעהרער אין גימנאזיום, געפיהרט דיווירטשאפט. דאס האט מיר אבער נישט בעפריעדיגט און האב דעריבער געזוכט מײן טאלענט אין צײכענען צו פערפאלקאמען. איך האב געמאלען און זיך אויסגעלערנט רעטושירען און איבערמאלען פון פאטאגראפיעס. איך פערשטעה א ביסעל צו שניצען, בראנדמאלען, בראנזירען און נאך אזעלכע קלײניגקײטען! —

— אויסגעצײכענט! איהר זײט אלזא אין דער קונסט־געווערב רעכט ווײט אויסגעבילדעט, פרײליין זאנדערס! ווי שטעהט עס מיט שטיקען און האנדארבײט?

— מען האט שטענדיג געלויבט מײנע געראטענע הענד און מײנע מוסטערן צו שטיקערײען! —

— אזוי, דערצעהלען זי נאר ווײטער, ליעבעס קינד, עס אינטערעסירט מיך! — האט בלום מיט א צופריעדענעם שמײכעל אויף די ליפען געזאגט. אננא האט אויף איהר שוים א בליק געטהון און גענומען זיך שפּיעלען מיט איהרע האנדשוה, און ווײטער דערצעהלט:

— דער פאטער איז פריה געשטארבען, איך האב די גרויסע ווירטשאפט אויפגעלעזט און האב זיך פערנומען מיט דער אײנריכטונג פון בלויס צוויי צימער. מיר האבען געהאט זעהר פיעל פרײנד און גוטע פרײנד וואס האבען זיך פאר מיר אינטערעסירט. א קוזין מײנער האט פאר מיר בעקומען א שטעלע בײ העררן X., מײן ארבײט איז בעשטאנען צו

עמפּפאַנגען די קונדען אין דער עמפּפאַנגס שטונדע און דערנאָך צו אַרבײ־טען אין אַטעליער, דאָס הײסט איך האָב רעטושירט אָדער איבערגעמאָ־לען די בעשטעלטע בילדער.

— אַזוי! און װי לאַנג זענען זײ געװעזען בײ הערין X.?

— פינף יאָהר, הערר דירעקטאָר! —

— הם! און פאַר װאָס זײט איהר אַװעק פון יענער שטעלע?

אַנאַ האָט אַ ציטער געטהון און נאָך גרויס אַנשטרענגונג האָט זי קוים אַרויסגערעדט דעם ענטפער: איבער דעם געבורט פון מײן קינד — —

— נו, נו, זאָל שוין זײן! האָט איהר זיך שפּעטער נישט װידער אַמאָל בײ X. געמעלדעט?

— נײן, צום ערשטען נישט, דען איך האָב עפּיס מעהר װי אַ יאָהר געלעבט בײ אַ בעקאַנטע פאַמיליע, גוטע מענשען און פרײנד פון מײנע גרויס־עלטערן! —

— אַזוי, דאַרף איך פרעגען װער דאָס איז געװעזען?

— געהײמראַטה פאָן דראָס. דאָס הײסט דער אָנקעל איז שוין פון אײניגע יאָהר געװען געשטאָרבען.

— איז דאָס דער אײגענער דראָס, װאָס האָט חתונה געהאַט מיט דער שעהנער באַלעטײזע?

— יאָ, הערר דירעקטאָר!

— הם! װי איך האָב מיר געלאָזט דערצעהלען זענען די דראָס זעהר רײך געװעזען. פאַר װאָס האָט מען אײך נישט פערזאָרגט מיט קײן זיבערער עקסיסטענץ?

— אַ גרויס אומגליק איז פּלוצלונג מיט דער טאַנטע געשעהן, — האָט אַנאַ געענטפערט און טרעהרען האָבען זיך איהר אין די אויגען גע־שטעלט. ער האָט עס בעמערקט און האַסטיג געזאָגט: איך האָב װעגען דעם געלעזען! אַ קאַטאַסטראָפע אויף דער אײזענבאַהן! נו, מילא — — — װאָס ס'איז שוין געשעהן װעט מען שוין קײנמאָל נישט אַנדערש מאַכען!

— — — — — ליעבעס פרײלײן, מײן הויזװירטשאַפטערין האָט קירצליך חתונה, איך דאַרף אַלזאָ צום ערשטען פעברואַר אַ דאַמע. אַזוי לאַנג װי מען װעט דאַרפען די זאַכען אין אָרדנונג האַלטען װעט איהר זיך מוזען דערמיט פערנעמען. איהר װעט דאַרפען עמפּפאַנגען די קונדען, זײ ער־קלערן, זאָגען דעם פרײז. מיט אײן װאָרט זעהן די קונדען צופריעדען זײ זאָלען בלײבען אויף שטענדיג אונזערע. געװעהנליך מוזט איהר שטענדיג זײן עלעגאַנט און זױבער געקלײדעט. בײם פערקויפען האָט פיעל צו זאָגען

איהר זאָלט זײַן געשיקט און מונטער! מען דאַרף דעם קונד נישט גוטען גאָר מען מוז פערשטעהן איהם אַזוי אײַנצורעדען, אַז עס זאָל איהם אָננעהמען אַ חשק צו געבען צו לייזען! דערפאַר צאָהל איך הונדערט מאַרק אַ מאָנאַט; אַ חוץ דעם אַ קלײנעם פּראָצענט פונ׳ם ריוח. —— נאָר דאָס איז נאָך נישט גאָר! פון צעהן ביז פינף דעם זײגער מוזט איהר זײַן אין אינסטיטוט, עס בלײַבט אייך אַלזאָ נאָך פיעל צײַט איבריג: דער פריה־מאָרגען, נאָכמיטאָג און דער אָבענד. נישט אמת? —— אַט די דאָזיגע לע־דיגע שטונדען קאָנט איהר אויספילען מיט אַרבײַט קונסט־געווערבליכע זאַכען. דערפאַר צאָהל איך פון שטיק. די אַנדערע פּרטים קאָן איך אייך נאָר אין געשעפט גופא זאָגען. איך מוז אייך נאָר אָנגעבען אונגעפעהר די נאָרם. די וואָס איז ביי מיר ביז יעצט געוועזען איז נישט איבריגס פלײַ־סיג געוועזען, ווײַל זי האָט נאָך געמוזט איהר מוטער פּריזאָרגען און דערצו נאָך אַ כלה געוועזען, פונדעסטוועגען האָט זי געהאַט אַ גאַנץ היבשע הכנסה פון צוויי הונדערט ביז צוויי הונדערט צוואַנציג מאַרק אַ חודש! ——

אַ נ נ אַ ׳ן האָט אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די אויגען. אַ רגע איז איהר דאָס האַרץ פאַר גרויס שמחה שטיל געבליעבען.

—— נון, וואָס בלײַבט, זײַט איהר צופריעדען פרײַליין זאַנדערס בײַ מיר אין געשעפט פון ערשטען פעברואַר אָנצוקומען? בעסער וואָלט אפילו געוועזען, איהר זאָלט שוין אַ ביסעל פריהער מיט דעם געשעפט בעקאַנט ווערען.

בלום האָט זײַן האַנד אויפ׳ן טיש אַרויפגעלעגט. אַננאַ האָט איהר ציטערדיגע האַנד אין זײַנע אַרײַנגעלעגט און געזאָגט:

—— איך וועל אַלץ מײַנע כחות אָנווענדען אייך צופריעדען־צושטע־לען, איהר שטימע האָט דערבײַ לײַכט געציטערט און דער נײַער שעף האָט דערבײַ געשמײכעלט צופריעדען. דוואָראָל איז צוגעלאָפען מלא שמחה און זיי אָבגעגעבען מזל־טוב.

מען איז נאָך געזעסען עפּיס מעהר ווי אַ שעה דערנאָך האָט מען זיך געזעגענט און אַ נ נ אַ איז צוזאַמען מיט דעם פאַר שמחה טאַנצענדיגען שריפטשטעלער אַהײם געגאַנגען. אונטערוועגענס האָט זי איהם פאַר זײַנע טהײלנאַמע און זאָרגען פאַר איהר מיט ריהרענדע ווערטער געדאַנקט.

—— נון, וועט איהר נאָך אַמאָל אויך מיטקומען אין אונזער פעראיין? האָט ד וואָ ראָ ל לאַכענדיג געפרעגט און ווי גרויס איז זײַן ערשטוינען געווען, ווען זי האָט איהם אויף דער דאָזיגער פראַגע מיט אַ נײַן אָבגע־ענטפערט. —— נײַן, מײַן בעסטער פרײַנד, האָט זי מיט אַ בעטענדיגען טאָן

געזאָגט. — בעפרייען זי מיר פון דאָס דאָזיגע מיטגעהן! זאָגט אויף מיר וואָס איהר ווילט, מיינעטוועגען, אַז איך בין קליינקעפּעלדיג, בעגרענצט. איך בין עס נישט! אָבער גלויבט מיר, איך האָב אַזוי פיעל געזעהן, געהערט און איבערגעלעבט און אַזוי פיעל איבערגעקלערט אין די שרעקליכע צייטען און שטענדיג בין איך אַלץ ווידער געקומען צו דער איבערצייגונג: עס איז פאַרהאַן אונגערעכטיגקייט אין דער נאַטור, אין דער שטאַאַטס-פערוואַלטונג; אָבער עס איז נאָר איין מאָראַל פאַרהאַן! עס איז נאָר איין וועג דאָ, וואו מען געפינט דאָס אמת'ע גליק און דאָס איז דער נאָרמאַלער וועג פון דעם זיטליכען דורכשניטס-מענש! אייערע „נייע גריבען" שטעלען זיך פון יענע זייט פון גוטס און שלעכטס, פּראָקלאַמירען נאַרישע שלאַגווערטער, רעדען מיט פייער פון „רעכט", „פרייהייט", שעהנהייט", „זיך אויסלעבען"! דאָס אַלץ איז שעהן, פערפיהרעריש, אָבער בלויז אין דער טהעאָריע מעגליך. אין דער ווירקליכקייט, ווי שיללער זאָגט, שטויסען זיך די זאַכען שטאַרק אָן איינס אָן דער אַנדערער וואָס אין די געדאַנקען לעבען זיי איינס מיט'ן אַנדערן אַזוי בשלום. לאָזט מיר ליעבערסט, מיין בעסטער גוטער פריינד אין דער היים זיצען! מיין ביטערע ערפאַהרונג, וואָס האָט מיר אַזוי דעם גאַנצען מוט אַראָבגעשלאָגען, לאָזט מיר נישט איך זאָל זיך צווישען די דאָזיגע לייט מישען, וואָס וואַרפען אויף מיר אַ שרעק אַרויף, יאָגען מיר אַ שוידער דורך אַלע ביינער דורך און וועלכע איך האַלט פאַר אָבגענאַרטע אָבנאַרער! —

קיינמאָל האָט נאָך אַ נ נ אַ נישט אַזוי לאַנג און אַזוי ענערגיש גערעדט. דער שריפטשטעלער האָט צוערשט געשוויגען ווי בעשטירצט. ענדליך האָט ער זיך אָבגערופען:

— יאַ — — — אָבער — — ביי אונז האָט איהר דאָך נישט געפונען קיין קלאָגער, קיין ריכטער, ביי אונז האָט מען אייך דאָך ריכטיג פערשטאַנען!

זי האָט זיך אַ קורצע ווייל ווי מישב געווען און דערנאָך געזאָגט:

— אפשר, ד ו ו אַ ר אָ ל. אָבער זייט אויף מיר נישט בעז, איך קאָן מן הסתם ביז צו יענער הויכקייט נישט אַרויפשטייגען. — איך — האָב שטענדיג געהאַט דאָס געפיהל: גאָט זאָל מיך היטען פאַר מיינע פריינד, פאַר מיינע פיינד וועל איך מיך שוין אַליין אָבהיטען! — — — — — איהר דאַרפט אייך נישט געפינען בעליידיגט פון מיינע ווערטער, גיט מיר ליעבערסט אייער האַנד! איך וועל דעם היינטיגען אָבענד קיינמאָל נישט פערגעסען.

(פאָרטזעצונג קומט).

מארק טווען.

די טאגע־ביכלעך פון אדם און חוה.

II.

חוה'ס טאגביכעל.

(פארטזעצונג פון צוזאנציגסטען העפט).

זונטאג. אלץ איז וויעדער גוט, איך בין גליקליך. די שווערע טעג זענען פערשוואונדען, און איך בעמיה מיך וועגען זיי נישט צו קלערען.

איך האב פרובירט צו בעקומען פון זיינעטוועגען עטליכע עפעל פון דעם בוים, נאר איך קאן זיך נישט אויסלערנען פונקטליך ווארפען פויסטען ערד. חאטש מיר האט זיך דאס נישט איינגעגעבען, נאר פונדעסטוועגען מיין איך, אז מיין גוטע מחשבה איז איהם געוועזען אנגענעהם. די עפעל זענען גע'אסר'טע, און ער האט מיר געזאגט, אז איך וועל אריינפאלען אין א אונגליק. נאר אויב דאס איז אזוי און איך וועל אריינפאלען אין א אונגליק פון דעם, וואס איך וועל איהם צושטעלען פערגעניגען, טא קאן מיך דאס דען ערגערן? היינט אין דער פריה האב איך איהם אנגערופען מיין נאמען, האפענדיג, אז דאס וועט איהם זיין אינטערעסאנט. נאר ער האט זיך בעצויגען צו דעם פאלקאם רוהיג. ס'איז מאדנע! אויב ער וואלט מיר אנגערופען זיין נאמען וואלט איך געוועזען צופריעדען. כ'מיין אז די קלאנגען אין דיזען נאמען וואלטען געוועזען פאר מיין אויער זיסער פון אלע אנדערע קלאנגען.

ער רעדט זעהר וועניג. קאן זיין, דאס איז דערפאר, וואס ער גלענצט נישט מיט'ן שכל, סמוטנע אנערקענט ער דאס און וויל פערדיענען. וואס פאר א רחמנות דאס איז, אויב ער פיהלט אזוי! ווייל א גלענצענדער שכל איז אלץ איינס גארנישט ווערט. נאר דאס הארץ האט א ווערט. ווי וואלט זיך מיר געוואלט געבען איהם צו פערשטעהן, אז א ליעבע גוט הארץ איז א רייכטהום און אז אהן איהם איז דער שכל ארעם.

נאר, חאטש ער רעדט וועניג, איז ביי איהם אלץ דא א גרויסער זאפאס ווערטער. היינט אין דער פריה האט ער ארויסגעזאגט א וואונדערליך־שעהן ווארט. ס'איז איינצוזעהן, אז ער האט אליין אנערקענט, אז דאס איז שעהן, ווייל נאך דעם האט ער צוויי מאל ווי צופעליג דאס איבערגעחזר'ט. אמת, דאס איז געוועזען געמאכט נישט בעזונדערס קונציג, נאר דאס האט דערוויזען, אז ער איז נישט בע־

רויבט פון עטוואָס פערשטאַנד. אין דער צוקונפט מיט דער הילף פון דער קולטור וועט מען זיך קאָנען פון איהם עפּיס דערשלאָגען.

פון וואַנען האָט ער גענומען דאָס? איך האָב דאָס קיינמאָל נישט אַרויסגערעדט.

ניין, מיין נאָמען האָט איהם גאָרנישט פּעראינטערעסירט. איך האָב זיך בעמיהט צו פערדעקען מיין פערדרוס, נאָר דאָס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבען. איך בין אַהינגעגאַנגען צום בערגעל און כ'האָב זיך געזעצט אויפ'ן מאָך, אַראָבלאָזענדיג די פיס אין וואַסער. אַהער קום איך צו געהן אין די מינוטען, ווען איך דורשט נאָך געזעלשאַפט, און מיר ווילט זיך קוקען אויף עמיצען, צו רעדען מיט וועמען. פאַר מיר איז נישט גענוג דער פּרעכטיגער ווייסער מיידעלשער קערפּער אין ברונען, נאָר דאָס איז אַלץ בעסער פון פולער איינזאַמקייט. דאָס מיידעל רעדט איניינעם מיט מיר און טרויערט, ווען איך טרויער. זי טרייסט מיך מיט איהר מיטגעפיהל. כמעט אַזוי רעדט זי צו מיר: „פאַל נישט אַראָב מיט'ן מוט, אָרעמע איינזאַמע מיידעל, איך וועל זיין דיין פריינד", זי איז מיין גוטער, חאָטש איין און איינציגער פריינד; זי איז מיין שוועסטער.

אָי, איך וועל קיינמאָל נישט פערגעסען די מינוט, ווען זי האָט פערלאָזט מיך דאָס ערשטע מאָל, — קיינמאָל, קיינמאָל! דאָס האַרץ מיינס איז געווען פונקט ווי אָנגעגאָסען מיט בליי. איך האָב געזאָגט: „זי איז געווען מיין איין און איינציגער חבר און זי האָט מיך פערלאָזען!" אין פערצווייפלונג האָב איך אויסגעשריגען: „צוריים זיך האַרץ מיינס! דאָס לעבען איז מיר געוואָרען אונערטרעגליך!" ווי אונטרייסטבאַר קלאָגענדיג, האָב איך פערדעקט דאָס געזיכט מיט די הענד. ווען איך האָב אַראָבגענומען די הענד, האָב איך איהר פון דאָס ניי דערזעהן — אַ ווייסע, אַ קלאָרע, אַ שעהנע, — און מיט אַ געשריי האָב איך זיך געוואָרפען אין איהרע אָרמען.

דאָס איז געווען אַ פולעם גליק... איך האָב אויך פריהער געוואוסט פון גליק, נאָר דאָס איז נישט געווען עהנליך אויף דעם, דאָס גליק איז געווען אַ פרייד. נאָך דעם האָב איך מעהר קיינמאָל נישט געצווייפעלט אין איהר. אָפט מאָל האָט זי זיך בעוויזען; ס'האָט זיך געטראָפען אַ שעה, און דאָס אַ גאַנצען טאָג איז זי נישט געווען; נאָר איך האָב איהר געגלויבט און געוואַרט. איך האָב צו זיך געזאָגט: „זי איז פערנומען, אָדער זי איז געגאַנגען שפּאַצירען, נאָר זי וועט זיך אומקעהרען". און שטענדיג האָט זי זיך אומגעקעהרט. אין פינסטערע נעכט איז זי נישט געקומען צו געהן, זי איז — אַזאַ שרעקעוודיג בעשעפעניש, נאָר אין לבנהנעכט איז זי שטענדיג דאָ געווען. איך האָב נישט קיין מורא פאַר דער פינסטערניש, נאָר זי איז דאָך יונגער פון מיר; זי איז דאָך געבאָרען געוואָרען נאָך מיר. פיעל, פיעל מאָל האָב איך איהר געזוכט; זי איז מיין טרייסט אין מקום מקלט, ווען מיר איז שווער. און מיר איז אַזוי אָפט שווער.

אין מיטען טאָג האָב איך אַוועקגעשטעלט מיין אַרבייט און כ'האָב אָנגעהויבען זיך צו פאַרשפּילען, פליהענדיג צוזאַמען מיט די ביהנען און זומער-פויגעלעך און אָנגעזעטיגט זיך מיט בלומען, מיט די וואונדערליכע בעשעפענישען, פונקט ווי זיי וואָלטען געפאַנגען אויפ'ן הימעל גאָט'ס שמייכעלע און היטען דאָס אָב! איך האָב זיי צוזאַמען-גענומען, און אויסגעפלאָכטען פון זיי קראַנ=

צען, מיט וועלכע איך האב זיך בעציערט, דערוויל האב איך געגעסען אנבייסען, — געוועהנליך מיט עפעל; דערנאך האב איך זיך אוועקגעזעצט אין שאטען, פול מיט פערלאנגען און ערוואַרטונגען, נאר ער איז נישט געקומען.

נאר, וואס זשע, נישט קיין אונגליק! אלץ איינס וואלט דערפון גאר נישט ארויסגעקומען, ווייל ער האט נישט ליעב קיין בלומען. ער רופט זיי אן מיסט און ער קאן נישט אונטערשיידען איין בלומעל פון צווייטען, איינרעדענדיג זיך, אז מיט אזא בעציהונג בעווייזט ער זיינע מעלות. ער איז גלייכגילטיג צו מיר, צו די בלומען, צו דעם בעגילדעטען פארנאכטיגען הימעל־שיין. ס'איז דען פאראנען עפיס, צו וואס ער איז נישט גלייכגילטיג, אויסער צו דאס בויען געצעלטען, אין וועלכען ער בעהאלט זיך פון בעריהמטען, רייינעם רעגען, דאס צוזאמען־נעמען מיסט פון וויינטרויבען, דאס קלאפען פון די באניעס און טאפען די פרוכט פון די בוימער מיט דעם צוועק צו איבערצייגען זיך, ווי אזוי עס בליהט אויף זיין איינגעטהוט!

איך האב אנידערגעלעגט אויף דער ערד א טרוקענעם שטעקעל, און האב אנגעהויבען איהם רייבען, כדי אויסצומאכען אין איהם א לעכעל פאר דער אויספיהרונג פון איין דורך מיר אויסגעקלערטען פלאן, האב איך זיך פלוצלונג שרעקליך דערשראקען. פון דעם לעכעל האט זיך אויפגעהויבען א דינע, דורכזיכטיגע בלאהליכע קייטעל. איך האב אלץ געווארפען און ב'בין אנטלאפען! איך האב געמיינט, אז דאס איז א גייסט און האב זיך אזוי דערשראקען! נאר, דערשרעקענדיג זיך, האב איך דערזעהן, אז ער לויפט מיר נישט נאך; דאן האב איך זיך צוגעשפארט צו דער וואנד, כדי אבצואטהעמען און אבצורוהען זיך. אויפהערענדיג צו ציטערן, בין איך פארזיכטיג געגאנגען צוריק, איינגאנצען — אויפמערקזאמקייט, גרייט ביי א צופאל באלד צו אנטלויפען. ווען איך בין צוגעגאנגען גענוג נאהנט, האב איך צוגומען די צווייגען פון א רויזען־קוסט און האב א קוק געטהון (ווילענדיג אז אין דער נאהנט זאל זיין א מאן, אזא קלוג שעהן פנים'ל איז ביי מיר געווען אין די דאזיגע מינוט) נאר דער נס איז שוין פארשוואונדען. איך בין צוגעגאנגען צום שטעקען און האב דערזעהן אין איהר לעכעל א שפענדעל עדעלען ראזאווען שטוב. איך האב אנגעריהרט איהם מיט'ן פינגער, נאר באלד האב איך מיט א געשריי איהם אוועקגעריסען דער וועהטאג איז געווען א ביטערער. איך האב אריינגעלעגט דעם פינגער אין מויל און האב א ביסעל פערגרינגערט מיינע ליידען. נאר איך בין געווען שטארק פעראינטערעסירט און כ'בין צוגעטרעטען צו דער אויספארשונג.

מיר איז געווען נייגיריג זיך צו דערוויסען, וואס איז אזוינס — דאס ראזאווע שטויב. פלוצלונג איז מיר אין קאפ אריין איינגעפאלען איהר נאמען, כאטש פריהער האב איך איהם קיינמאל נישט געהערט. דאס איז געווען פייער! איך בין געווען אזוי פעסט איבערצייגט אין דעם, ווי מען קאן נאר זיין איבערצייגט אין עפיס. אט פאר וואס איך האב אהן דעם קלענסטען ספק געזאגט „פייער”.

איך האב בעשאפען אזעלכעס וואס איז פריהער נישט געווען; איך האב מוסיף געווען נאך עפיס צו די אונגרייכבארע איינגעשאפטען פון דער וועלט. איך בין געקומען צו דער בעוואוסטזיניגקייט און האב שטאלצירט מיט דעם בעשאפענעם דורך מיר. איך האב זיך שיער געווארפען לויפען נאך איהם, כדי איהם מיטצוטיילען וועגען דעם, מיינענדיג, אז דאס וועט מיך אויפהויבען אין זיינע אויגען. נאר

איך האָב נאָר געקלערט און האָב זיך נישט גערירט פֿון אָרט. נײַן ער וועט בלײַבען גלײַכגילטיג אויך צו דעם. אויב ער וועט מיך פֿרעגען — וואָס פֿאַר אַ נוצען איז דאָ אין דעם, וואָס וועל איך איהם ענטפֿערן? וואָרום, דאָס איז צו גאָר נישט נוטיג, און ס'איז נאָר שעהן, איינפֿאַך שעהן.

איך האָב אַ זיפֿץ געטהון און געבליבען אויפֿ'ן אָרט. אַזוי ווי דאָס פֿײַער האָט מען צו גאָרנישט בעדאַרפֿט. ער האָט נישט געקאָנט אויפֿבויען קיין געצעלט אַזוי ווי ער האָט נישט געקאָנט דערגרײַכען דאָס צײַטיג ווערען פֿון דער פֿרוכט; ער איז געווען אומנוצליך, — ער איז געווען אַ נאַרישקײַט אין שאָטען. ער וועט זיך בעניהען צו איהם מיט פֿעראַכטונג און אַנדערען שטעך-ווערטלעך. נאָר פֿאַר מיר האָט דאָס פֿײַער נישט פֿערדיענט קיין פֿעראַכטונג. איך האָב געזאָגט: „מאַ דו פֿײַער, דו פּרעכטיג ראָזאָווע בעשעפֿעניש, איך ליעב דיך!" און איך האָב זיך געקליבען צוטוליען איהם צו מײַן ברוסט. נאָר צוליעב עפּיס האָב איך זיך אײַנגעהאַלטען.

איך האָב פֿון דאָס נײַ געגומען רײַבען און ווען כ'האָב אָנגעמאַכט אַ סך פֿײַערדיגען שטויב האָב איך איהר אויסגעשיט אויף אַ גאַרשיץ טרוקענע געל געוואָרענע גראָז. מיר האָט זיך געוואָלט אַוועקטראָגען דאָס מיט מיר אַהיים, בעהאַלטען און דערנאָך זיך שפּיעלען דערמיט. נאָר אין איין אויגענבליק איז זי געווען אונטערגעכאַפּט פֿון ווינד און האָט אָנגעהויבען צו פֿונקען און אין כעס זיך וואַרפֿען אויף מיר, אַזוי אַז איך בין געווען געצווינגען אַוועקצוואַרפֿען איהר און אַנטלויפֿען.

אומקוקענדיג זיך, האָב איך דערזעהן, ווי אַ בלאָהער-גײַסט, האָט זיך געפֿלאָכטען ביז צום הימעל, אויסציהענדיג זיך און האָט זיך געקאַטשעט עהנליך אויף אַ וואָלקען. און פּלוצלונג איז מיר אײַנגעפֿאַלען אין קאָפּ אַרײַן דער נאָמען „רויך". חאָטש איך האָב קיינמאָל פֿריהער נישט געהערט וועגען רויך.

אין גיכען האָט זיך דורכ'ן רויך אָנגעהויבען דורכשלאָגען בלישטשענדע און רויטע פּאַסען און איך האָב באַלד אויסגעשריגען „פֿלאַם". אויך דאָ בין איך געווען ווי גערעכט, חאָטש דאָס איז געווען דער ערשטער פֿלאַם, וואָס איך האָב געזעהן. דאָס האָט זיך אַרויף-געקליבען אויף די בוימער און עס האָט זיך אַזוי שעהן דורכגעשלאָגען פֿון ד... אַלץ מעהר פֿערגרעסערטען קרײַז רויך. איך האָב געקוקט, קלאַפּענדיג פֿון בעגײַסטערונג מיט די הענד, כ'האָב געלאַכט און געטאַנצט. דאָס איז געווען אַזוי נײַ, אַזוי מאָדנע, אַזוי זעלטען און אַזוי שעהן.

(פֿאָרטזעצונג קומט).

22-טעם העפט.

אינהאלט:

1) אַרטור שניצלער, — געאָרג בראַנדעס.

2) בריעף פון פרויען, — מאַרסעל פרעוואָ.

3) דער אלטער ראָק, — אַלעקסאַנדער קילאַנד.

4) * * (געדיכט), — א. פושטין.

5) דאָס געלד-פושקעלע, — האָלסטרעם.

6) דאָס אַנטלויפען נאָך מצרים, — סעלמאַ לאַגערלאָף.

7) * * (געדיכט), — א. מיצקעוויטש.

8) פרײַליין מוטער (ראָמאַן), — ערענסט געאָרגי.

9) די טאַגע-ביכלעך פון אָדם און חוה, — מאַרק טווען.

געאָרג בראַנדעס.

אַרטור שניצלער.

II.

אין 1898-טען יאהר איז ערשינען אַ באַנד זײַנע נאָוועלען אונטער'ן נאָמען „די פרוי פונ'ם קלוגען", — זעהר גוטע און דורכגעפיהלטע ערצעהלונגען; צווישען זיי צייכענט זיך אויס די נאָוועלע „די טוידטע שווייגען" — דאָס איז אַ אמת'ע מייסטער-ווערק, אַ גלענצענדע פאָרשונג פון דער פרויען-האַרץ. דאָס נשמה-לעבען פון דער בעשריבענער פרוי — דער העלדין פון דער נאָוועלע — איז פול נור מיט שענעס און גוטעס, גאָר בעת אַ קאַטאַסטראָפע, ווען דער אינסטינקט פון זעלבסט-פערהיטונג איז אַרוים פון זײַנע ברעגען, ווײַזט זיך אַרוים וויפיעל נידריגעס און אונווירדיגעס האָט זיך בעהאַלטען אין איהר, אונבעוואוסט פאַר איהר אַליין.

זי איז אַ געהייראַטע; איינמאָל אָבענד'ס פאָהרט זי אַרוים מיט איהר געליבטען הינטער'ן שטאָדט כדי צו פערברייגען מיט איהם אין אַ רוהיגען שמועס; אויפ'ן וועג קעהרט זיך איבער די דראָזשקע און ער פאַלט אום מיט אַ צושעדיגטען מוח, און זי, נאָך דעם ווי זי איז אַ קורצע צייט

געשטאַנען אויפ׳ן וואַך בײַם טוידטען קערפּער, ענטלויפט זי פוג׳ם אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע, כּדי ניִשט קאָמפּראָמעטירען זיך אומנוציג. זי ליעבט איהם מיט דער גאַנצער קראַפט פון איהר האַרצען; און דאָך איז שרעק און אויפרעגונג פון זיין טוידט איז דער געדאַנק פון זעלבסטרעטונג גובר אַלע אַנדערע געפיהלען. צוריק-קומענדיג אַהײם, קען זי אָבער ניִשט בעהאַלטען איהר נשמה-צורודערונג און ענטדעקט אַלץ דעם מאַן.

אין די פּיעסען „די יאַגד״, „די צוָאָה״ האָט זיך אויסגעדריקט שניצלער׳ס אָפּאָזיציאָנעלער פּראָטעסט-גײַסט געגען דער בורזשואַזער געזעלשאַפט, זיין אויפרעגונג געגען דער בורזשואַזער מאָראַל.

די ערשטע פון די פּיעסען, וועלכע איז געווענדעט געגען דעם אַרט לעבען פון די וויענער אָפּיצערן-קרײַזען, געגען די דועלען, געגען זייער גריננשעצענדען פערהאַלטען זיך צו פרויען — איז צו טענדענציעז און מאַכט מעהר איינדרוק אַלס פּאַמפלעט איידער אַ קינסטלערישעס ווערק.

די צווייטע פּיעסע אָבער, אין וועלכער שניצלער שילדערט די צבוע׳שע פערהעלטניסע פון דער געגענווערטיגער בורזשואַזער פאַמיליע, דערמאַהנט אונז מיט זיין שטאַרקער ערביטערונג׳ס-קראַפט די בעסטע ווערק פון גיוסמאַנסען.

אין די דרײַ איינאַקטע פּיעסען, וועלכע זענען ערשיענען אין 1899-טען יאָהר אונטער׳ן אַלגעמײנעם נאָמען „דער גרינער פּאַפּוגאַי״, ערשײַנט פאַר אונז שניצלער דער פאַנטאַסט, דער טרוימער.

איינע פון די פּיעסען, „פּאַראַצעלס״, שטעלט פאַר מיט זיך אַ לעבעדיגען סימבאָלישען בילד פונ׳ם דיכטער מיט זיין גאַנצער כּשוף-קראַפט און אונמאַכט.

אין דער צווייטער פּיעסע, „די חברתע״, דריקט אוים שניצלער זיין ביטערן האַס און פײַנדשאַפט צו פרויען.

די דריטע פּיעסע, אונטער׳ן נאָמען פון וועלכער ס׳איז ערשיענען די גאַנצע טרילאָגיע, דריקט אוים דעם אויטאָר׳ס בליק אויפ׳ן לעבען אַלס אַ שפּיעל, אין וועלכען די ווירקליכקייט און דער חלום זענען וואונ-דערבאַר און געהיימניספול צונויפגעפלאָכטען.

די געשעהענישען פון דער לעצטער פּיעסע קומען פאָר אין אַ שיינקעל גראַדע פאַר דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. דער בעל-הבית פון דעם שיינקעל, וועלענדיג פערשאַפען פערגניגען די גע-פאַלענע אַריסטאָקראַטען, וועלכע בעזוכען זיין שיינק, האָט געדונגען אַ טרופּע אַקטיאָרען פאָרצושטעלען פאַר זיינע געסט סצענעס פון אַ

פאָלקס-אויפשטאַנד. נאָר אײדער די פאָרשטעלונג ענדיגט זיך, ווערט דער שפּאַס פערוואַנדעלט אין אַ ווירקליכקײט. אומבעמערקט פאַר די געסט רײסט זיך אַרײן אין שײנקעל דער רעש פונ'ם ווירקליכען פאָלקס-אויפשטאַנד.

די פּיעסע איז אַ גלענצענדע איליוסטרירונג פאַר קירכערגאָרנ'ס *) פאָלגענדען אַפאָריזם: „אין אַ טעאַטער האָבען זיך אָנגעצונדען די קוליסען. ס'איז אַרויס דער פּאַיאַץ און האָט געמאָלדען וועגען דעם דאָס פּובליקום. אַלע האָבען געמײנט, אַז דאָס איז אַ שפּאַס, און האָבען אָנגעהויבען אַפּלאָדירען; דער פּאַיאַץ איז צום צװײטען מאָל אַרויס און װידערהאָלט זײן מעלדונג, דאָס פּובליקום האָט איהם נאָך מיט מעהר רעש'דיגע אַפּלאָדיסמענטען און צופריעדענהײט בעגעגענט.

אַזוי, דענק איך, וועט אויך די וועלט חרוב ווערען בײם פרעה-ליכען שאַלען פון שפּאַסענדע מוחות, וועלכע וועלען מײנען, אַז דאָס איז נישט מעהר ווי אַ גלײכווערטעל"...

נאָך דעם איז ערשינען שניצלער'ס בוך אונטער'ן נאָמען „דער קאַראַוואַד", אַ רײהע דיאַלאָגען, אין וועלכע עס ווערט זעהר שאַרפזיניג בעהאַנדעלט די געשלעכט'ס-פּראָבלעם. דעם דאָזיגען בוך האָט שניצלער אָבגעדרוקט נור אין אײניגע עקזעמפּלאַרען פאַר זײנע פרײנד, ווײל ער האָט מורא געהאַט עס זאָלען נישט פאָרקומען קײן מיספערשטענדניסע און מען זאָל איהם נישט פאַלש אויסטײטשען.

דער ווילען פון אויטאָר איז נישט ערפילט געוואָרען און דער בוך איז שוין איצט איבערגעזעצט כמעט אויף אַלע אײראָפּעאישע שפּראַכען.

זײן לעצטע ווערק, וועלכע מיר האָבען שוין אויבען דערמאַהנט, די דראַמע „דער דעקטוּך פון בעאַטריצע", צײכענט זיך אויס מיט איהר אונגע-וועהנליכער ליעבע און פערגעטערונג פון דער קונסט, וועלכע וועט אַלץ איבערלעבען. אין דעם ווערק זענען איבערגעפלאָכטען די שוואַרצע און רויטע פעדים פון שניצלער'ס שאַפען: די שעהנהײט פון פרויען און קונסט מאַכען רײך דעם לעבען, אָבער דער הויכער פרײז, פאַר וועלכען עס ווערט דערגרײכט דער גליק — די אומפערמײדליכקײט פון טוידט מאַכען שווער דעם לעבען און לעגען זיך ווי טונקעלע שאָטענס אויף איהם.

איבערזעצט וו—ק.

⊚⊚⊚

---

*) אַ בעוואוסטער דעניש'ער שריפטשטעלער—אַ מיסטיק.

(אנמערקונג פון איבערזעצ.)

מארסעל פרעווא.

בריעף פון פרויען.

I.

פון פרוילײן סעסיל קוטאר
צו הערר לואי ד'ליסטראק.

איהר האט מיך אזוי איבערגעשראקען, מײן טײערער לואי, איך שרעק זיך אזוי פאר אייער אבלאבען פון דאס אלץ, וואס איהר האט א נאמען געגעבען סענטימענטאלע נארישקײטען, אז עס איז מיר ווירקליך שווער ארויסצוזאגען איך דאס אלץ, וואס מיר ווילט זיך הײנט זאגען. איך בין דאך נישט מעהר ווי א געוועהנליך קלײן בעשעפעניש, מיט א ביסעל ליעבע, און דערצו זעהר עהנליך אויף אלע אנדערע פרויען... אום אויסצודריקען דאס, וואס איך פיהל, שרײב איך און רעד געוועהנליכע ווערטער, און מײנע געפיהלען, זענען געוויס די זעלבע וואס אלע מענשען פיהלען, ווען זיי ליעבען... אבער וואס זאל איך טהון, אום איהר זאלט מיך קאנען פערשטעהן, איהר — א מענש וועלכער בעציהט זיך צו אלעם מיט א שמײכעלע?... איך האב געוואלט אנפאנגען דעם בריעף מיט א פראזע, וועלכע איך האב ערגיץ וואו געהערט, אדער אפשר גאר געלעזען, מיט וועלכע עס הויבען אן די אלע וואס זענען אזוי נאריש, ווי איך, אין עהנליכע אומשטענדען: „מײן פרײנד! ווען איהר וועט איבערלעזען די דאזיגע שורות, וועל איך שוין אויף דער וועלט נישט זײן”... נאר דערנאך האב איך זיך איבערגעלעגט, אז באלד פון די ערשטע ווערטער וועט איך די פראזע מאכען פרעהליך און איהר וועט דאס אננעהמען פאר א שאבלאן, פאר מעלאדראמאטיש, גענומען פון א וואלוועלען ראמאן, — מיט אייןווארט, דאס אלץ, וואס איך האב פון אייך אזוי פיעל מאל געהערט. און איך וואלט איך נישט געהאט די דרייסטקײט דאס אנצושרײבען, איך קאן נאר זאגען... און דאס איז, מײן פרײנד, ריכטיג, אז אייער סעסיל וועט זײן טויט, ווען איהר וועט לעזען דעם בריעף...

אום גאטעס ווילען, לאכט נישט דאס מאל, מיין ליעבער, טייערער לואי... עס איז טרויעריג צו שטארבען אין מיינע יאהרען, ווען מען איז פול מיט קרעפטען; צו זוכען דעם טויט בלויז דערפאר, וואס איך בין צו אונגליקליך! נישט וואהר, אז דאס איז ווערטה, אז דער בעסטער פריינד זאל חאטש א ביסעל טרויערן דעריבער? און אויב זאגאר דאס וועט איהם נישט ברענגען צו קיין טרויער און טרעהרען, זאל ער חאטש דאס איינע מאל צום ווייניגסטענס, בעציהען זיך צו דעם טהאט אהן חוזק און געלעכטער... איך בעט נאר דאס ביי אייך, מיין טייערער: ערלויבט מיר איצט איבערצוחזר'ן אייך די אלע ליעבעס־נארישקייט, די אלע ווערטער פון די וואלוועלע ראמאנען, מיט וועלכע עס איז אזוי פול מיין הארץ... א. לאכט נישט אויס זיי... עס איז ראך שוין דאס לעצטע מאל און מעהר וועל איך אייך קיין מאל נישט מיט גארנישט דערצערנען. איהר קאנט עס מיר ערלויבען?...

זעהט איהר, מיין טייערער לואי, איהר האט קיינמאל נישט בעמערקט די וואהנזיניגע ליעבע, וואס איך האב צו אייך געפיהלט... ווען איהר האט מיך בעהערשט, בין איך געוועהנליך, נישט געוועזן, אונשולדיג; זייענדיג געבוירען אין פאריז אין אזא ארעמע פאמיליע, ווי עס זענען געוועזן מיינע עלטערן, קען מען נישט אין צוואנציג־יעהריגען עלטער זיין אונשולדיג... אבער איך האב קיינמאל קיינעם נישט געהערט, איך שווער ביי גאט דעם איינציגען, פאר וועמען איך וועל זיך אין גיכען שטעלען צום משפט: אז איך בין גאר נישט געוועזן זינדיג, מיין ליעבער. איך האב דיר ריין אבגעגעבען מיין לייב און מיין נשמה... איהר האט זאגאר דאס נישט בעמערקט: איהר האט אזוי געשפאסט איבער מיין צניעות, מיט אזא זיכערן חוזק, אז איך האב קיינמאל נישט געהאט די דרייסטקייט צו זאגען אייך דערנאך: „איהר ווייסט, לואי, איהר זענט מיין ערשטער!..." א, גאט, ווי איהר וואלט געלאכט! איהר וואלט געזאגט, אז דאס איז אייך בעקאנט, אז מען האט אייך שוין אזאלכעס אפגעטהון, אז איהר ווילט עפּיס אנדערש, פרעהליכעס! איך האב אייך שוין פערגעטערט; איך האב געוואלט זיין אייערע און דאס איבריגע איז מיר אלץ איינס. אויסער איינם... איהר האט אלץ אזוי איינגעארדענט, ווי איהר האט געוואלט... אבגעגעבענדיג זיך אייך, האב איך געוועהנליך, געוואלט הערען ליעבעס־ווערטער, איך האב געוואלט א מעהר צערטליכעס לאשצען, ערגיץ אין א אפגעזונדערטען ווינקעל, אויף א זומער־וואהנונג, אונטער די שטאדט: א קליין הייזעל מיט א גארטען, וואו עס איז קיינער נישט פארהאן,

אויסער מיר בײדע, און אָפּלעבען דאָרט ווי אַ פּאַן מיט אַ פרוי, האָטש
צוויי וואָכען, נו האָטש נאָר צוויי טעג — וויפיעל איהר וואָלט געוואָלט...
נאָר ווען איך האָב אויף זיך גענומען די דרייסטקייט אָנצושרעקען אייך
וועגען דעם, האָט איהר מיך געענטפערט מיט דעם געלעכטער׳ל, וועלכעס
האָט מיך פון אַ פּאָנג אַזוי איבערגעשראָקען (דערנאָך האָב איך זיך צוגע-
וועהנט): צי איך וויל זיך נישט בעזעצען אין אַ דאָרפיש הייזעל, און
איהר זאָלט זיך צולייעב דעם אָנקליידען ווי אַ פּאַסטוך... דאַן בין איך
שטיל געבליבען, איהר פערשטעהט?... איך האָב זיך אייך איבערגעגעבען
אין אַ קאַבינעט פון אַ רעסטאָראַן, אויף אַ סאָפע, וואו עס גיבען זיך איבער
די גאַסען-פרויען פאַר געלד. שרעקליך! אויב איך וואָלט אייך נישט
פערגעטערט, וואָלט די נאַכט אין „קאַפע-אַנגלע" געווען פאַר מיר די שענד-
ליכסטע ערינערונג אין מיין לעבען!...

... נאָר איך בענש איהר, די שרעקליכע נאַכט, דערפאַר וואָס זי
האָט מיר געגעבען די מעגליכקייט איך זאָל אייך קענען פערשאַפען
אַביסעל פערגעניגען און דערפאַר וואָס איך בין דענסטמאָל, צום ווענינ-
סטענס, געוועזען היים געליעבט. געליעבט? זאָל איך שרייבען דאָס וואָרט
וועלכע וועט אייך אָדער דערצערנען, אָדער מאַכען פרעהליך? דאָס
וואָרט האָט זיך אָפּט-מאָל געבעטען אויף מיינע ליפּען אין דער צייט פון
אונזער פערבינדונג, נאָר איהר האָט מיך גיך אָפּגעוועהנט דאָס אַרויס צו
זאָגען... יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיט צערטליכען פייער אַרום-גע-
וויקעלט אייער האַלז און די ווערטער: „איך ליעב דיך, מיין ליעבער!"
האָבען זיך אַרויסגעגאָסען פון מיין האַרץ... האָט איהר צוגענומען מיין
אַנערקענונג וואָס איז ווירקליך אונגוצליך, אָבער דאָך וואָהר! — מיט אייער
געוועהנליכען חוזק. איהר האָט געוועהנליך געענטפערט: „אַלץ דאָס
איינענע ליעדעל, מיין ליעבע!" אָדער: „זאָגט, וואָס פאַר אַ מחיה!" איך
ווייס נישט, צי אייערע ווערטער פערוויינען, צי זיי האָבען געמאַכט לאַכען
אַנדערע פרויען, נאָר מיך האָבען זיי דורך-געשניטען ווי מיט אַ מעסער...
איהר זענט דאָך נישט קיין שלעכטער, ליעבער לואי, פאַר וואָס האָט איהר
מיר געמאַכט אַזעלכע שמערצען? צי נישט דעריבער, ווייל איהר האָט גאָר-
נישט געלעזען אין מיין האַרץ?

איהר האָט קיינמאָל נישט געזעהן, אָדער נאָך בעסער, איהר
האָט אייך קיינמאָל נישט בעמיהט, אַקוק צו טהון, וואָס עס איז דאָרט,
אין דעם האַרץ, פאָרגעקומען. איהר זענט געוועזען איבערצייגט, אַז איהר
האָט אַלעם געטהון פאַר מיין גליק. איהר האָט בעמאַכט מיין לעבען פאַר

אנ'עבי'תען יום-טוב — פון טעאטערן, רייט-פערוויילונגען, רייזעס קיין מאנטע-קארלא... א, אשרעקליך לעבען! און וויפיעל טרעהרען, האט דאס מיך געקאסט, וועלכע איך האב פון אייך פערהוילען! איך בין געבוירען געוואָרען א איינפאכע קליין-בירגערין, און אפשר, מיט א קליינעם שכל, נאר דערפאר מיט א גרוים הארץ און דורשט נאך ליעבע, מעהר ווי ביי צוואנציג אנדערע פרויען צוזאמען; און איך בין געוועזען געצווינגט צו פערדע-קען מיין ליעבע, ווי איצט, און אימער ליידען, פאר וואס איך האב אזא ארעמען שכל. איך האב נישט געליטען צוליעב זיך, נאר צוליעב אייך: ווען איך האב געזעהן, אז אייך פערוויילט דער גלענצענדער שארפזין פון אנדערע פרויען און אין די זעלבע צייט זענט איהר אונצופריעדען מיט די שעמעוודיגע שטילקייט פון אייער געליעבטע... אח! די ווערטער, וואס איהר מיין פריינד, האט מיר געזאגט, יעדעס מאל, נאך דעם ווי איהר האט זיך איבערצייגט, אז עס פעהלט מיר דער שארפזין. איך האב זיך ענטשולדיגט, זאגענדיג (דאס איז געוועזען נישט קלוג, איך האב דאס גע-פיהלט): „טייערער לואי, א צווייטע וועט זיין קליגער פון מיר, אבער זי וועט אייך ווייניגער ליעבען!”... איהר האט געהאט די מעגליכקייטען צו ענטפערן מיט א מאל אויף דעם: „איך דארף זעהר נויטיג, מען זאל מיך ליעב האבען!”... א ליעבע מיט הויכע פראזען, מיט א געליעבטע אהן א קאפ, אהן שארפזין, איז ווי א צובייס... ברר... שוין בעסער חתונה האבען!”

... איהר האט נישט חתונה געהאט, מיין ליעבער, איהר האט נאר אפגענארט אייער ארעמע סעסיל פערברענגענדיג מיט פרויען וואס זענען אפיסעל מעהר פערוויילענד, ווי איך. איך מוז אייך זאגען דעם אמת, אז איהר זענט ווירקליך זעלטען אפענהערציג און אז איהר האט אייך קיינמאל נישט בעמיהט צו פערדעקען אייער פעראכטונג. איהר האט מיר כמעט וועגען זיי דערצעהלט, אדער, איהר האט צום ווייניגסטענס, אזוי ווייניג אכטונג געגעבען אויף אייערע ווערטער, אז איך בין וועגען יעדערע, יעדעס מאל דערגאנגען!... איך בין געוועזען אזוי שרעקעוודיג, אז מיין הארץ וואס האט זיך צוריסען אויף שטיקער, האט נישט געהאט די דרייסט-קייט צו וויינען, איז נישט געוועזען דרייסט צו מאכען דעם קלענסטען פאר-וואורף!... איין איינציג מאל, ווען איך בין געוועזען אונפארזיכטיג און ארויסגעוויזען אייך מיין טרויער, האט איהר אויף מיר א קוק געטהון מיט א בעהאלטענעם שטוינען און געזאגט:

— ווי קאן איצט זיין איפערזיכט? מיר האבען זיך דען געשווארען

איינער דעם צווייטען טרײַהײַט? ציִ דען זענען מיר נישט פרײַ? איהר געפעלט מיר, איך געפעל אייך; מיר זענען זיך צונויף־געגאַנגען, כּדי צו געהן צוזאַמען אין דעם טהאָל פון טרעהרען, בעמיהענדיג זיך, מיט אַלע מעגליכקייטען וואָס ווענינער צו דערעסען איינער דעם צווייטען; אָבער דאַנקען גאָט, וואָס מיר פערלירען נישט אונזער אונאַבהענגיגקייט.

איך האָב זיך בעמיהט צו מאַכען אייך בעקוועהם, מײַן פרײַנד. איך שווער אייך, אַז איך האָב זיך בעמיהט צו זײַן גענוג פערשטענדיג, צו קוקען אויפ'ן לעבען און אויף די ליעבע אויך אַזוי פרעהליך און אָפּלאַבענד, ווי איהר. איך האָב זיך בעמיהט צו בלײַבען גלײַכגילטיג צו דעם, וואָס מען האָט מיך אָפּגענאַרט, נישט וויינען און נישט לײַדען. איך האָב פּרובירט צו זײַן פרעהליך, צו לאַכען, ווען בײַ מיר אין האַרץ איז געווען דער טויט, ערגער ווי דער טויט. כּמעט אַ יאָהר האָב איך מיט מיר און מיט אייך געשפּילט די טרויעריגע קאָמעדיע. איך האָב זאָגאַר געמאַכט אַ שרעקליכען פאָרטשריט, מיר האָט זיך זאָגאַר איינגעגעבען צו איבערצײַגען אייך אין דעם. איהר האָט געגלויבט, אַז איך האָב זיך אינגאַנצען אויסגעהיילט פון די פריהערדיגע לײַדענשאַפט, פון וואָלוועלען ראָמאַן. איהר האָט געמיינט, אַז איך האָב זיך ענדליך אונטער־געגעבען דעם וויץ, און איהר האָט מיך בעגריסט...

אָבער ניין! איך האָב שוין מעהר נישט קײַן כּוחות צו קעמפּפען און צו לייקענען... מײַן ראַליע האָט מיך אויסגעמוטשעט. איך וואַרף איהר אַוועק מיט פעראַכטונג און כ'וועל ווידער זײַן מיט זיך אַליין. כ'וועל האָטש איינמאָל אייך אַרויס זאָגען מײַנע אמת'ע געדאַנקען, ווײַזען אייך מײַן אמת'ע נשמה. איהר וועט זיך דערוויסען, וואָס איך האָב געליטען, אַז אײַער יעדער קאַפּריז האָט אָפּגעריסען אַ שטיק פון מײַן האַרץ, אַז אַ גאַנץ יאָהר האָט איהר געטרעטען מיט אײַערע פיס דאָס אָרעמע האַרץ, וואָס איז אַזוי געפּײַניגט, און איהר האָט קײַן איינמאָל נישט פערלײַכטערט זײַנע לײַדען האָטש מיט איין האַרציג וואָרט פון ליעבע.

איהר זענט דערין נישט שולדיג, איך ווייס; שולדיג איז דער צופאַל, וועלכער האָט אונז צוזאַמען־געפיהרט, אייך און מיך, וועלכע זענען אַזוי ענהליך איינער אויפ'ן צווייטען. איך בין זיכער, אַז איהר וועט אייך זעהר וואונדערן, געוואָהר־ווערנדיג, אַז אײַער סעסיל האָט זיך גענומען דאָס לעבען פון צרות, נאָך דעם ווי איהר האָט איינגעאָרדענט אַזאַ שרעקליך־פערווײַלענד און פרעהליך לעבען... אפשר וועט איהר דאַן פערשטעהן, אַז עס עקזיסטירט אַנ'אַנדערע ליעבע, — נישט די, וועלכע איהר קאָנט,

— אַ ליִעבּע וועלכּע וויִצעלט זיִך ניִשט, נאָר וועלכּע לײַדט, גיעהט אָב מיִט בּלוט און שטאַרבּט... וועט איהר שוין קײנעם מעהר ניִשט טהון דאָס שלעכטס, וואָס איהר האָט מיִר געטהון...

זײַט געזונד, מײַן פרײַנד, איך שטאַרבּ אָהן קלאָגען און פאָרוואורפען. מײַן אָרעם האַרץ געהערט אײַך, ווי אימער. אַ שוועבּעלע אין בּראַטאויוועןְ, אַ שעה אין בּעט — און אַלץ איז געענדיגט. איך וועל אײַך שוין מעהר קײנמאָל ניִשט דערצערנען... ניִשט ריִכטיג, איך גיעה אַוועק אויף עבּיג אַזוי, ווי איך דאַרף געפעלען: אָהן גערויש, אָהן געשרײ, און קײנער אויסער אײַך וועט זיִך ניִשט דערוויִסען די סיבּה פון מײַן טויט. איך שטאַרבּ אַזוי שטיִל, אַזוי עניוות'דיג, אַז איהר וועט ניִשט וועלען אָפלאַכען פון מײַן טוידט, איהר וועט ניִשט אויסגעפינען אַז ער איז צופיִעל ראָמאַנטיִש. אוי, מײַן טײַערער, איך וואָלט געוואָלט שטאַרבּען מיִט נאָך וועניִגער גערויש, ווערען נאָך וועניִגער, גאָר אונבּעמערקט... אָבּער ווי אַזוי טהוט מען דאָס? זײַט ניִשט בּעז אויף מיִר. לאַכט ניִשט אויס מיִר... פערגעסט מיִך ניִשט בּאַלד... זײַ געזונד מײַן געליִעבּטער!

II.

פון מאַדאַם דאָפּראַ צו העררר
זשאַק ד'לאַלאַבּ.

לאַנג, לאַנג האָבּ איך זיִך ניִשט געקאָנט בּעשליִסען אײַך צו שרײַבּען, העררר זשאַק! גאָט, וויפיִעל אָנגעהויבּענע און ניִשט דערענדיגטע בּריעף האָבּ איך צוריִסען! כ'ווײס ניִשט, צי וועל איך דעם בּריעף, יאָ ערשרײַבּען בּיז ענדע. ערשטענס, ווײַל איך שרײַבּ מיִט גראַמאַטיִשע פעהלערן, מיִט גראָבּע פעהלערן, און איך זינדיג זאָגאַר געגען סטיִל, נאָר די פעהלערן, דאַכט זיִך מיִר, זענען ניִשט אַזוי וויִכטיג... אויסער דעם, שרעק איך זיִך זעהר פאַר אײַך, העררר זשאַק! ווען איהר קוקט אויף מיִר מיִט אײַערע גרויסע אויגען (זיי זענען שעהן, אײַערע אויגען) פערליר איך זיִך אינגאַנצען, דאַן ווײס איך ניִשט, וואָס איך רעד און וואָס איך טהו... איך בּין גליִקליִך צו זײַן מיִט אײַך און אין די זעלבּע צײַט וואָלט איך געוואָלט אַנטלויפען פון אײַך, פערשוויִנדען, בּעהאַלטען זיִך ערגיץ...

כ'בּעט אײַך זעהר, לאַכט ניִשט, לעזענדיג דעם בּריעף! זעהט איהר העררר זשאַק, איך האָבּ פיִעל געטראַכט... אײַער בּעגעגנונג מיִט מײַן מאַן אין קאַלע, אין די צײַט פון לאַגער'ן, איז געווען אַ גרויס

אומגליק פאַר מיר און פאַר מיין אָרעמען לואי. איהר האָט דאָרט נישט געהאַט קיין בעסערן פריינד, און ער איז אַזאַ גוטער, ער ווערט פון אייך שוין בעגייסטערט. נישט ווילענדיג וואָלט איהר זיך געמוזט מיט איהם צוזאַמען-בעגעגען — ווייל אויף דער דיענסט געפינען זיך אַלע יונגע אָפיציערן אַ גאַנצע לאַגע, נישט וואַהר? אָבער ווען די דרייצעהן טעג וועלען דורכגעהן, וועט יעדערער וועט זיך ווידער אומקעהרען צו זיין פריהערדיג לעבען, גאָט, ווי בעמערקבאַר עס וועט דאַן ווערען, דער אונטערשיעד צווישען די געזעלשאַפטליכע שטאַנדען, אין פערמעגען א. ז. וו.

איך האָב גוט בעמערקט, ווי איהר זענט געוועזען איבעראַשט פון אונזער איינפאַכע איינריכטונג, ווען איהר זענט דאָס ערשטע מאָל געקומען צו אונז מיטאָג עסען. כאָטש מיר האָבען זיך בעמיהט צו מאַכען ווי בעסער, אַ גאַנצע וואָך האָבען מיר נישט אויפגעהערט צו רעדען וועגען דעם מיטאָג. נאָר, מיר וואָלטען געוועהנליך, געקאָנט איבערבייטען די וואָהנונג, דאָס מעבעל, די דינערשאַפט!... איהר ווייסט דאָך אָבער אַז לואי בעקומט אין מיניסטעריום נאָר פיער טויזענד פראַנק:

איך האָב דעם אָבענד שרעקליך געליטען, איך פערזיכער אייך! מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַרויסגעהענדיג פון אונז וועט איהר לאַכען פון מיר, פון לואי'ען, פון מיטאָג, פון וואָהנונג, פון די דינערשאַפט... לואי האָט אויך פאַר דעם מורא געהאַט, נאָר מיר האָבען נישט געהאַט די דרייסטקייט מודה צו זיין זיך אין דעם איינער פאַר דעם צווייטען. עס איז אונז געוועזען טרויעריג, מיר האָבען זיך געטראַכט: „ער האָט זיך געלאַנגוויילט, ער האָט איינגעפונען אַז מיר זענען צו קליין, — ער איז דאָך געוועהנט צו פערברענגען זיין גאַנצע צייט אין אַ קרייז פון דיפּלאָמאַטען... ער וועט שוין מעהר נישט קומען צו אונז!“... דאָך זענט איהר צוריק געקומען און זאָגאַר אָנגעהויבען אונז אָפט צו בעזוכען. מיר זענען ביידע געוועזען זעהר צופריעדען, בעזונדערס לואי, ווייל איך האָב פון אָנפאַנג זיך אַזוי געשראָקען, אַז אייער אַנוועזענהייט איז מיר זאָגאַר געוועזען שווערליך... נאָר דערנאָך, ווען איך האָב זיך אַביסעל צוגעוועהנט צו אייך, מיין איך, אַז אייערע בעזוכען האָבען מיר פערשאַפט מעהר פערגעניגען, איידער לואי'ען. איך האָב נישט געקאָנט פערשטעהן, ווי אַזוי איהר, זייענדיג אין אַ וועלט, בעגעגנענדיג אַזוי פיעל קלוגע, געבילדעטע, שעהנע פרויען, פערלירט צייט מיט מיר, אַזאַ איינפאַכע, נישט קיין געבילדעטע, און נישט קיין עלעגאַנטע... מיר האָט זיך געדאַכט, צי בין איך נישט אין חלום, ווען איהר האָט, אָננעהמענדיג מיין האַנד, מיר געזאָגט:

אז איהר האלט מיך פאר א גוטע און א שעהנע, אז איהר דענקט אויך ווענען מיר, אז איהר ליעבט מיך... מיר האט זיך נישט געוואלט ערוואכען פון דעם זעלטענעם חלום!... איהר האט צו מיר גערעדט אזוי עדעל! איהר האט געזאגט אז איהר אכטעט מיך, אז איהר ווייסט, דאס איך בין אנ'עהרליכע פרוי, אז פאר קיין זאך אין דער וועלט וועט איהר מיך נישט וועלען ערנידריגען און אז איהר האט צופיעל ליעב לואי'ען, אז איהר זאלט וועלען פערשמוצען זיין עהרע. איהר האט מיך נאר געבעטען איך זאל אייך ערלויבען מיך צו ליעבען... האב איך דען געקאנט אייך ענטזאגען! איך האב געמיינט אז ליעבענדיג איינער דעם צווייטען, קען מען בלייבען גענוג פערשטענדיג, דערצו נאך, אז מיר ליעבען ביידע לואי'ען. וויי, פארזיכטיג האט איהר זיך פון מיר פיעלעס דערשלאגען, וואס איך וואלט אייך פריהער נישט ערלויבט. א, ווי גוט איהר קאנט די פרויען, הערר זשאק! אין אייער אנוועזענהייט פערמאג איך נישט קיין ווילען; אהן אייך געה איך אראב פון זינען, פון געוויסענסביסע... האב איך נאך דאס רעכט אנצורופען זיך אנ'עהרליכע פרוי? מיר דאכט זיך, אז נישט; אויף אזוי פיעל רעכען איך זיך פאר שולדיג פאר מיין גאנצע גנעדיגקייט צו אייך. אבער, איך האב צום ווענינסטענס, נאך נישט געטהון דעם לעצטען טריט, נאך וועלבען איך וואלט נישט געהאט די דרייסטקייט צו קוקען לואי'ען אין די אויגען אריין. און איך בעט אייך שוינט מיך, פערניכטעט מיך נישט אינגאנצען!...

מיר קענען זיך מעהר נישט זעהן, הערר זשאק! איך ליעב אייך צו שטארק; איך האב מעהר נישט קיין קרעפטען זיך אייך געגען-צושטעלען, און ביי אייער ערשטע נייע פראבע מיך צו בעהערשען וועל איך זיין אייערע... און דאס וואלט געוועזען שרעקליך! מיין ארעמער לואי האט מיך אזוי ליעב און אויך אייך. ער איז זעהר א גוטער, ער ארבייט אזוי פיעל פאר מיר... און וואס בין איך פאר אייך? א קאפריז, א פערלאנג אויף א מינוט. אין די צייט ווען פאר לואי'ען בין איך אלץ, ער האט קיינעם נישט צו ליעבען, אויסער מיך. אויב ער וואלט זיך זאגאר קיינמאל נישט דערוואוסט, וואלט איך אבנארענדיג איהם געשטארבען פון צרות. און אויב ער וואלט זיך דערוואוסט, וואלטען מיר געוועזען די שולדיגע אין זיין טויט. אויסער דעם גלויב איך, אז איצט געפעל איך אייך ווירקליך א ביסעל, הערר זשאק, אבער דאס וועט שנעל איבערגעהן, איך בין אין דעם איבערצייגט. איהר וואלט מיך זעהר גיך פערלאזט, און פאר מיר וואלט דאס געוועזען א שרעקליכע צרה. אייערע וועלטליכע דאמען

זענען פאר אייך אנציהענד דערמיט, וואָס זיי זענען שעהן אָנגעקליידט, וואָס זיי קענען שעהן פּלאַפּלען, זיי וויסען פיעל זאַכען, וועלכע איך האָב זיך קיינמאָל נישט געלערנט; איך בין נאָר — אַ איינפאַכע אונבעמערקטע פרוי וואָס קאָן נאָר אייך שטאַרק ליעבען...

ווייסט איהר וואָס איך טענה צו זיך אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען איך קלעהר וועגען דעם, וואָס איהר ווילט פון מיר? איך זאָג צו זיך: „הערר זשאַק ליעבט מיך נישט, אויף אַנ'אמת, נאָר מיין צניעות, קאָן זיין, איז אַ מעהר דויערנדעס, ווי ביי די אַלע פרויען, וואָס האָבען איהם זיך ביז איצט געטראָפען, און ציינד אָן זיין אייגען-ליעבע, וועלכע וועט זיך בעפריעדיגען פון דעם מאָמענט, ווען איך וועל איהם געהערען". און אָט דער געדאַנק גיט מיר כוחות צו קעמפפען און צו שרייבען צו אייך היינט... אויב איהר פערלאַנגט מיך אום צו בעפריעדיגען אייער אייגען-ליעבע, זייט רוהיג: איז דען נישט אַלץ איינס, צי איך האָב געהערט צו אייך צי נישט? אויב איך בעט ביי אייך ערבאַרמונג און כ'גיב אָפּ מיין עהרע אין אייערע הענד אַריין, שוינט מיך, הערר זשאַק, שוינט מיך!... איהר וועט אימער זיין געליעבט און איהר וועט אימער זיין גליקליך, ביי מיר מיט לואי'ען איז גאָר נישטאָ, אויסער אונזער געמיינזאַמע ליעבע. טהוט נאָר אַ טראַכט וואָס פאַר אַ פערברעכען עס איז חרוב צו מאַכען אונזער פאַמיליען-גליק! צי דען וועט איהר נישט ערפילען מיין ביטע? ניין, איהר וועט זי ערפילען, איך בין אין דעם זיכער, איהר זענט אַנ' עהרליכער און אַ גוטער! איך האָב נאָר מורא פאַר איינס און כ'וועל עס באַלד זאָגען, אויב איהר זאָגט צו נישט צו לאַכען אויס מיר: איך האָב מורא, אַז איהר האָט מיך דאָך אַ ביסעל ליעב און אַז אייך איז שווער מיך מעהר נישט צו זעהן... אָ, זייט נישט בעז אויף מיר, מיין טייערער פריינד, איך בין אַלס אין פערצווייפלונג פון דאָס שלעכט וואָס איך טהו אייך! איך קאָן נאָר ביי אייך בעטען ענטשולדיגונג: איך לייד שרעקליך! איך בעט אייך צו היטען אַ וואַרעמען אַנדענקען פון אייער קליינעם פריינד! וועלכער האָט אייך אַזוי שטאַרק געליעבט, וואָס האָט אַזוי ליידענשאַפטליך געוואָלט אייך געהערען און וועלכע וועט שטענדיג געדענקען וועגען אייך, — לאַנג, לאַנג נאָך דעם, ווי איהר וועט וועגען איהם אינגאַנצען פערגעסען...

איבערזעצט מ. ב.

אַלעקסאַנדער קיללאַנד.

דער אַלטער ראָב.

הויך איבער די פעלדער איז געפלויגען אַן אַלטער קלוגער ראָב.

ער האָט געהאַט אַריבערצופליהען פיעל מייל צו מערב-זייט, ביז צום ברעג ים, וואו ער האָט געוואָלט אויסגראָבען אַ חזיר'ש אויער, וואָס ער האָט לאַנג צוריק פערגראָבען. ס'איז שוין געוועזען טיעפער הערבסט, און ער האָט געפיהלט אַ מאַנגעל אין שפייז.

„אַז עס פליהט אַ ראָב — שטעהט געשריבען ביים פּאָעט כּ ר ע ם — איז זיך גענוג גאָר אַרומצוקוקען אַרום, אום צו געפינען נאָך איינעם".

אָבער ווי לאַנג מיר וואָלטען נישט געהאַט געקוקט, — איז דער, וואָס איז איצט געפלויגען, אָט דער אַלטער קלוגער ראָב, געוועזען און געבליבען אַליין. וועגען קיין זאַך נישט געזאָרגט, האָט ער זיך געגליטשט אויף זיינע שטאַרקע, קוילען-שוואַרצע פליגלען איבער דער פון רעגען גע-דיכטער לופט, געפלויגען גלייך צו מערב-זייט, נישט אַרויסלאָזענדיג קיין שום קלאַנג.

ער איז געפלויגען רוהיג און פערטראַכט, און האָט נישט אַראָבגע-נומען זיין שאַרפען בליק פון די לאַנדשאַפטען, איבער וועלכע ער האָט זיך געטראָגען, און דער אַלטער פויגעל האָט געפיהלט אַ פערדראָס.

וואָס אַ יאָהר איז אונטען אַלץ בעלעבטער געוואָרען, ס'האָבען זיך געצויגען אַלץ מעהר די גרינע און געלבע פאַסען פעלד, שטיקער נאָך שטיקער האָבען זיי ביי דער סטעפּ אָבגעריסען, קליינע הייזלעך מיט רויטע ציגעל-דעכער, נידריגע קוימענס מיט אַ שטיקענדען טאָרף-רויך זענען זיי נאָכגעגאַנגען: אַ פרוכט פון מענשליכער אַרבייט און מענשען אומעטום.

ער האָט דערמאָהנט זיין יוגענד — דאָס איז געוועזען מיט פיעל יאָהרען צוריק — דאַמאָלס איז דאָ גראָד געוועזען דער בעסטער אָרט פאַר אַ רעכטען ראָב מיט זיין געזינד: ברייטע אונענדליכע פעלדער, בעוואַקסען מיט ווערעסק, גאַנצע מאַסען האָזען און פויגעל, אויפ'ן ים-ברעג האָבען

די נאָרד־ענטלעך געלעגט גראָסע רויטע אייער. מיט איין וואָרט, דאָ איז געוועזען אזוי פיעל פערשיעדענע דעליקאַטעסען, אז מעהר האָט מען גאָר נישט געקענט פערלאַנגען.

און איצט איז דאָ אַלץ הייזער און הייזער, געלבע פעלדער, גרינע פעלדער, און אזוי ווייניג שפּייז, אז דער אַלטער מיוחס׳דיגער ראַב מוז נעבעך פליהען גאַנצע מײַלען צוליעב עפּיס אַ קלאָגעדיגען ביסען פון אַ חזיר׳שען אויער.

אַך די מענשען! — די מענשען! — דער אַלטער ראַב האָט זיי געקענט.

ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט צווישען מענשען און צווישען די בעסטע פון זיי. זיין קינדהייט און יוגענד איז אַריבער אין אַ גרויסען פּריצישען הויף נישט ווייט פון שטאָדט.

נאָר איטליכעס מאָל, ווען ער פלעגט פליהען איבער דעם דאָזיגען הויף, פלעגט ער זיך אויפהויבען הויך, זעהר הויך, מען זאָל איהם נישט דערקענען. ווייל, ווען ער פלעגט דערזעהן אַ פרויען־פיגור אין גאָרטען, פלעגט זיך איהם אויסדוכטען, אז דאָס איז דאָס יונגע פרײַליין, אַן׳ אָנגעפּודערטע מיט אַ שטענגע אין די האָר; און אין דער אמת׳ן איז דאָס גאָר געוועזען איהר טאָכטער מיט גרויע לאָקען און אין אַ הויבעל פון אַן׳אַלמנה.

איז איהם עפּיס גוט געוועזען ביי די דאָזיגע עדעלע לייט? — אָ, דאָס ווענדט זיך אָן דעם, וואָס ביי איינעם הייסט גוט. עסען פון כל־טוב און פיעל זאַכען, וואָס ס׳איז כדאי צו קענען; דאָך איז דאָס אָבער פּאָרט געוועזען אַ געפענגעניש; די ערשטע יאָהרען — מיט אַן׳אונטערגעשניטענעם לינקען פליגעל, דערנאָך — אויף אַן׳עהרען־וואָרט, — ווי עס פלעגט געוועהנליך זאָגען דער אַלטער פּריץ.

ער האָט אָבער זיין עהרען־וואָרט נישט געהאַלטען; דאָס האָט זיך געטראָפען איינמאָל אין פריהלינג — איבער׳ן גאָרטען איז געפלויגען אַ יונגע, גלאַנציגע, שוואַרצע קראָה.

אין אַ צייט אַרום — דאָס איז, דאַכט זיך, געוועזען מיט עטליכע ווינטערס שפּעטער — האָט ער זיך צוריקגעקעהרט אין הויף. נאָר עפּיס פרעמדע קונדסים האָבען אויף איהם געשלײַדערט שטיינער; דער אַלטער הערר און דאָס יונגע פרײַליין זענען נישט געוועזען צו הויז.

„זיי זענען מסתמא אין שטאָדט״ — האָט דער ראַב אַ טראַכט געַ

טהון און איז אין אַ געוויסער צייט אַרום ווידער געקומען צו פליהען. אָבער מען האָט איהם בעגעגענט מיט דעמזעלבען ברוך־הבא, ווי פריהער.

דאַן האָט זיך דער אַלטער מיוחס'דיגער פויגעל — ער האָט זיך אונטער דער צייט שטאַרק געעלטערט — דערפיהלט טיעף בעליידיגט, און איצט פלעגט ער שטענדיג פליהען הויך איבער'ן הויז. ער האָט מיט די מענשען מעהר קיין מגע ומשא נישט געוואָלט האָבען. דער אַלטער הערר מיט'ן יונגען פרײַליין מעגען זיך קוקען, וויפיעל זייער האַרץ געלוסט, אין דער האָפנונג, אפשר וועט ער זיך בעווייזען, — און אין דעם אַז זיי קוקען און וואַרטען אויף איהם, איז בײַם ראָב אַפילו קיין ספק נישט געווען.

אַלץ, וואָס ער האָט אין דער יוגענד געלערנט, האָט ער פערגעסען; אי די שווערע פראַנצויזישע ווערטער, וואָס ער האָט געחזר'ט בײַ דער פרעקין אין צימער, אי די לייכטערע שימפף־ווערטער, וועלכע זענען אויף זיי גאַר נישט עהנליך געווען און וואָס ער האָט זיי אַליין אויסגעלערנט אין דעם קינדער־צימער.

בלויז צוויי מענשען־קלאַנגען זענען איהם פערבליבען אין זכרון, ווי די לעצטע שפורען פון זיין פערשוואונדענער למדות. אַז ער פלעגט זיין אין זעהר אַ גוטען הומאָר פלעגט ער אַ מאָל אַ זאָג טהון: „באָנזשור, מאַדאַם!" און ווען ער פלעגט זיין בעז, פלעגט ער שרייען: „צום טייוועל!"

שנעל און זיכער האָט ער זיך געגליטשט איבער דער פון רעגען געדיכטער לופט: עס האָט זיך שוין געזעהן די ווייסע קייט פון די בערגלעך, וואָס האָבען זיך געצויגען בײַם ברעג. דאָ האָט ער פלוצלונג בעמערקט אַ גרויס שוואַרץ שטיק פעלד, וואָס איז אונטען געלעגען. דאָס איז געווען דער טאָרף־זומפּ.

רינגס אַרום איהם זענען געווען צעוואָרפען הויפען און הײַזלעך, אָבער אונטען, אין טאָל — וואָס האָט זיך געצויגען אויף אַ גוטע מײַל אין דער לענג — איז אַפילו קיין זכר פון מענשען נישט געווען; בלויז אַ צוויי־דריי קופּעס טאָרף בײַם ברעג טאָל, און שוואַרצע בערגלעך מיט פינקלענדע קאַליזשעס צווישען זיי.

„באָנזשור, מאַדאַם!" האָט אַ געשריי געטהון דער אַלטער ראָב און האָט אָנגעהויבען אַרומצוקרײַזען איבער'ן זומפּ. דער זומפּ האָט אַזוי היימליך אויסגעזעהן, אַז דער ראָב האָט זיך שטיל און פאָרזיכטיג אַראָבגעלאָזט און האָט זיך אויסגעזעצט אויף אַ קלאָץ פון אַן'אָבגעהאַקטען בוים אין מיטען זומפּ.

דאָ איז נאָך כמעט אַלץ געווען ווי אין די אַלטע טעג — ווײַסט

און שטיל. ערטער־ווייז, וואו די ערד איז געוועזען עטוואָס טריקענער, האָט געוואַקסען אַ נידריגער ווערעסק און איינזאַמע קוסטעס טשערעט. די זומפּ־געוויקסען האָבען שוין אָבגעבליהט; נאָר אויף די פערטריקענטע שטענגלעך זענען נאָך וואו־נישט־וואו געהאָנגען בלומען־בלעטעלעך, שוואַרצע און צוקנייטשטע פון די הערבסט־רעגענס; אומעטום האָט זיך געזעהן אַ שיטערע, ווייכע, שוואַרצע ערד, אַ נאַסע און בעזייעטע מיט קאַליושעס; גרויע צונויפגעפלאָכטענע וואָרצלען האָבען אַרויסגעטאַרטשעט פון זומפּ אַרויס און האָבען זיך פערפלאָנטערט מיט איינאַנדער אין אַ געדיכטען נעץ.

דער אַלטער ראָב האָט זעהר גוט פערשטאַנען, וואָס ער האָט געזעהן פאַר זיינע אויגען. דאָ האָבען אַ מאָל געוואַקסען בוימער, אָבער שוין זעהר לאַנג פאַר זיין געדענקען.

דעם וואַלד האָט מען אויסגעהאַקט, די צווייגען און בלעטער זענען פערשוואונדען; נאָר די וואָרצלען זענען פערבליבען, צונויפקנוילענדיג זיך צוזאַמען טיעף אין דעם זומפּ, אין דער שיטערער מאַסע פון וואַסער און גראָז.

אָבער ווייטער איז די פערענדערונג נישט געגאַנגען; אַלץ איז געבליבען ווי פריהער, ווייל די מענשען האָבען דעם דאָזיגען אָרט געלאָזען אויף הפקר.

דער אַלטער פויגעל האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבען. אין דער ווייטענס האָבען זיך געזעהן הייזער און הויפען, דאָ אָבער, אויף דעם דאָזיגען גרונדלאָזען זומפּ איז געוועזען אַזוי היימליך און שטיל. דאָך איז דאָ נאָך יאָ וואָס פערבליבען פון אַ מאָל; ער האָט צוגעגלעט זיינע גלאַנציגע שוואַרצע פעדערן און האָט אַרויסגערעדט איינציגע מאָל: „באָנזשור, מאַדאַם!“

נאָר אָט האָבען זיך פון דעם נאָהנטסטען הויף אַרויס־בעוויזען צוויי מענשען מיט פערד און וואָגען; צוויי יונגלעך זענען זיי נאָכגעלאָפען. זיי זענען געפאָהרען איבער דעם געדרעהטען וועג צווישען די טאָרף־בערגלעך, גלייך איבער'ן זומפּ.

„זיי וועלען זיך באַלד אָבשטעלען“, האָט אַ טראַכט געטהון דער ראָב.

נאָר זיי זענען צוגעפאָהרען אַלץ נעהנטער און נעהנטער; דער אַלטער פויגעל האָט אומרוהיג זיך גענומען אַרומקוקען: אַ מאָרנע זאַך, ווי ווייט זיי זענען שוין פערפאָהרען.

ענדליך האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. די מענשען האָבען זיך גענומען צו די גראָב-אייזענס און העק. דער ראָב האָט דערזעהן, אז זיי האָבען זיך געמאַטערט אויסצוואָרצלען אַ שווערען בוים-קלאָץ.

„זיי וועלען זיך באַלד איינמאַטערן” — האָט אַ טראַכט געטהון דער ראָב.

זיי האָבען זיך אָבער נישט איינגעמאַטערט, האָבען אָהן רחמנות געהאַקט מיט די העק — אַזעלכע שאַרפע העק האָט דער ראָב נאָך קיינמאָל נישט געזעהן — און האָבען אַלץ געשלעפּט דעם קלאָץ פון דער ערד אַרויס; סוף כל סוף האָט זיך זיי פּאָרט איינגעגעבען אַוועקצולעגען דעם שווערען קלאָץ אויף אַ זייט, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע געזונדע נעץ וואָרצלען האָט זיך אויפגעהויבען אַרויף.

די יונגלעך האָט דערעסען צו גראָבען גריבלעך צווישען די קאַליזשעס. „גיב אַ קוק ס'איז אַ גרויסע קראָה איז אָן דאָרטען” — האָט איינער געזאָגט.

זיי האָבען אָנגענומען שטיינער אין די הענד און זיך גענומען אונטערגנב'ענען צווישען די מאַרך-בערגלעך.

דער ראָב האָט זיי גוט געזעהן. ער האָט אָבער אויך געזעהן דאָס, וואָס איז געוועזען אַ סך, אַ סך ערגער דערפון.

אפילו דאָ אויף דעם זומפּ האָט דער אַלטער קיין רוה נישט געקענט געפינען. איצט האָט ער דערזעהן, אַז אפילו די גרויע וואָרצלען, וואָס זענען נאָך עלטער געוועזען פאַר'ן ראָב און וואָס האָבען זיך אַזוי שטאַרק איינגעפלאָכטען אין דעם טיפען גרונדלאָזען זומפּ, — אפילו זיי מוזען אויך פאַלען אונטער די קלעפּ פון די שאַרפע העק.

און ווען די יונגלעך האָבען זיך אונטערגע'גנב'עט אַזוי נאָהנט, אַז זיי האָבען שוין געוואָלט אַ וואָרף טהון די שטיינער, האָט ער אויפגעהויבען זיינע שווערע פליגלען און איז אין דער הויך געפלויגען.

און פליהענדיג אין דער הויך, האָט ער אַראָבגעקוקט אויף די מענשען, וואָס זענען געוועזען פערנומען מיט זייער אַרבייט, און אויף די נאַרישע יונגלעך, וואָס זענען געשטאַנען מיט אויסגעגלאָצטע אויגען, פערריסען אין דער הויך, און מיט שטיינער אין די הענד, — און אַ טיפער צאָרן האָט דורכגענומען די נשמה פון דעם אַלטען מיוחס'דיגען פויגעל.

ווי אַנ'אָדלער, האָט זיך דער ראָב אַ וואָרף געטהון אַראָב אויף די יונגלעך און קלאַפּענדיג זיי מיט זיינע גרויסע פליגלען איבער

די אויערן, האָט ער אויסגעשריגען מיט אַ שרעקליכען קול: „צום טײַוועל!"

די יונגלעך האָבען זיך יאָמערדיג צושריגען און זענען געפאַלען אויף דער ערד. אַז זיי האָבען אין אַ ווײַלע אַרום אָנגענומען מוט זיך אַרומצוקוקען, איז ווידער אַלץ געווען וויסט און שטיל; נאָר דאָרט ערגעץ ווײַט־ווײַט איז אַ איינזאַמער שוואַרצער פויגעל געפלויגען צו מערב־זײַט.

נאָר אַז זיי זענען אויסגעוואַקסען זענען זיי זייער גאַנצען לעבען געווען איבערצייגט, אַז אַ בעזער גייסט האָט זיך זיי געוויזען אויף דעם שוואַרצען זומפּ אין דער געשטאַלט פון אַן'אונגעוועהנליכען גרויסען שוואַרצען פויגעל מיט ברענענדיגע אויגען.

דאָס איז דאָך אָבער געווען ניט מעהר ווי אַן'אַלטער ראָב, וואָס איז געפלויגען צו מערב־זײַט, כדי אויסצוגראָבען דאָס חזיר'שע אויער, וואָס ער האָט געהאַלטען אין זאַפּאַס.

איבערזעצט **זלמן ר—ן.**

אַ. פּושקין.

* *
*

אַך, וואָלקען דו לעצטער פון שטורעם צוזייעטען,
דו איינער נאָך טראָגסט זיך אין הימעל אין ברייטען,
דו איינער פאַרשפּרייטסט נאָך אַ שאָטען אַרום,
דו איינער דעם טאָג אין אַ טרויער הילסט אום...

ניט לאַנג האָסט דעם הימעל דעם גאַנצען געפאַנגען,
און ס'האָבען דיך בליצען געוויקעלט ווי שלאַנגען,
און דו האָסט אַ דונער אַרויסגעלאָזט ווילד,
דעם דורשט פון דער ערד מיט'ן רעגען געשטילט...

גענוג שוין. בעהאַלט זיך! די צייט איז פערשוואונדען,
דער שטורעם אַוועק שוין און פריש אַלע בלומען,
און גלעטענדיג צערטליך די בלעטלעך פון בוים
פערטרײַבט דיך דער ווינד פון דעם הימעלשען רוים...

לייב נײַדוס.

האַלסטרעם.

דאָס געלד-פּושקעלע.

ווען אַדאַם איז אַלט געוואָרען פיער יאָהר, האָט איהם זיין פעטער, אַנ'אַלטער בחור, געשאָנקען אַ געלד-פושקעלע און דערביי געזאָגט: „דאָ וועסטו אַריינוואַרפען דיינע גראָשענס, אַנשטאָט צו קויפען פאַר זיי נאַשעריי'ען. בעמיה זיך, אַז דו זאָלסט האָבען וואָס מעהר גראָשענס און זיי דאָ זאַמלען. דאַן וועסט זיך מיט דער צייט איבערצייגען, אַז זיי וועלען דיר ברענגען פיעל פרייד און נוצען".

אַדאַם האָט נישט קיין סך פערשטאַנען פון דער דאָזיגער קלוגער דרשה; ער האָט נאַר געוואוסט, אַז ער דאַרף אין דעם געלד-פושקעלע אַריינוואַרפען זיינע גראָשענס — און וועגען דעם טאַקי איז עס דאָך געגאַנגען פריהער פאַר אַלץ, און אַ אונאַנגענעהמע זאַך איז דאָס איבריגענס אויך נישט געווען. דאָס געלד-פושקעלע האָט אויסגעזעהן אַזוי פרעהליך, אַז עס איז פשוט אַ מחיה געווען עס צו נעהמען אין דער האַנד אַריין. און אַ געלעגענהייט דערצו האָט אַדאַם געהאַט שטענדיג, ווען ער האָט בעדאַרפט אַ גראָשען אַריינוואַרפען. דאָס געלד-פושקעלע האָט געהאַט אַ געשטאַלט פון אַ דיקען, פעטען פאַרשוין, וועלכער איז געווען רונדיג ווי אַ קויל; די אָרעמס האָט דער פאַרשוין געהאַלטען צוגעדריקט צו די זייטען, די הענד — אין די טאַשען, דעם קאָפּ — אייגגעגראָבען אינ'ם פעטען קאַרק, די אויגען — פערגלאָצט און די ליפען האָבען געלאַכט מיט אַ אונאַנגענעהמען, פרעהליכען געלעכטער, וואָרום מיט די ליפען האָט דער פאַרשוין די מטבעות געשלונגען.

לעבערליך זענען אויך געווען די טענער וואָס דער פעטער פאַרשוין האָט פון זיך אַרויסגעגעבען. אַראָבשלינגענדיג נעמליך אַ קופערנע מטבע, האָט ער פון דער טיעפעניש פון זיין לעהמענעם בויך אַרויסגעגעבען אַ דומפּ-פען געלעכטער, וועלכער האָט ווי געזאָגט: „כ'דראַ—נק—כאַ—כאַ!" ווען מ'האָט איהם מכבד געווען מיט אַ זילבערנע מטבע — וואָס איז אין די ערשטע יאָהרען זעהר זעהר זעלטען געשעהן, — האָט ער געלאַכט מיט

א נאך העכערן, לענגערן און פרעהליכערן געלעכטער. מען האט איהם דאן בעדארפט נאר א טרייסעל טהון, און ער האט אויסגערופען הויך אויפ'ן קול: „כ'האב קליגנערם, קליג—גע—ערם!"

מיט איינעם ווארט, עס איז זיך שווער פארצושטעלען א פעטען פארשוין, וועלכער זאל זיין גוטמיטיגער און שטיפערישער, ווי אונזער חברה-מאן איז געווען. ער איז זיך געשטאנען אויף א הויכער קאמאדע און פון דער דאזיגער הויך האט ער שטענדיג געפאקט א געלעגענהייט, בכדי צו ווארפען אדאם'ען א בליק, וועלכער האט ווי געזאגט: „מיר ביידע האבען זיך אונזערע סודות — נישט וואהר?"

צווישען אונזער פארשוין און אדאם'ען איז געשלאסען געווארען א זעהר ווארעמע און הערצליכע בעקאנטשאפט, וועלכע האט געדויערט א גאנצע „קופערנע" עפאכע און וואלט מסתמא אויך וויי טער געבליבען. נאר הערט א מעשה, אין א געוויסען טאג האט אדאם'ען אנגעשמעקט א גרויסער, רויטער עפעל, עס איז אבער קיינער נישט געווען, ווער עס זאל איהם געבען געלד דארויף. און דער קליינער איז אומעטיג געווארען. זיין קאמעראדין, די קלוגע עווא, האט איהם דאן פארשענד א פרעג געטהון: „צי האסטו נישט קיין געלד-פושקעלע?"

„איך האב, — האט אדאם געענטפערט — איך וויל אבער אן עפעל!"

די קליינע עווא האט זיך שטארק פונאנדערגעלאכט און דערביי האבען די אויגען געלאכט ווי צוויי רויטע עפעלעך.

„צי האסט נישט אין פושקעלע קיין געלד?"

מיט פערדראס האט זיך אדאם דערמאהנט אין די אלע גרויסע קיילעכיגע קופערנע מטבעות, וואס ער האט אריינגעווארפען אינ'ם פושקעלע — צום ערשטען מאל האט ער זיך אין זיי דערמאהנט מיט פערדראס.

„געוויס איז דארט פארהאן געלד — האט ער געענטפערט, — עס ליעגט דאך אבער אין מיטען!"

עווא האט זיך ווידער פונאנדערגעלאכט.

„דו קענסט דאך עס ארויסנעהמען דורך דעם זעלבען שפאלט, דורך וועלכען דו האסט עס אריינגעווארפען" — האט זי ערקלערט.

„געוויס! — האט דער קליינער געענטפערט, פערשעמט מיט זיין אונוויסענהייט, אבער אין דער זעלבער צייט אויך ענטציקט פון דער ענטדעקונג — גוארט א ווילע — מיר'ן באלד האבען אן'עפעל!"

און ער איז אין אָטעם אַהײם געלאָפן און האָט פערלאַנגט, מען זאָל איהם פון דעם גאָלד־פּושקעלע אַ גראָשען אַרויסנעהמען.

בײַ דער קאָמאָדע איז דאַן געשטאַנען דעם יונגעל'ס מוהמע. זי האָט אויף איהם אַ שאַרפען קוק געטהון, האָט וואָרנענדיג דעם פינגער אויפגעהויבען און געזאָגט: „אויף נאַשערײַען טאָר מען קײן גאָלד פון פּושקעלע נישט אַרויסנעהמען!" —

די דאָזיגע ווערטער האָט זי אַרויסגערעדט מיט אַזאַ שטרענגען טאָן, אַז אַדאַם איז פּײַל אויס'ן בויגען אַוועקגעלאָפען צו זיך אין צימער. אָבער דער לעהמענער גולם האָט נאָך צײַט געהאַט צו וואַרפען אויף דעם יונגעל אַ האַרטען, פעראַכטענדען בליק, וועלכעם האָט פערוואונדעט דעם קינד'ס האַרץ. בײַ זיך אין צימער האָט ער איבער אַ בלומען־טאָפּ זײַנע טרערען פערגאָסען...

עוואַ ווידער האָט אַלץ געוואַרט אויף איהר קאַמעראַד און וואַרטענדיג אַ לענגערע צײַט, האָט זי זיך צוגעקיהלט און אַנשטאָט אַנ'עפּעל האָט זי געמוזט אַ סך ביטערע רפואות אַראָבשלינגען.

פון יענעם טאָג אָן האָבען די בעציהונגען צווישען דעם יונגעל און דעם פעטען פאַרשוין פערלוירען זײַער פריהערדיגע הערצליכקײַט. וויפיעל מאָל עס איז יעצט אויסגעקומען אַרײַנצוואַרפען אַ מטבע אינ'ם האַלז פון דעם גיעריגען פאַרשוין, האָט זיך בײַ אַדאַם'ען אַרויסגעריסען אַ געשרײַ, אַז אַט ווערט ווידער פערלוירען אַ שעהן, רויט עפּעלע. ער איז שוין מעהר נישט צוגעלאָפען פרעהליך צו דער קאָמאָדע, ער האָט שוין מעהר נישט אַרויפגעקלעטערט מיט לוסט אויפ'ן שטוהל. אויך דער אַלטער פאַרשוין האָט שוין נישט געלאַכט אַזוי ווי פריהער: — מעגליך, אַז ס'האָט איהם פערדראָסען, וואָס מ'האָט צו איהם דעם צוטרוי פערלוירען, מעגליך, אַז דער בויך איז איהם צו־שטאַרק אָנגעשוואָלען געוואָרען פון די אַלע געלדער, וואָס ער האָט אַראָב־געשלונגען — ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, אַדאַם'ען איז ער יעצט ערשינען האַרט און שטאָלץ. ווען מען האָט איהם אַ טרײַסעל געטהון, האָט ער געענטפערט מיט עפּיס אַ שווערען, פוילען קול, מיט אַ קול פון אַ מענטשען, וואָס קאָן נישט דאָס עסען פערדײַען.

ענדליך זענען די אונערטרעגליכסטע מינוטען אין אַדאַם'ס לעבען געוואָרען — יענע מינוטען, ווען מ'האָט איהם געלד געגעבען. מיט כעס און פעראַכטונג האָט ער דעם קיועלער זײַנעם מיט'ן געלד איבער'ן מויל געשלאָגען. — אַך, ווי גוט וואָלט עס זײַן, ווען ער זאָל אָנהויבען צו שרײַען פון צײַהן־וועהטאָג! — האָט ער געטראַכט.

עס איז פערשוואונדען געוואָרען אדאַם׳ס פריהערדיגע פרעהליכקייט. און אדאַם איז געוואָרען אַ אומעטיגער, אונצופריעדענער יונגעל, וועלכער האָט שנעל זיינע מלבושים צוריסען — בעזונדערס אין עלענבויגען — און האָט שלעכט אויסגעזעהן. דערפאַר אָבער האָט דער לעהמענער פאַרשוין אויסגעזעהן אַלץ בעסער, אַלץ ברייטער האָבען זיינע ליפּען געלאַכט — און ער איז פון טאָג צו טאָג פעטער געוואָרען. וויפיעל מאָל עס איז איהם אויסגעקומען נעבען איהם דורכצוגעהן, איז אדאַם געוואָרען קליין, זעהר קליין — נאָך קלענער, ווי ער איז געווען אין דער אמת׳ען. אַנדערע קינדער האָבען געוואוסט פון אַ לעבען אויף דער וועלט, אויף דער גאַס האָבען זיי זיך געקויפט צוקערלעך, קאַלקאַמאַניע און נאָך פיעל גוטע זאַכען... נאָר ער איינער האָט זיך געמוזט צו דעם אַלעם צוקוקען און מיט האַרץ־קלעמעניש ברענגען קרבנות דעם לעהמענעם געטץ זיינעם.

איינמאָל איז געקומען צו גאַסט דער פעטער, דער זעלבער, וואָס האָט איהם געשאָנקען דאָס געלד־פושקעלע. „וויפיעל אַנ׳ערך קאָן דאָרט זיין געלד?" — האָט ער געפרעגט. דאָס האָט אדאַם נישט געוואוסט, ער האָט נאָר גערעכענט, אַז עס וועט דאָרט אפשר זיין אַכציג גראָשען. אַזוי האָט ער אויך געענטפערט. די דערוואַקסענע אָבער האָבען בערעכענט, אַז אין דעם פושקעלע וועט שוין זיין אַ היבש ביסעל קראַנען.

„דאָס איז שעהן! — האָט דער פעטער אויסגערופען — דאָס איז שעהן! אויב עס וועט אַזוי ווייטער געהן, בין איך זיכער, אַז איידער דו וועסט אויפוואַקסען, וועסט שוין זיין אַ גאַנצער מענש, ווי מען זאָגט; עס זאָל נאָר געהן אַזוי ווייטער, מיין קינד!" —

אדאַם אָבער האָט נישט געהערט וואָס מען האָט צו איהם גערעדט. אַ דומפּפער כעס האָט זיך אין איהם ערוועקט, פאַר וואָס מען האָט ביי איהם אַזוי פיעל אוועקגערויבט, און עס האָט זיך אין איהם פאַנאַנדערגע־ברענט אַ פערלאַנג, אַ בעגעהר אַ שטוים טהון דעם לעהמענעם גולם אַזוי, אַז ער זאָל צערשמעטערט ווערען אויף פיץ־פיצלעך... וואָרום אונשטערב־ליך איז ער דאָך מסתמא נישט געווען... וויפיעל מאָל ער איז יעצט פאַרבייגעגאַנגען נעבען דער קאָמאָדע, האָבען איהם די פינגער אַזש געקיצעלט... אַריינוואַרפענדיג זיינע גראָשענס, האָט ער געפּרובט דעם אַלטען אַ שטוים טהון מיט׳ן עלענבויגען. יענער אָבער איז געשטאַנען פעסט אויף איין אָרט — ער האָט אַפילו קיין ציטער נישט געגעבען...

מיט שפּאָט און פעראַכטונג האָט ער געענטפערט אויף דעם יונגעלס

נישט דרייסטע בליקען. איינמאל האט זיך אדאמ'ען זאגאר געדוכט, אז דער אלטער וויל איהם בעטריגעריש א כאפ טהון מיט די צייהן פאר'ן פינגער...

און אדאם איז געקומען צום געראנק, אז ער וועט נישט וויסען פון קיין גליק און פון קיין רוהה, אזוי לאנג ווי יענער דארט וועט לעבען... ער — אדער יענער! פאר זיי ביידען איז קיין ארט נישטא אויף דער וועלט! און אין דער אמת'ן: ער וועט זיך מיהען און מאטערן, ליידען צרות, אויסשטעהן ערנידערונגען און אט יענע אלטע בריה וועט זיך פאשען און פעט ווערן? ער וועט, הייסט עס, דארען און קווארען, בכדי יענער זאל לעבען פון זיין בלוט און שווייס?...

נאר צו קיין טהאט איז אדאם נישט צוגעטראטען, ווארום ער האט זיך געשראקען, מען זאל נישט בעמערקען, אז ער וויל בכיוון צערשטעטערן דעם גולם...

און דערצו איז ער נאך קראנק געווארען אויף א פיבער.

ווען ער איז אלזא געלעגען צו בעט און געהאט פאר די אויגען דעם מיאוסען אבשטויסענדען פארשוין, האט זיך אדאם'ען אין דער האלב דונ־קעלקייט געדאכט אז אט וואקסט דער שונא זיינער, אט ווערט ער ווידער קלענער און אז ער סטארעט זיך מיט אלע מעגליכקייטען צוציהען צו זיך זיין אויפמערקזאמקייט, בכדי איהם צו שטערען זיין רוהה.

אבער די רעכטע חתונה האט זיך אנגעפאנגען ערשט ביי נאכט.

אט איז דער פארשוין אויפגעשטאנען פון זיין ארט, האט אבשיילין אויסגעצויגען זיינע קורצע פיס, האט זיך צוגערוקט צום ראנד פון דער קאמאדע און אנגעפאנגען זיך אראבגליטשען אויפ'ן ווענדטעל פון דעם גערעטה. ווען ער איז אראבגעשפרונגען אויף דער ערד, האט ער אזא שטארקען קלאפ געגעבען, אז אדאם'ען האט עס אזש אין בעט א טרייסעל געטהון. דעם אלטען אבער האט דער דאזיגער שפרונג קיין שום שאדען נישט געבראכט: וואקלענדיג זיך אויף זיינע קורצע פיס, האט ער זיך גע־לאזט געהן צום בעט.

יעצט אבער איז ער שוין נישט געווען קליין, פערקעהרט: ער איז געווען גרויס: ווי יעדער דערוואקסענער מענש און דאס מויל איז ביי איהם געווען נאך גרעסער, ווי געוועהנליך. ער האט ארויסגעצויגען דעם קאפ פונ'ם פעטס, אין וועלכער דער לעצטער איז געווען איינגעגראבען און — א מערקווירדיגע זאך — יעצט איז ער עהנליך געווען צו א געוויסען ברייט-ביינינגען, רויטען העררן, וועלכער איז א מאל געקומען צו פאהרען

אין אַ אײגענע קאַרעטע צו דעם יונגעל'ס עלטערן. און װעלכען אלע האָבען גערופען: „העדר דירעקטאָר". אַ דירעקטאָר פון אַ געלדבאַנק איז יענער העדר געװעזען.

דער אַלטער האָט זיך אַנידערגעשטעלט בײַ דעם יונגעל האַרט צו קאָפּענס; ער האָט געלאַכט. פונ'ם לאַכען האָט זיך בײַ איהם דער בויך אױש געטרײסעלט. די הענד האָט ער געהאַלטען אין די טאַשען און גע־קלונגען מיט'ן געלד. מעהר פון אַלץ האָט געקלונגען דאָס זילבער, װאָרום די קופּערנע מטבעות זענען געלעגען ערגיץ טיעף אויפ'ן דעק און האָבען זיך שוין קוים־קוים אָבגערופען.

„חאַ — חאַ — חאַ! — האָט ער געלאַכט — נו, קלײנער װי געהט עס?"

אָבער אַדאַם האָט נישט געקאָנט קײן װאָרט אַרויסרעדען, אָבוואָהל ער האָט זעהר גוט געװאוסט, אַז שװײַגען איז נישט אַנשטענדיג.

„חאַ — חאַ — האָט דער אַלטער װײַטער געלאַכט — אַזוי ליעגסטו, הײסט עס, אין בעט!.. נו — און עס קומט דיר גאָר נישט אויפ'ן זינען, אַז דו זאָלסט מיך צערשמעטערן — װאָס? —"

און אַזוי איז עס טאַקי געװעזען. נאָר מעהר פון אַלעם האָט דעם יונגעל געשראָקען דאָס אומגעהויערע מויל פונ'ם אַלטען און ער האָט זיך געסטאַרעט מיט אַלע קרעפטען װי אַם טיעפסטען צו בעגראָבען דאָס פּנים אין קישען.

„יאָ — לויט װי איך זעה, ליעגט דאָס דיר שוין מעהר נישט אין קאָפּ — האָט דער אַלטער פאָרטגעזעצט — און ד'װעסט, כ'לעבען, זעהר גוט טהון, אויב ד'װעסט דעם דאָזיגען געדאַנק דײַנעם אײנמאָל פאַר אַלע מאָל אַװעקװאַרפען. צי װײסטו, װער איך בין?"

אַדאַם האָט קוים אַרויסגעשטאַמעלט:

„דו ביזט מײַן גע־עלד פּושקעלע — מײַן לעהמענער גו..."

ענדיגען דאָס װאָרט האָט ער שוין נישט געקאָנט.

דאַן האָט דער אַלטער אַרויסגענומען די הענד פון די טאַשען. און שרעקליך זענען געװעזען די דאָזיגע הענד, װעלכע זענען נאָך אַזוי פיעל יאָה־רען פלוצים בעלעבט געװאָרען! אַדאַם האָט מיט שרעק דערזעהן, אַז דער פּאַרשוין אונזערער האָט גראָבע, קורצע פינגער, רויטע װי בלוט און בעפּוצט מיט גאָלדענע רינגען.

דער אַלטער האָט אַלזאָ אַרויסגענומען די הענד פון די טאַשען און זײ צוגעפּנעלעגט אויף דער ברוסט.

„איך בין — קאפיטאל! — האט ער אנגעפאנגען — ציי ווייסטו, קליינער, וואס דאס איז אזעלכעס? אט וועל איך דיר ערקלערען. ארויסרעדען דעם דאזיגען ווארט קאנסטו דאך, קא־קא־ אזוי ווייטער. קאפיטאל איז די וויכטיגסטע זאך אויף דער וועלט און מען דארף זיך אויף איהר פערשטעהן, ווארום דאס איז די איינציגע זאך, וואס איז עפים. ווען דו וועסט אויפוואקסען, קליינער, וועסטו קעמפפען און ארבייטען. און אין א געוויסען טאג וועסטו שטארבען. דאן וועט מען דיך אריינלעגען אין א שווארצען קאסטען, דעם קאסטען וועט פיהרען א קוטשער מיט זילבערנע לאמפאסען און די פערד וועלען אויך זיין בעפוצט מיט שווארצען טוך און מיט זילבערנע שטרייפען... עס איז נאך אבער א פראגע, צי דו וועסט האבען די זילבערנע שטרייפען מיט דאס איבריגע?... דאס וועט זיך וועדען אן דעם, וואס דו האסט ביים לעבען געטהון: צי דו האסט כאטש עטוואס, נישט קיין סך, פערגרעסערט דעם קאפיטאל. אויב נישט — דאן וועסטו נישט בעקומען נישט קיין מיטאג, נישט קיין טהעע, דאן טארסטו בכלל נישט עקזיסטירען — ד'פערשטעהסט?... געדענק־זשע אלזא, מיין פריינד, אז דאס וואס שפייז איז פאר קינדער און דערוואקסענע, דאס ביזטו און אנדערע פאר מיר. איך פערצעהר אייך, איך וואקס און איהר — פערשווינדט. איך בלייב — איך... דער ראסט האט אויף מיר קיין שליטה נישט... איינענטליך זיין איך גאר און פאהר — אבוואהל דו זעהסט דאס נישט. עס פיהרט מיך א וואגען, וועלכער ווערט געשלעפט דורך פיעל פערד, און די פערד זענען: מענער, פרויען און קינדער. זיי שלעפען מיך אזוי לאנג ביז זיי ווערען אלט און שטארבען... איך אבער פאהר ווייטער און ווער אלץ פעטער... ווען דו וואלסט מיך געוועזען געשעצט און געליעבט, דאן וואלט איך דיך צו זיך אין וואגען אריינגענומען — איך האב דארט מיט זיך עטליכע... נאר וויייל דו האסט מיך פיינד, טא שטעק־זשע דארט!... נאר — צערשמעטער מיך נישט, איך בעט דיך!... האב רחמנות אויף א ארעמען זקן!..."

די לעצטע ווערטער האט דער אלטער ארויסגערעדט מיט אזא שפאטישען און פערעכטליכען טאן, אז דער יונגעל האט זיך פאנאנדערגעוויינט פאר כעס.

דאן איז אונזער פארשוין ערשט ארוים פון די כלים: ער האט פערגלאצט די אויגען, האט נאך נידריגער אראבגעבויגען דעם קאפ צום יונגעל'ס פנים און האט פאנאנדערגעעפענט דאס מויל אזוי, גלייך ווי ער וואלט איהם מיט'ן בעט געוואלט איינשלינגען. אוים שרעק האט אראם

א גוואלדיגען געשריי געטהון און געפאלען אין אהנמאכט. ווען ער איז צו
זיך געקומען, האט שוין געברענט א ליכט. דער אלטער איז שוין נישט
געווען, ד. ה. ער איז געשטאנען אויף זיין פריהערדיגען ארט און האט
אויסגעזעהן ווי געווענליך. אבער קוקען אויף איהם האט שוין אדאם
מעהר קיין מוטה נישט געהאט. ער האט געבעטען, מען זאל אראבנעה-
מען פון דער קאמארע „יענעם דארט", וואס מען האט אויך מיט פערוואונ-
דערונג באלד ערפילט.

און אדאם איז געזונד געווארען. נאר אלע האט ער פערוואונדערט
מיט זיין אונגעוועהנליכען אבשיי צו דעם געלד-פושקעלע; ער האט נישט
געוואגט אויף איהם די אויגען אויפצוהויבען. ווען עס איז איהם אויסגעקו-
מען אריינצוווארפען געלד אינ'ם פושקעלע, איז ער דערצו צוגעטראטען
אזוי, גלייך ווי ער וואלט מורא געהאט, ער זאל זיך אן איהם די פינגער
נישט אבבריהען... אויך האט ער געבעטען, מען זאל איהם בעפרייען פון
דער דאזיגער פפליכט, נאר זיין ביטע איז, פערשטעהט זיך, געבליבען
נישט ערפילט.

עס קאן זיין, אז מיט דער צייט וועלען צווישען דעם אלטען און
אדאם'ען ווידער זיך פערבינדען פריינדליכע בעציהונגען. עס איז אבער
שווער צו גלויבען, אז נאך דעם ווי דער אלטער האט ארויסגעוויזען איבער
דעם יונגעל אזא מורא'דיגע קראפט, זאל ווען עס איז צווישען זיי ווידער
הערשען א פאלשטענדיגע הארמאניע, עס קאן אבער אויך געשעהן, אז
אין א שעהנעם פריהמארגען וועט אדאם צונויפקלויבען דעם מוטה און —
צערשמעטערן דעם גולם...

ווארום, צווישען אונז רעדענדיג, ווייס ער דאך גאנץ גוט, אז ער
איז אוים לעהם...

איבערזעצט פון ב—ר.

סעלמא לאגערלאף.

דאס אנטלויפען נאך מצרים.

לעגענדע.

א מאל, א מאל, שוין הונדערטער יאהרען לאנג, האט געוואקסען אין איינעם פון די מזרח־מדבריות א פאלמע וועלכע איז אונגעהויער אלט און אונגעהויער הויך געוועזען. אלע, וועלכע זענען דורכגעגאנגען דיזען מדבר פלעגען זיך אבשטעלען צו בעטראכטען און צו בעוואונדערן איהר, דען אויף אזוי פיעל איז זי העכער געוועזען פון אלע אנדערע פאלמען אז עס איז שוין געווארען א געוואהנהייט צו זאגען אויף איהר אז ווען עס איז וועט זי אויך די אבעליסקען און פיראמידען איבערשטייגען.

איין מאל, ווען די איינזאמע פאלמע האט אין דער טיעפקייט פון מדבר געקוקט און טיעף בעטראכט די וויסטעניש־געגענד, האט זי פלוצלונג בעמערקט אזוינס וואס האט ביי איהר א זא גרויסע פערוואונדערונג ארויסגערופען אז איהר מעכטיגע בלעטער־קרוין וואס האט בעדעקט איהר ריעזיגען בוים־ווענדען האט זיך אנגעהויבען שאקלען אין אלע זייטען. — דארט, ביים מדבר־האריזאנט האט זי צוויי איינזאמע וואנדערער בעמערקט. זיי זענען נאך אויף א זא ווייטער שטרעקע געוועזען פון וואנען קעמלען זעהען אויס נאר ווי מילבען, אבער דאס זענען דאך זיכער געוועזען צוויי מענשליכע וועזענס. און פרעמדע ביידע: די פאלמע האט דאך, אהן צווייפעל, געקענט דערקענען די איינוואהנער פון דיזער וויסטעניש. דאס זענען א מאן און א פרוי געוועזען, וועלכע קיינער האט נישט בעגלייט, וועלכע האבען נישט געהאט מיט זיך נישט משא־עולען, נישט קיין לייוענד־געצעלט און זאגאר אויך נישט קיין וואסער־לאגעל.

„דאס זענען דאך, ווירקליך, רייזענדע — האט די פאלמע געזאגט רעדענדיג צו זיך אליין — וואס קומען אהער שטארבען".

און זי האט א שנעלען בליק ארום זיך געווארפען.

„מיך וואונדערט זעהר — האט זי געזאגט — וואס די לייבען האבען

זיך נאָך נישט געוואָרפען אויף זייער רויב ; איך זעה זאָגאַר נישט קיין בעוועגונג , איך בעמערק אפילו נישט קיין איין מדבר־גזלן , אָבער נאָך א ווײַלע און באַלד מסתמא וועלען זיי זיך אַלע ווײַזען .

„אונטער זיעבען פערשיעדענע פאָרמען , טראַכט זיך די פּאַלמע , ער־וואַרט זיי דאָ דער טויט : די לײבען וועלען זיי פערצוקען ; די שלאַנגען וועלען זיי צובײַסען ; דער דאָרשט וועט זיי אויסטריקענען ; די ערד וואָס די שטורם־ווינדען טראָגען וועלען זיי פערשיטען ; די מדבר־גזלנים וועלען זיי אויסקוילענען ; דער זונען־פײַער וועט זיי פערברענען ; די שרעק וועט זיי פערניכטען" .

„און זי האָט געוואָלט אָנהויבען טראַכטען וועגען עטוואָס אַנדערש . דער ביטערער גורל וואָס ערוואַרט דיעזע צוויי וועזענס האָט איהר מעלאַנ־כאָליש געמאַכט .

אָבער אין דער גאַנצער וויסטעניש־געגענד וואָס רינגעלט אַרום דיע־זער פּאַלמע איז קיין איין זאַך נישט געוועזען וואָס זי זאָל נישט קענען , וואָס זי זאָל נאָך נישט האָבען בעטראַכט פיעל מאָל אין דעם משך פון די טויזענד יאָהר וואָס זי עקזיסטירט דאָ , און דערום האָט קיין זאַך נישט געקענט צוציהען איהר אויפמערקזאַמקייט און נישט ווילענדיג האָבען זיך איהרע געדאַנקען צוריק איבערגעטראָגען אויף די אומגליקליכע רײַזענדע .

„דורך שטורם און דאָרשט ! — האָט אויסגעשריען די פּאַלמע אַרויסרופענדיג די גרעסטע לעבענס־פײַנד פון דער וויסטעניש ; וואָס טראָגט דאָס די פרוי אויף איהר האַנד ? איך דענק אַז דיעזע אונזיניגע מענשען שלעפען מיט זיך אַ קליין קינד !"

און די פּאַלמע וועלכע האָט אַ ווײַטען בליק געהאַט , פונקט ווי עס טרעפט בײַ פיעל אַלטע , האָט טאַקי קיין טעות נישט געהאַט : די פרוי האָט אויף איהר האַנד אַ קינד געטראָגען וועלכעס האָט געשלאָפען האַלטענדיג אָנגעשפאַרט זײַן קאָפּ אויף די אַקסלען פון זײַן מוטער .

„און דאָס אָרעם קינד האָט זאָגאַר קיין בגד'על נישט אויף זיך , האָט ווײַטער געזאָגט די פּאַלמע . איך זעה ווי די מוטער האָט איהר קלייד פון זיך אויסגעטהון אויף אײַנצוּוויקלען דעם קינד , מסתמא האָט זי איהם אַ שלאָפענדיגען פון וויעגעלע אַרויסגענומען און איז גלײַך אַנטלאָפען מיט איהם . יאָ , איך פערשטעה שוין יעצט אַלעס : דאָס זענען אַנטלאָפענע .

„אָבער זייער אונזיניגקייט ווערט דאָך צוליעב דעם נישט קלענער , האָט מוסיף געווען די פּאַלמע , אויב זיי האָבען נישט קיין מלאך וואָס זאָל זיי בעשיצען וואָלט פאַר זיי פיעל גלײַכער זײַן איבערצוגעבען זיך דער

בעזוקייט און ווילדקייט פון זייערע פיינד אײדער אין דער וויסטעניש צו אַנטלויפען.

„איך שטעל זיך מיר שוין יעצט פאָר ווי די גאַנצע מעשה איז פאָרגעקומען. דער מאַן איז ביי דער אַרבייט געווען, דאָס קינד האָט רוהיג אין וויגעלע געשלאָפען, די פרוי איז אַרויסגעגאַנגען אָנשעפען וואַסער. און ווי נאָר זי האָט דעם שוועל פון איהר טהיר אָבגעטראָטען האָט זי דערזעהן די פיינד וועלכע לויפען צו זיי. זי האָט זיך צוריק אין שטוב געוואָרפען, געחאַפּט דעם קינד אויף די הענד, געשריען צום מאַן ער זאָל איהר נאָכפאָלגען און איז אַוועק. אַ גאַנצען טאָג זענען זיי געלאָפען; זיי האָבען זיכער קיין איין מינוט נישט אָבגערוהט. יע, געוויס איז אַלעס אַזוי פאָרגעקומען, אָבער איך זאָג נאָך אַ מאָל אַז אויב אַ מלאך וועט זיי נישט בעשיצען ...

„זיי זענען נאָך אַזוי צושראָקען פון פיינד אַז זיי פיהלען נאָך נישט קיין מידקייט, קיין שמערצען, אָבער איך זעה שוין אין זייערע אויגען דעם פייער פון דורשט און איך דערקען דאָך שוין גוט די געזיכט פון אַ דאָרשטיגען!”

און קלערענדיג וועגען גרויזאַמען דאָרשט האָט אַ קאָנוואולסיווע ציטערניש אַרומגענומען דער ריעזיגער פאַלמע; זי האָט זיך אָנגעהויבען טרייסלען און איהרע בלעטער האָבען אָנגעפאַנגען אייינצוקאָרטשען זיך פונקט ווי מען וואָלט זי אויף פייער אַרויפגעלעגט.

„ווען איך וואָלט אַ מענש געווען, האָט געזאָגט די פאַלמע, וואָלט איך זיך קיינמאָל נישט וואַגען צו לאָזען זיך געהן אין אַזאַ מדבר. זעהר אַ מוטהיגער איז יענער וואָס ריזיקירט אין דער וויסטעניש צו געהן, נישט האָבענדיג קיינע גרונדליכע מעגליכקייטען די אונטער־ערדישע וואַסערן צו ערגרייכען. די וויסטעניש איז פאַר אַלעמען אַ סכנה, זאָגאַר פאַר די פאַלמען, אפילו פאַר אַזאַ פאַלמע ווי איך.

„ווען איך וואָלט זיי קענען רעטען וואָלט איך זיך ביי זיי געבעטען צוריק אַהיים אומקעהרען זיך. זייערע שונאים קענען ניעמאַלס אַזוי גרויזאַם צו זיי נישט זיין ווי די וויסטעניש. אפשר מיינען זיי אַז דאָ איז גרינג צו לעבען? אָבער איך, איך וויים דאָך אַז עס זענען געווען מאָמענטען ווען נאָר דורך גרוים מיה איז מיר קוים געלונגען מיין לעבען איינצוהיטען. איך דערמאָהן זיך ווי איינמאָל, אין מיין יוגענד נאָך, האָט אַ גרויסער שטורם־ווינד אַגאַנצע באַרג ערד אויף מיר אַרויפגעוואָרפען און איך בין

שיער נישט דערשטיקט געװאָרען. װען איך װאָלט שטאַרבען װאָלט זיבער דיעזער טאָג מײַן לעצטער געװעזען".

און די פּאַלמע האָט פאָרטגעזעצט איהרע געדאַנקען אויפ'ן קול פּונקט װי אַלע אײנזאַמע אַלטע טהוען.

„איך הער, האָט זי געזאָגט, װי אַ אונגעװעהנליכער מורמלען געהט דורך מײַנע בלעטער און זײ ציטערן און פלאַטערן. איך װײס נישט װאָס אַזױנס דרינגט דורך מײַן װעזען דערזועהענדיג דיעזע אומגליקליכע װאַנדערער. אָבער די טרױעריגע פרױ, װי שעהן זי איז! זי דערמאָהנט מיך די אויסעראָרדענטליכע אומשטענדען פון מײַן לעבען".

און אין דער צײַט װאָס די בלעטער האָבען זיך געשאָקעלט אויף אַלע זײַטען מיט אַ מעלאָדישען מורמלען, האָט זיך די פּאַלמע דערמאָהנט װי אַמאָל, זעהר לאַנג שוין, האָבען זיך צװײ בעריהמטע רײַזענדער אָבגע־שטעלט אין דיעזען אָאַזיס. דאָס זענען געװעזען די מלכּת שבא מיט דעם קלוגען קעניג שלמה. די שעהנע קעניגין האָט זיך צוריקגעקעהרט אין איהר לאַנד. דער קעניג האָט איהר בעגלײט ביז אַהער און דאָ האָבען זײ נעדאַרפט צושײַדען זיך. „צום אַנדענקען פון דיעזען מאָמענט, האָט גע־זאָגט דאַן די קעניגין, פערטרױ איך הײַנט דיעזער מדבּר־ערד אַ טײַטעל־קערנדעל און איך װיל אַז פון דיעזען קערנדעל זאָל אַ פּאַלמע אויס־שפּראָצען, אַ פּאַלמע װאָס זאָל װאַקסען און לעבען אַזױ לאַנג ביז אין דער לאַנד פון יהודה װעט אױפשטעהן אַ קעניג גרעסער װי שלמה". און רעדענדיג דיעזע װערטער האָט זי פערגראָבען אין דער ערד דעם קערנדעל װעלכען זי האָט בענעצט מיט איהרע טרעהרען.

„אָבער װי קומט דאָס, האָט געזאָגט די פּאַלמע, װאָס גראַדע הײַנט איז מיר דיעזע געשיכטע אַרויף אויפ'ן זינען? איז דען דיעזע פרױ אַזױ פיעל שעהן װאָס זי דערמאָהנט מיך יענער מאַיעסטעטישער קעניגין דורך װעלכעם בעפעהל איך װאַקס און לעב ביז הײַנטיגען טאָג?

„איך הער, זאָגט די פּאַלמע, װי דער מורמלען פון מײַנע בלעטער פערגרעסערט זיך אָהן אויפהער; די טרױעריגע טענער גיסען זיך צוזאַמען און עם הערען זיך קלאַנגען פון אַ טױט־נגון. מען זאָגט אַז דאָס איז אַ פּראָזאַגע װעגען עמיצען, אַ לעבען װאָס דאַרף זיך ענדיגען תּכף; צום גליק אָבער װײס איך אַז נישט מיך מײנט מען מיט דעם, דען נאָך דעם װאָס די קעניגין האָט מיר געזאָגט קען איך נישט שטאַרבען".

די פּאַלמע האָט געקלעהרט אַז דער טױט־נגון װאָס הערט זיך פון איהרע בלעטער מײנט געװיס די צװײ אײנזאַמע װאַנדערער. און,

ווירקליך, זיי אליין האבען אויך גערעכענט אז זייער לעצטע שטונדע קלינגט שוין. מען האט עס געלעזען אויף זייערע פנים'ער אין דעם מאָמענט ווען זיי זענען פארביי געגאנגען איינעם פון די קעמעל-סקעלעטען וואס האבען די וועג פערשפרייט; מען האט עס געזעהן אין זייערע בליקען וואס זיי האבען געווארפען אויף א פאר מדבר-פויגעל וואס האבען זיך פערגלייכט מיט זיי אין זייער פליהען. ניין, עס קען נישט זיין אנדערש, זיי מוזען פערניכטעט ווערען..."

זיי האבען דערזעהן פון ווייטען דער פאלמע מיט דעם אָאזיס און זיי האט זיך געוואלט וואס גיכער אהין צוקומען, האפענדיג צו געפינען דאָרט וואסער אויף שטילען זייער דאָרשט, אבער קומענדיג נאהנט זענען זיי ביידע פערצווייפעלט געבליבען, דערזעהענדיג אז דער קוואל איז אויסגעטריקענט. די פרוי, דערשלאגען פון מידקייט, האט אנידערגעשטעלט דעם קינד אויף דער ערד און אליין האט זי וויינענדיג אנידערגעזעצט זיך אויפ'ן ברעג פון קוואל. דער מאן האט זיך אנידערגעווארפען נעבען איהר און ליעגענדיג אויף דער ערד האט ער מיט זיינע ביידע הענד געקריצט די אויסגעטריקענטע ערד. די פאלמע האט געהערט ווי זיי האבען גערעדט צווישען זיך וועגען זייער נאהנטען טויט.

די פאלמע האט זיך אויך דערוואוסט פון זייערע ווערטער אז דער קעניג הורדוס האט ארויסגעגעבען א גזירה צו טויטען אלע יודישע קינדער ביז צוויי אָדער דריי יאהר ווייל ער האט מורא געהאט טאמער געפינט זיך צווישען די נייגעבוירענע דער יענער גרויסער קעניג וועמען דאס פאלק פון יהודה ערווארטעט.

„דער מורמלען פון מיינע בלעטער ווערט אלץ גרעסער, זאגט די פאלמע, די לעצטע לעבענס-מינוטען זענען שוין געקומען פאר די אומגליקליכע אנטלאפענע".

זי האט אויך פערשטאנען אז די ווילדעניש שרעקט זיי. דער מאן האט געזאגט אז פיעל בעסער וואלט געווען צו בלייבען אין לאנד און מלחמה האלטען מיט די סאלדאטען איידער אהער צו קומען. ער האט אויך מוסיף געווען אז דארטען וואלטען זיי א פיעל זיכערן טויט געפונען.

„גאט וועט אונז העלפען", האט געזאגט די פרוי.

„אבער מיר זענען דאך דא אליין צווישען פיעל ווילדע חיות און שלאנגען, האט געענטפערט דער מאן. מיר האבען גאר נישט צו עסען, מיר האבען אפילו נישט קיין ביסעל וואסער אונזער דאָרשט צו שטילען, טא ווי אזוי זשע וועט אונז גאט קענען העלפען?"

זייענדיג פערצווייפעלט האָט ער זיינע קליידער צוריסען און האָט זיך מיט'ן געזיכט אויף דער ערד געלעגט. פונקט ווי אַ מענש וואָס האָט אַפּאָפּלעקסיע געקריגען איז ער פערצווייפעלט געווען.

די פרוי איז אויף די קניע געשטאַנען מיט פערבראָכענע הענד און איהרע בליקען וועלכע זי האָט אין דער וויסטעניש געוואָרפען האָבען אויס־געדריקט האָפנונגסלאָזיגקייט און אונענדליכען צווייפעל.

און די פאַלמע האָט געהערט ווי דער מורמלען פון די בלעטער פער־שטאַרקט זיך אַלץ. די פרוי האָט עס אויך געמוזט הערען; דען זי האָט אויפגעהויבען איהרע אויגען צום גרינעם בלעטער־קראַנץ וואָס האָט בע־קרוינט דעם בוים און מיט אַ פּלוצלונגער בעוועגונג האָט זי איהרע הענד צום שפּיץ בוים אויסגעשטרעקט. „אַך, טייטלען, טייטלען"! האָט זי אויס־געשריען. און אין איהר שטימע האָט זיך אַזאַ הייסער וועלענס־אויסדרוק געפיהלט אַז מיט'ן גאַנצען הארצען וואָלט וועלען די פאַלמע נישט העכער זיין פאַר אַלע אַנדערע כדי די אומגליקליכע פרוי זאָל לייכט קענען קלויבען איהרע טייטלען פונקט ווי יאַגדעס אין וואַלד. זי האָט גוט געוואוסט אַז צווישען איהרע בלעטער זענען פיעל טייטלען פאַרהאַן. אָבער ווי אַזוי זשע זאָלען די מענשען קענען דערלאַנגען זיי פון אַזאַ משונה'־דיגער הויך?

דער מאַן האָט שוין געזעהן אַז דיזע טייטלען זענען אונערגרייכ־באַר און דאַרום האָט ער אַפילו זיין קאָפּ נישט אויפגעהויבען. ער האָט אויך זיין פרוי צוגערעדט נישט צו טראַכטען וועגען דעם וואָס איז אונמעגליך...

אָבער דאָס קינד וואָס האָט זיך רוהיג געשפּיעלט מיט צווייגלעך און גראָז־וואָרצלען האָט דערהערט דעם געשריי פון זיין מוטער. ער האָט נישט געקענט פערשטעהן אַז זיין מוטער האָט נישט געקענט קריגען דאָס וואָס זי האָט געוואָלט. דערהערענדיג רעדען וועגען טייטלען האָט זיך זיין בליק צו דער פאַלמע געווענדעט. ער האָט געקלעהרט און געזוכט מיטלען ווי אַזוי די טייטלען צו דערלאַנגען. זיין גלאַטער קינדער־פּנים איז פול מיט קנייטשען געוואָרען. פּלוצלונג האָט אַ שמייכעל בעדעקט זיין געזיכט: ער האָט דעם מיטעל געפונען. ער האָט זיך דערנעהנטערט צו דער פאַלמע, האָט איהר געגלעט מיט זיינע קליינע הענדטלעך זאָגענדיג דערביי מיט אַ זיסער קינדער־שטימע:

„פאַלמע, בויג זיך איין! פאַלמע, בויג זיך איין!"
נאָר וואָס איז עס? וואָס זאָל עס בעדייטען?

די בלעטער פון דער פּאַלמע האָבען אָנגעהויבען קלאַפּען איינע אין די אַנדערע מיט אַ גערויש פּונקט ווי אַ שטורם וואָלט זיי שלאָגען. און דער גאַנצער בוים האָט זיך אָנגעהויבען וואַרפען אויף די זייטען פון שרעק.

און די פּאַלמע האָט געפּיהלט אַז דאָס קינד איז שטאַרקער פון איהר; זי האָט פערשטאַנען אַז זי וועט נישט קענען איהם געגענשטעהן און איהר ריזיגער בוים־וועזען האָט זיך איינגעבויגען פאַר'ן קינד פּונקט ווי די מענשען בויגען זיך פאַר פּרינצען. ווי אַ מאַיעסטעטישער בויגען האָט זיך די פּאַלמע געבויגען צו דער ערד און ענדליך איז זי געוואָרען אַזוי נידריג אַז איהר מעכטיגע בלעטער־קרוין האָט בעוועגענדיג זיך דעם שטויב פון דער וויסטעניש געקעהרט.

דאָס קינד איז נישט דערשראָקען און נישט ערשטוינט געווען. נאָר מיט אַ פרייד־געשריי האָט ער זיך דערנעהנטערט צו דער אַלטער פּאַלמע און האָט געקליבען די העננגלען טייטלען פון צווישען איהרע בלעטער.

ווען די טייטלען פון דער פּאַלמע זענען שוין אויסגעקליבען געווען און זי איז נאָך אַלץ איינגעבויגען געווען האָט זיך דאָס קינד ווידער דערנעהנטערט צו איהר, האָט איהר געגלעט מיט זיינע קליינע הענדטלעך און געזאָגט מיט אַ זיסער שטימע:

„פּאַלמע, גלייך זיך אויס! פּאַלמע, גלייך זיך אויס!"

און די גראַנדיעזע פּאַלמע האָט זיך שטיל און הערליך אויסגעגלייכט און איהרע בלעטער האָבען אַרויסגעלאָזען טענער ווי פון אַ האַרפּען־כאָר.

„יעצט ווייס איך שוין פאַר וועמען דער טויט־נגון איז געווען, האָט געזאָגט צו זיך די פּאַלמע אויסגלייכענדיג זיך. דאָס איז נישט פאַר קיינעם פון דיעזע רייזענדע".

דערווייל האָבען זיך דער מאַן און די פרוי געשטעלט אויף די קניע און האָבען גאָט געדאַנקט:

„דו האָסט געזעהן אונזער צער און האָסט אונז בעפרייט פון איהם. דו ביזט דער שטאַרקער גאָט. דו בויגסט עס איין דער ריזיגער פּאַלמע פּונקט ווי אַ דינעם ריטעל. פאַר יועלכע פיינד דאַרפען מיר מורא האָבען ווען דו ביזט אונזער בעשיצער?"

שפּעטער אַביסעל ווען אַ קאַראַוואַן איז דורכגעגאַנגען דעם מדבר האָט ער בעמערקט ווי די בלעטער פון דער פּאַלמע זענען פערוועלקט געוואָרען.

„ווי אַזוי האָט עס געקענט פּאַרקומען? האָט געפרעגט איינער פון

די רײזענדע. דיזער בוים האָט דאָך נישט געדאַרפט שטאַרבען אײדער ער האָט געזעהן אַ מעכטיגערן קעניג פון שלמה׳ן !״

„מעגליך אז ער האָט שוין געזעהן אזעלכען״ ! האָט געענטפערט אײנער פון זײנע מיטרײזענדע.

פון שוועדיש משה ליעבערמאַן.

נאָך מיצקעוויטש.

* *
*

בײ דעם גרויסען רײנעם וואַסער
הויכע פעלזען שטעהען
און דער רײנער וואַסער־אָבגרונד
שפּיגעלט אָב די רײהען.

בײ דעם גרויסען רײנעם וואַסער
לויפען שוואַרצע חמאַרעס
און דער רײנער וואַסער־אָבגרונד
שפּיגעלט אָב די מראות.

בײ דעם גרויסען, רײנעם וואַסער
בליצט אַ דינער־פײער
ס׳קול פערשטומט. דער וואַסער־אָבגרונד
שפּיגעלט אָב דאָס פײער.
און דאָס וואַסער גרויס און ליכטיג,
שטעהט ווי פריהער דורכזיכטיג.

דאָס וואַסער זעה איך אַרום דאָ
ריכטיג אַלץ ענטשייד איך
און די הויכע, שטאָלצע שטײנער
און די בליצען מײד איך.

שטײנער דאַרפען שטעהן און שרעקען,
וואָלקענס דאַרפען רעגען פיהרען,
בליצען־קנאַלען און פערשטומען:
איך שווימען, שווימען — און שווימען!...

א. קאמא.

איך האָב דאָך אײַך צו פערדאַנקען וואָס איך האָב בעקומען אַ זיכערע עקסיסטענץ! באַרמהאַרציגער גאָט, איהר קאָנט אײַך גאָרנישט פאָרשטעלען, ווי איך האָב מיך געשראָקען! — —

דער גוטהערציגער שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך צוערשט געפונען אַ ביסעל בעלײדיגט האָט איהר, גערירט פון איהרע לעצטע ווערטער, באַלד מוחל געווען און איהר מיט אַ טײלנעמענדיגען טאָן געענטפערט:

— אָה, איך שטעל עס מיר גאַנץ גוט פאָר! זיך און אַ קינד דורכצושלעפען און נישט וויסען ווי אַזוי? בררר! און איהר פרײַלײַן זאַנדערס, זײַט אַ צו שווערבלוטיגע פערזאָן, צו מאַכען שולדען האָט איהר שוין גאָר קײן טאַלענט נישט! ווען איך קלער מיר אַזוי וועגען אײַך — — — — — וואָס איך קאָן אײַך דאָך אַזוי גוט — — — — ווײס דער טײַוועל — — — — דאַן הויב איך אָן צו שטוינען פאַר דער עלעמענטאַרער מאַכט פון דער ליעבע! וואָס מוז דאָס זײַן פאַר אַ קראַפט, וואָס קאָן אַזאַ נאַטור ווי אײַערע מאַכען ציטערן און איבערוועלטיגען! און, ליעבע זאַנדערס, איצט זאָג איך אײַך זײַט „איהר" נישט בעז! — — טײלמאָל פרעסט מיך די נײַגיריגקײַט, אײַפערזוכט, אַלץ וואָס איהר ווילט, דאָך וואָלט איך געוואָלט קענען=לערנען דעם מאַן וואָס איהם איז געלונגען אײַך צו פערפיהרען! — —

— דוואָראַל!

— נו, נו! איך שווײַג דאָך שוין, קינד ליעבען!

שפעט אין דער נאַכט איז אַננאַ געזעסען מיט אַ בלײַפעדער און אין נאָטיץ ביכעל איהרע חשבונות געמאַכט. דעם 10 אָקטאָבער האָט זי געהאַט איהר אײַנעם 1400 מאַרק. דערפון געהט אַראָב: דרײַ חדשים דירה=געלד צו 170 מאַרק אַ חודש מאַכט אויס 510 מאַרק. — — דרײַ חדשים לויהן פאַר די טרײַע און איבערגעגעבענע קאָך צו 12 מאַרק אַ חודש האָבען מיר 36 מאַרק. — פאַר דעם וועהנאַכט=יום טוב 30 מאַרק. — — און ווי שפּאָרזאַם און אײַנגעהאַלטען זי האָט געלעבט איז איהר דאָך אַוועקגעגאַנגען זײַטיגע הוצאות נאָך 124 מאַרק. בסך הכל אַ סומע פון 700 מאַרק. בלײַבט איהר, הײסט דאָס נאָך 700 מאַרק. דערצו האָט זי נאָך בעקומען פאַר אַלע איהרע צירונג 230 מאַרק און פאַר איהר אַרבײַט האָט זי ערוואָרבען אין דער גאַנצער צײַט 197 מאַרק, דאָס איז ווידער 427 מאַרק. וואַרט נאָך אַמאָל אָקאָרשט, בין איך מיר נישט טועה? יאָ, עס שטימט 427 מאַרק! זי האָט אַלזאָ איהר נויט=גראָשען אויף אַ סומע פון 1127 מאַרק מזומן געלד אין

איהר קלײנעם אײזערנעם קאַסע־קעסטעל. דערפון איז ווידער עפּיס אַראָבּ־געגאַנגען; אָבּער ווען זי זאָל פלײסיג אַרבּײטען און נאָך דערצו צו־אַרבּײטען דורך די וואָך עטליכע איבּערשטונדען קען זי מיט איהר אָטטאָ גאַנץ אָרענטליך זיך דערנעהרען און דערצו נאָך אָבּשפּאָרען עטליכע גילדען אויף שפּעטער. אָטטאָ'ן קאָן זי זיכער אַנטרויען אויף דער גוטער פרוי קאָך, זי וועט שוין אויף איהם אַכטונג געבּען, אין דער צײט פון צעהן אַ זײגער אין דער פריה בּיז פינף דעם זײגער פאַר נאַכט, וואָס זי מוז זײַן אין געשעפט אויף די נײַע שטעלע! זי מוז האָבּען אַ פּערזאָן, אויף וועלכער זי זאָל זיך קאָנען פערלאָזען! די אָרעמע פרוי קאָן אָבּער פאַר דעם פרײַז, וואָס זי צאָהלט איהר יעצט, לענגער נישט בּלײַבּען, פאַר קײן פאַל נישט. זי מוז איהר וועניגסטענס געבּען נײַנציג טהאָלער, וועט זי מוזען פון זיך גופא אָבּשפּאָרען און אַ בּיסעל צולײגען. — דאָס ערשטע מאָל זײט זי וואָהנט דאָ האָט זי געקאָנט אײניגע שעה נאָכאַנאַנד רוהיג שלאָפען. אויף מאָרגען האָבּען זיך אַלע אין פּענסיאָן געפרעהט מיט דער שטעלע, וואָס אַננאַ האָט אין אינסטיטוט בּעקומען. זי אָבּער איז מיט אָטטאָ'ן אויף דעם בּית־עולם געגאַנגען און האָט די קברים פון איהרע עלטערן אויפגעזוכט; האָט זיך פאַר זײ אַ בּיסעל דאָס שווער־בּיטער האַרץ אַראָבּגעוויינט. דער־נאָך איז זי אויף די קבּרים פון די פאַמיליע דראָס געגאַנגען. דאָס קינד האָט געמוזט אַרויפלעגען די קרענצע אויף די האַרט געפראָרענע קבּרים. שפּעטער, זײַענדיג אויף דער גאַס שוין האָט אַננאַ געפיהלט דעם אמת'ן טעם פון מוטער־גליק, ווען זי האָט פון די פערבּײַגעהענדע געהערט אויס־רופען פון ערשטוינונג, קוקענדיג אויף דאָס וואונדער־שעהנע קינד איהרע, אָדער ווען מען האָט זיך אָבּגעשטעלט אויף איהם קוקען. — אָטטאָ, מײַן זיסינקער, ווערל איך נאָך אַ מאָל פון דיר נחת האָבּען? — האָט זי דעם קלײנעם געפרעגט, וואָס האָט נעבּען איהר מיט זײַנע קלײנע פיסלעך פעס־טע טריט געשטעלט.

— זאַ! — האָט ער געענטפערט צערשטרײַט, דען זײַנע געדאַנקען זענען מעהר בּעשעפטיגט געוועזען מיט אַ „קינד" וואָס איז פאַר איהם פער־בּײַגעגאַנגען ווי מיט איהרע פילאָזאָפיע.

נײַנטעם קאַפּיטעל.

ווידער איז דער ווײַהנאַכטען שוין פאַר דער טהיר געשטאַנען, דען

מען האט שוין די דאטע — דעם פירטען דעצעמבער נעשריבען. — אננא זאנדערס איז געשטאנען אנגעטהון אין אנ'איינפאכע שווארץ-זיידענע טאאלעטע אין דעם גרויסען זאל פון דעם קונסט-אינסטיטוט. זי האט נעהאט פיעל צו טהון, דען דער באלד אנקומענדיגער יום-טוב האט א סך קונים געבראכט. יעצט, מיטאג-צייט איז עם אביסעל רוהיגער געווארען. זי האט זיך א פערמאטערטע אויף א טייערן שטול ארויפגעזעצט און האט די אויגען פערמאכט. אין דערהיים האט זי געארבייט שפעט אין דער נאכט און באלד אין דער פריה זיך פון זיסען שלאף מיט געוואלד ארויסגעריסען און ווידער זיך געזעצט פלייסיג ארבייטען. ווי מיט א בייטש געיאגט האט זי געארבייט מיט דער גרעסטער אנשטרענגונג און זיך פון מויל אבגעשפארט, דעם ביליגסטען פערגניגען זיך נישט פערגונען. דאס ביסעל פרייע צייט וואס איז איהר געבליבען האט זי געשאנקען דעם יונגעל איהרען און די גוטע פריינד. קיין צייט צום נאך-קלערען האט זי נישט געהאט, קוים האט זי זיך א שווער-אנגעהארעוועטע אין בעט אריינגעווארפען איז איהר באלד דער שלאף ארויפגעפאלען. דאך האט זי זיך געפיהלט גאנץ גוט און איז מיט איהר איצטיגען שיקזאל העכסט צופריעדען געוועזען. זי האט יעצט צוריק איהר בליהענדיג געזונד אויסזעהן בעקומען. געליטען האבען, פון איהר שווער ארבייטען, מעהר פאר אלץ איהרע האר, זיי זענען איהר אין גאנצען גרוי געווארען, אבער די ווייכע זילבערנע פעדים איבער איהר רייצענד פריש געזיכט מיט די לייכטענדיגע אויגען האבען איהר נאך שענער געמאכט. איהר וואוקס האט ווידער איהר פריהערדיגע זעלבסטווירדיגע האלטונג בעקומען. מיט איין ווארט, אננא זאנדערס איז יעצט, נאהנט צו דרייסיג יאהר, שענער געוועזען ווי פריהער! — איהר בעל הבית איז מיט איהר העכסט צופריעדען געוועזען און האט איהר שטענדיג גערופען „מיין גלאנצענדיגער ליכטיגער שטערן”. ער האט איהר בעהאנדעלט זעהר גוט און פון אקטאבער האט ער איהר געהעכערט דעם לויהן פון צוויי הונדערט דרייסיג מארק מיט'ן איינגענעם ווילען אויף צוויי הונדערט פופציג מארק. זי האט זעהר גוט פערשטאנען צו געווינען די אכטונג פון די קונים, ווען זי איז נאר ביים פערקויפען געשטאנען האט זיך שוין קיין קונד נישט געדונגען. די זאכען, וואס זי האט מיט איהרע געשיקליכע הענד אויסגעפערטיגט האבען א סך בעלנים געפונען און מען האט זיי באלד צו זעהר גוטע פרייזען פערקויפט. אין די שטילע זומער-חדשים האט זי שוין פארגעברייט אויף די ווייהנאכטס-צייט. — — צייט דעם ערשטען אויגוסט האט זי שוין מעהר נישט געוואהנט ביי

באל אין פענסיאן און האט דעריבער שוין געקאנט די פרוי קאך אבלאזען.

פרײלײן ב ע ר ט ה א ר א ז ם איז געווארען פרוי לעהרער ש נ ע ו ו י נ ד. די דאזיגע טרײע פרײנדין איז אננא'ן ביז צו לעצט טרײ געבליבען. זי האט בײ איהר מאן געפועלט ארײנצונעהמען א נ נ א' ן מיט איהר קינד צו זיך אין וואהנונג. זי איז איבערגליקליך געווען וואס זי האט אהײם פאר זיך געפונען און האט זיך אין גאנצען פאר איהר ליעבען מאן אויפגעאפפערט און האט דעם קלײנעם אטטא'ן אזוי צערטליך בעהאנדעלט ווי זי וואלט זײן אײגענע מוטער געווען. זי האט אבער אויך א נ נ א' ן בעהאנדעלט ווי א טרײע שוועסטער און איז כמעט אײפערזיכטיג געוועזען אויף א נ נ א' ן ווען זי האט זיך אמאל מיט דעם קינד צופיעל אבגעגעבען. אט די דאזיגע ניט שײנע און מאגערע פרײלײן, וואס האט פון לעבען אזוי וועניג געגאסען האט יעצט ערשט ווי א פערשפעטיגטע בלום אנגעהויבען צו בליהען. אויף דער פרײלײן ב ע ר ט ה א ר א ס ט האט זיך קײנער ניט ארומגעקוקט, קײנער האט איהר ניט די מינדעסטע אויפמערקזאמקײט געשאנקען. פרוי ב ע ר ט ה א ש נ ע ו ו י נ ד אבער, וואס איהר געזיכט האט פאר גליק געשטראהלט האט א'עמען צו זיך געצויגען און פעראינטערעסירט; עפיס איז איהר געזיכט אויסגעקלערט, איהרע אויגען ליכטיגער געווארען. —

א נ נ א האט געקלערט איבער די גוטע ווענדונג וואס איהר שיקזאל האט אנגענומען און שטיל גאט געדאנקט. אמת עס האט זיך נאך טיעף אין איהר הארץ געפיהלט א פוסטקײט, וואס מען האט עס ניט געקאנט מיט קײן זאך אויספילען! אבער וואס האט זי געזאלט טהון, מיט וואס האט זי זיך געקאנט העלפען? בעסער, — פלעגט זי צו זיך אלײן זאגען, — ווען דעם גארניט צו קלערען; דאס איז א וואונד, וואס מען טאר ניט אנריהרען. בּיסלעכווײז האט זי זיך חאטש לפנים, פאר לײטען אין די אויגען, רוהיג פערשאפט און פיעל גוטע פרײנד בעקומען. זי האט געפיהלט, אז די וואס קומען אין אינסטיטוט זענען פון איהר ווי בעצויבערט. זי האט שוין אפילו פון אײנעם בעקומען אנ'אנטראג. דער מאנטער, וואס האט די עלעקטרישע בעלײכטונג אין די זאלאנען פון אינסטיטוט מאנטירט, האט זיך צו איהר גע'שדכ'ענט. ער האט איהר ניט נאכגעלאזען אפילו נאך דעם ווי ער האט זיך פון איהר גופא דערוואוסט פון איהר זון און, אז זי האט איהם ענטזאגט איז ער טרויעריג און ניעדערגעשלאגען פון איהר אוועקגעגאנגען. אלע וואס האבען זיך אינ'ם אינסטיטוט נעפונען: די מײד-

לעך אין געשעפט, די בוכהאלטער, דינער, פערקויפערינס, די פיעל קונסט־האנדווערקער אין די ווערקשטאטען אלע האבען איהר גערופען „פרײלײן מוטער". עס פערשטעהט זיך, אז נישט איהר אין די אויגען און נישט ווען דער שעף איז דערבײ געוועזען, ווארום ער האט אזעלכע געלעכטערלעך שטארק נישט געוואלט לײדען. ער האט שוין אמאל א יונגע פוצערין, וואס האט זיך ערלויבט פאר איהם אין די אויגען אננא'ן אזוי אנצורופען, פון געשעפט ארויסגעטריבען און מיט כעס געשריען: „דרך ארץ פאר פרײלײן זאנדערס!" און פון דאמאלס אן האט קײנער נישט געוואגט אויף אננא'ן א שלעכט ווארט צו רעדען. אבער דאס איז אלץ געווען פאר'ן שײן; טיעף אינוועניג אבער האט זיך בײם פערזאנאל פערבארגען אן אנטיפאטיע און שפאט קעגען אננא'ן און זי האט עס געוואוסט. זי האט יעדע מינע, אויף איהר חשבון מיט איהר שארף אויג אויפגעפאסט, דאס שטילסטע כמעט האלב־שטומען לויט, ווענען איהר, אויפגעהארכט. זי האט אבער געשוויגען זי האט זיך עס צוגעשווארען, אז די בעזע וועלט זאל איהר נישט פון איהר שטעלע פערטרײבען! — זאל מען אויף איהר זאגען, אז זי איז דעם דירעקטארס געליבטע, זאל מען איהר איהרע אלטע חטאים פארווארפען אדער איהר צוריקגעהאלטענקײט פאר גאוה ערקלערען — זי וועט זיך נישט אויף אײן האר אנדערש פיהרען, ווי זי האט זיך ביז יעצט געפיהרט! —

דווארא ל פלעגט צו איהר אפט ארײנקומען אויף א פאר מינוטען. דעסגלײכען פלעגט אמאל ארײנקומען די פרוי ראט באל, דאס פרײלײן קיהנ־בראנד און רויך. אײנמאל האט זיך אפילו יוליע בארמער בעוויזען, האט מיט אננא'ן גערעדט ווי איהר שטײגער איז, קיהל, איראניש און מיט איהרע בליקען אננא'ס הארץ דורכגעבוירט. נאר בײם געזעגענען זיך האט זי אננא'ס האנד א לענגערע צײט געהאלטען און זי קראמפפהאפט געדריקט; עס האט אויסגעזעהן ווי זי וויל עפיס זאגען, האט עס אבער ארונטערגעשלונגען און געשווינד אוועקגעגאנגען. —

דער הויף־פאטאגראף קראפט איז צוויי מאל בײם דירעקטאר בלום וועגען געשעפטליכע אנגעלעגענהײטען געוועזען און האט אויסגענוצט די גע־לעגענהײט מיט אננא'ן א שעה צו פלוידערן. דער ערנסטער צוריקגעהאלטענער יונגער מענש האט זיך, זענענדיג מיט אננא'ן, פערוואנדעלט אין א גוטען, צערטליכען און טרײען מענשען. זי האט איהם בעוואונדערט און זעהר הויך געשעצט. זי האט איהם ליעב בעקומען און האט זיך פאר איהם דאס גאנצע הארץ ארויסגערעדט. איבערהויפט איז איהר געפעלען

פון איהם, וואָס ער האָט קיינעם נישט אויסגעזאָגט דאָס געהיימניס, וואָס ער ווייסט פון איהר און זיין בעמיהען זיך אויסצומיידען יעדען אויסדרוק אין רעדען, וואָס האָט געקענט מרמז זיין אויף דעם פעהלער, וועלכען זי איז בעגאַנגען.

אָט איבער דעם אַלעם האָט אַ נ נ אַ ז אַ נ ד ע ר ס נאָכגעדאַכט, בשעת זי האָט זיך אַנידערגעזעצט. אַ שאַרף קלאַפּען פון פערדישע פּאָדקאָווקעס, אויף דעם אַספאַלט, וואָס זענען באַלד פערשטומט געוואָרען, האָבען איהר צו־וויסען געגעבען, אַז אַ וואָגען איז פאַר דער טהיר שטעהן געבליבען. זי האָט זיך אויפגעהויבען און איז צוגעגאַנגען צו דער ריזען־גרויסער שויב אַ קוק צו טהון. זי האָט ריכטיג געהערט. צוויי עקיפּאַזשען האָבען אָנגעהאַלטען. אין דער ערשטער איז געזעסען אַ הויכער אַלטער אָפיצער מיט אַ שעהנער ווייס־האָריגע דאַמע. זיי קעגענאיבער אַ זעהר גרויסע, זעהר שלאַנקע יונגע דאַמע אין אַ לאַנגען מאַנטעל מיט אַ ציגנציליי־קראַגען און בעזאַץ. אויף דעם זילבער־בלאָנדען האָר האָט זי געטראָגען אַ היטעלע פון דעם זעלביגען פעלץ גאַרנירט מיט שפּיצען און בלומען, וואָס האָט נאָך דיימלי־בער געלאָזט פאָרטרעטען דאָס בלאַסקייט פונ׳ם וואונדער־שעהנעם געזיכט. נעבען איהר איז וויעדער געזעסען אַ רייצענד, בליהענד־שעהנע יונג מיידעל אין אַ געלבען סאַמעט־קלייד, וואָס איז מיט ביבער בעפּוצט געוועזען. אַ דיענער אין אַ ליוורע האָט די טהיר פון עקיפּאַזש געעפענט. — אין דעם דערביי־איגען און אויך אַזאַ רייכען עקיפּאַזש זענען געזעסען צוויי אָפיצערן און איין העררר אין ציוויל, וועלכען אַ נ נ אַ האָט נאָך נישט געקאָנט דער־קענען. — זי האָט זיך פון פענסטער אָבגעצויגען און אַ שווערער זיפץ האָט זיך איהר פון הארץ אַרויסגעריסען:

— די גרויסע וועלט! — — — אָ ט ט אָ ׳ ס וועלט! — האָט זי זיך געטראַכט — און איך? — אַטיעפער קומער, וועלכען זי האָט מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג געוואָלט פון זיך פערטראָגען, האָט זיך אויף איהר גאַנצעם וועזען אויסגעגאָסען. זי האָט זיך איינגעשטעלט און געשווינד אַ בליק געוואָרפען אַרום זיך.

אין דעם עטאַזש, וואו אַ נ נ אַ איז געוועזען, האָבען זיך געפונען בילדער, סקולפּטורען, בראָנזען און אַנטיק־זאַכען. יעדע אָבטהיילונג האָט איהר איינענע פערקויפערין געהאַט. די ברייטע טרעפּ, וואָס איז מיט לויפער בעדעקט געוועזען האָט אינ׳ם צווייטען עטאַזש געפיהרט, וואו עס זענען געוועזען לעדער סחורה, פּאָרצעלאַן, קריסטאַל און פּאַראַגם. אויך אויבען זענען די העררען און דאַמען געשטאַנען אונטער אַ נ נ אַ ׳ ס אויפזיכט.

זי אלײן האט זיך שטענדיג געפונען אין דעם גרויסען אויבערליכט-זאל, אין וועלכען די בילדער זענען געשטאקפאל איבערגעפילט געשטאנען. אננא האט ביים עלעקטרישען גלעקעל א דריק געטהון וואס האט זיך אין אלע אבטהײלונגען געלאזט הערען און גערופען יעדערען אויף זײַן ארט — זי גופא איז אין די גאלעריע אריינגעגאנגען, אין ווינקעל פון דער גאלעריע איז אין א געצעלט פערוואנדעלט געווען, וואס איז נאך פארנט אפען געווען און פון עלעקטריע בעלײַכטעט געווארען. אויף א טיש אין דעם דאזיגען געצעלט זענען געלעגען אלערליי בעדײַטענדע קונסט-צײַטונגען פון דער גאנצער וועלט. דא האבען געקענט די קינסטלער און די קונדען פון אינסטיטוט, אין דער צײַט וואס זיי האבען געמוזט צוווארטען, לעזען און באטיצען מאכען.

די נײַע קונדען זענען דערווײַל אריינגעקומען אין די רײַכע, גרויס-ארטיג פערפוצטע צימערן. זיי זענען זיך ארומגעגאנגען פראנק און פרײַ, ווי זיי וואלטען די בעלי בתים פון אינסטיטוט געווען. זייער לאכען, רעדען און סבינות-זאגען האט די גאנצע וואהנונג פול געמאכט.

— איך געה מיט דער טאנטע צוערשט ארויף. מיר וועלען אונז שוין טרעפען ביי די בילדער, — האט זיך געהערט רעדענדיג א קלארע, עטוואס דורכדרינגענדיגע שטימע.

— יא, אז איך וועל מיט רענאטען אויבען פארטיג ווערען, קום איך דא אהער! — האט אנ'אנדער דאמע ווידער געזאגט.

— גוט, מיר בלײַבען ערשט מאל ביי די בראנזען, נישט אמת לו?

— האט עפיס אהערר זיך אבגערופען.

אננא האט זיך אין דאס געצעלט געזעצט און האט א זשורנאל גענומען. דער נאמען רענאטע, וואס זי האט ערשט נישט לאנג גע-הערט האט איהר שרעקליכע אונרוהיגע פערשאפט. זי וואלט זעהר געוואלט פון דאנען אוועקגעהן ביז איבער דער צײַט, וואס זיי וועלען דא זײַן; עס איז אבער שוין צו שפעט געווען. זי האט שוין מעהר נישט געקאנט ארויסגעהן נישט אנטרעפענדיג די געזעלשאפט. ניעדערגעשלאגען האט-זי אויסגע-ווארט, נישט וויסענדיג וואס פאר א צויבערהאפטע ווירקונג זי האט אויף די קונדען געמאכט; ווי איהר שעהנע דונקעלע געשטאלט, איהר ליעבליך געזיכט מיט די ווײַסע האר האט אבגעשלאגען אויף די ווארעם-רויטע זײַדען-פלוש פון געצעלט. אין דער דאזיגער בעלײַכטונג האט זי געמאכט דעם איינדרוק ווי א בילד אין א ראם איינגעפאסט, —

— אט דא זענען די בילדער, אטטא, קום נאר אהער מיט מיר!

אַז דער פֿאָטער מיט ל ו און אַ ק ס ע ל מאַכען עפּיס איינקויפֿע געדויערט דאָס אַ היבשע ווײַלע, דאָס יונגע פּאָר איז מיט זײַנע ברכות פֿאַר זײַן נײַע היים ווי אַ קוואַל וואָס שעפּט זיך קיינמאָל נישט אויס!

— — אָ ט ט אָ! — — — — ר ע נ אַ ט ע! — — וואָס איז דאָס?

אַ נ נ אַ האָט זיך האַסטיג אין דעם טיש אָנגעהאַלטען. אַ שווינדעל איז איהר דורך אַלע גליעדער דורכגעלאָפֿען. אַוועק! ווי גאָט איז מיר ליעב אַוועק! איך טאָר איהם נישט זעהן! עהדער זי האָט זיך נאָך געקאָנט אויפהויבען זענען אין זאַל צוויי העררען אַרײַנגעקומען: אַ קידאַסיר-אָפֿיצער און דער אין ציוויל-קלײַדער.

צו שפּעט! פֿאַר אַננאַ'ס אויגען האָט זיך די גאַנצע שטוב ווי אין אַ ווילדען קרײַז געדרעהט. איהרע שלײַפֿען האָבען ווי מיט האַמערס געהאַקט. איהר בלוט האָט ווי מיט פֿײַער דורך איהר גאַנצען קערפּער געשפּריצט. זי האָט געפֿיהלט, אַז אָט באַלד פֿאַלט זי אין חלשות. זי האָט בעקומען אַ שרעקליכען חשק ווילד אויפצושרײַען; זי האָט אָבער פֿערצווייפעלט די ציינער צוזאַמען-געביסען און זיך פֿעסט אָן דעם טיש געהאַלטען. נאָר נישט קיין סענסאַציעס! נאָר רוהיג, נאָר געלאַסען! — — — דאָס איז ער געוועזען! ער! אָ ט ט אָ פֿאָן ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן איז דאָס אַרײַנגעקומען, שטאַרק און שטאָלץ ווי אַ לײב אין וואַלד. דער שעהנער קאָפּ זיצט פֿעסט אויף די אַקסלען! אָבער דאָס דרייסטע געזיכט איז שוין געעלטערט, פֿערביטערט; פֿון אונדורכדרינגליכען ערנסט. דאָס אומגליק האָט זײַן שטעמפעל דערויף אײַנגעקריצט. ער האָט אויסגעזעהן ווי דער פֿאָטער פֿונ'ם פֿרישען יונגען מאַן; דאָס אַלץ האָט זי אין איין אויגענבליק בעמערקט און האָט צוריקגעהאַלטען די ברענענדיגע טרעהרען, וואָס האָבען אין איהרע אויגען געגליהט. אין האַלז האָט איהר גענומען שטיקען, שיער נישט דערוואָרגען געוואָרען. זי האָט זיך טיעף איבער דאָס בלאַט געבויגט כדי מען זאָל זי נישט דערקענען. מערקווירדיג איז געוועזען דאָס גרויסע רחמנות, די שטאַרקע, נאָך אויף אַ האָר נישט אָבגעשוואַכטע ליעבע, וואָס זי האָט נאָך פֿאַר איהם אַזוי פֿריש געפֿיהלט; צוויי געפֿיהלע וואָס האָבען איהר כמעט איבערוועלטיגט, אַזוי אַז אַלע אַנדערע געפֿיהלען ווי נקמה, שנאה און כעס זענען אין גאַנצען פֿערשוואונדען געוואָרען.

— דאָרט זיצט אַ דאַמע! — האָט דער אָפֿיצער שטיל געזאָגט. קאַנטהאַגען האָט גלײַכגילטיג דאָרטען אַ בליק צוגעוואָרפֿען. זיי האָבען בעטראַכט די בילדער און געזאָגט זייערע מבינות. איינער איז ענטציקט שטעהן געבליבען פֿאַר אַ פּאָר יאַגד-שטיקער, און האָט זיך נישט געקאָנט זאַט

אנקוקען פון די פאר פערד, וואס זענען דארט געווען אויסגעמאלט. אטטא איז זיך לאנגזאם ווייטער געגאנגען. ער האט דעם מאנטעל לויז געקנעפעלט און האט זיין צילענדער אין דער האנד געטראגען. יעצט איז ער שוין גאר נאהענט פאר א נ נ א'ס געצעלט געשטאנען. ער האט איהר געזעהן, האט זיך דערשראקען און האט נאך פעסטער אויף דאס בילד געקוקט. נון האט ער א נ נ א'ן דערקענט און אנגסטען שוויים האבען איהם ארויסגעשלאגען, דאס געזיכט איז איהם ווי ביי א מת בלאס געווארען. שוידערנדיג האט זי איהרע אויגען אויפגעשלאגען, זי האט זיינע בליקען געטראפען און האט איהם איינינע סעקונדען שטארק אנגעקוקט. די פארבען אויף איהר געזיכט האבען זיך איינס נאכ'ן אנדערן געביטען. דער אויסדרוק פון זיין געזיכט איז געווען טרויעריג און ווי פון א שרעקליכען ליידען אבגעמאטערט. קאנטהאגען איז געשטאנען און געשטאנען.

— לעא! — האט ער פלוצלונג מיט א טרוקענער שטימע אויסגעשריען, — איך האב גאר פערגעסען — — — — דו וואלסט מיר טהון א גרויסע טובה, אז דו וואלסט רענא'ן דערמאהנען זי זאל פאר דעם פאסטאר און דעם לעהרער אויך בעזארגען איינינע קלייניגקייטען! איך וועל דיר דאס קיינמאל די טובה נישט פערגעסען! —

— אך, מיט'ן גרעסטען פערגניגען, — האט זיך לעא אבגערופען, מיין שעהנע שוועסטער-קינד זאל די דאזיגע בכבוד'ע מענשען נישט פערגעסען. און באלד איז ער פערשוואונדען געווארען. —

מיט איינינע האסטיגע טריט איז קאנטהאגען צום געצעלט צוגעגאנגען און איז פאר אננא'ן געשטאנען. מיט פערצווייפעלטער געשווינדיגקייט האט ער איהר ביידע הענד אויסגעשטרעקט נישט אכטענדיג דערויף וואס זיין צילענדער איז אויף דער ערד אראבגעפאלען.

— אננא, איהר זייט דא? — האט ער שטיל געשעפטשעט.

זי האט איהר קאלטע האנד אין זיינע אריינגעלעגט, ער האט זיינע ליפען דערויף געפרעסט. א ברענענדיגער שטראם האט א שפאר געטהון פון דעם בעריהרטען ארט צו איהר הארץ צו.

— ווי געהט עס אייך און דעם קינד? לעבט עס? איז עס געזונד? — —

— יא! — האט זי קוים ארויסגערעדט און די אויגען צו דער ערד אראבגעלאזען. שרייען האט זי געוואלט, זיך איהם אויפ'ן האלז ווארפען פאר גרויס שמחה.

— וואָס טהוט איהר דאָ, אַננאַ? — האָט ער איהר געפרעגט און האָט איהר אָנגעבליקט מיט די אויגען געשלונגען.

— איך האָב דאָ אַ שטעלע! — האָט זי געענטפערט און געקוקט צום איינגאַנג, דען די שטימען, וואָס האָבען זיך פון וויטען געהערט זענען וואָס אַ סעקונדע אַלץ נעהנטער געקומען. —

— אַננאַ, איך שווער אייך, עס געהט קיין טאָג נישט אַוועק איך זאָל נישט מיט גליהענדער חרטה און פּיינליכען שמערץ אָן אייך דענקען, איך בין דאָך אַזוי — — — ער האָט זיינע ווערטער נישט געענדיגט, ער איז אויך גלייך מיט אַננאַ'ן מעהר צום דרויסען צו צוגעגאַנגען און זיך איינגעהאָרכט, טאָמער קומט ווער און אַז ער האָט קיינעם נישט בעמערקט האָט ער וויטער געזאָגט: מיר בלייבען אין בערלין צוויי טעג, קאָן איך אייך און דאָס קינד דאָ, אָדער ערגיץ אַנדערש וואו האָטש איין סעקונדע זעהן? איך בעט אייך! — —

ער האָט אַזוי גוט פערשטאַנען צו בעטען! עס האָט איהר דורך אַלע ביינער דורכגענומען; אָבער זי האָט ענטשלאָסען געענטפערט: ניין! — —

— אַננאַ, אַננאַ, ווען איהר וואָלט געוואוסט — — —

— — ניין, קיינמאָל נישט! קיינמאָל נישט! —

קאַנטהאַגען איז געשווינד פון איהר אַוועקגעגאַנגען און האָט זיך ביי ערגיץ אַ בילד אַוועק־געשטעלט, נאָך דעם ווי ער האָט האַסטיג זיין ציגלער אויפגעהויבען. דער גענעראַל איז מיט זיין טאָכטער און איידעם אין דער גאַלעריע אַריינגעקומען.

— דיין פערלאַנג, ליעבער פלעמיאַניק, איז ערפילט געוואָרען; אַלץ איז אויפ'ן בעסטען אופן בעזאָרגט געוואָרען, — האָט לעאָ מיט אַ פרעה־ליכען טאָן געזאָגט.

— נון לאָמיר אָקאָרשט די בילדער גוט אָנקוקען. מיין ליעבע פרוי מיינט, אַז פאַר'ן זאָל איז דורכאויס נויטיג צוויי לאַנדשאַפטען, לאָמיר זיי נאָר אַ ביסעל גענויער בעטראַכטען! — —

— דו, אָטטאָ, זעה נאָר ווי רייצענד! גיב נאָר אַ קוק דאָ אויף דעם בילד! די מוטער מיט דעם קינד — — — אַך ווי וואונדער־שעהן! איז אייער מאַריע לואיזע שוין אַזוי גרוים? — האָט דאָס יונגע מיידעל זיך אָבגערופען בעגייסטערט צופיהרענדיג קאַנטהאַגען צו אַ בילד.

(פאָרטזעצונג קומט).

מארק טוועֶן.

די טאָגעביכלעך פון אדם און חוה.

II.
חוה'ס טאָגביכעל.

(פאָרטזעצונג פון איינאונצוואַנציגסטען העפט).

עֶר אִיז גֶעקוּמעֶן צוּ לויפעֶן אוּן האָט לאַנג גֶעקוּקט, נִישט רעֶדעֶנדִיג קײַן וואָרט, אוּן דעֶרנאָך האָט עֶר גֶעפרעֶגט, וואָס אִיז דאָס אַזוינס. אַך, ווִי מִיר אִיז וועה, וואָס אִיהם אִיז אויסגעֶקוּמעֶן צוּ ווענדעֶן זִיך צוּ מִיר מִיט אַזאַ אָפֶענע פראַגעֶ. געֶוועֶהנלִיך. אִיך האָב געֶמוּזט עֶנטפעֶרן אוּן האָב געֶעֶנטפעֶרט. אִיך האָב געֶזאָגט: אַז דאָס אִיז פײַעֶר. אוֹיב אִיהם, ווִי אַזוֹי עֶס זאָל נִישט זײַן פאַר אִיהם אַנגעֶנעֶהם, קוּמט אוֹיס צוּ ווענדעֶן זִיך צוּ מִיר מִיט אַ פראַגעֶ, בִין אִיך דעֶן שוּלדִיג אִין דעֶם? מִיר האָט זִיך אִינגאַנצעֶן נִישט געֶוואָלט אָנטהוּן אִיהם אוּנאַנגעֶנעֶהמלִיכקײַט. נאָך אַ נִישט גרוֹיסעֶ כוויַלע האָט עֶר געֶפרעֶגט:

— ווִי אַזוֹי האָט עֶר זִיך בעֶווִיזעֶן?

נאָך אֵיין אָפֶענע פראַגע, אוֹיף וועֶלכעֶ ס'אִיז אוֹיסגעֶקוּמעֶן צוּ געֶבעֶן אַ עֶנטפֿעֶר.

— אִיך האָב אִיהם געֶמאַכט.

דעֶרווײַל, האָט דאָס פײַעֶר צוּשפּרײַט זִיך אַלץ ווײַטעֶר אוּן ווײַטעֶר. עֶר האָט זִיך דעֶרנעֶהנטעֶרט צוּם סאַמעֶ עֶק פוּן ברעֶנעֶנדעֶן אָרט. עֶר האָט זִיך אַנִידעֶר געֶשטעֶלט אוּן, קוּקעֶנדִיג אִין דעֶר נִידעֶר, האָט עֶר געֶפרעֶגט:

— אוּן דאָס וואָס אִיז אַזוינס?

— ברעֶנעֶנדעֶ קוֹיהלעֶן.

עֶר האָט אוֹיפגעֶהוֹיבעֶן אֵיינעֶם פוּן זײ מִיט דעֶם צוועֶק צוּ בעֶקוּקעֶן. נאָר עֶר האָט זִיך אִיבעֶרגעֶטראַכט אוּן האָט אִיהם אַראָבגעֶלאָזט פוּן דאָס נײַ אוֹיף דִי עֶרד. דעֶרנאָך אִיז עֶר אַוועֶקגעֶגאַנגעֶן. קײַן שוּם זאַך אִינטעֶרעֶסִירט אִיהם נִישט.

דעֶרפאַר בִין אִיך געֶוועֶן פעֶראִינטעֶרעֶסִירט. דאָ אִיז געֶוועֶן אַש, אַ גראָהעֶר, עֶדעֶלעֶר, אַזאַ שעֶהנעֶר אוּן אַזאַ ווײַכעֶר. אִיך האָב אִיהם דעֶרקאָנט מִיט אֵיין מָאל. אוּן דִי הײסעֶ גלִיהעֶנדעֶ אַש, — אִיך האָב אִיהר אוֹיך געֶקאָנט. אִיך האָב אָנגעֶהוֹיבעֶן זוּכעֶן מײַנעֶ עֶפּעֶל אוּן געֶפִינעֶנדִיג זײ, האָב אִיך זִיך זעֶהר דעֶרפרעֶהט, ווײַל אִיך בִין יוּנג, אוּן בײַ מִיר אִיז דאָ אַ גוּטעֶר אַפּעֶטִיט. מִיך האָט עֶרוואַרטעֶט אַ אָבקִיהלוּנג: דִי עֶפּעֶל האָבעֶן זִיך אַלעֶ צוּשפּאָלטעֶן אוּן זעֶנעֶן געֶוועֶן קאַליעֶ. נאָר קאַליעֶ האָבעֶן זײ נאָר אוֹיסגעֶווִיזעֶן מִיט'ן אוֹיסזעֶהן; אִין דעֶר אמת'ן, אָבעֶר, זעֶנעֶן זײ געֶוועֶן געֶשמאַקעֶר פוּן דִי נאַסעֶ. דאָס פײַעֶר אִיז זעֶלטעֶן גוּט. אִיך מײן אַז מִיט דעֶר צײַט וועֶט עֶר אוֹיך זײַן נוּצלִיך.

פ ר ײַ ט אָ ג. אִיך האָב פוּן דאָס נײַ אִיהם געֶזעֶהן אוֹיף אֵיין מִינוּט, שוֹין בֵין השמשות צײַט, אִין פעֶרגאַנגעֶנעֶם מאָנטאַג, אָבעֶר נאָר אוֹיף אֵיין מִינוּט. אִיך האָב פעֶרהאָפט, אַז עֶר וועֶט בלײַבעֶן צוּפרִידעֶן מִיט מײַנעֶ בעֶמִיהוּנגעֶן צוּ פעֶרבעֶסעֶרן דאָס

וואהנונגס=ארט, אזוי ווי איך האב געהאט גוטע כונות, און וועט מיך לויבען פאר דער פלייסיגער ארבייט, נאר ער האט זיך אוועקגעדרעהט פון מיר און, נישט זאגענ=דיג קיין ווארט, איז ער אוועקגעגאנגען. ס'איז געווען נאך א צווייטע סבה פון זיין אונצופריעדענהייט מיט מיר. איך האב זיך פראבירט נאך א מאל איבערציינגען איהם, נישט געהן מעהר דורך די וואסער=פאלען.

איך האב דעריבער אזוי איבערציינגט איהם, ווייל דאס פייער האט מיר גורם געווען א נייע ליידענשאפט, א פאלקאם נייע, וועלבע טהוט זיך שארף אונטערשיידען פון ליעבע, טרויער און אלע אנדערע איבריגע געפיהלען, ענטדעקט דורך מיר — שרעק! ער איז שרעקליך. איך וואלט געווען צופריעדען... אויב איך וואלט קיינמאל נישט דערקאנט דעם געפיהל; דאס בעשאפט פינסטערע פאר מיר מאמענטען, מאכט מיר קאליע, דאס נויט מיך צו ציטערן און אנגסטיג שוין זיך. נאר איך האב נישט געקאנט איהם איבערציינגען, ווייל ער איז נאך נישט דערגאנגען די שרעק און ער קאן מיך נישט פערשטעהן.

דינסטאג, מיטוואך און היינט, — די אלע טעג האב איך איהם נישט געזעהן. די צייט טהוט זיך אזוי לאנג ציהען אין איינזאמקייט; נאר ס'איז אלץ בעסער צו זיין איינזאם איידער נישט פערלאנגט.

מיר איז נויטיג געווען געזעלשאפט, — איך מיין, אז איך בין בעשאפען צוליעב איהם, — און דעריבער האב איך זיך בעפריינדעט מיט די חיות. זיי זענען פרעכטיג, ביי זיי איז א זעלבע סימפאטישע בויגונגען, זיי זענען אזוי פיין אין די בעציהונגען, זיי וועלען אייך קיינמאל נישט געבען צו פיהלען, אז איהר האט אייך צוגעטשעפעט, זיי שמייכלען שטענדיג אין מארק מיט די וויידלען, אויב זיי האבען זיי, זיי זענען שטענדיג גרייט צו פרעהען זיך מיט אייך, אויסצופיהרען עקסקורסיעס, מיט איין ווארט, טהון אלץ, וואס איהר זאלט נישט וועלען. איך רעכען אז זיי זענען — פארוואורפסלאזע דושענטעלמענער.

די אלע טעג האבען מיר אזוי גוט פערבראכט די צייט און איך האב קיין איינמאל זיך נישט געפיהלט איינזאם. איינזאם! געוועהנליך, זיי טהוען שטענדיג מיך ארומרינגלען גאנצע סטאדעס וויין, אז עס איז אונמעגליך זיי צוזאמען צורעכע=נען. ווען זשע איך שטעה צווישען זיי אויף א סקאלע, און כ'קוק אויף דעם דיק=ווייבען שטח אין פיער אדער פינף אקער, זעה איך אזא פרעהליכען און שעהן=פארביגען קאלאריט, וויפיעל שפלענדיגקייט און זונען=גלאנץ, וויפיעל שטופלען פון די פער=שיעדען=פארביגע פאסען — אז עס וויינט זיך אוים, ווי עס וואלט געווען אונטער מיינע פיס א אזיערע, און איבער מיר טראגען זיך גאנצע סטאיעס צוזאמען=געזאמעלטע פויגעל, גאנצע אוראגאנען פון רוישענדע קלאפענדיגע פליגעל, און ווען די זון טהוט א קלאפ אין דעם רויך פון פעדערן, מיט זיין עבינען בעוועגען זיך, טא ווערען די אויגען געבלענדעט מיט דעם בליאסק פון אלע מעגליכע פארבען, וועלכע מען קאן זיך נאר פארשטעלען.

מיר האבען אויסגעפיהרט קלוגע עקסקורסיעס און איך האב געזעהן פיעל ליכט, כ'מיין, אז כמעט דאס גאנצע ליכט. אויף אזא ארט, בין איך — דער ערשטער און דער איינציגער רייזענדער. מיר שטעלען פאר מיט אונזער מארש א גרויסארטיגען אנבליק, עהנליך אויף וועלכען דו וועסט קוים ערגיץ זעהן. צוליעב בעקוועהמליכקייט פאהר איך רייטענדיג אויף א טיגער אדער א לעמפערט, ווייל ביי

זיי איז דא אזא ווייכער טריט און א בעקוועהמע קאלעכדיגע זייט ווייל זיי זענען — זעהר שעהנע חיות. נאר פאר א גרויסען מהלך, אדער ווען מיר ווילט זיך אנזעטיגען מיט'ן אויסזעהן, בענגט איך זיך מיט'ן העלפאנט. ער הויבט מיך אויף מיט זיין נאז, און אראבגעהן פון איהם קאן איך אליין. ווען מיר צולעגען זיך אויף לאגער, טהוט זיך דער העלפאנד זעצען און מיר איז גרינג אראב צו געהן פון איהם אונטען.

אלע פויגעל און חיות זענען בעפריינדעט צווישען זיך און קיינמאל קריגען זיי זיך נישט. זיי אלע רעדען איינער מיט'ן צווייטען און ווענדען זיך אויך צו מיר, נאר מוז זיין, אויף אנ'אויסלענדישע שפראך, ווייל די ווערטער זענען מיר אונפערשטענדליך; מיך אבער פערשטעהען זיי גענוג אפט, בעזונדערס דער הונד און דער העלפאנד. איך בין דערמיט דערשלאגען. צי דינט דאס נישט פאר א בעווייז, אז זיי זענען קליגער און, פאלגליך, העכער פון מיר.

איך בין פיעלעס דערגאנגען און יעצט בין זיך גענוג געבילדעט, און פון אנפאנג בין איך געווען אונוויסענד. פריהער האט דאס מיך געערגערט, ווארום, ביי מיין גאנצער בעאבאכטונגס=זין, בין איך קיינמאל נישט געווען אויף אזוי פיעל פלינק, כדי צו דערגרייכען אין דער צייט און דערזעהן, ווי דאס וואסער לויפט צוריק ארויף אויפ'ן בארג; נאר יעצט האב איך זיך בערוהיגט. איך האב אויסגעפיהרט א סך פראבעס און יעצט ווייס איך, אז דאס וואסער לויפט ארויף אויפ'ן בארג נאר דאן, ווען עס איז פאלקאם פינסטער. איך ווייס, אז זי לויפט אין דער פינסטער, ווייל דער ברונען טהוט זיך קיינמאל נישט אויסטריקענען, און דאס איז מעגליך נאר אין דעם פאל, אויב דאס וואסער קעהרט זיך אין איהם ביי נאכט. ס'איז בעסער צו פערשטעהן אלע מעלדונגען מיט דער הילף פון פראבען, דאן, צום ווענינגסטענס ווייסטו; אויב זשע דו וועסט זיך פערלאזען אויף רעטענישען און פארגעדאנקען, וועסטו קיינמאל נישט ווערען געבילדעט.

איינינגע זאכען איז אינגאנצען אונמעגליך צו דערוויסען זיך; נאר מיט רעטענישען און פארגעדאנקען וועט איהר זיך קיינמאל נישט דערקלערען ביז איהם. ניין מען דארף האבען געדולד און פארטזעצען די פראבען, ביז איהר וועט איהם נישט ענטדעקען. וואס פאר א בעגייסטערטעם מיטעל! ער מאכט די וועלט פאר אזוי אינטערעסאנט. אויב עס וואלט נאר נישט געווען צו ענטדעקען, וואלט די וועלט געווען לאנגוויילינג. זאגאר די בעמיהונג צו מאכען אנ'ענטדעקונג און גאר נישט צו ענטדעקען איז אזוי פיעל אינטערעסאנט, ווי די ענטדעקונג, וועלכע האט זיך איינגעגעבען, און, לויט מיינס, נאך אינטערעסאנטער. דער סוד פון וואסער איז געווען פאר מיר א אוצר, כל זמן איך האב איהר נישט דערגרייכט; נאר די אויפרעגונג איז ניך צוועק, און איך האב דערפיהלט אזא געפיהל, פונקט ווי כ'וואלט עפיס פערלארען.

די פראבע האט מיר דערוויזען, אז האלץ שווימט, ווי עס שווימען טרוקענע בלעטער, פעדערן און א סך אנדערע; פון דעם אלעם צוזאמען=זאמלונג פון בעווייזען, ווייסטו, אז אויך א סקאלע שווימט; דאך קומט אוים זיך צו בעגרענעצען נאר מיט'ן בלויזען וויסען דערפון, אזוי ווי ביז'דער צייט איז נאך נישט געפונען געווארען קיין מיטעל, צו בעווייזען דאס. נאר איך וועל געפינען א מיטעל און די אויפרעגונג וועט איבערגעהן. די געדאנקען טהוען מיך מאכען טרויעריג, ווייל מיט

דער צײַט, ווען איך וועל אַלץ ענטדעקען וועט נישט איבערבלײַבען מעהר קײן סבות פאַר אויפרעגונגען, וועלכע איך האָב אַזוי ליעב. אין דער פערגאַנגענער נאַכט האָבען די געדאַנקען מיך נישט געלאָזט שלאָפען.

פון אָנפאַנג האָב איך נישט געוואוסט, צוליעב וואָס איך בין בעשאַפען. און יעצט מײן איך, אַז כדי אַרײַנצודרינגען אין די סודות פון דער וועלטענער וועלט. פאַר דעם, כדי צו זײַן גליקליך, ענדליך, פאַר דעם, כדי צו דאַנקען דעם בעשעפער פון דעם אַלעם. איך מײן, אַז נאָך פיעל וועט בלײַבען פאַר דאָס ערלערנען און, בעאָבאַכטענדיג אויף די עקאָנאָמיע און נישט אײַלענדיג זיך, וועט מעגליך זײַן צו פערציהען די אויספאָרשונג אויף אַ סך — אַ סך וואָכען, אַזוי האָף איך. ווען איך וואַרף אַ פעדער, פליהט דאָס אין דער לופט און עס פערשווינדט פון די אויגען; נאָר ווען איך וואַרף אַ פּויסט=ערד, פליהט ער נישט. ער טהוט זיך, יעדעס מאָל אַראָבלאָזען אויף דער ערד. וויפיעל מאָל איך האָב געמאַכט די פּראָבע און שטענדיג האָט זיך בעקומען איינס און דאָס זעלבע. פאַר וואָס האָט דאָס געקאָנט זײַן? ס'איז קלאָר, אַז די פּויסט ערד לאָזט זיך נישט אַראָב, נאָר פאַר וואָס זשע ווײַזט זיך אויס, אַז ער לאָזט זיך אַראָב? איך דענק, אַז דאָס איז אַ אָפּטישע אילוזיע. דאָס הײסט, איך פערשטעה, אַז איינע פון די צווײ מעלדונגען איז — אַ אָפּטישע אילוזיע. איך ווײס נאָר נישט — וועלכע פון זײ; ס'קאָן זײַן, דאָס פליהען פון דער פעדער. און ס'קאָן זײַן דאָס פאַלען פון פּויסט=ערד; איך קאָן נישט בעווײַזען — וועלכע און קאָן נאָר מסכים זײַן, אַז איינע פון זײ איז שווינדלעריש. לאָז איך יעדער אויסקלויבען מיט זײַן געשמאַק.

פון מײַנע בעאָבאַכטונגען ווײס איך, אַז די שטערען זענען נישט עביג. איך האָב געזעהן ווי די בעסטע פון זײ זענען צוגאַנגען און זענען פערשוואונדען פון הימעל. נאָר אויב איינע קאָן צוגעהן טאָ קאָנען אויך אַלע צוגעהן. און אויב זײ אַלע קאָנען צוגעהן, טאָ קאָנען זײ אַלע צוגעהן אין איין נאַכט. און אַזאַ טרויער וועט זיך אָנהויבען, — איך ווײס דאָס. יעדע נאַכט בין איך מכוון צו זיצען און צוקוקען אויף זײ, ביז מײַנע אויגען ווערען נישט פערמאַכט, — און אין מײַן זכרון קריג איך אויס דעם פינקלענדיגען שטח, כדי מיט דער צײַט, ווען די שטערען וועלען פערשווינדען, זאָל מײַן פאַנטאַזיע קאָנען פון דאָס נײַ בעזעצען אויפ'ן שוואַרצען הימעל די מיליאַרדען פרעכטיגע שטערענדלעך, נויטען זײ פון דאָס נײַ בלישצען און פערדאָפּלען זײ אין מײַנע אויגען.

(פאָרטזעצונג קומט).

אײראָפּעאישע ליטעראַטור.

דרײאונצוואנציגסטעס העפט.

אינהאַלט.

1) דאָס פּאַריאַ־קינד	ה. עהלערס.
2) דער הונד און דער פלשקאָן	שאַרל באָדלער.
3) אויגענשפּיעל	הערמאַן הײערמאַנס.
4) איהר שמײכעלע	אָלאַ האַנסאָן.
5) מעטצענגהערשטײן	עדגאַר פּאָע.
6) ליעדער	הײנריך הײנע.
7) פרײליין מוטער (ראָמאַן פון דײטשען)	ערנסט געאָרגי.
8) די טאַגע־ביכלעך פון אָדם און חוה (ענדע)	מאַרק טוועין.
9) אַפאָריזמען	פרידריך ניטשע.
10) " " "	אָטטאָ װײניגער.

ה. עהלערס.

דאַס פּאַריאַ־קינד.

(ערצעהלונג פון לעבען אין אינדיען).

דאָס איז געװעזען אין אַ זומער־טאָג אין אײנעם פון די בעסערע פאָרשטעדט אין לאָנדאָן. אויף דער טהעמזע איז געװעזען אַ שטאַרקער פער־קעהר. אָהן אַ שיעור קלײנע שיפלעך זענען געפאָהרען דעם שטראָם אַרויף און אַראָב. פון אַלע זײטען האָבען זיך פרעהליכע אויסרופען און לוסטיגע גלײכװערטלעך געלאָזט הערען. פלוצלונג איז פון אַ שיפעל אַ יונגעל אַרויס־געפאַלען און עס האָט זיך דערהערט אַן׳אַנגסט־געשרײ; די מהומה איז אָבער געװעזען אַזוי גרויס, אַז קײנער האָט זיך נאָכ׳ן קינד נישט אַ בויג געטהון זאָגאַר. באַלד אָבער איז אַ יונג מײדעל ענטשלאָסען דעם יונגעל נאָכגע־שפרונגען און דאָס קינד געראַטעװעט.

אײניגע הערען, װעלכע זענען געזעסען אין אַ גאָרטען פון רעסטאָ־ראַן בײ׳ם טײך האָבען דעם פאָרפאַל בעמערקט און ער האָט זײ געגעבען שטאָף צו אַ נײער דיסקוסיע.

— איך בין מודה, — האָט זיך אָבגערופען נאָך אַ יונגער מאַן, — אַז די פרוי איז פעהיג צו מאַכען גרויסע און העלדישע טהאַטען; אָבער שווייגענדיג עפּיס איבערצוטראָגען, ווי אַ מאַן — ניין, דאָס קאָן איך נישט גלויבען.

— ניין? — האָט געפרעגט אַ צווייטער העררר מיט סימפּאַטישע געזיכטס-ציגע, — דאַן קענט איהר ווענינ די פרוי. איך האַלט אַז אַ פרוי קען פיעל מוטהיגער און פעהיגער פון אַ מאַן אויסהאַלטען שווייגענדיג אַ העלישען און אַ מאָראַלישען שמערץ; בעזונדערס אָבער זעהען מיר עס ביי די נאַטור-פעלקער. איך האָב אַליין איינינע ערפאַהרונגען געמאַכט.

ער האָט געמאַכט אַ קליינע פויזע און פערחלום'ט אַ קוק געטהון איבער'ן שטראָם און דאַן מעהר אין זיך ווייטער גערעדט:

— איך האָב עס אין אינדיען אַליין איבערגעלעבט. דאָס איז געוועזען באַלד, ווי איך בין געקומען קיין אינדיען. איך בין געוועזען אַ יונגער אָפיצער, געקוקט אויפ'ן לעבען ווי איהר און מיינע בעסטע פערגניגענס זענען געוועזען ספּאָרט און יאַגד. בעזונדערס האָב איך זיך אָבגעגעבען דער יאַגד און גאַנץ אָפט האָט מיר מיין יאַגד-אייפער אריינגעבראַכט אין דער געפעהרליכסטער לאַגע.

דאָס איז געוועזען בעת'ן רייז-שניט. די אינדיאַנער זענען כמעט אַלע געוועזען אויף די פעלדער. איך בין דעם גאַנצען טאָג געוועזען אויף דער יאַגד און האָב זיך עפּיס פערבלאָנדזשעט. וואָס מעהר איך האָב געוואָלט געפינען דעם וועג אַ היים, אַלץ מעהר בין איך פון איהם אַראָב. אַזוי-בלאָנדזשענדיג בין איך צוגעקומען צו אַ טייך. וואו איך האָב פאַר מיר דערזעהן אַנ'איינגעצאַרטיג בילד. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ פרוי מיט אַ מאַן; די פרוי מעהר מיידעל. שלאַנק און צאַרט איז זי געשטאַנען אַנטקעגען קרעפטיג געבויטען מאַנספּערזאָן, וועלכער האָט העפטיג צו איהר גע-רעדט. אין זיין האַנד האָט ער געהאַלטען אַ באַמבוס-שטעקען. דאָס מיידעל האָט עפּיס געוואָלט טהון, וואָס ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזען. זייערע העוויות זענען געוואָרען אַלץ ווילדער און פלוצלונג האָט דער שטעקען דורך דער לופט זיך דורכגעשניטען און אַראָבגעפאַלען אויפ'ן הוילען רוקען פון מיידעל. אין אינדיאַנער האָט ערוואַכט זיין גאַנצע ווילדקייט און ער האָט אָהן רחמנות גענומען שלאָגען דאָס מיידעל, וועלכעס איז געשטאַנען רוהיג און אויף אַזאַ אַרט דעם מאַן אַלץ מעהר אויפגערייצט. באַלד האָט ער דעם שטעקען אועקגעוואָרפען, אָנגעחאַפּט דאָס מיידעל און זי גענומען ווערגען.

איך האָב עס מעהר נישט געקאָנט צוקוקען, צוּשפּרונגען צום אינדיאַנער און איהם אָבגעריסען פון מיידעל.

ער האָט זיך אפילו ענטקעגען געשטעלט און געוואָלט אויף מיר אָנפאַלען. איך האָב אָבער נישט געוואַרט ביז ער זאָל אויף מיר אָנפאַלען נאָר מיט איינינע קלעפּ איהם אַנידערגעשלײַדערט און ער איז געבליבען ליגען אויף דער ערד. איך האָב געמיינט, אַז ער איז טויט, נאָר איך האָט זיך טועה געווען; ער האָט זיך באַלד אויפגעהויבען און ענטלאָפען אין געדיכטען וואַלד אַרײַן.

דאָס מיידעל איז די גאַנצע צײַט שווײַגענדיג דערבײַ געשטאַנען. אַז דער מאַן איז געווען אַוועק, איז זי צו מיר הכנעה׳דיג צוגעגאַנגען און זיך אַנידערגעוואָרפען פאַר מיינע פיס.

— שטעה אויף, — האָב איך אויסגעשריגען. מײַן שטים האָט געוויס געקלונגען צו רויה, דען גלײַך האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט און אָנהאַפּענדיג מײַן האַנד, האָט זי מיך שטיל געפרעגט:

— ביזט צאָרניג אויף מיר, העדר?

— צאָרניג? פאַר וואָס? קום בעסער צו צום טײַכעל, וועל איך דיר דאָס בלוט פון דײַן רוקען אָבוואַשען.

בײַ די ווערטער האָט זי אויף מיר אַזאַ מאָרנעם קוק דערלאַנגט מיט איהרע פרעגענדיגע גרויסע רעטזועלהאַפטע אויגען, אַז איך האָב אַ ציטער דערלאַנגט. אַזאַ קוק האָט אויף מיר נאָך קײַן פרוי נישט דערלאַנגט נישט פריהער און נישט שפּעטער.

אין אָהן ווילען, איהר האַנד האַלטענדיג אין מײַנער, איז זי מיט מיר צוגעגאַנגען צום טײַכעל. איך האָב מיט זיך אויף דער יאַגד שטענדיג אַ גאַנצעס טאַשען-אַפּטעקעל געהאַט און איצט איז עס מיר גוט צונוץ געקומען. איך האָב איהר פערבאַנדאַזשירט און דאַן דערלאַנגט אַ פלאַש ווײַן.

זי האָט אויף מיר ווידער מאָדנע אַ קוק געטהון.

— טרינק, — האָב איך איהר אויפמונטערנדיג געזאָגט, — דער ווײַן וועט דײַנע שמערצען לינדערן.

צעגערנדיג האָט זי די פלאַש גענומען און אַ ביסעל געטרונקען.

אַ רגע זענען מיר שווײַגענדיג איינער אַנטקעגען צווייטען געשטאַנען. דאַן האָב איך זי געפרעגט:

— דו קאָנסט דאָך געוויס די געגענד דאָ אַרום. איך בין אַראָב פון וועג און וואָלט וועלען צוריקגעהן קײַן באַיצמאַ.

— קיין באיאמא, העדר? — האט זי אויסגעשריגען מיט שרעק, — אהין וועסטו היינט נישט קומען; איבערהויפט נישט, — האט זי שטיל צוגעגעבען.

— איבערהויפט נישט? — האב איך פערוואונדערט געפרעגט, — וואס מיינסטו דערמיט?

זי האט מיך טרויעריג אנגעקוקט:

— האסטו דען פערגעסען, אז דו האסט דעם מאן געשלאגען?

— און דערפאר קאן איך נישט א היים געהן? לעכערליך.

איהר בליק איז טרויעריגער געווארען.

— גלויב מיר, העדר, מען וועט דיך טויטען, ווען דו וועסט א היים געהן.

— אבער דו קאנסט דאך מיר דעם וועג ווייזען; איך וועל דיר רייכליך בעלוינען.

ביי די ווערטער איז איהר פיגור שלאנקער געווארען און איהרע טרויעריגע ברוינע אויגען האבען אויף א רגע אויפגעבליצט.

— איך דארף קיין בעלוינונג נישט, איך וועל דיך אזוי אוועקפיהרען, אבער מען וועט אונז ביידע טויטען.

— ווער איז דען אייגענטליך געוועזען, וואס האט דיר געשלאגען?

— ער איז אנ'אנגעזעהענער מענש ביי אונז אין דארף און האט פיעל פריינד און בעקאנטע. זיי וועלען נאך היינט אלע געוואהר ווערען, אז דו האסט איהם געשלאגען; מען וועט דיך טויטען, העדר, גלויב עס מיר.

און אנהאפענדיג מיינע הענד, האט זי זיי אויף איהר ברוסט ארויפגעלעגט. א רגע האב איך געפיהלט דאס קלאפען פון א הארץ פון אנ'ערוואכענדער פרוי.

— איך גלויב דיר, — האט איך מיט מיה ארויסגערעדט, — נאר וואס האט דער מאן פון דיר געוואלט?

— ווילסט עס וויסען, העדר? — האט זי געפרעגט און נאך א קורצען שטיל-שווייגען געענטפערט: איך זאל זיין ווייב ווערען.

— און דאס האסטו נישט געוואלט?

— קיין מאל נישט, העדר, קיין מאל נישט, — האט זי ווילד גענומען שרייען. איהרע אויגען האבען ווידער בליצען גענומען; דאן האט זי רוהיגער ווייטער גערעדט: — דאס זאגט ער נאר אזוי; אין אמת'ן האט ער

מיך פֿאַר זײַן שקלאַפֿין געוואָלט מאַכן, דען איך בין אַ פּאַריאַ־קינד, — האָט זי טרויעריק געענדיקט.

איך האָב געשוויגן. עפּיס האָט אָבער געמוזט געשען, דער אָבענד האָט זיך אָנגערוקט און צו בלײַבן דאָ אין ווילדן אָרט איז קיין גרויס פֿערגניגן נישט געווען.

— וואָס טהוט מען? — האָב איך זי ענדליך אַ פֿרעג געטהון.

— הערר! איך האָב פֿאַר דיר אַן אָרט זיך צו בעהאַלטען, איך פֿיהר דיך אַהין אַוועק. איך וועל דאַן אַוועק קיין באַיאַמאַ און ברענגען אַ מחנה אײַערע סאָלדאַטען; די וועלען שוין דאַן דיך קיין באַיאַמאַ צוריק־פֿיהרען.

דאָס אַלץ האָט זי אַזוי אײַנפֿאַך און נאַטירליך געזאָגט, ווי דאָס וואָלט געווען דער אײַנציגער אויסגאַנג פֿון מײַן קריטישער לאַגע. איך האָב פֿון אָנהויב איהר עצה נישט געוואָלט אָננעהמען, נאָר זיך דערמאָהנענדיק, אַז די אינדיאַנער מוזען נקמה נעהמען פֿאַר אַ בעליידיגונג, ווי טײַער עס זאָל זיי נישט קאָסטען, האָב איך איהר פֿאָרשלאַג אָנגענומען.

— און דו? — האָב איך זי אָבער געפֿרעגט.

— אַ, איך קען צו גוט דעם וועג אין דער געגענד; איך וועל שוין זיך אַרויסמאַכען פֿון זייערע הענד.

— גוט, איך נעהם אָן דײַן הילף.

מיט לויכטענדע אויגען האָט זי מיר בײַ דער האַנד גענומען און שווײַגענדיק זענען מיר דורך אַ היבשע שטרעקע אין דער דונקעלהײַט, וועלכע האָט זיך גענומען אַראָבלאָזען איבער אונז. פֿאַר אַ חורבה האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט.

— דאָס איז אַ טעמפּעל און דאָ וועט איהר זיכער זײַן; דען קיינער וועט נישט וואַגען אַהער אַרײַנצוקומען.

איך האָב געוואוסט, אַז די אינדיאַנער האָבען מורא צו בעטרעטען זייערע אַלטע טעמפּלען און בין רוהיק נאָכגעגאַנגען דעם מיידעל.

קיין ליכט האָט נישט געברענט, נאָר די לבנה האָט אַרײַנגעשיינען דורך די ריסען און לעכער פֿון מויער מיט אַ מאַגישען גלאַנץ. אין איינעם פֿון די לעצטע צימערן האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט. זי האָט שנעל אַ ליכט אָנגעצונדען און צו מיר רוהיק געזאָגט:

— דאָ קאָנסטו רוהען, הערר; איך וועל דיר ברענגען וואַסער און מאָרגען אין דער צײַט וועסטו זײַן צווישען דײַנע.

— און דו? — האָב איך זי געפֿרעגט אָנחאַפּענדיק אָן האַנד.

— איך? — האָט זי טרויעריג אויסגערופען, — אָ, איך וועל שוין אין אַ שעהנעם פריהמאָרגען ערגיץ וואו שטאַרבען.

איך האָב זי שטורמיש אַרים גענומען, פּעסט זי צוגעדריקט צו זיך און איהר אַ הייסען קוש דערלאַנגט אויף איהרע ברוינע סאַמעט־ווייכע ליפּען. זי איז געהאַנגען אָן מיר און איבער אונז האָט געהערשט אַ רויש פון אַ זיסער ליידענשאַפט, דאָך פּלוצלונג האָט זי זיך אָבגעריסען און שטיל געשעפּטשעט:

— לאָז מיך געהן, העדר; דו דאַרפסט רוהען און אויך איך מוז רוהיג זיין.

און איידער איך האָב זיך נאָר אַרומגעקוקט, איז זי שוין געווען פערשוואונדען.

אויף מאָרגען זענען געקומען 10 סאָלדאַטען; אָבער אָהן דער קליי־נער ברוינער אינדיאַנערין. אויף דער פראַגע, וואו דאָס מיידעל איז, האָט מען מיר דערצעהלט, אַז זי געפינט זיך אַ פערוואונדעטע אין שפּיטאָל.

די ידיעה האָט מיר בעגעגענט ווי אַ דונער, נאָר עפּיס צו טהון האָב איך קיין מעגליכקייט נישט געהאַט. מיר זענען באַלד אוועק קיין באַיאַמאָ און מיין ערשטער וויזיט איז געווען אין שפּיטאָל. אויף איינער פון די אייזערנע בעטלעך איז זי געלעגען. איך האָב זיך אַנטקעגען איהר אַנידער־געזעצט און גענומען איהר האַנד אין מיינער. זי האָט גלייך די אויגען גע־עפענט און אַ לייכט שמייכעל האָט בעדעקט איהרע ליפּען.

— מען האָט דיך געפונען, האָט זי געשעפּטשעט, — דאָס איז גוט.

— וואָס האָט מען דיר דען געטהון? — האָט איך זי געפרעגט מיט אַ שטיקענדער שטים.

— אָ, העדר, איך האָב געטראַכט וועגען דיין קוש און פער־געסען פאָרזיכטיג צו זיין; מען האָט מיך דערזעהן, געחאַפּט און געהייסען זאָגען וואו דו ביסט —

זי האָט איהרע אויגען צוגעמאַכט, נאָר באַלד צוריק געעפענט.

— עס איז אַזוי שעהן געווען, העדר — נאָך איין מאָל — יאָ, — איך שטאַרב — — —

איך האָב זיך אָנגעבויגען און בעריהרט איהרע ליפּען. איך האָב גע־פיהלט אַ שוואַכען קוש, געזעהן איהר לעצטען שמייכעל, און דאַן — איז אַלץ געווען פערביי.

דער ערצעהלער איז ענטשווינגען געוואָרען, אויך די אנדערע האָבען געשווינגען.

Lik איבערזעצט

שאַרל באָדלער.

דער הונד און דער פלאַקאָן.

„— מיין שעהנער הונד, מיין גוטער הונד, מיין טייערער טוטו, קומט אַ ביסעל נעהנטער אַהער און איהר וועט שמעקען פון דיזען גרויס־אַרטיגען פּאַרפיום וואָס איז געקויפט געוואָרען ביים בעסטען פאַרפיום־פאַבריקאַנט פון שטאָדט".

און דער הונד, דרעהענדיג מיט'ן עק, וואָס איך גלויב אַז ביי דיזע אָרעמע וועזענס איז עס דער צייכען פון לאַכען און פון שמייכלען, האָט זיך דערנעהנט און צוגעלעגט מיט נייגיריגקייט זיין פייכטען נאָז צו דעם אָפענעם פלאַקאָן; און תיכף, אָבשפּרינגענדיג פּלוצלונג אַ הינטער מיט שרעק, בילט ער אויף מיר מיט אַ כעס'דיגען פערראַכטונגס־קול.

„— אָ! ניעדערטרעכטיגער הונד, ווען איך וואָלט אייך מכבד זיין מיט אַ פּעקעל מיסט און שמוץ וואָלט איהר איהם שמעקען מיט פערגעניגען און אפשר אויך שלינגענד. אויף אַזאַ אופן, זייט איהר זעלבסט, אונווירדיגער קאָמפּאַניאָן פון מיין טרויעריגעם לעבען, געגליכען צו דעם פּובליקום, צו וועלכען מען דאַרף קיינמאָל נישט פּרעזענטירען קיין דעליקאַטע פּאַרפיומען וואָס בעצויבערן, נאָר מיסט גוט פונאַנדערגעקליבענע".

פון פראַנצויזיש מ. ליעבערמאַן.

הערמאן הייערמאנס.

אויגענשפיעל.

(סקיצע)

די צייטונג האט צוגעדעקט זיין נאז, זיין באָרד, זיין שטערן.

און אזוי, האלטענדיג די פיס אײנע אויף דער אנדערער רעגעלמעסיג אָטמענדיג פאר'ן שטייפען פאפיער, האט זיך אויסגעוויזען, אז ער שלאפט.

אָבער זי, וואס איז אינגאנצען בעלויכטען געווען פון לאמפ, איז געזעסען מיט א פערדאגה'ט פנים ביי דער צווייטער העלפט פון צייטונג, האט איהרע ארעמס אהן מוט אַן טיש געהאט אנגעשפארט, — זי האט געוואוסט, אז ער שלאפט נישט, אז ער נארט זי אָב, אז ער איז מיט אפענע אויגען אונטער דער צייטונג געלעגען.

ביי איהר איז געזעסען אננא, איהר איינציג טאכטערל, בלייך און פערטיעפט אין איהרע לעקציעס.

די לאמפ האט שלעכט געברענט, האט א ביסעל געראויכערט, דער ברענער איז קאליע געווארען. דאס רויטע ליכט איז פון צייט צו צייט ארויף און ארונטער געשפרונגען.

די טהיר פון קראם, וואס איז געווען מיט פארהענגלעך פערהאנגען, איז האלב אָפען געשטאנען. מען האט געקאנט זעהן, ווער עס קומט אריין אין קראם. די לאמפען פון די שויפענסטער זענען נישט געווען אנגעצונדען. סיי ווי סיי וועניג קונים פארהאן. א שאד דאס געלד אויף נאפט —

פון גאס האט זיך געהערט דאס קלאפען פון אײזערנע רייפען. די יונגען וואלטען מיט די רייפען א גאנצע נאכט ארומגעלאפען, ווען זיי וואלטען נישט געדארפט שלאפען גיהן. אזוי האט געהערשט אין גאס א טויטע שטילקייט.

איהרע הענד האבען זיך צוגעקלעפט צו איהרע באקען. דאס שטאר-

קע און העפטיגע קלאַפּען פון איהר פולס האָט זי געפיהלט אַוש אין קאָפּ. אונבעוועגט, מיט אויסגעגלאָצטע אויגען האָט זי אַזוי לאַנג געקוקט אויף די מודעות, אויף די שוואַרצע אותיות, ביז איהרע אויגען זענען איהר נאָס געוואָרען און זי האָט מעהר נישט געזעהן, ווי דאָס טישטוך מיט'ן געקריי־זעלטען צייטונגס־פּאַפּיער, וואָס איז אויף איהם געלעגען.

איין מאָל האָט זי אַ ציה געגעבען מיט דער נאָז און האָט מיט אַלע כּוחות איינגעהאַלטען דעם קרעכץ, וואָס האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסען פון איהר פּוסטען קאָפּ, פון איהר לעדיגען מוח. אָבער פון דעם קינד'ס וועגען, וואָס איז דאָ ביי איהר געזעסען און פון זיינעטוועגען, וואָס איז נישט געשלאָפען — פון זייער ביידענס וועגען, האָט זי פערביסען איהרע ליפּען און האָט זיך געצוואונגען לייענען די מודעות פון דער צייטונג.

די צייטונג איז אומגעפאַלען און ער האָט גענומען קוקען אויף די טאַנצענדיגע פלאַמען פון לאָמפּ, אַקוראַט ווי ער וואָלט געלעגען די גאַנצע צייט וואך.

„ווילסטו אַ גלעזעל טיי" האָט זי דערשראָקען געפרעגט.

„ניין", האָט ער געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ. זיינע ליפּען זענען געווען בעגראָבען אין זיין באָרד און אין זיינע וואָנסען — זיינע אויגען האָבען אָהן אַ שום ציעל געקוקט אויף דעם לאָמפּ. זיין גאַנצער פּנים, מיט די האַלב־פערשלאָפענע אויגען, מיט דער דאַרער נאָז, מיט די איינגעפאַלענע באַקען האָבען געמאַכט אַ בעדריקטען, לעבענסמידען איינדרוק.

„קום, טרינק דאך אויס אַ גלעזעל טיי", האָט זי איבערגעחזר'ט.

דער טשאַיניק האָט זיך איינגעבויגען צום גלאָז, די מילך איז צוגעפלאָסען.

„האָסטו געשלאָפען?..."

„יאָ", האָט ער קורץ געענטפערט.

לאַנגזאַם האָט ער געטרונקען דעם טיי, האָט איהם געבלאָזען, געזופּט, — און ווייטער האָט געהערשט די אַלטע שטילקייט אין חדר.

„גאָט — די דאָזיגע עקעלדיגע לאָמפּ" האָט דאָס קינד גענומען רעדען פאַר זיך און בעז אויפגעהויבען דעם קאָפּ, „מען קאָן דאך קוים לייענען..."

„לאָז דאך היינט אין רוה", האָט די מוטער זיך אָבגערופען: „מאָרגען וועל איך אַ קוק טהון, וואָס עס טהוט זיך מיט דער לאָמפּ — דער קנויט איז אַודאי צו קורץ..."

„ניין, דער קנויט פאסט נישט גוט אין דער מאשינקע" — האט ער געזאגט, כדי אויך מיטצורעדן.

„עס זאל נאר קיין שרפה נישט ארויסקומען דערפון", האט געזאגט דאס קינד, האט ארונטערגעלאזען דאס קעפעלע און וויטער געלייענט.

„ניין — דערפון קאן קיין שריפה נישט ווערן", האט געזאגט די מוטער.

זייערע ביידענס בליקען, זיינער און איהרער, זענען געהאנגען אויף דעם לאמפ, פאר דעם לאמפ האבען זייערע אויגען געבלאנזשעט אין דעם פוסטען רוים פונ'ם צימער, פלעגען זיך בעגעגענען, קורץ און פערשעמט, ווי זיי וואלטען וועגען עפיס געטראכט, וועגען עפיס מיט א מאל געטראכט און זיי האבען זיך איינע די אנדערע גענויט אנקוקען. א סעקונדע פלעגען זיך זייערע אויגען אנקוקען, א סעקונדע פלעגען זיי זיך אויסמיידען.

דאן האט זי ווידער אנגעהויבען לייענען די מורעות, האסטיג, ווי מען וואלט זי געיאגט, ווי עפיס וואלט געשעהן, וואס האט נישט געדארפט געשעהן... ער האט זיך איינגעבויגען, ארומגענומען די קניע מיט זיינע ארעמס, האט אוועקגעלעגט די ציימונג און שווייגענדיג געקוקט אויף דאס פאפיר.

איבער די שטיינער האבען געקלונגען רייפען און דורכ'ן געסעל האבען דורכגעבליצט פלעמעלעך. פלוצלונג האט זיך דורך די שטילקייט פון געסעל דורכגעריסען א הויכע, יונגע שטימע, וועלכע האט אבגעקלונגען צווישען די הייזער.

איינגעבויגען האט ער זיך אויפגעהויבען, צוזאמענגעקנייטשט די ציימונג און אריינגעגאנגען, אין די פינסטערע קראם. בשעת ער האט די טהיר אויפגעעפענט, האט זי געזעהן ווי א גרויער שאטען האט זיך אויפגעהויבען פון דער לאמטערנע וואס האט אנטקעגען פענסטער געברענט. און ווידער האט ער אנגעהויבען טראכטען וועגען דעם, וואס זי האט גע־טראכט, ווייל ער האט וועגען עפיס אנדערש נישט געקאנט טראכטען, ווי וועגען דאס איינע שרעקליכע, גרויליכע.

„יאן", האט זי שטיל אויסגערופען, אויפגערעגט.

„וואס?" האט ער געפרעגט מיט א צארנדיגער שטימע.

זי האט גארנישט געזאגט. זי האט זיך צוזאמענגעקארטשעט איבער'ן טיש, האט פערלארען איהר גאנצען מוט, דורך די פוסטקייט, וואס זי האט פלוצלונג דערשפירט אין איהר קאפ, און האט גענומען מיט גליהענדע אויגען קוקען אויף די טהיר, וועלכע האט זיך פערמאכט,

און אויף די קליינע פארהענגלעך וועלכע האבען זיך אראבגעלאזט און בע-האלטען די גאנצע קראם.

* *
*

דומפף און אהן חשק האט ער אנגעצונדען א שוועבעלע און ארויפגעגאנ-גען פאמעליך אויף דאס געוועלב-טרעפעל, האט אויפגעהויבען דעם צילינדער און אנגעצונדען די גרויסע לאמפ, דאן האט ער מיט כעס ארונטער געדרעהט דעם קנויט און האט אוועקגערוקט דאס קליינע טרעפעל הינטער'ן טיש.

פאמעליך האבען די פאליצעס ווי אבגעלעבט. די פאליצעס מיט די שעהנע גארניטערס מיט די גרויע הויזען, מיט אנצוגס-סחורה, מיט גאנצע קופעס ציינג און פראבעס.

עס איז געווען א קליינע קראם, אבער די פאליצעס זענען געווען פול. זעהר פול אנגעפאקט און אויף יעדער פאליצע איז געלעגען סחורה מיט פאסענדע, גלייכע קאלירען. איצט האבען זיך אויך געזעהן אלע מאדעלען און אלערהאנד גאלאנטעריי סחורות; עס האט זיך אויך געזעהן דאס גאנצע שויפענסטער, וואס איז געווען אויסגעצירט מיט גלאטע און געקרייזעלטע קרעם-פאפיר און אנגעפילט מיט אלערליי קראגענס, שקאר-פעטקעס, וועסטען און שלייקעס.

ער האט זיך ארויפגעזעצט אויפ'ן טיש, האט געשאקעלט מיט זיינע פיס און האט געקוקט דורך די פארהענגלעך אין צימער אריין. דאן האט ער אנגעלעהנט זיין עלענבויגען אויף די קניע און האט זיך ווילד א רייב געגעבען דעם שטערן. דרויסען האט מען שוין מעהר נישט געהערט די יונגלעך. עס איז שוין געווען נאך אכט א זייגער. אין דער אנטקעגענדיגער קראם האבען געברענט די געוועלב-לאמפען, און אויך אנטקעגען אויפ'ן ערשטען שטאק האט א פלעמעלע דורכגערויסען די דונקעלקייט פונ'ם צימער.

* *
*

מיט א מאל האט ער זיך אויפגעהויבען — האט זיך איינגעהארכט — זיך דערשראקען. אין קאסטען, וואס איז געשטאנען ביי'ם פענסטער, האט זיך דערהערט א זעלטענער גערויש פון פיצלעך פאפיר. און אז ער האט איינגעבויגען דעם קאפ, האט ער דערזעהן, ווי עס הויבט זיך אויף א דינער

רייך ווי פון א ציגארעטע. א רגע האבען זיך אויסגעשטרעקט זיינע ארעמס, זיין קערפער האט זיך ארומגערנגעבויגען, ווי ער וואלט וועלען צושפרינגען. דא טליהעט עפּיס! דא ברענט עפּיס! דאס שוועבעלע איז אודאי אין קאסטען אריינגעפאלען... זיינע מוסקולען זענען אבער באלד אבגעשוואכט געווארען — זיין קערפער האט זיך אבגעדרוקט — א פייערדיג רויטער קרייז איז געווארען אין דעם פאפּיער — האט אויסגעפרעסען א לאך אין די אויסגעקרייזעלטע פאפּיער ארום שוי-פענסטער און דאס פייער האט זיך גענומען רוקען צום טיש צו.

ער האט אויפגעהערט אטעמען, האט מיט אלע כחות זיך אבגעהאלטען נישט צו שרייען און האט זיך פעסט אנגעהאלטען אן טיש, כדי נישט צוצושפּרינגען און צוטרעטען מיט די פיס דאס פייער.

דאן איז ער זעהר האסטיג אויפגעשטאנען, פערקלאפּט אויף גיך די טהיר פון קראם און האט נאך שנעלער די לאדען-ראלעטען ארונטערגעלאזען.

אינוועניג איז זי געזעסען און האט זיך שטארק דערשראקען, וואס די טהיר האט זיך אזוי העפטיג צוגעקלאפּט.

„גיב מיר נאך א גלאז טיי", האט ער געזאגט, אריינגעהענדיג אין שטוב, און אנגעהויבען קוקען אויף דער צייטונג.

זי האט זיך מיט גרוים מיה אויפגעהויבען, האט אויפגעהויבען דעם טשאייניק און איז פלוצלונג פאר שרעק ווי צוגעקאוועט שטעהן געבליעבען...

„יאן, ברענט דא נישט ערגיץ?"

„איך הער גארנישט", האט ער דומפּף געענטפערט און אומגעדרעהט די צייטונג.

„... איך הער אבער — יא... ביסטו געוועזען פארזיכטיג?..."

„וואס איז עס פאר א שאלה!"

זי האט איינגעגאסען טיי.

פלוצלונג האט זיך דאס קינד אומגעקוקט און געווארען אונרוהיג.

„מאמע — דא ברענט עפּיס — דא איז אודאי פאפּיער..."

„עס ברענט גארנישט", האט ער שוין בעז געזאגט.

און צום צווייטען מאל האבען זיי גיך ווי א בליץ זיך אין די אויגען אריינגעקוקט, זי זעהר אויפגערעגט, פון אונטער דעם לאמפּ — ער דערשראקען, איינגעבויגען פון לעהנשטוהל ארויס.

דאס אויגענשפּיעל האט נישט לאנג געדויערט, נאר אין די איינציגע

סעקונדען האָבען זיי זיך בײדע געפֿיהלט, ווי מען וואָלט זיי די גרעסטע עַוולה אָנגעטהון.

דאַן האָט זי ציטערנדיג דעם טשאַיניק אַוועקגעשטעלט און האָט אויפ־געריסען די טהיר. דער טשאַד, וואָס האָט אָנגעפילט די קראָם, איז אַרײַן אין צימער.

זי האָט גאָרנישט גערעדט, נישט געשריגען, נישט געגוואַלטעוועט. שווער אָטהעמדיג, איז זי צוגעלאָפען צום קאַסטען, האָט געחאַפּט אַ שמאַטע, כדי צו דערשטיקען דאָס טליהען און ברענען פונ'ם פּאַפּיער — און ער איז צו, ווײַס ווי אַ מת, הוסטענדיג פונ'ם שאַרפען, בײַסענדיגען טשאַד, וואָס האָט דונקעל געמאַכט די קראָם, און האָט אויפגעריסען די קראָם־טהיר.

„זאָל איך די הויף־טהיר אויפעפענען, מאַמע?" האָט הוסטענדיג גע־פרעגט דאָס קינד.

„יאָ", האָט געזאָגט די מוטער. און הוסטענדיג פון דעם טשאַד, האָט זי אָנגעהויבען צו וויינען.

„נו. נו", האָט ער זיך אָנגערופען מיט פחד.

זי האָט אַרויסגעטראָגען דעם קאַסטען אויפ'ן הויף און האָט איהם בע־גאָסען מיט אַנ'עמער וואַסער און אויפ'ן דעק פון קאַסטען איז געבליבען אַ קופּקע פערברענטע פּאַפּיער.

ער האָט אויפגעעפענט דעם פענסטער־ראַלעט.

„מאַמע, וואָס וויינסטו אַזוי, מאַמעשי? האָט דאָס קינד זיך געווענדט צו דער מוטער.

און דאַ ערשט האָט זי אײַנגעטוליעט דעם קאָפּ אין די הענד און האָט אָנגעהויבען קראַמפּפהאַפט, ווילד צו וויינען...

* *

*

אין אכט טעג אַרום איז דער וועקסעל פּראָטעסטירט געוואָרען...

Lik איבערזעצט

אָלא האַנסאָן.

איהר שמייכעלע.

זיי זענען געזעסען אַליין, אין די יולי־נעכט, ווען די גאַנצע נאַטור איז געווען ווי צורמגעהאַפט מיט אַ פיבער. אין די הייסע און פאַרנע לופט איז אַנגעלאָפען ווילדע, קאַלטע, ווינד־שטורמען. הויך, אין שמח, האָט זיך געקליבען דער שטורם, — ווי ריעזיגע פאַנטאַסטישע פויגעל האָבען זיך אָנגערוקט די וואָלקענס און נידריגער, אויפ'ן האָריזאָנט אין דרום זייט האָבען אויפגעפלאַמט בלאַסע שטראַהלען־פייערלעך. די זון איז פערגאַנגען, נאָר די וואָלקענס האָבען געוואָרפען אַ מעטאַלישען אָבגלאַנץ אויף דעם דונקעל געוואָרענעם פעלד, וועלכעס האָט פון עק וואַלד, וואו זיי האָבען זיך געפונען, געעפענט זיך פאַר זיי אין אַ אונענדליכען שטח.

ער איז געזעסען אויף אַ וואָרצעל פון אַ בוים און האָט זיך כסדר, אויפמערקזאַם איינגעקוקט אַ מאָל אין די אַרומיגקייט, אַ מאָל אין איהר, וועלכע איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן אַ צווייג פון אַ בוים. איהם האָט זיך געדאַכט, אַז זי קוקט אויף איהם מיט וואַהנזיניגע אויגען, ווייל אין זיי האָט זיך טיילמאָל בעוויזען די דעמערונג, טיילמאָל — עפּיס ווי אַ שטאָהלענער קאַלטער גלאַנץ! און ער האָט געפיהלט דעם בליק, גלייך ווי עס האַלט ביי איהם געווען בעזייטיגט דער מוח־בײן, זיין מוח איז געווען אָפען און נאַקעט, און עס איז אין איהם אַריינגעדרונגען אַ דינע, קאַלטע, שטאָהלערנע שאַרף. אין זיין בלוט האָט זיך צוגאָסען דער פיבער פון די נאַטור; עס איז געווען סיי קאַלט סיי הייס; אַ מאָל אַ הייסע היץ, אַ מאָל אַ וואַהנזיניגער שטורם, וואָס האָט זיך איינגעשניטען, ווי אַ אייז־מעסער; און עס האָט אויפגעפלאַמט פאַר איהם בילדער, פאַנטאַזיעס פון אַ ליידענשאַפטליכען און אַ וואַהנזיניגען...

און שטעהענדיג דאָרט, אָנגעשפּאַרט אָן צווייג פון בוים און איינקוקענדיג זיך אין פעלד, האָט זי זיך איהם אויסגעוויזען ווי דער בעזער גייסט פון דער סטעפּע. ער האָט געזעהן, ווי די שטריכען זענען זיך צושוואָוסען, די געזיכטס־צוגע האָבען זיך אויסגעקרימט, די הויט איז געוואָרען גראָה

און פערוועלקט, און אין קערפּער האָט זיך אָנגעהויבען די צולעגונג'ס אַרבייט; ער האָט געזעהן דעם קאַלטען בלוט־גיעריגען פייער אין איהרע קליינע פאַרב־לאָזע אויגען, און דאָס קאַלטע בלוט־גיעריגע שמייכעל אויף איהרע דינע פאַרב־לאָזע ליפּען; עס האָט זיך איהם געטרוימט, אַז ער בעמערקט אַ איינינקייט אין איהר קערפּער, דאָס, וואָס איז געלעגען אינווייניג און אויפ'ן סאַמע גרונד, און ער האָט אָנגעשטרענגט אַלע קרעפטען פון זיין נשמה, אַבי נאָר צו דערגעהן דערצו נעהנטער, אַריינדרינגען און דערוויסען זיך וואָס עס איז אַ זאַלכעס. און אַזוי ווי אַ חירורג שטעקט אַריין אין קערפּער זיין אינסטרומענט, אום צו דערווייטערן די ענטוויקלונג פון שמערץ, האָט ער איינגעזונקען זיין גאַנצען געדאַנק אין דעם שמייכעלע, אַבי נאָר צו דערגעהן דעם סוד פון איהר וועזען אין די גרענצען פון איהר זעלטענעם געביי; נאָר אויף וויפיעל ער האָט זיך מיט פיינינגענדע אַנשטרענגונג, מיט זיין גאַנצען וועזען, בעמיהט אַריינצודרינגען אין איהר אינהאַלט, האָט זיך אין דעם לעצטען אויגענבליק, דער אינסטרומענט אַרויסגעגליטשט פון זיינע הענד; און אין די נאָהנטסטע רגע זענען זיי ווידער געוועזען אָבגעשיידט איינער פון צווייטען. ווי פריהער — איז ער געזעסען אויפ'ן וואָרצעל פון בוים, און זי איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרענדיג זיך אָן צווייג. — ער האָט ווידער אַ קוק געטהון אויף דאָס שמייכעלע, פון די דינע, פאַרב־לאָזע ליפּען, וועלכע זענען געוועזען גיעריג און זיס ליידענשאַפטליך, ווי זי וואָלט געזעהן טייכען בלוט, אָדער זי וואָלט געחלום'ט פון עבינע ליעבע אין זין־לאָזיגקייט.

און עהנליך דערויף ווי אַ היפּנאָטיזירטער, וועלכער זיין גאַנצער גייסטיגער אָרגאַניזם, זיין מוח און זיינע געפיהלען, אַרבייטען אָהן יעדע אַבהענגיגקייט די אויסערליכע וועלט, אויסער די מאַגנעטישע פערבינדונג מיט דעם איינשלעפער, און פונקט ווי אין אַ דיקען נעבעל מיט אויפפלאַמענדע און אויסגעהענדע בלאָנדזשענדע פייערלעך, וואָס גיט צו אַלעם לעכערליכע אין פערגרעסערטע גרויסען, — פונקט אַזוי האָט ער אויך אַזוי לאַנג און אַזוי אָנגעשטרענגט איינגעקוקט זיך אין דאָס רעטזעלהאַפטע שמייכעלע פון דעם ספינקס, אַז ער איז איצט געווען צו איהר צוגעשמידט מיט זיין גאַנצען גייסטיגען בליק, מיט אַלע דיענסט־בעוועגונגען פון זיין וועזען, אָהן בעוואוסטזין און אָהן ווילען, אין די גאַנצע וועלט, וועלכע האָט זיך פריהער פערשפּרייט אַרום איהם אין די נאָרמאַלע ווירקליכקייט, — די גאַנצע וועלט איז איצט געלעגען דאָרט, אין די טיעפקייט פון דאָס שמייכעלע, ווי אַ בעזע פינסטערניש מיט העלע פונקען און וועטענם בלאָנדזשענדע ליכט עס האָט אַלץ אָנגע־

נומען איבערראַשענדע גרויסע ראַמען, גלייך ווי זיי וואָלטען איבערגע-וואַקסען די פאָרמען, אָדער זיי האָבען זיך אויסגעקרימט, אָדער אומגעדרעהט זיך. און ער אַליין האָט געדורשט אַריינצודרינגען אין דעם געהיימניספאָלען קרייז, וואו די פרוי האָט געדרימעלט מיט אַ טויטען שלאָף, צו בלאָנדזשען דאָרט צו זעהן די זעלבע בילדער און ברענען מיט די זעלבע געפיהלען; ער האָט געדורשט מיט אַ זים ליידענשאַפטליכע קעלט פון שרעק.

דער זומער איז פאַרביי, און דער הערבסט, און דער ווינטער

אין אַ טריבע נאַכט, אין מערץ-מאָנאַט, האָט ער איהר געטראָפען אין דער היים אַליין. זי איז האַלב געלעגען אין טיפען פענסטער-ווינקעל, ער האָט זיך אַנידער-געזעצט נעבען איהרע פיס. דער מערץ-שטורם האָט געוויסט איבער די גאַסען, ער האָט געקלאַפט די טהירען, געדונערט אין די שילדען. עס האָבען געמויקעט די קען: אויף איהר צוריק געוואָרפענעם געזיכט האָט געפינקעלט דער אָבגלאַנץ פון דעם לאָמפ, און ער האָט געזעהן איהרע אויגען, ווי צוויי פאָספאָר-לייכטענדע קייקעלעך, און פלוצלונג האָט ער דערפיהלט, אַז אַ ציטערנדע האַנד גלעט זיינע האָר; און ער האָט איהר אַרומגעחאַפט, און מיט אַ אַנשטרענגונג אָנגעפילט מיט שרעק, האָט ער נישט אָפּגעריסען זיינע אויגען פון איהר שמייכעלע, וועלכעס האָט ווי דער טויט אונבעוועגליך גערוהט אויף איהרע פאַרב-לאָזע ליפען. ווי אַ גייסט ביי די ליכט פון לאָמפ, האָט זי געציטערט און געקאָרטשעט זיך אין זיינע אָרמען, און פלוצלונג האָט ער דערזעהן, אַזוי ווי אין דער ווייט, אין די זאַמע טיפקייט פון דיזען שמייכעלע, אַ מין בילד, אַ שכור'ער חלום, אַ שרעקלי-כען טוידטען-טאַנץ, פון די דאַרע מענערישע סקעלעטען און נאַקעטע, אַזוי ווי די אויבערפלעכע פון ירדן, קערפער פון פרויען.

און דאָס בילד, וועלכעס ער האָט צום ערשטען מאָל געזעהן נאָר ווי פון דערווייטענס, אין די זאַמע טיפקייט פון דיזען שמייכעל, האָט זיך איצט בעוועגט אַלץ נעהנטער מיט יעדען פערגאַנגענעם טאָג. באַלד האָט ער דערזעהן אַ שמייכעלע אויף יעדעס פרויען-געזיכט, וואָס ער האָט בעגעגענט אויפ'ן וועג, — ער האָט איהר געפונען צוזאַמען מיט זיך אין זיין בעט, פאָס-פאָריש-לייכטענדיג אין דער פינסטער, יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אויפ-געחאַפּט ביי נאַכט; און ענדליך האָט ער זיך צו איהר דערנעהנטערט, און ער האָט איבערגעטרעטען די שוועל; און ער איז אַריינגעגאַנגען אין דעם שמייכעלע, אַלץ ווייטער, אַלץ טיפער, ביז עס האָט זיך אַרום איהם גע-דיכט אַרומגעוויקעלט. און ער האָט איהר אָנגעהויבען צו פיהלען אויף זיין הויט און אין זיינע אַפּלען, — ווי אַ מין ווייבערדיגע היץ, וועלבע האָט

זיך נישט איינגעשטילט, ביז זיינע אייגענע אויער־הייטלעך האבען אנגעהויבען צו קלינגען אין דעם זעלבען שכור'ן חלום, אין דעם שרעקליכען טוידטען־טאנץ — פון מענערישע דארע סקעלעטען און נאקעטע, ווי די אויבער־פלעבע פון ירדן, פרויען־קערפער, — אין שרעקליכען טאנץ, וועלכער האט זיך ווילד געדרעהט ארום איהם, מיט א זיס ליידענשאפטליכען הייזעריגען אטהעם פון די ענגע לופט, מיט ווארעמען שוויים פון קערפער און קענט פון מתים.

און אין הייסען זומער טאג, ווען ער איז אומגעקראכען אויסער זיין שטוב, האט ער זיך פלוצלונג אפגעשטעלט און ער איז געשטאנען אין מיטען דער גאס. אלע מענשען האבען אנגעהויבען צו שפרינגען, יעדער ווי אזוי ער האט געקאנט, אזוי ווי א פייערדיגער און א גראהער רעגען איז געפאלען פון הימעל, און אין דעם זעלבען אויגענבליק איז אלץ שטיל געבליבען, גלייך ווי זייערע פיס וואלטען נישט אנגעריהרט די ערד, אדער ווי עס וואלטען נישט געוועזען קיין שום קלאנגען אויף דער וועלט; זיי זענען פערשוואונדען אין דער ווייטקייט, ווי א שווארצער רויך, און זיי האבען זיך איינגעשרומפען אין קליינע פינטעלעך אין יעדע פון די פיער זייטען פון די וועלט; און דער גאנצער וועלט־רוים, איז אין איין אויגענבליק, געווארען פינסטער, ווי די נאכט, נאר אין די זעלבע צייט איז זי געוועזען בעזייעט מיט א אונענדליכע צאהל קליינע, פאספארישע־לייכטענדע פינטעלעך, און ארום יעדען פון זיי, איז ביסלעכווייז אויסגעוואקסען א געזיכט, א פרויען־געזיכט, איהר געזיכט מיט איהר שמייכעלע; — די שמייכלענדע געזיכטער, זענען מיליארדען ווייז נעשוואומען פאראויס, ביז זיי האבען זיך צונויף־געגאסען אין איין ריזיג געזיכט, וועלכעס האט פערנומען מיט זיין גיעריגעם אונבעשטימטעם זיס ליידענשאפטליך שמייכעלע דעם גאנצען וועלט־רוים.

און ער איז געשטאנען אין מיטען דער גאס, פערדעקט די אויגען, און צונויפדריקענדיג די ציינער, און קלאפענדיג זיך מיט די הענד. איינינגע פערבייגעהער האבען געחאפט דעם משוגענעם.

איבערזעצט יוכבד.

עדגאַר פּאָע.

מעטצענהערשטײן.

Pestis eram vivus-
moriens tua mors ero.

(אַ פּעסט בין איך בײַם
לעבען געװען, שטאַר־
בענדיג דײַן טויט געװאָרען).

די שוידערהאַפטקײַט און דער שיקזאַל האָבען אין אַלע צײַטען גע־בלאָנדזשעט איבער דער װעלט. און דעריבער, צו װאָס זאָל איך בעצײַכנען די צײַט אין װעלכער עס האָט מײַן ערצעהלונג פּאַסירט? ס'װעט גענוג זײַן װען איך װעל זאָגען, אַז צו יענער צײַט, האָט אין דער טיפעניש פון אונגאַרן עקזיסטירט אַ שטאַרקער געהײַמער גלויבען אין אַ לעהרע, װעגען נשמה־װאַנדערונג. איך װעל זיך נישט פערשפּרײַטען װעגען דער דאָזי־גער לעהרע גופא, ד. ה. װעגען איהר פאַלשקײַט אָדער ריכטיגקײַט, דאָך בעשטעטיג איך, דאָס אַ גרויסער טײל פון אונזער אונגלויביגקײַט, לויט דעם אויסדרוק פון לאַ־ברויער, װעגען אונזערע אומגליקען «vient de ne pouvoir être seul» (שטאַמט דערפון, װאָס מיר קענען נישט לעבען אײנזאַם).

דאָך, אין דעם אונגאַרישען אַבערגלויבען זענען אײניגע פּונקטען גע־װען, װעלכע פלעגען זיך שנעל אין אַן' אַבסורד פערװאַנדלען. זײ, ד. ה. די אונגאַרן, האָבען זיך אין פילע הינזיכטען אונטערשײדעט פון די מזרח־אויטאָריטעטען. אַזוי צום בײַשפּיעל: „די נשמה, — זאָגען די ערשטע (איך ציטיר דאָ די װערטער פון אַ זעהר שאַרפזיניגען און קלוגען פּאַריזער אַדעל־מאַן) — לעבט נאָר אײנמאָל אין קערפּער; אַ פערד, אַ הונד, אַפילו אַ מענש זענען נאָר גײַסטיגע ערגליכקײַטען פון דעם דאָזיגען װעזען.

די פאַמיליען בערליפיציגג און מעטצענגערשטײַן האָבען אין פערלויף פון פיעל יאָהר־הונדערטע געקעמפּפט צװישען זיך. ס'איז נישט געװען, דוכט זיך, קײַן בײַשפּיעלע פון אַזאַ געמײַנזאַמער שנאה צװישען צװײ אַנדערע ערגליכע

בעריהמטע פאַמיליען. דעם אורשפרונג פון דער דאָזיגער שנאה געפינען מיר, ווי ס'ווײַזט אויס בײַ'ם נביא: „אַ שרעקליכע נידערלאַגע וועט האָבען אַ הויך־געשטעלטער נאָמען, ווען, ענליך צו אַ רײַטער אויפ'ן פערד, וועט מעטצענהערשטײַנס שטערבליכקײַט זיעגען איבער בערליפיצינגס אונשטערבליכקײַט”.

אָהן צווײַפעל, די דאָזיגע ווערטער פאַר זיך זעלבסט, האָבען גאָר קײַן בעדײַטונג נישט, אָדער גאָר אַ קלײַנע. נאָר ס'איז בעוואוסט, אַז נאָך מעהר קלענערע און אונוויכטיגערע אורזאַכען האָבען פעראורזאַכט, און טאַקי נישט זעהר לאַנג צוריק, פאָלגען נאָך מעהר בעדײַטענדע. צו אַלעם דעם האָבען זיי געשטריטען צווישען זיך, כדי צו ווירקען אויף דער רעגירונג, אין בעצוג צו דער שטאַט־פערוואַלטונג. אויסער דעם, נאָהנטע שכנים קענען זעהר זעלטען זײַן גוטע פרײַנד, און די אײַנוואוינער פון בערליפיצינגס שלאָס האָבען געהאַט די מעגליכקײַט צו קוקען פון זײַערע הויכע טהורעמס גלײַך אין די פענסטער פון מעטצענהערשטײַנס פּאַלאַץ. די פּעאָדאַלע רײַכטהום, וועלכע האָט זיך ענטפלעקט פאַר זיי, האָט בעשטימט נישט מיטגעווירקט צו אָפּשוואַכען דעם שנאה־געפיהל בײַ די וועניגער אַריסטאָקראַטישע און וועניגער רײַכע בערליפיצינג'ס. טאָ וואָס איז דער וואונדער, אַז די דאָזיגע נבואה איז געוועזען גאַנץ גענוג אום אויפצוועקען און אויפהאַלטען די שנאה, וועלכע איז שוין פון פריהער פאַנאַנדערגעבלאָזען געוואָרען דורך די העצערײַ פון ירושה־שטרײַט! די נבואה האָט פאָראויס געזאָגט, אויב אין אַלגעמײַן קען ער פאָראויס זאָגען, — אַ ענדליכען זיעג דאָס מעכטיגסטערע הויז, און דעריבער איז זי דערמאָהנט געוואָרען, פערשטעהט זיך, מיט צאָרן, דורך די מעהר שוואַכערע און וועניגער אײַנפלוסרײַכע.

ווילהעלם, גראַף בערליפיצינג, נישט קוקענדיג אויף זײַן הויכער אָפּשטאַמונג, איז אין דער גאַנצער צײַט פון מײַן ערצעהלונג געוועזען אַ קראַנקער, אָפּגעלעבטער אַלטער מאַן און האָט זיך מיט גאָר נישט אויסגעצייכענט, אַ חוץ דער אונענדליכער אַנטיפּאַטיע צו דער פאַמיליע פון זײַן געגנער און מיט אַזאַ לײַדענשאַפטליכע ליעבע צו פערד און יאַגד, דאָס נישט די קראַנקהײַט, נישט זײַן עלטער, נישט זײַן גײַסטיגע שוואַכקײַט, האָבען איהם נישט געקענט אָפּהאַלטען פון זײַן טעגליכען אַנטהײַל־נעהמען אין די געפעהרליכע יאַגדען.

פרידריך, באַראָן מעטצענהערשטײַן איז געוועזען אין יענע יאָהרען, אין וועלכע די דײַטשע געזעצע ערלויבען נאָך נישט צו זײַן אַ בירגער. זײַן פאָטער, אַ מיניסטער, איז פריהצײַטיג געשטאָרבען; די מוטער, פרוי

מאריע, האט שנעל איהם נאכגעפאלגט אין קבר. פרידריך איז דאן אכטצעהן יאהר אלט געוועזען. אין שטאדט איז אכטצעהן יאהר נישט קיין לאנגער פעריאד, נאר אין דער וויסטע, אין אזא טיעפער וויסטע, וועלכע עס האט פארגעשטעלט מיט זיך דער דאזיגער אלטער, ארעליגער נעסט, האבען די קלעפ פון פאמפעדיקעל א מעהר טיעפערע בעדייטונג.

דאנקענדיג אייניגע פערהעלטניסע, וואס זענען פערבונדען געוועזען מיט זיין פאטער'ס צוואה, האט דער יונגער באראן אנגעהויבען פערוואלטען זיין רייכע איינענטהום באלד נאכ'ן פאטער'ס טויט. זעלטען ווען עמיץ פון די אונגארישע ארעליגע האבען בעזעסען אזא פערמעגען.

ער האט פערמאגט צאהל־רייכע שלעסער; נאר אלס דער בעסטער, לויט זיין רייכטהום און גרויסקייט, האט זיך גערעכענט דער שלאס מעטצענגערשטיין. די גרענעצען פון זיין לאנד בעזיץ זענען נישט קיינמאל פינקטליך בעשטימט געוועזען, נאר דער הויפט־פארק האט זיך פערשפרייט אויף פופציג מייל ארום.

ביי דעם בעוואוסטען כאראקטער פון יונגען מענשען, וועלכער האט בעקומען אזא קאלאסאלע ירושה, האט קיינער נישט געצווייפעלט אין זיין צוקינפטיגער טהעטיגקייט. און ווירקליך שוין אין די ערשטע דריי טעג האבען זיינע טהאטען איבערגעשטיגען די ערווארטונגען פון זיינע הייסעסטע פערטהיידיגער. די אונפערשעהמטע פערדארבענהייט, קליינליכע צולאזענהייט, אונגעהערטע גרויזאמקייטען האבען שנעל זיינע ציטערנדע וואסאלען בעוויזען אז קיין שקלאפישע אונטערטהעניגקייט פון זייער זייט, ווען זיי נישט קענען פערהיטען פון די נעגעל פון דעם הארטנעקיגען קאליגולא, וועלכער ווייס נישט, וואס עס הייסט געוויסענס־ביסע. ביי נאכט אויפ'ן פיערטען טאג האבען זיך אנגעצונדען בערליפיציננגס פערד־שטאלען, און די אלגעמיינע מיינונג האט צוגעשריבען דעם דאזיגען טהאט צו דעם עקעלהאפטען צעטעל פון פערברעכענס און נידערטרעכטיקייטען פון יונגען באראן.

אין דער צייט פון טומעל, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען דורך דער דאזיגער פאסירונג. איז דער באראן געזעסען, ווי ס'ווייזט אויס, פערטיעפט אין געדאנקען, אין איינעם פון די גרויסע זאלען פון זיין פאלאץ. די רייך בעפוצטע, האטש שוין אלטע ווענד זענען בעצירדט געוועזען מיט דונקעלע שמאלצע געשטאלטען פון זיין בעריהמטער משפחה. דא זענען גייסטליכע געוועזען, אין מאנטלען איינגעהילט, בעפוצט מיט פוקסען פעלץ און אין קארדינאל־היטלען; נעבען זיי זענען הערשער און איינפלוסרייכע פערזאנען פון רוימישען הויף געהאנגען, וועלכע פלעגען ארויפלעגען זייער Veto

אויף די פערלאנגען פון די ערדישע קעניגע, אדער פלעגען אפהאלטען מיט'ן פאפא'ס fiat דעם הערשענדען סצעפטר פון א שווארצען פירשט. דארט, דונקעלע, הויכע פיגורען פון די פירשטען מעטצענג הערשטיין, טרעטענדיג מיט זייערע פערד די קערפערס פון די געפאלענע שונאים און וועלכע זענען פעהיג געווען מיט זייער שרעקליכען אויסזעהן א מורא אניאגען אויף מענשען מיט די שטארקסטע נערווען; און נאך ווייטער פרעכטיגע דאמען־פיגורען פון די לאנג פערגאנגענע צייטען, וועלכע שוועבען אין א אונזיכטבארען טאנץ אונטער די קלאנגען פון א הימלישער מוזיק.

זיך צוהערנדיג, אדער אננעמענדיג דעם אויסזעהן אז ער הערט זיך איין, צו דעם אימער וואקסענדען גערויש אין בערליפיצינגס פערדשטאלען, אדער פילייכט בעקלערענדיג א נייעם נאך מעהר פרעכען קונצשטיק, האט דער באראן די אויגען נישט אראפגענומען פון א גרויסען פערד מיט א משונה'דיגען קאליר, וועלכער איז אויסגעמאלט געווען אויפ'ן וואנד, און וועלכער האט כלומר'שט בעלאנגט צו א סאראצין — דעם ערשטען מיטגליעד פון דער פיינדליכער פאמיליע. דער פערד איז געשטאנען אויפ'ן סאמען פארערשטען פלאן אונבעוועגליך, געגליכען צו א סטאטוע. און אונטער איהם איז דער רייטער געלעגען, א דערשטאכענער פון מעטצענהערשטיינם קינזשאל.

אויף פרידריך'ס ליפען האט זיך א בעזער שמייכעל בעוויזען, ווען ער האט בעמערקט אין וועלכע ריכטונג זענען זיינע אויגען געווענדעט. דאך האט ער נישט אפגעצויגען זיין אויפמערקזאמקייט פון יענעם ארט.

אויסער דעם, האט ער בשום אופן נישט געקענט זיך אפגעבען קיין חשבון אין דער מאדנער אונרוהיגקייט, וועלכע האט אלע זיינע געפיהלען בעהערשט. מיט גרויס שוועריגקייט איז איהם דאך געלונגען צוזאמען־קאמבינירען זיין האלב־דרעמלענדען, כמעט אונבעוואוסטזיניגען צושטאנד, מיט דער זיכערהייט, אז דאס אלעס איז אויפ'ן וואהר. נאר וואס מעהר ער האט געקוקט, אלץ שטארקער האט איהם ארומגעכאפט א צויבער, אלץ אונמעגליכער איז געווען פאר איהם צו אפרייסען זיין בליק פון דעם דאזיגען בילד. און דער גערויש אויסענוועניג האט זיך אלץ מעהר פערשטארקט; און דער באראן האט ענדליך מיט גרויס שוועריגקייט געווענדעט זיין אויפמערקזאמקייט אויף דעם בלוט־רויטען פייער פון די ברענענדע שטאלען, וועלכער האט העל בעלויכטען זיינע פענסטער. אבער דאס איז נאר א אויגענבליקליכע בעוועגונג געווען; זיין אויפמערקזאמקייט האט

זיך אויטאָמאַטיש ווידער צום וואַנד געווענדעט. און פּלוצלונג צו זיין ערשטוינענדען שרעק און פערוואונדערונג, האָט די קאָפּ פון ריעזיגען פערד איהר לאַגע געענדערט.

די האַלז פון דער חיה, וועלכע איז פריהער איינגעבויגען געווען איבער ... ער שטערבענדען בעל הבית, האָט זיך יעצט אויסגעצויגען אין דער גאַנצער לענג, אין דער ריכטונג פון באַראָן. די אויגען וועלכע מען האָט ביז איצט נישט געזעהן, האָבען מיט אַ ענערגישען, מענשליכען אויס-דרוק געקוקט, מיט אַ אונהיימליכען רויטען פייערל געברענט. און צווישען די ליפּען פון דער צורייצטער חיה האָבען זיך איהרע צופוילטע, אָפּשטוי-סענדע ציין ארויסגעזעהן.

דער יונגער מאַגנאַט, אַ צושראָקענער, האָט זיך וואַקלענדיג געלאָזען געהן צום טהיר. ווען ער האָט איהר געעפענט, האָט אויף איהם אַ בלאָז געטהון, אַריינדרינגענדיג ווייט אין צימער, דער רויטער פלאַם, וועמענס אָפּשפּיגלונג האָט העל בעלויכטען די וואַנד, און דער באַראָן האָט אַ ציטער געטהון, בעמערקענדיג, אַז דער פלאַם האָט בעלויכטען דאָס געשטאַלט פון בערליפיציננגס אונבאַרמהערציגען מערדער.

אום צו פערטרייבען דעם שרעק, וועלכער האָט איהם בעהערשט, איז ער אויף דער פרייער לופט ארויסגעגאַנגען. ביים פאַראַדנעם אַריינגאַנג האָט ער דריי בעדינטע געטראָפען, מיט גרויס שוועריגקייט, איינשטע-לענדיג דעם לעבען, האָבען זיי פעסט געהאַלטען אַ צורייצטען, צאַפּעל-דיגען, פייערדיג-געלבען פערד.

— וועמענס פערד? פון וואַנען? האָט דער באַראָן מיט אַ בעזען טאָן געפרעגט, באַלד בעמערקענדיג די פורכטבאַרע עהנליכקייט פון דעם געהיימניספוללען פערד אויפ'ן וואַנד מיט דער דאָזיגער צורייצטער חיה.

— אייער איינענטהום, מיין העדר, — האָט איינער פון די דינער געענטפערט. — יעדענפאַלס האָט קיינער נישט געמעלדעט וועגען איהם, מיר האָבען איהם געפאַנגען, אַ בעגאָסענעם מיט שווייס און שוים, ווען ער איז ווילד פון די ברענענדע בערליפיציננגס שטאַלען געלאָפען. רעכנענדיג, אַז דאָס איז איינער פון אַלטען גראַף'ס פערד, האָבען מיר איהם צוריק אַהין אָפּגעפיהרט. נאָר דעם גראַף'ס בעדינטע האָבען זיך ענטזאַגט פון זיהם, און דאָס ווייזט אויס צו זיין מעהר אונפערשטענדליך, ווייל ער איז נאָר וואָס פון פייער ארויסגעלאָפען.

— אויפ'ן שטערן זענען דייטליך אויסגעברענט די בוכשטאַבען ו. פ. ב. — האָט דער צווייטער דינער געזאָגט. — איך האָב געדענקט

אז די דאזיגע אנפאנגסנבוכשטאבען בעדייטען: „ווילהעלם פאן בערליפציננג", נאר אין גראף'ס שלאס ענטזאגען זיך אלע פון איהם.

— מאדנע! האט דער באראן פערטראכטערהייד ארויסגעזאגט, אליין נישט בעגרייפענדיג זיינע ווערטער. — אמת, א אויסגעצייכענטער, וואונדערבארער פערד! און ווי ס'ווייזט אוים א שרעקעדיגער, א ווילדער. נו זאל ער זיין מיינער, האט ער געענדיגט נאך א קליינע פויזע; פיליייכט אזא רייטער, ווי פרידריך פאן מעטצענהערשטיין, וועט זיך איינגעבען צו בעזיעגען דעם טייפעל פון בערליפציננס פערד-שטאלען.

— ניין, מיין הערר, איהר לעבט אין טעות; מיר האבען דאך אייך געזאגט, אז דער פערד איז נישט פון בערליפציננס שטאלען. ווען ער זאל פון דארט זיין, וואלטען מיר זיך נישט ערלויבט צו פארלעגען איהם עמיצען פון אייער פאמיליע.

— אמת, האט דער באראן טרוקען געענטפערט.

אין דער זעלבער מינוט איז פון שלאס ארויסגעלאפען א פערשוויצטער קאמערדינער. ער האט שטיל דערצעהלט דעם באראן וועגען דער פלוצלינגער פערשווינדונג פון א שטיקעל אביטשע אין איינע פון די צימערן וועלכען ער האט אבגעמאלט מיט דער קלענסטער פינקטליכקייט.

נישט קוקענדיג אויף דעם נידריגען קול, מיט וועלכען ער האט גערעדט, דאך איז גארנישט פערשוואונדען פון די דינערס אויפמערקזאמקייט.

אין דער צייט פון דעם דאזיגען געשפרעך, האבען פרידריך'ן, ווי ס'ווייזט אוים, אויפגערעגט פערשיעדענע געפיהלען. דאך האט ער זיך שנעל בעהערשט און זיין געזיכט האט אנגענומען דעם אויסדרוק פון בעזער ענטשלאסענהייט, ווען ער האט בעפוילען באלד פערשליסען יענעם צימער און דעם שליסעל איהם אפגעבען.

— האט איהר געהערט וועגען דעם אומגליק וואס האט געטראפען מיט דעם אלטען יעגער בערליפציננג? האט איינער פון דעם באראנס דינער געפרעגט, אין דער צייט, ווען דער פערד, וואס איז אנערקענט געווארען אלס דעם באראנס אייגענטהום, האט גאלאפירט מיט דאפעלער ווילדקייט איבער דער אלעע, וועלכע האט געפיהרט פון שלאס צו מעטצענהערשטיינס שטאלען.

— ניין, — האט דער באראן געענטפערט, שנעל זיך אומדרעהענדיג צום דינער — דו זאגסט, א אומגליק?

— ער איז געשטאָרבען, מײַן הערר, איך דענק אז פאר אייך, אלס א מיטגליעד פון מעטצענגהערשטיינס פאמיליע, איז דאָס נישט קיין אונאנגענעהמע נאכריכט.

א שמייכעל האָט זיך געשלענגעלט אויף דעם באראָנס ליפּען.

— ווי אזוי איז ער געשטאָרבען?

— פּרובירענדיג רעטען זײַנע בעליעבטע פערד, איז ער זעלבסט אין פייער אומגעקומען.

— גאר אזוי! — האָט דער באראָן גאנץ רוהיג געזאָגט, אזוי ווי עס וואָלט גארנישט געשעהן, און האָט זיך געלאָזען געהן צום שלאָס.

פון דעם דאָזיגען טאָג אָן, איז אין דער אויפפיהרונג פון פערדאָרבענעם באראָן פאָרגעקומען א וואונדערבארע ענדערונג, ער האָט ווירקליך ענטטוישט די ערוואַרטונגען פון פיעלע מאַמינקעס, וועלכע האָבען אויף איהם א אויג געוואָרפען, און זײַן אַרט לעבען און געוואוינהייטען האָבען זיך נאָך מעהר ווי פריהער אונטערשיידעט פון דעם לעבען פון דער שכנישער אריסטאָקראַטיע. ער איז נישט ארויסגעגאנגען אויסער די גרענעצען פון זײַן לאנד־אייגענטהום און האָט געלעבט פאָלשטענדיג איינזאַם. נאר דער געהיימניספולער, ווילדער, געלער פערד, אויף וועלכען ער האָט שטענדיג געריטען, האָט געהאַט א געוויסע רעכט זיך צו רעכענען פאר זײַן פרײַנד.

דאָך האָט דער באראָן פון די שכנים פיעלע אײַנלאַדונגען ערהאַלטען.

— „וועט אונז דער באראָן פילייכט פערשאַפען די עהרע צו בײַוואָהנען אויף אונזער יום טוב?"

— „וועט פילייכט דער באראָן א אנטהייל נעהמען אין דער יאגד אויף א ווילדען אָקס"?

— „מעטצענגהערשטײַן געהט נישט אויף יאגד".

— „מעטצענגהערשטײַן קען נישט קומען", פלעגט דער באראָן לאַקאָניש ענטפערן.

די הויכגעשטעלטע אריסטאָקראַטיע האָט נישט געקענט פערשווײַגען די דאָזיגע שטענדיגע בעליידיגונגען. די אײַנלאַדונגען זענען זעלטענער געוואָרען און שוין נישט אזוי העפליך, און ענדליך אין גאנצען אויפגעהערט. די אלמנה פון פערשטאָרבענעם גראף בערליפיצינג האָט געהאַפט: „אז דער באראָן וועט זײַן צו הויזע, ווען ער וועט נישט וועלען, אויב ער בראַקירט מיט דער געזעלשאַפט פון זײַן גלײַכען; און אז ער וועט פאַהרען

דאַן. ווען ער וועט קיין חשק נישט האָבן, אויב ער אַקצעפּטירט אַזוי די געזעלשאַפֿט פֿון זײַן פֿערד".

דאָס איז בעשטימט געווען אַ מאָמענטאַלע אויפֿבליצונג פֿון דער ירושה־שׂנאה, און דאָס האָט בעוויזען, וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייטען מיר זענען פֿעהיג אַרויסצוזאָגען, וועלענדיג בעווײַזען אַ אויסערגעוועהנליכע שאַרפֿזיניגקייט.

מיטלײַדענדע נשמות האָבן צוגעשריבען די דאָזיגע ענדערונג אין באַראָנס לעבען צו דעם נאַטירליכען טרויער נאָך זײַנע פֿריהצײַטיג גע־שטאָרבענע עלטערן, פֿערגעסענדיג דערבײַ זײַנע גרויזאַמקייטען און פֿער־דאָרבענהײַט אין דעם קורצען פּעריאָד, וועלכע האָט נאָכגעפֿאָלט, נאָך דער דאָזיגער טרויעריגער פּאַסירונג. עס האָבען זיך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבען עס צוגעשריבען זײַן שטאַרק־ענטוויקעלטער עהרען־גײַציגקײַט און שטאָלץ. נאָך אַנדערע, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך געפֿונען דעם דאָקטאָרס פֿאַמיליע, האָבען אָנגעוויזען אויף זײַן מרה־שחורה און גע־ירשנ'טע קראַנקהײַט; אין אַלגעמײַן האָבען פֿילע עהנליכע קלאַנגען זיך אַרומגעטראָגען אין דער אומגעגענד.

און ווירקליך, די אויסערגעוועהנליכע פֿרײַנדשאַפֿט פֿון באַראָן צו זײַן נײַע אײַגענטהום — אַ פֿרײַנדשאַפֿט וואָס האָט זיך פֿערשטאַרקט מיט יעדען נײַעם אויסברוך פֿון די ווילדע נײַגונגען פֿון דער טײַפֿלישער חיה, האָט אָנגענומען אין די אויגען פֿון מעהר לאָגישע מענשען אַ עקעלהאַפֿטען אונ־געוועהנליכען כאַראַקטער.

אין דער גרעסטער היץ, בײַ טאָג, אין די טויטע נאַכט־שטונדען, אַ געזונדטער אָדער קראַנקער, אין אַ שטילען אָדער שטורמ'דיגען טאָג, איז דער יונגער מעטצענהערשטײַן צוגעשמידט געווען צום זאָטעל פֿון זײַן ריזיגען פֿערד, וועמענס פֿיה'עשע נשמה איז אַזוי עהנליך געווען צו זײַן אײגענעם כאַראַקטער.

נאָר עס זענען פֿעלע געווען, וועלכע האָבען, אין צוזאַמענהאַנג מיט די פּאַסירונגען פֿון דער לעצטער צײַט צוגעגעבען אַ אונגעוועהנליכען און מורא'דיגען כאַראַקטער צו דעם רײַטערס מאַניע און צו די געוואָהנהײַטען פֿון פֿערד. דעם לעצטענס שפּרינג־טריט זענען פּונקטליך אויסגעמאָסטען געוואָרען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז זיי האָבען איבערשטײַגט די אונגלויבליכסטע השערות.

אויסער דעם האָט דער באַראָן קיין נאָמען נישט געגעבען זײַן פֿערד, כאָטש אַלע איבריגע פֿערד זײַנע האָבען געטראָגען נעמען, וועלכע האָבען

זײַ כאַראַקטעריזירט. דעם פערד'ס שטאַל איז ערווײַטערט געװען פון די איבעריגע, קײנער פון די בעדינטע האָט נישט געװאַגט דערנענטערן זיך צו אים. דער באַראָן זעלבסט פלעגט אים אױפפּאַסען. און אפילו יענע דרײַ בעדינטע, װעלכע עס האָט זיך אײַנגעגעבען צו פאַנגען די צורײַצטע חיה מיט דער הילף פון אַ קײט, האָבען אױך נישט געקענט זאָגען, אַז זײַ האָבען דעם קערפּער פון פערד בעריהרט.

די קלוגשאַפט פון פערד האָט נישט אױפגעװעקט קײַן בעזונדערע אױפמערקזאַמקײַט; נאָר עס זענען פעלע געװען, װעלכע האָבען זיך אומװיליג געװאָרפען אין די אױגען פון די פערביסענסטע סקעפּטיקער און עס האָט געטראָפען, דאָס די מענגע האָט פאַר זײַנע װילדע אױסברעכען געציטערט; און אפילו מעטצענגערשטײַן זעלבסט פלעגט בלײַך װערען און אָבטרעטען פאַר דעם פאַרשענדען און דרינגליכען בליק פון זײַנע אױגען מיט אַ מענשליכען אױסדרוק.

קײנער פון די אַרומיגע האָט נישט געצװײַפעלט אין דער הײסער פרײַנדשאַפט פון יונגען באַראָן צו זײַן װילדען פערד, אױסער אײן מיאוסען בעדינטען װעמענס עקעלהאַפטע מיאוסקײַט האָט יעדערן געשטאָכען די אױגען און װעמענס מײנונג האָט קײַן בעדײַטונג נישט געהאַט. ער האָט געהאַט אַ חוצפּה צו זאָגען, אױב ער האָט נאָר אין אַלגעמײנען געװאַגט צו האָבען אַ מײנונג, דאָס זײַן בעל הבית בעהערשט שטענדיג אַ אונװילינגער, אונבעמערקבאַרער ציטער, װי נאָר ער זעצט זיך אין זאָטעל; און יעדעס מאָל, װען ער קעהרט זיך צוריק פון זײַן שפּאַציר, ציטערט יעדער מוסקול פון זײַן געזיכט פון בעזער צופרידענהײַט.

אין אַ שטורמדיגע נאַכט, זיך אױפכאַפּענדיג פון אַ שװערען האַלבדרעמעל איז מעטצענגערשטײַן װי אַ משוגענער פון צימער אַרױסגעלאָפען און אַרױפשפּרינגענדיג אױפ'ן פערד, שנעל פערשװאונדען אין װאַלד. אַזאַ געװעהנליכע פּאַסירונג האָט נישט צוגעצױגען קײנעמס אױפמערקזאַמקײַט, נאָר די בעדינטע האָבען מיט אונרוהיגקײַט ערװאַרטעט זײַן צוריקקעהרונג. פּלוצלונג אָבער האָט אַ שרעקליכער פײַער אַרומגעכאַפּט די געבײַדען פון שלאָס און װען מען האָט דעם פלאַם בעמערקט, האָט ער זיך שױן אַזױ פערשפּרײַט, אַז עס איז אונמעגליך געװען צו רעטען אפילו אַ טײל פון דער געבײַדע, דעריבער האָבען די צושראָקענע שכנים געשטאַנען גאָרנישט טהוענדיג און געקוקט אױף די פאָרטשריטע פון פײַער. נאָר באַלד האָט אַ שודערהאַפטע ערשײַנונג צוגעצױגען די אױפמערקזאַמקײט פון דער

מענגע און האט בעוויזען, אז מענשליכע ליידען מאכען א פיעל שטארקערן איינדרוק ווי די שרעקליכסטע בילדער פון טוידטע זאכען.

אויף דער לאנגער אלעע, בעזעצט מיט דעמבען-בוימער, וועלכע האט געפיהרט פון וואלד צום הויפט-אריינגאנג פון מעטצענגהערשטיינס שלאס, איז געלאפען דער פערד מיט'ן רייטער אהן א הוט און צוריסענע קליידער, ווי געיאגט פון געשפענסטער.

ס'איז דייטליך געווען, אז דער רייטער קען שוין נישט מעהר דעם פערד קאנטראלירען. דער צוקרימטער פנים און די קראמפהאפטע בעוועגונגען פון רייטער האבען ארויסגעצייגט אונגעוועהנליכע אנשטרענגונג; נאר איין געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון די ליפען, וועלכע זענען צוזאמענגעדריקט געווען פון שרעק. איין מינוט — און דער הויכער קלאפען פון די קאפיטעס האט פערטויבט דעם רוישען פון פלאם און דעם פייפען פון ווינד; נאך א מינוט — און אריבערשפאנענדיג מיט איין שפרונג איבער דער טעראסע איז דער פערד ארויפגעשטיגען אויף די טרעפלעך פון אריינגאנג און פערשוואונדען געווארען צוזאמען מיט'ן רייטער אין שטורם פון קאכעדיגען פלאם.

דער שטורם האט מאמענטאל אויפגעהערט; עס האט געהערשט א טוידטע שטילקייט. דער ווייסער פלאם האט ווי מיט תכריכים ארומגערינגעלט די געביידע און הויך זיך אויפהויבענדיג אין דער רוהיגער לופט האט ער פערשפרייט א אויסערגעוועהנליכע ליכטיגקייט אין דער זעלבער צייט, ווען א וואלקען פון רויך איז אראפגעהאנגען איבער דער געביידע, אננעמענדיג א דייטליכע פארם פון א ריעזיגען פערד.

איבערזעצט פון ענגליש פ. אלעקסאנדראוויץ.

היינריך היינע.

ליעדער.

I.

ווען איך קוק אין די אויגען דיר,
שווינדט מיין פיין און וועה פון מיר;
ווען איך קוש דיין מויל'כעל, קינד,
ווער איך דאמאלס גאנץ געזונד.

ווען איך לעהן זיך אן דיין ברוסט,
באד איך זיך אין הימעלס-לוסט;
ווען דו זאגסט מיר: „כ'ליעב דיך פיעל",
וויין איך ביטער אין דער שטיל.

II.

דערצעהלט דיר נישט מיין בלאס געזיכט
פון מיינע ליעבעס-ליידען?
און ווילסטו, אז דאס שטאלצע מויל
זאל ס'בעטעל-ווארט אויסרעדען?

א, ניין! דאס מויל איז צופיעל שטאלץ,
עס קאן נאר קושען, שערצען;
עס לאכט און שטיפט, — ווען ס'הארץ דערוויל
צוגעהט פון בענג און שמערצען...

III.

אין גלענצענדען שעהנעם פריה-מארגען,
געה איך מיר אין גארטען ארום;
עס שעפטשען געהיים-שטיל די בלומען,
איך אבער, איך וואנדער גאנץ שטום

עס שעפטשען געהיים-שטיל די בלומען,
מיר דאכט זיך, כ'הער זייער געבעט:
„אויף אנזערע שוועסטער נישט בעז זיי,
דו, בלאסער און קראנקער פאעט..."

ל. דארן.

(פאָרטזעצונג פון צווײַאונצוואַנציגסטען העפט).

— איז דאָ גאָר קײן פערקױפערין נישטאָ? — האָט דער גענעראַל געפרעגט און האָט זיך אומגעדולדיג אַרומגעקוקט. ער האָט אויף א נ נ אַ ז אַ נ ד ע ר ס געקוקט, א ט ט אָ האָט זיך אויך צו איהר געווענדעט. זי האָט זיך אויפגעשטעלט און איז מיט רוהיגער ווירדע צום טהיר צוגעגאַנגען.

— פאַרדאָן, גנעדיג פרײַלײן; אפשר ווײסט איהר ווער דאָ איז די פערקױפערין? מען מוז דאָך האָבען אינפאָרמאַציאָנען און די פרײַזען אָנגעבען! האָט דער אַלטער הערר יעצט געזאָגט פרײַנדליך און וועלטמעניש צו א נ נ אַ'ן.

א נ נ אַ האָט לײַכט מיט דעם קאָפּ געשאָקעלט און געענטפערט:

עס זאָל זאָפאָרט בעזאָרגט ווערען! און באַלד דערויף איז זי פון איהר געצעלט אַרויסגעגאַנגען. פאַר קײן פאַל אין דער וועלט האָט זי נישט געקאָנט פאַר א ט ט אָ'ן אין די אויגען מיט די קונדען זיך פערנעהמען. זי האָט אַ דאַמע פון געשעפט צוגערופען און איהר געזאָגט: פרײַלײן ר י ע פ ס ט אַ ל, געהט, זײַט אַזוי גוט, גלײַך אויף דער גאַלעריע אַרויף, ביז דער הערר דירעקטאָר וועט קומען. איך געה איהם שוין רופען, דען איך פיהל מיך קראַנק. דאָס בלאַסקײַט אויף איהר פנים האָט בעוויזען, אַז זי זאָגט דעם אמת, און באַלד איז זי אַראָב אין דעם פריוואַט-קאָנטאָר.

— מיר דאַכט זיך, פּאַפּאַ, איהר האָט די דאַמע בעלײדיגט! דאָס מוז זײַן אָדער די בעל הבית'טע אָדער אויך אַ קונד ווי מיר! — האָט זיך דער חתן אָבגערופען. דאָס איז אַנ'אָריגינעלע, היבשע פּערזאָן, דאָס ווײַסע האָר און דאָס יונגע געזיכט! האָסט דו איהר געזעהן, א ט ט אָ? האָט לעאָ מיט אַ פיעבערהאַפטען טאָן געזאָגט.

— נײַן! האָט ער קורץ געענטפערט. דער דאָזיגער פאָרפאַל האָט איהם שרעקליך געפּײַניגט.

דערווײַל איז אָנגעקומען פרײַלײן ר י ע פ ס ט אַ ל און האָט זיך פאַר די געזעלשאַפט טיעף פערנײַגט, און געפרעגט מיט אַ בעשײדענעם טאָן:

— מיט וואָס קאָן איך אײַך דיענען?

— שפּעטער, מײַן קינד! צוערשט זאָגט מיר, זײַט אַזוי גוט, ווער איז דאָס געוועזען די דאַמע, וואָס איז אָקאָרשט אַזוי האַסטיג אַרונטערגעלאָפען? — האָט דער גענעראַל געפרעגט.

— דאָס איז געוועזען, פרײַלײן ז אַ נ ד ע ר ס, אונזער ערשטע דירעקטריסע, — האָט פרײַלײן ר י ע פ ס ט אַ ל געענטפערט.

— אַח, אַנ׳אָנגעשטעלטע דאָ אין געשעפט?! אַזוי? — האָט דער גענעראַל זיך אָבגערופען אַ ביסעל פערוואונדערט. ער האָט אויך, קענטיג, בעמערקט אַננאַ׳ס אויפפאַלענדע עלעגאַנטע ערשיינונג.

אַננאַ איז ווי פון הינד געיאָגט געשווינד אין בלום׳ס פּריוואַט־צימער אַריינגעפאַלען און מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג קוים אַרויס־גערעדט:

— הערר דירעקטאָר! — זי וועלען אַזוי גוט און פריינדליך זיין און מיינע שטעלע, ביי זעהר פאָרנעהמע קונדען, איבערנעהמען. איך פיהל מיך פלוצלונג — — —

מעהר האָט זי קיין כח נישט געהאַט אַרויסצורעדען. הערר בלום איז דערשראָקען אויפגעשפּרונגען און האָט איהר אַ שטוהל אונטערגעטראָגען און באַלד דערויף האָט ער איהר אַ גלאָז וויין צום מויל דערלאַנגט, וואָס איז נאָך פון זיין פריהשטיק אונבעריהרט געשטאַנען.

— טרינקט פריילייין זאַנדערס. געשווינד! עס לוינט מיר נישט, אַז איהר זאָלט מיר קראַנק ווערען גראָד פאַר די ימים טובים, ווען עס הויבט זיך אָן די רעכטע לייזונג ביי מיר אין געשעפט! איהר ערהוילט זיך דאָ דערווייל, איך געה שוין אויף דער גאַלעריע אַרויף! — און באַלד איז ער פון זיין פּריוואַט־צימער אַרויס.

דער פּראָקוריסט, שוין אַ בעיאָהרענטער פערהייראַטעטער מענש, האָט זיך אויפגעהויבען פון זיין אָרט און צו דער פאַר קראַנק־געהאַלטענער אַננאַ צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— געהט, אָדער פאָהרט אייך גאַנץ רוהיג אַהיים, פריילייין זאַנ־דערס, און רוהט אייך איינינע טאָג אויס! איהר שטרענגט אייך דאָ אין געשעפט אָן איבער אייערע כחות, דערצו אַרבייט איהר נאָך אַזוי שווער ביי זיך אין דער היים, עס איז גאָר קיין וואונדער נישט וואָס איהר זייט קראַנק געוואָרען! פערגינט אייך אין די יום־טוב טעג אַ ביסעל רוה, געהט אַ רעכט ביסעל שפּאַצירען איהר זאָלט ווידער קענען בעקומען אַ געזונדע פאַרב! איך וועל, פאַר היינט, אייער שטעלע איבערנעהמען!

— איך דאַנק אייך טויזענד מאָל! — האָט אַננאַ אָנגעשטרענגט געענטפערט. — איהר זייט צו מיר אַזוי גוט, הערר ברון, און דעריבער רעכען איך, אַז איך קאָן וואַגען אייך עפּיס צו בעטען! — — —

— וואָס פאַר אַ ביטע, ליעבעס פריילייין?

אַננאַ האָט געטראַכט וועגען דעם, וואָס אָטטאָ האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיך אויפהאַלטען אין בערלין צוויי טעג. זי האָט מורא גע־

האָט, אַז ער וועט שוין אויסזוכען ערגעץ וועלכען אויסרעד און וועט הײַנט אָדער מאָרגען קומען אַלײן צו זײַ אין געשעפט כּדי מיט איהר צו רעדען אומגעשטערט. דער דאָזיגער געדאַנק האָט איהר דאָס גאַנצע בלוט אין געזיכט אַרײַנגעשפּאַרט: קאָן איך אפשר, הערר ב רו ן אויך מאָרגען אין דערהײם בלײַבען? איך וועל גערן דערפאַר אין די יום־טוב טעג אָבאַר־בײַטען! — האָט זי מיט אַ האַרץ־רײַסענדיגען טאָן איהם געבעטען. — —

— געווים, ליעבעם פרײַלײַן, ווען עס איז נישט אַנדערש מעגליך, מוז עס אַזוי זײַן, ווי איהר זאָגט! איך ווײס אַז איהר האָט זעהר אַנ'עדעלען כאַראַקטער און וועט נישט טהון קײן זאַך נישט ווי דער יושר איז, איך איז אַ שאָד אפילו אײן אײנציגע שטונדע דעם געשעפט אויסצוברענגען! איך וועל מיט דעם דירעקטאָר וועגען דעם שוין רעדען! —

— איך דאַנק אײַך פון טיעפסטען האַרץ! איבערמאָרגען אין דער פריה, האָף איך, בעשטימט ווידער צו קומען! — — זי האָט זיך האַסטיג אָבגעזעגענט, האָט איהרע זאַכען איבערגעוואָרפען און איז אַרויס פון אינסטיטוט.

פרוי ש נ ע וו י נ ד האָט זיך דערשראָקען, וואָס אַ נ נ אַ איז אַזוי פריה אַהײם געקומען און זעהט אַזוי שלעכט אויס. זי האָט זיך געוואונדערט איבער איהר אונקלאָרען ענטפער און האָט דורכאויס געוואָלט רופען אַ דאָקטאָר, וואָס זאָל איהר עפּיס אַ מעדיצין פערשרײַבען. אַ נ נ אַ האָט איהר אָבער האַרציג געבעטען זי זאָל איהר נאָר צורוה לאָזען, דאָס וועט זײַן פאַר איהר די בעסטע רפואה און איז מיט איהר קלײנעם אָ ט ט אָ צו זיך אין צימער אַרײַן. בײַ דער אויפרעגונג, וואָס זי איז הײַנט אויסגעשטאַנען, האָט זי ווענינסטענס דאָס קינד געמוזט בײַ זיך האָבען. — ב ע ר ט ה אַ האָט בעמערקט, אַז איהר פרײַנדין איז נישט קערפּערליך קראַנק נאָר גײַסטיג אויפגערעגט, און האָט איהר דעריבער געלאָזט צורוה.

דעם גאַנצען מאָרגענדיגען טאָג האָט אַ נ נ אַ געאַרבײַט מוסטערן און דער קלײנער אָ ט ט אָ האָט זיך דערווײַל געשפּיעלט פלײַסיג מיט אַ בוי־קאַסטען און דערבײַ נאָכאַנאַנד קינדיש געפּלוידערט. דאָס קלײנע בעשעפעניש האָט איהר צוריק איהר גײַסטיגע רוהיגקײַט געגעבען. הײַנט האָט זי צום'ערשטען מאָל עמפּפונדען אַ דאַנקבאַרעס געפיהל פאַר די עקזיסטענץ פון'ם קינד. די גאַנצע צײַט פון איהר אינערליכער קוואַלפולער צוריסענהײַט האָט איהר שרעקליך געפּײַניגט דער געדאַנק וואָס זי איז אַזוי אַלײן און עלענד אויף דער גאַנצער וועלט. דאָס האַרץ איז איהר שיער נישט אין שטיקער צעריסען געוואָרען, דערמאָהנענדיג זיך, אַז ער מיט זײַן פרוי און קינד

געניכט דאס העכסטע גליק, קומט צווישען די גרעסטע און פיינסטע גע־זעלשאפטען און זי דארט און טריקענט צווישען פרעמדע, אומבעקאנטע און איהר פערהאסטע מענשען; היינט אבער קוקענדיג אויף דאס קליינע בעשעפעניש'על האט זי עמפפונדען א געפיהל פון צופריעדענהייט. איז זי דאך נישט מעהר אזוי עלענד, האט זי דאך אויך עפיס וואס געהערט איהר, עפיס וואס איז א טהייל פון איהר גופא. זי האט דאס קינד, אפילו אין די שלעכטע פערהעלטניסע אין וועלכע זי האט זיך געפונען איז דאך די בעטערשאפט געווען עפיס ערהאבענעס, עפיס געטליכעס. זי האט היינט איהר קינד אזוי פיעל צערטליכקייט, אזוי פיעל מוטער־ליעבע בעוויזען, אז עס האט שוין דעם קליינעם אפילו געוואונדערט. ער איז פון איהר טרייהייט אזוי איבערגליקליך געוועזען, אז ער האט איהר יעדע מינוט עפיס אנ'אנדער זאך פון זיינע שפיעלצייג געשאנקען, דערביי האט ער איהר מיט זיינע גרויסע אויגען אזוי הארציג אנגעקוקט אין מיט צערטליכע ווער־טער בעשאטען: — מאמא, ליעבע, גוטע, שעהנע מאמע, אטטא ארטיג קינד! אטטא מאמא ליעב, אזוי ליעב! און האט איהר האלז מיט שטו־רעמדיגער צערטליכקייט געפרעסט. זי האט איהם יעדעם גליעד בעזונדער אויסגעקושט. איהר איז אויסגעקומען, אז נישט נאר זי קושט די קלארע ריינע ציגע פון איהר קינד נאר אויך דעם פאטער פונ'ם קינד, וואס זיינע ציגע זענען יעצט אזוי פערגרימט און פערביטערט. — ווערסט דו אויך פערלאזען און אוועקווארפען דאס מיידעל, וואס דו ביזט איהר אלץ אין דער וועלט, אלץ אין דער גאנצער עבינקייט — — — , צוליעב געלד, אטטא? — האט זי דעם קינד געפרעגט, און אז ער האט אויף די נישט־פערשטאנענע פראגע אונשולדיג לאכענדיג מיט „יא" געענטפערט האט זי איהם זיין מיילכעל מיט איהר האנד פערמאכט.

אויפ'ן צווייטען מארגען, ווי נאר דער זייגער האט די צעהנטע שעה אויסגעשלאגען, איז אננא אין איהר געשעפט אריינגעקומען און האט זיך ביי איהר שעף געמעלדעט.

— געלויבט איז גאט, אז איהר זייט ווידער דא ביי אונז, פריילין! — האט ער פריינדליך אויסגערופען. — מיר האבען דאס נעכטען אביסעל געהאט אנ'ארבייט, די טהיר איז א רגע נישט שטיל געשטאנען, דער ארויס דער ארריין און איהר האט אונז געפעהלט אויף יעדען טריט! — איבריגענס האבען די עהרענעכטיגע הערשאפטען זעהר גוט געקויפט. איי־נער פון די הערדען, א געוויסער באראן קאנטהאגען, איז דא נעכטען נאך צוויי מאל געוועזען און געמאכט גאנץ היבשע איינקויפע. ניט נאר אבי־

טונג, פרײַלײן זאַנדערס. אַז די זאַכען זאָלען גוט פּערפעקט ווערען און נאָך הײַנט מוז עס פערזאָרגט ווערען קײן ריטערגוט — — — — אַט האָט איהר די אַדרעססע — — — — דאָמענע זעעבער עט. — איהר ווײסט, בּרון, — האָט ער זיך צו זײַן פראַקוריסט געווענדעט, וועלכער האָט דורכגעזעהן די ערשטע אַנגעקומענע פּאָסט, — דער באַראָן האָט די שענסטע פרוי וואָס איך קען פאַר אַ ווײַב, און דערבײַ זעהט דער מענש אויס! — דאַכט מיר אַ שענערן לעגט מען אין קבר אַרײַן! עפּיס אַזוי פערגרימט, פערקרימט און אונצופריעדען און אַזוי צערשטרײַט, אַז ער ווײסט נישט וואָס מען רעדט צו איהם און וואָס ער אַלײן רעדט!

— דאָ איז אַ בּריעף פאַר אײַך, פרײַלײן זאַנדערס! — האָט בּרון איבּערגעריסען בּלום׳ען אין זײַן געשפּרעך.

— פאַר מיר? — האָט אַננאַ ערשטוינט געפרעגט, זי איז ווי אויף גליהענדיגע נאָדלען געשטאַנען. זי האָט אַרײַנגענומען אין איהר האַנד דעם קאָנווערט, אויף וועלכען עס איז געווען אויפגעדרוקט די פירמאַ פון אַ דערבּײַאיגען קאַפּע-הויז. און קוים האָט זי נאָר אַ בּליק געטהון אויף די שריפט איז זי געוואָרען אַ פערציטערטע. די שריפט איז איהר צו גוט בּע-קאַנט, עס איז טאַטאַ׳ס האַנדשריפט! — — — זי האָט זיך אָנגע-שטרענגט צו מאַכען אַ גלײַכגילטיגע מינע, האָט דעם בּריעף אין קעשענע אַרײַנגעשטעקט און געמאַכט אַ קורצע פערנײַגונג. דערנאָך האָט זי זיך געצוואונגען צו מאַכען צוערשט דעם געוואוינטען רונדגאַנג דורך דאָס גאַנצע געשעפט, די בּיכער דורכצוזעהן, זעהן צי ווערען די בּעשטעלונגען פּונקטליך בּעזאָרגט און דערנאָך איז זי אַוועק אין דער גאַלעריע. דאָ האָט זי ערשט דעם בּריעף אַרויסגענומען פון דער קעשענע און דעם קאָנווערט אָפּגעריסען. עס האָט איהר אָנגעהויבען שווינדלען פאַר די אויגען און האָט זיך געמוזט אַנידערזעצען לייענען דעם בּריעף:

„איך בּין אַ צווײטען מאָל, אָבּער אימזיסט דאָ געוועזען, כּדי מיט אײַך צו רעדען! איך האָב קײן מאָל נישט געוואַגט, אַננאַ, צו האָפען איהר זאָלט מיר מוחל זײַן! אָבּער איך האָב געוואָלט הערען פון אײַך, פון דעם קינד. איך בּין אויסער זיך, איהר, ליעבּע, טײַערע אַננאַ, מוזט זײַן בּײַ אַנ׳אַנדערן אויף אַ שטעלע, זײַן פון אַנ׳אַנדערן אָבּהענגיג. מײַנער אַ גוטער פרײַנד האָט זיך אײַנמאָל ערקונדיגט וועגען אײַך, און האָט זיך דערוואוסט, אַז איהר לעבּט זאָרגלאָז ווי אַ קינד אין אַ רײַך הויז, אײַערס אַ פערוואַנדטע! אַלזאָ, דאָס צומאָל אויך נישט!—אַננאַ איך האָב קענען אײַך ווי דער געמײנסטער, פערדאָרבּענסטער מענש געהאַנדעלט! אָבּער עס איז דאָ אַ

משפט אויף דער וועלט, אַ גערעכטער משפט און איך האָב מיין שטראָף בעקומען. דער שיקזאַל האָט זיך אָן מיר נוקם געווען, אונגליקליכער פאַר מיר איז שוין קיין מענש אויף דער וועלט נישט! קיין מענש דאַרף אָבער פון מיין אומגליק נישט וויסען. איהר מעגט איבער מיר טריאומפירען, ווי שלעכט איך זאָל נישט זיין בין איך איך טויזענד מאָל מקנא! די ציגאַווינצער טעג שטעהען פאַר מיר ווי אַ גן עדן פון גליק און אונשולד. — קושט פאַר מיר מיין זיסען יונגעלע, און אויב עס איז איך נאָר מעגליך ערציהט איהם אָהן שנאה צו מיר! זאָגט איהם, אַז זיין פאָטער געהט אויס פאַר בענקשאַפט נאָך איהם און נאָך די פיינע פרוי, וואָס ער האָט דאָס גליק איהר צו רופען מוטער!"

אָטטאָ! —

אַ נ נ אַ האָט דעם בריעף, וואָס איז שנעל און מיט אַ שלעכטער פעדער געשריבען געוואָרען, געלעזען און געלעזען. דערנאָך האָט זי איהם צוזאַמענגעלעגט און אויף איהר ברוסט בעהאַלטען. זי איז געזעסען טיעף געבויגט און אין זיך צוזאַמען-געזונקען און שטאַר אויף דער ערד געקוקט און טרעהרען האָבען זיך אויף איהרע באַקען ווי פון אַ קוואַל געגאָסען. — דער דאָזיגער בריעף וועט איהר אַ מאָל דיענען אַלס דאָקומענט מיט וועלכען זי וועט זיך פאַר איהר זוהן קענען פערענטפערן. ער איז ווי אַ היילענדיגער, אָבקיהלענדיגער און מחיה'דיגער פלאַסטער אויף איהר וואַרעמע הויט געלעגען. — דערנאָך זענען געקומען קונדען און אַ נ נ אַ איז דעם גאַנצען טאָג מיט זיי פערנומען געוועזען. — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גאַנצע חדשים זענען אַוועק. נאָך דעם ווינטער זענען געקומען פריהלינג און זומער. דער דירעקטאָר ב ל ו ם האָט אַ נ נ אַ'ן געגעבען אורלויב אויף דעם גאַנצען מאָנאַט אויגוסט. זי האָט איהם פערבראַכט אויף אַ זומערוואָהנונג ביי ש נ ע ו ו י נ ד ס עלטערן. נאָך קאַניקול איז בערטהאַ מיט איהר מאַן צוריק נאָך בערלין געפאָהרען. — אַ נ נ אַ איז אַלזאָ דעם גאַנצען טאָג געבליבען אַליין מיט אָ ט ט אָ'ן! דאָס יונגעל איז געוואַקסען און געבליהט ווי אַ שעהנע רויז. דעם גאַנצען טאָג האָט ער געשטיפט און געלאַכט. ער האָט זיך באַלד געפונען חברים איבער וועלכע ער האָט ווי אַ געביעטער געהערשט און זיי האָבען איהם אויפ'ן וואונק געפאָלגט, זיך געלאָזט פון איהם האַרט בעשטראָפען ווען איהם איז אויסגעקומען אין שפיעל מיט זיי, אַז זיי האָבען זיך געגען איהם פערזינדיגט. איהם האָט קיינער נישט געשטאָרט זאָגען קיין דעה. איין מענש אין דער גאַנצער זומער

וואַהנונג האָט איבער איהם, אַחוץ דער אַלטער שנעוויבד, געהערשט און דאָס איז געוועזען זײַן מוטער אַננאַ. אין אײנציגער שטרענגער בליק פון איהר איז גענוג געוועזען איהם אין רעכטען קוראַזש און זײַנע שטיפערײַען אָבצושטעלען. אין ערשטען סעפּטעמבער איז זי מיט איהר שוין דרײַ־יעהריג קינד צוריק נאָך בערלין געפאָהרען. בערטהאַ האָט איהר הערצליך עמפּפאַנגען; אָבער מיט אַ געוויסער פערלעגענהײַט. אַז אַננאַ האָט איהר וועגען דעם געפרעגט האָט זי איהר דערצעהלט דעם אמת.

— אַח, אַננאַ, שוין צוויי מאָל איז דאָ געוועזען אַ הערר, וואָס וויל מיט אײַך רעדען! איך האָב איהם געזאָגט, אַז איהר וועט ערשט הײַנט אָנקומען און איהר מוזט באַלד אין געשעפט געהן. האָט ער מיט מיר אָבגערעדט, אַז ער וועט דאָ זײַן זונטאָג צוועלף דעם זייגער! — —

— אַזוי? אָבער איהר ווייסט דאָך, דאַכט זיך. אַז איך נעהם בײַ זיך קײַן הערען נישט אויף, ווי אַזוי האָט איהר דאָס געקאָנט, בערטהאַ? — — —

— ער זעהט אַזוי אַריסטאָקראַטיש אויס און האָט מיר אַזוי שטאַרק געבעטען. ער מוז מיט אײַך רעדען, קאָן דאָ זײַן וואָס עס וויל! האָט ער געזאָגט! — —

אַננאַ'ן האָט דאָס האַרץ אָנגעהויבען ווי אַ זייגער צו קלאַפּען און מיט גרויס אָנשטרענגונג האָט זי קוים געפרעגט:

— ווער איז דאָס געוועזען?

— צוערשט האָט ער זײַן נאָמען גאָרנישט געוואָלט זאָגען, אַז איך האָב איהם אָבער ענערגיש אָבגעזאָגט האָט ער געזאָגט ער הייסט: ראַדעק, איישען פון ראַדעק! אַח, אַננאַ, מיר ווערט נישט גוט, אַז איך גיב אַ קוק אויף אײַך, ווי איהר זעהט אויס, נון — — —

בערטהאַ האָט שיער נישט אויסגעבראָכען אין אַ געוויין — נון, ווייס איך שוין — — — — — ער איז אַ בעזער גײַסט פון די פערגאַנגענע יאָהרען — ער איז עס! עמפּפאַנגט איהם ליעבערשט נישט!! ביטטע! אַח, דערבאַרמדיגער גאָט, איך וויל נישט וויסען אײַערע סודות; אָבער מײַן מאַן זאָגט אויך דאָס אײגענע וואָס איך! — —

אַננאַ איז די טרײַע פרײַנדין אויף דעם האַלז אַרויפגעפאַלען:

— איך דאַנק אײַך זעהר פאַר אײַער טײַלנאַהמע, ליעבע בערטהאַ, אָבער בעאונרוהיגט אײַך נישט צוליעב מיר. איך שווער אײַך, עס איז נישט ווי איהר גלויבט, עס איז נישט אָטטאָ'ס פאָטער! אמת, ער האָט מיט איהם אַ גרויס שייכות, אָבער — — —"

— אפשר וויל ער מיט אייך חתונה האָבן? — האָט פרוי שנע־ווינד געזאָגט מיט אַ פרעהליכער שטימע, — אַודאי, אַודאי! —

— איהר האָט ווידער נישט געטראָפן, — האָט אננאַ געזאָגט זיך פאַסענדיג מוט, — נאָר זאָל שוין זיין וואָס עס וויל, איך וועל איהם עמפפאַנגען. איך בעט אייך, בערטהאַ, איהר זאָלט זיך ווייטער וועגען מיר נישט זאָרגען! איך פערזיכער אייך, אַז דאָ שטעהט נישט פאַר קיין סכנה חלילה, נישט פאַר מיר נישט פאַר מיין קינד! נאָר איך מוז שוין געהן אין געשעפט! די זאַכען אויספּאַקען וועל איך ערשט היינט אָבענד. וועט איהר מיין יונגעל ווידער נעהמען אונטער אייער השגחה, ליעבע בערטהאַ? — —

— אַודאי, אַודאי, מיין פראַנצעלע איז אין דער שולע, איהר געהט אוועק אין געשעפט, בלייב איך דאָך איינע אַליין, און וואָס אַ'אמת, איך האָב שוין נאָך דעם קליינעם אָטטאָ שטאַרק געבענקט. ער האָט מיר גע־פעהלט אויף שריט און טריט!

און באַלד איז זי שוין אויף די קניע פאַר'ן קליינעם יונגעל געשטאַ־נען, זי האָט איהם דאָס היטעלע פון די לאָקען אַראָבגענומען. אננאַ האָט זיך איבערגעטהון און איז געשווינד אין געשעפט אוועק. — עפּיס האָט דאָרט געהערשט אַ געוויסע אונאָרדנונג. זי האָט דאָס שוין באַלד פּמח בעמערקט. דעם דירעקטאָר האָט עפּיס געדריקט אויפ'ן האַרץ און ער איז אַרומגעגאַנגען אַ צעטראָגענער. ער האָט געהאַלטען אין איין רעכנען. זיין שטענדיגע גוטמיטיגע און אַנשטענדיגע בענעהמען האָט זיך פערוואַנדעלט אין אַ פיעבעריגער האַסטיגקייט. אין געשעפט זענען ענדערונגען געמאַכט געוואָרען. מען האָט דעם פערזאָנאַל אַוועקגעלאָזען. דעם לאַגער פון וועל־כען עס איז פיעל סחורה פערקויפט געוואָרען, האָט מען מיט קיין נייע נישט צוריק אויסגעפילט. די אַמאָליגע פעסטע פרייזען זענען נישט מעהר אַזוי פעסט געוועזען. אפילו די פּריוואַט־בעשטעלונגען ביי אננאַ'ן האָבען אָנגעהויבען וואָס אַמאָל װעניגער ווערען און אין די ווערקשטאַטען זענען איינציגע אַרטיקלען גאָר אין גאַנצען אויפגעהערט אויסגעאַרבייט צו ווערען. אננאַ האָט מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ און אַ בעזאָרגט געמיטה בעמערקט, אַז אין דער לאַגע פונ'ם געשעפט איז אַ ווענדונג צום שלעכטען איינגע־טרעטען, און ווער ווייסט אויב עס שטעהט נישט פאַר גאָר אַ קריזיס.

זי האָט נישט געוואָגט צו פרעגען; אָבער זי האָט מיטגעליטען מיט דעם גוטען שעף. וואָס האָט אין די צוואַנציג חדשים, וועלכע זי האָט מיט

איהם צוזאַמען געאַרבײַט אין איהר ערוועקט די װאַרעמסטע געפיהלען פון דאַנקבאַרקײַט און פרײַנדשאַפט. עס האָט איהר פיעל מיה געקאָסט צו פערבאָרגען איהר שמערץ פון איהם, אַז זי האָט איהם הײַנט געזעהן. די שווערע לאַסט פון זאָרג האָט דעם לעבענס־לוסטיגען מאַן שרעקליך פער־ענדערט. טרעהרען האָבען זיך אין איהרע אויגען געשטעלט און איהר האַנד האָט געציטערט אין זײַנע. ער האָט עס בעמערקט:

— יאַ, יאַ, ליעבעס פרײַלײַן! — האָט ער מיט אַ ביטערן טאָן געזאָגט. — דער ליעבער גאָט זאָרגט שוין, אַז בוימער זאָלען ניט אין הימעל אַרײַנוואַקסען. ווער האָט זיך דאָס גאָר געקאָנט פאָרשטעלען? נאָך מיט אַ פאָר חדשים פריהער איז בלומ׳ס פירמאַ געוועזען אַזוי קוראַנט, אַזוי פרימאַ פעסט. הײַנטיגע צײַטען איז קײן פירמאַ נישט מעהר זיכער! אַלץ פאַלט, אַלץ ברעכט און קנאַקט. צוערשט האָט מײַן באַנקיער באַנקראָטירט, באַלד נאָך איהם מײַן שווער און אין דער אײנער צײַט האָט מען מיר די ערשטע היפּאָטעק געקינדיגט! נאָ, וואָס קאָן מען מאַכען, געהט איך, ליעבעס פרײַלײַן, און זײַט איהר אויך נישט אַזוי אַראָב־געפאַלען! מיר וועלען זעהן, אפשר וועלען מיר זיך נאָך אַלעם קאָנען האַלטען! —

מיט אַ צובראָכען האַרץ איז אננאַ צו איהר בעשעפטיגונג געגאַנגען, נאָכמיטאָג איז בײַ איהר געוועזען יוליע באָרמער און האָט איהר אײַנגעלאַדען זי זאָל זונטאָג צו איהר קומען אין איהר „בודע בײַ מאַדאַם באַל" אויף אַ גלעזעל קאַווע. נאָר נאָך צוויי דאַמען וועלען זײַן — ווײַטער קײנער נישט! זי האָט די אײַנלאַדונג אַרויסגערעדט מיט דעם קורצען, גראָבען טאָן צו וועלכען זי איז געוואוינט געוועזען. אננאַ האָט די אײַנלאַדונג מיט דאַנק אָנגענומען. זי האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז אונטער דער דאָזיגער אונפרײַנדליכער מאַסקע ליעגט אַ וואַרעם, געפיהלפול האַרץ פערבאָרגען. און דאָך האָט זי זיך פאַר דעם דאָזיגען טאָג געשראָקען. צוועלף דעם זײַגער וועט בײַ איהר זײַן קאַנטהאַגענס בעסטער קאָלעגע ראָדעק, וואָס ווײַל ער אײַגענטליך, ווײסט גאָט וואָס פאַר אַ נײַ אומגליק איהר שטעהט דאָ פאָר! און נאָכמיטאָג ווידער בײַ פרײַלײַן באָרמער — — — — — —

זי האָט זיך גלײַכצײַטיג געפרעהט און געשראָקען פאַר דער שטודירנדיגער, גײַסטעס־שטאַרקע לעהרערין. געפרעהט האָט זי זיך, ווײַל זי האָט איהר פאַר אַ גוטע פרײַנדין בעקומען און געשראָקען האָט זי זיך, ווײַל יעדעס מאָל, ווען זי איז נאָר מיט פרײַלײַן באָרמער געקומען אין אַ געשפרעך האָט

זי מיט איהר געמוזט קעמפּפען. געמוזט אָדער זיך פערטהײדיגען אָדער אויף איהר אָנפאַלען.

צעהנטעם קאַפּיטעל.

אַננאַ איז געזעסען און גענעהט אין דעם אײנפאַכען אָבער בעקוועמען זאַל אין שנעווינד'ס וואָהנונג. דער לעדערער מיט זײַן פרויען שפּאַצירען געגאַנגען און האָבען זײער זוהן מיטגענומען. די פרײַנדין בעדאַרף צו זײַן די גאַנצע בעל־הבית'טע איבערן וואָהנונג, ווען ראָדעק וועט קומען. אַננאַ האָט זיך אָנגעטהון אין אַ טײַלאָרמאַדע־קלײד מיט קלײנע רויטע שטיזעטען און אַ שוואַרצען הערען־קראַוואַט, וואָס האָט איהר אויסגעצײכענט געקלײדט. דער קלײנער אָטטאָ האָט אין דער דונקעל־ברוינער מאַטראָזען־בלוזע מיט דעם ברײטען, ווײַסען שפּיצען־קראַגען בעצויבערנד שעהן אויסגעזעהן. ער איז שטאַרק געווען פערטהון אין שפּיעלען זיך מיט בוי־שטײנער און סאָלדאַטען ווען דער ערוואַרטעטער גאַסט איז פון דעם יונגען דיענסט־מײדעל אין צימער אַרײַנגעפיהרט געוואָרען. —

ריטמײַסטער ראָדעק איז געווען אין עלעגאַנטע ציוויל־קלײדער אָנגעטהון. אויף זײַן שעהנעם געזיכט האָט זיך בעוויזען קענטיגע שפּורען פון אונבעקוועמליכקײַט און פערלעגענהײַט, ווען ער האָט זיך פאַר פרײַלײן זאַנדערס טיעף פערנײגט. איהרע אויסערליכע רוהיגע האַלטונג און דאָס דערבײַ זײַן פון קינד, האָט איהם גאָר אין גאַנצען פערטומעלט. ער האָט דעם קלײנעס'ם האַנד, וועלכע יענער האָט איהם דרײסט אויסגעשטרעקט, פרײַנדליך און וואַרם געשאָקעלט און האָט בעטראַכט דעם וואונדער־שעהנעם יונגעל, וואָס האָט אויסגעוויזען פונקט ווי דער פאָטער זײַנער.

— מײַן גנעדיגסטע — פערבײַגונג — — — גוטען מאָרגען, קלײנער מאַן! — —

— איהר ווילט מיט מיר עפּיס רעדען, הערר פון ראָדעק, האָט אַננאַ לאַנגזאַם און עטוואָס שווער געזאָגט, דערבײַ האָט זי איהם אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל צו זעצען זיך — מיר בײדע האָבען, דאַכט זיך מיר, גישט קײַן סך וואָס צו רעדען! איך וואָלט אײַך דעריבער בעטען, איהר זאָלט באַלד צו אײַער ציעל קומען! זי האָט זיך אויף אַ

שטוהל געזעצט און האָט אויף איהר גאַסט געקוקט מיט אַ פרעגענדיגע מינע.

— מײַן גנעדיגסטע, — האָט זיך דער גאַסט אָבגערופען, — איך האָב מיר אונטערגענומען זעהר נישט קײַן אַנגענעהמע אויפגאַבע, אָבער פערפאַלען, איך האָב צוגעזאָגט און מוז מײַן וואָרט האַלטען. איך בעט אײַך איהר זאָלט מיר גלויבען אַז פאַר מיר איז אויך פײַנליך דאָס זײַן יעצט בײַ אײַך! —

— איך גלויב אײַך דאָס גערן, הערר פון ראָדעק, און איך בין פון מײַן זײַט גרײַט צו טהון אַלסדינג, כדי אײַך וואָס גיכער צו בעפרײַען פון אײַער פײַנליכער לאַגע! — איהר קומט געווים אין די שליחות פונ'ם הערר באַראָן קאָנטהאַגען?! —

— געווים אַזוי, מײַן גנעדיגסטע! —

— דאָס האָב איך באַלד געוואוסט, נון, ערלויבט מיר אַ פאָר ווערטער! — — — — — אַנטאָשקע, גײ, געה דו אַרײַן צו מאַריע און זאָלסט זיך דאָרט שפּיעלען! געשווינד מײַן גוט יונגעל, גיב דעם העררן דאָ, דײַן הענדטעלע און זאָג אַדיע! —

דאָס קינד האָט אַ ביסעל אומצופריעדען געקוקט אויף זײַן מוטער. דער דאָזיגער בעזוך איז איהם זעהר וואונדערבאַר פאָרגעקומען און דעריבער האָט עס איהם שטאַרק פעראינטערעסירט און נישט געוואָלט אַרויס פון צימער, נאָר דער מוטער'ס שטרענגער בליק האָט איהם געצוואונגען צו פאָלגען. אַז ער האָט שוין געהאַט די טהיר הינטער זיך צוגעמאַכט האָט ראָדעק געזאָגט פערוואונדערט:

— אַך, וואָס פאַר אַ שעהן, גוט-ערצויגען קינד דאָס איז!

אַננאַ זאַנדערס האָט איהר גאַסט פרײַנדליך געדאַנקט פאַר דעם קאָמפּלימענט, וואָס ער האָט איהר קינד געמאַכט און האָט נאָכדעם געזאָגט:

— ער דאַרף נישט זײַן דערבײַ, ווען איך וועל זיך מיט זײַן פאָטער אָבּרעכענען. — — — הערר פון ראָדעק, אַז איך האָב אײַער פרײַנד — — — — — געליעבט, דאָס בעווײַזט דאָס קינד — — — — — — איך האָב נאָך געהאַט מיט איהם צו רעכענען אַזוי לאַנג ווי ער איז נאָך נישט געווען חתונה געהאַט. דאָס איז נישט מעהר דער פאַל. הערר פון קאָנטהאַגען איז פערהײַראַטעט, דערמיט — — — —

— זײַט נישט אַזוי פערביטערט, מײַן גנעדיגסטע! איך ווײס אין וואָס פאַר אַ לאַגע אַנטאָ איז דאַמאָלס געווען, ווי ער האָט זיך פערצווייפעלט געראַנגעלט מיט זײַן שיקזאַל. איך גופא האָב מיט איהם געקעמפפט און

איהם געמוזט ברענגען צו בעזינונג, דען ווי די זאך איז דאמאלס געשטאבען איז דאך נישט מעגליך געווען, אז עס זאל ווערען א שידוך! אפשר ווען איהר וואלט איהם פון די טרויעריגע — — המ — — — פאקטען געלאזט וויסען, עהדער די דאזיגע — — — —

— מײַן לאגיק, מײַן עמפפינדען און אייער עהרען־קאדעקס וועלען קײנמאל נישט קענען הארמאניערען! — האט אננא זיך אבגערופען צארניג. —

— לאמיר וועגען דעם נישט רעדען! ווען עס וואלט געוועזען דער גוטער ווילען, וואלט זיך שוין געפונען פערשידענע וועגען ווי אזוי די זאך ווידער גוט צו מאכען — האט אננא נאך א קורצען שווייגען ווידער אנגעהויבען צו רעדען — וואלט אייער פרײַנד געהאט גענוג מוטה און עהרגעפיהל וואלט ער שוין געפונען א מיטעל ווי אזוי דאס אומגליק נישט אין גאנצען אויף מיר ארויפצוברענגען! צום ווייניגסטען האט דער הערר באראן פון קאנטהאגען געמוזט בלײַבען נישט חתונה געהאט און נישט נאך אנ׳אנדער פרוי אין זײַנע קעטען אײַנשמידען! איהר אלע, ווײַזט אויס האט וועגען דעם אייערע אייגענע געזעצען! דעריבער לאמיר יעצט דאס פילאזאפירען בעזײַטיגען! — — — דער הערר באראן פון קאנטהאגען איז א מאן און א טאטע. ער האט מיר און איך האב איהם גארנישט מעהר וואס צו זאגען, דען אויב ער דענקט נאך יעצט פון מיר, פערזינדיגט ער זיך שווער קעגען זײַן יונגע פרוי! —

ראדעק איז געזעסען ווי א שטומער און האט געצופט זײַן האנדשוה די גאנצע צײַט וואס אננא האט גערעדט. באלד ווי זי האט געענדיגט רעדען האט ער נישט געפונען קײַן ווערטער וואס איהר צו ענטפערן. א היבשע צײַט איז ער געזעסען און געהאלטען די אויגען טיעף אין דר׳ערד ארײַנגעגראבען, ענדליך האט ער זיך אבגערופען:

— איהר זײַט שטרענג, מײַן גנעדיגסטע, און איך פערשטעה אייער שטרענגקײַט. אטטא שטעהט יעצט אן דער זײַט פון א פרוי, וועלכע מען קאן דורכאויס נישט מעסטען מיט דעם זעלבען מאסשטאב וואס איך, ער איז אנ׳ אומגליקליכער. די באראנין קאנטהאגען איז — — — —

— ביטע, — האט איהם אננא איבערגעריסען זײַנע רעד, — איך וויל נישט הערען קײַן אורטייל איבער די דאזיגע דאמע, זי געהער זיך צו מיר גארנישט אן. זי האט איהר מאן געליעבט און האט איהם מיט איהר אייגענער פערזאן געשענקט א שעהנע פרוי און דער עיקר די רײַכטהימער נאך וועלכע ער האט אזוי גענארט און אויך נאך א קינד דערצו! — —

— צוויי קינדער אפילו, פון וועלכע דאס עלטסטע איז טויב און דאס

צווייטע איז נישט לאַנג קוים פעהיג צום לעבען געבאָרען געוואָרען! —
האָט ר ו ד ע ק קאַלט אָבגעענטפערט.

אַ נ נ אַ איז בלאַס געוואָרען: — דערבאַרמדיגער גאָט! —————
אָרעמע פרוי! — האָט זי אויסגעשריען. ———

— ווי איהר האַלט דאָס שטענדיג צוזאַמען! — האָט ר אָ ד ע ק זיך אָבגערופען. — די דאָזיגע אומגליקליכע פרוי עמפּפינדעט קיין שמערצען מעהר, זי וואַרפט אַרויף דאָס גאַנצע אומגליק מיט אַ בעוואונדערנסווערטען געדולד אויף אַ שולד וואָס געהט בירושה איבער. די דאָזיגע אָרעמע פרוי, וואָס האָט זיך געקויפט איהר מאַן בלויז צוליעב אַ לוינע, אַ קאַפּריז, זי האָט זיך געוואָלט מיט דער פּרינצעסין פּ אָ ט י ן און איהרע הויף-דאַמען, אַז זי וועט ווערען באַראָנין קאַנטהאַגען, און זי איז עס געוואָרען, כאָטש דער חתן האָט נישט וועניגער ———

— אַ חתן, וואָס לאָזט זיך אָבקויפען פאַר געלד! וואָס קעלטער ער איז געוועזען, וואָס אָבשטויסענדער ער איז געוועזען, דאָס מעהר האָט זי איהם געבריכט פּעראַכטען, דען דערמיט האָט ער נאָר בעוויזען, אַז ער פערשטעהט די סוחרישע קונסט-שטיקלעך, דער דאָזיגער חתן אייערער האָט אפילו נישט געהאַט צום מאָל דעם מוט זיך פריי צו מאַכען, — האָט אַ נ נ אַ מיט פעראַכטענדען שפּאָט געזאָגט.

— איך האָב אפילו נישט דאָס רעכט צו זיין דער פערטיידיגער פון מיין פריינד, — האָט זיך ר אָ ד ע ק געקלאָגט. — איהר וועט מיך נישט וועלען פערשטעהן! אָ ט ט אָ לעבט אַ גיהנום'שען לעבען, שטיל און נישט בעקלאָגענדיג זיך. זיין אומגליק איז אָבער שוין דערגרייכט אויף דער העכסטער שטופע, זייט דעם זיין צווייטע טאָכטער'ל ———————

— הערט אויף, — האָט אַ נ נ אַ מיט אַ געפּייניגטער שטימע זיך געבעטען. איהרע אויגען זענען געשוואומען אין טרעהרען. ער האָט אויף איהר מיט דער גרעסטער סימפּאַטיע געקוקט און ווייטער גערעדט: און איהר דאָ, דאָס געזונדע קינד! אַ זוהן וואָס איז איהם ווי צוויי טראָפּענס וואַסער עהנליך! — מיין אומגליקליכער פריינד פערגעהט ———————

אַ נ נ אַ האָט זיך אויפגעהויבען, גלייך ווי ערגיץ אַ געהיימע קראַפט וואָלט איהר פון שטוהל געטריבען און געזאָגט:

— אָט דאָס איז דאָס אייער אויפגאַבע, הערר פון ר אָ ד ע ק און איהר זייט געקומען מיר דאָס צו זאָגען? האָט אפשר אָ ט ט אָ לוסט דורך מיך, דורך מיין קינד, זיך צו לאָזען טרייסטען? וואָס וויל ער דען נאָך ווייטער פון מיר, נאָכדעם ווי ער האָט מיין לעבען צובראָכען!?

ראָדעק האָט אויך נישט מעהר געקאָנט איינזיצען און האָט זיך פון זיין אָרט אויפגעהויבען און ווידער אָנגעהויבען רעדען:

— איהר שטעהט דאָ און פאַר דעם איז אייער זוהן געבען אייך געשטאַנען! איך האָב מיר אַזוי צופריעדען געקלערט: „אַזוי זעהען קיין אומגליקליכע נישט אויס, איך האָב אייך שטאַרק מקנא געווען, וויל אָטטאָ'ם אומגליקליכער זיווג איז מיר פאַר די אויגען געשטאַנען. איך ווייס נישט אויף וועמען עס איז מעהר דאָ צו וויינען!

— אויף איהם, וויל ער איז אין אַלץ שולדיג!

— האָט איהר שוין גאָר מעהר קיין פונק רחמנות אויף דעם מאַן, וואָס איז דער פאָטער פון אייער קינד? —

אַננאַ איז גאַנץ נאָהנט צו איהם צוגעגאַנגען און האָט איהם מיט קלאָרע בליקען אָנגעקוקט און געענטפערט:

— דאַן מוז איך קיין פרוי, קיין מענש זיין; ווען איך זאָל די ליעבע, וואָס האָט מיין גאַנצע ביז אַהעריגע לעבען אויסגעפילט, פון האַרץ מיט די לעצטע וואָרצלען אַרויסרייסען! די ליעבע אָן וועלכע איך דערמאַהן זיך דורך מיין זוהן שטענדיג! און, הערר פון ראָדעק, איך בין נאָך יונג, איך שלאָג מיר דורך אַ וועג פאַר מיר און פאַר מיין קינד...... און איך בין איינזאַם! און דאָ שליסט זיך אָן אַזאַ נאַרישע פרויען־האַרץ אָן אַ מאַן, בעמיהט זיך אויסצושטרייכען אַלעם שלעכטע, אַלע פעראַכטונג און קלאַמערט זיך נאָר אָן די שעהנע זכרונות אָן. זיי ווערען פאַר איהר אַ פעסטער שטאַב צום אָנשטיצען זיך, אַ גן עדן נאָך וועלכען מען שטרעקט די האַנד אויס, כדי נישט אונטערצוגעהן אין דעם עלענדען לעבען! יאָ, נאָך אין „שטאָדט לאָנדאָן", אַז אָטטאָ איז צום ערשטען מאָל קעגענאיבער מיר געשטאַנען נאָך אַלע צרות, וואָס איך האָב געהאַט דורכגעמאַכט, דאַמאָלס וואָלט איך איהם טויזענד עבירות געהאַט מוחל געווען און מיט איהם צופריעדען געטיילט אָרעמקייט און נויט! — — — — — היינט אָבער נישט מעהר! ווי שטאַרק איך זאָל איהם נישט ליעבען, שטאַרקער פאַר די פעראַכטונג, וואָס איך עמפּפינד געגען איהם איז עס נישט. איך האָב איהם געפונען פאַר צו שוואַך, צו לייכט!

— און אייער קינד? —

— מיין זוהן וועט זיין פאָטער אַכטען און עהרען, דאָס וועל איך איהם שוין אויסלערנען ווי וויַט מיינע כוחות וועלען מיר נאָר דערצו דיענען. וואָס פאַר אַ מיינונג ער וועט האָבען שפּעטער, אַז ער וועט אַרויס פון מיין רשות און וועט שוין זיין אַזוי וויַט ענטוויקעלט, אַז ער וועט שוין

האָבען זײַן אײגענעם אורטהײל װעגען דעם, קאָן איך נאַטירליך נישט װיסען. נון, װײַסט איהר שױן אַלץ, העררר פאָן ר אָ ד עָ ק און איהר האָט שױן דאַכט מיר אײער אױפגאַבע געמאַכט! —— ——

ר אָ ד עָ ק האָט אַ נ נ אַ'ן אױפמערקזאַם בעטראַכט און װאָס לענ־גער ער האָט איהר בעטראַכט דאָס מעהר איז זײַן אַכטונג און סימפּאַטיע צו איהר געװאַקסען. ער האָט איהר געגענאיבער געפיהלט אַ טיעפע חרפּה פאַר זיך און פאַר זײַן פרײַנד אָ ט ט אָ. בײַ די לעצטע פראַגע איהרע האָט ער לײַכט געשװידערט און געענטפערט:

— לײַדער נאָך נישט, מײַן גנעדיגסטע! ערלױבט מיר געשװינד צו־צוקומען צום ענדע, כדי איך צו בעפרײַען פון מײַן לעסטיגען בעזוך! — אָ ט ט אָ האָט מיט דעם גרעסטען פײַנליכקײַט צוגעזעהן, אַז איהר געפינט זיך אין אַזאַ צושטאַנד, װאָס איהר זײַט אַבהענגיג פון אַ פרעמדען. ער קאָן דאָס נישט ענדערן, װײַל ער װײַסט אײער שטאָלצען האַראַקטער —— —— —— —— און —— דאָך קורץ —— —— —— פאַר זעקס װאָכען איז געשטאָרבען זײַנע אַ מוהמע, ק ל אָ ט י ל ד ע פון ק אַ נ ט ה אַ ג ע ן, אַנ' אַלטע שטיפטס־דאַמע. זי האָט דאָס ביסעל געלד, װאָס זי האָט אָבגעשפּאָרט איבערגעלאָזען אָטאָן אַלס ירושה. אין גאַנצען איז דאָס אַקאַפּיטאַל פון זעקס הונדערט טאָלער; אָבער דאָס געהער איהם פערזענליך. ער בעט אײַך איהר זאָלט דאָס קלײנע פערמעגען אָננעהמען, דאָס זאָל זײַן צו־שטײַער פאַר אָ ט ט אָ'ס ערציהונג! ער האָט זײַן פּאָרטעפעל אין דער האַנד אַרײַנגענומען. אַננאַ אָבער האָט שנעל און צאָרניג אױסגעשריען:

— לאָזט אײער בריעף־טאַש ליעגען העררר פון ר אָ ד עָ ק! איך בעדױער, װאָס איך קאָן דעם דאָזיגען געשאַנק נישט אָננעהמען, איך בין נאָך קרעפטיג גענוג אַלײן צו ערציהען מײַן זוהן אָ ט ט אָ זאַ נ ד עָ ר ס! —

— אַזױ? נו, נו, דאָס איז אַ ביסעל שטאָלץ! מען איז דאָך נישט מעהר װי אַ מענש, עס פּאַסירט מען װערט אַמאָל, גאָט בעהיט קראַנק, אָדער מען שטאַרבט, חס ושלום, גאָר אױעק, פרײַלײַ זאַ נ ד עָ ר ס?

— גאָט װעט װײַטער העלפען, — האָט זי זיך אָבגערופען מיט אַ זיכערער שטימע. — און אַז נישט, זאָל ליעבער מײַן קינד געהן אין יתומים־הױז אײדער אָננעהמען אַנדבה פון דעם זעעבערנישען רײַכטהום!

— איך גיב אייך מײַן ערנוואָרט, אַז די מעשה מיט דער ירושה איז נישט קײַן אויסגעטראַכטע, — מײַן פרײַנד אָטטאָ איז צו שטאָלץ און צו ערליכערמאַן ער זאָל פון רענאַ'ס געלד פערווענדען צו אַזעלכע צוועקען. — — — — — איך זאָג אייך נאָך אַמאָל, פרײַלײַן זאַנדערס, נעהמט אָן די קליינע שטיצע, וואָס דער פאָטער גיט פאַר זײַן אייגען קינד, לאָזט מײַן אומגליקליכען פרײַנד חאָטש עטוואָס זיך אויסקויפען פון די שווערע שולד, וואָס ער איז קעגען אייך בעגאַנגען. די קליינע סומע איז דאָס איינציגע וואָס געהערט איהם אַליין און ער וויל עס אייך שענקען! דאָס איז דער בעסטער בעווײַז ווי שטאַרק ער ליעבט אייך נאָך, ווי שטאַרק ער איז צום קינד צוגעבונדען; איהר טאָרט גאָר דאָס נישט טהון געגען אייער קינד, איהר מוזט פון זײַנעטוועגען אָננעהמען דאָס געשענק, וואָס זײַן פאָטער שיקט איהם. — — — — — — — — און, מײַן גנעדיגסטע, איהר קאָנט דעם אומגליקליכען מענשען די לעצטע רעטונג, וואָס האַלט איהם נאָך בײַן לעבען נישט אַוועקרויבען.

אַננאַ האָט זיך צום פענסטער אויסגעדרעהט. מיט אַ שווער פערצווייפעלטען בליק האָט זי אויף דעם גאָרטען אין הויף געקוקט. ענדליך איז זי מיט זיך אַליין פאַרטיג געוואָרען, האָט זיך צוריק צו איהר גאַסט געווענדעט און געזאָגט:

— הערר פון ראָדעק, איך וועל אייך געבען די אַדרעסע פון אַ געוויסען הערר. ער איז זעהר אַנ'עדלער און אַ גוטער מענש און איז פון געריכט בעשטימט אַלם אפּוטרופּוס אויף מײַן קינד. איהר וועט אַזוי גוט זײַן צו איהם אַהין געהן און איהם בעטען אין מײַן נאָמען, ער זאָל דאָס פערמעגען אײַנלעגען אין געריכט פאַר מײַן אָטטאָ אַזוי אַז די צינז און צינז פון צינז זאָל אַלץ צוואַקסען. איך וויל דערפון קײַן איינציגען פעניג נישט נעהמען, אַז אָטטאָ וועט ווערען מינדיג זאָל ער דערמיט טהון וואָס ער וויל! — — — — — מעהר וויל איך וועגען דעם קײַן איינציג וואָרט נישט הערען! איבריגענס ווייסט דער אַפּוטרופּוס אָטטאָ'ס נאָמען פון די אַקטען!

זי איז געשווינד צו שנעווינד'ס שרײַב-טיש צוגעגאַנגען, האָט פון נאָטיץ-בלאָק אַ בלאַט אַראָבגעריסען און האָט האַסטיג אויפגעשריעבען דעם נאָמען און די אַדרעסע און דערנאָך עס דערלאַנגט דעם פרעמדען און געזאָגט:

(פאָרטזעצונג קומט).

נאך דעם פאלען.

ווען איך האב זיך אומגעקוקט, האט דער גארטען זיך אויסגעוויזען מיר א חלום־זעהונג. ער איז געווען הונדערליך שעהן, אונדערגרייבבאר שעהן, בע=גייסטערט שעהן... און יעצט איז ער פערלארען און כ'וועל איהם מעהר נישט זעהן.

דער גארטען איז פערלארען, נאר איך האב געפונען איהם און איך בין צו=פריעדען. ער ליעבט מיך, ווי ער קאן; איך וויעדער ליעב איהם מיט דער גאנצער קראפט פון מיין לייידענשאפטליכער נאטור, וואס איז אזוי אייגענשאפטליך מיין יוגענד און מיך. ווען איך פרעג זיך, פאר וואס ליעב איך איהם, געפין איך נישט קיין ענט=פער. אמת, איך טהו נישט בעזונדערס שטרעבען דאס צו דערוויסען זיך און כ'קלער פשוט, אז אזא מין ליעבע איז נישט קיין פראדוקט פון געדאנקען און סטאטיסטיק, ווי די ליעבע צו די איבריגע חיות. כ'מיין, אז דאס דארף אזוי צו זיין. איך ליעב אייניגע פויגעל פאר זייער זינגען; נאר איך ליעב אדם'ן נישט פאר זיין זינגען, א, אינגאנצען נישט! וואס מעהר ער זינגט, דערמיט ווייניגער שטעל איך זיך צו=פריעדען מיט זיין געזאנג. נאר אלץ דאך בעט איך איהם ער זאל זינגען, ווייל איך וויל זיך אויסלערנען צו ליעבען אלץ, וואס איהם אינטערעסירט. און איך בין פערזיכערט, אז איך וועל זיך דאס אויסלערנען, ווייל פון אנהויב האב איך נישט געקאנט איבערטראגען זיין געזאנג, און יעצט קאן איך. ווען ער זינגט, ווערט די מילך, נאר דאס איז גאר נישט, — איך קאן זיך צוגעוועהנען טרינקען אזא מילך.

נישט פאר זיין שכל ליעב איך איהם, — א אינגאנצען נישט! מען קאן איהם נישט משפט'ן פאר דעם שכל, ווייל נישט ער אליין האט איהם געמאכט; ער איז א זעלבער, וואס בורא גאט האט איהם בעשאפען, און דאס איז גענוג. איך ווייס, אז אין דעם איז געווען א קלוגער צוועק. ער וועט זיך ענטוויקלען מיט דער צייט, און ארויסקומען וועט דאס נישט פלוצלונג, נאר דאס עסק איז נישט קיין געפיילט'ס ער איז אזוי אויך גענוג גוט.

איך ליעב איהם נישט דערפאר, וואס ער איז לאשצענד און אכטונגספאל מיט מיר און נישט פאר זיין ערנסקייט, א אינגאנצען נישט! אין דער בעציהונג איז דא ביי איהם פיעל נישט דערגרעכנונגען, נאר אויך אזעלכער איז ער גענוג גוט. צו דעם צו פערפאלקאמענט ער זיך מיט יעדען טאג.

נישט דערפאר, וואס ער האט ליעב צו ארבייטען, ליעב איך איהם, — א, אינגאנצען נישט! ער איז ארבייטס־פלייסיג אין דער וועלט, און איך פערשטעה, פאר וואס ער בעהאלט דאס פון מיר, און דאס איז מיין איינציגער טרויער. אין אנדערע בעציהונגען איז ער יעצט אמת'דיג און אפענהערציג מיט מיר. איך בין זיכער, אז ער טהוט נאר דאס בעהאלטען פון מיר. זיינע סודות ערגערן מיך און די טראכטונגען וועגען דעם מהוען אפט=מאל צושטערן מיין שלאף, נאר איך בעמיה זיך ארויסצוווארפען זיי פון קאפ. זיי וועלען נישט קאליע מאכען מיין גליק, וועלכע אין אלעם איבעריגען פערפולט מיין הארץ.

נישט פאר זיין בילדונג ליעב איך איהם, — א, אינגאנצען נישט! ער איז א עקסטערן און ביי איהם איז דא פיעל וויסען; נאר דאס איז נישט, וואס מען דארף.

ניִשט פאַר זיין העלדישקייט ליעב איך איהם, — אָ, איינגאַנצען ניִשט! ער האָט אויסגעגעבען מיך, נאָר איך וואַרף איהם ניִשט פאַר דערפאַר. זיכער, דאָס איז די אייגענשאַפט פון זיין מין, און ניִשט ער האָט בעשאַפען זיין מין. איך וואָלט ניִשט געמסר'ט אויף איהם, איך וואָלט בעשטאַנען גיכער אַליין פערניכטעט צו ווערען, נאָר דאָס איז אויך אַ אייגענשאַפט פון מין, און איך שטעל דאָס ניִשט אין פערדיענסט, דערפאַר ווייל ניִשט איך האָב בעשאַפען מיין מין.

אַזוי פאַר וואָס, זשע ליעב איך איהם? כ'מיין, פראָסט דערפאַר, וואָס ער איז אַ מאַן. אין דער אמת'ן, איז ער אַ גוטער, און איך ליעב איהם דערפאַר, נאָר אָהן דעם וואָלט איך איהם אויך געקאָנט ליעבען. אויב ער וואָלט מיך געשלאָגען און בעליידיגט, וואָלט איך אַלץ דאָך איהם ווייטער געליעבט. איך וויים דאָס גוט, זיכער דאָס איז די אייגענשאַפט פון מין.

ער איז שטאַרק און שעהן, און איך ליעב איהם דערפאַר; איך דערקוויק זיך און שטאָלציר מיט איהם, נאָר איך וואָלט געקאָנט ליעבען איהם אויך אָהן די מעלות. אויב ער וואָלט געווען שלעכט געבויט, וואָלט איך איהם אויך ליעב געהאַט; אויב ער וואָלט געווען אַ אינוואַליד, וואָלט איך איהם אויך ליעב געהאַט; איך וואָלט געאַרבייט פאַר איהם, כ'וואָלט געווען זיין דיענסט, כ'וואָלט געבעטען פאַר איהם און כ'וואָלט איהם ניִשט פערלאָזט ביז'ן סאַמע טויט.

יאָ, איך מיין, אַז איך ליעב איהם איינפאַך דערפאַר, וואָס ער איז מיין און וואָס ער איז אַ מאַן. איך דענק אַז אַנ'אַנדערע סבה איז נישטאָ און קאָן ניִשט זיין. אָט פאַר וואָס איך מיין, אַז כ'בין געווען גערעכט, זאָגענדיג, אַז אַזאַ מין ליעבע איז ניִשט קיין פראָדוקט פון געדאַנקען און סטאַטיסטיק. זי קומט צו=געהן, — און קיינער וויים ניִשט פון וואַנען, און מיט גאָר ניִשט קאָן זי ניִשט ווערען ערקלערט. אויך דאָס נויטיגט זיך ניִשט אין קיין ערקלערונגען.

אָט וואָס איך מיין. נאָר איך בין דאָך נאָר אַ יונגע פרוי און איך האָב זיך די ערשטע פערנומען מיט די פראַגען, אַז עס קאָן זיך אַרויסווייזען, אַז אַ דאַנק מיין אונוויסענהייט און אונערפאַהרענהייט, האָב איך אונריכטיג בעשלאָסען זיי.

נאָך פערציג יאָהר.

איך בעט, איך דורשט, אַז מיר זאָלען פערלאָזען דאָס לעבען צוזאַמען, און דער דורשט וועט קיינמאָל ניִשט פערשווינדען אויף דער ערד; זי וועט פערנעהמען אַ אָרט אין האַרץ פון יעדער ליעבענדער פרוי ביז דער יִנגדע עביגקייט און וועט ווערען אָנגערופען מיט מיין נאָמען.

נאָר אויב איינעם פון אונז וועט אויסקומען אַוועק צו געהן פריהער, בעט איך, אַז דאָס זאָל זיין איך; ווייל ער איז שטאַרק, און איך שוואַך; איך בין איהם ניִשט אַזוי נויטיג ווי ער מיר; דאָס לעבען אָהן איהם וועט ניִשט זיין קיין לעבען; דאָס וועט ווערען אונערטרעגליך. און דאָס געבעט איז אויך אַ עביגע און וועט ניִשט אויפהערען אַרויף צו געהן כל זמן עס וועט לעבען מיין ראַסע. איך בין די ערשטע פרוי און אין דער לעצטער פרוי וועל איך זיין איבערגעחזר'ט.

אויף חוה'ס קבר.

וואו זי איז געווען, דאָרט איז געווען דער גן עדן. „אָדם".

איבערזעצט פון רוסישען דורך...

פרידריך ניטשע.

אפאריזמען.

פאעטען זענען אומשעמעוודיג אויף די בעציהונגען צו זייערע איבערלעבונגען: זיי עקספלאאטירען זיי.

כריסטוס האט געזאגט צו זיינע יודען: „דאס געזעץ איז געווען פאר שקלאפען, — איהר=ושע ליעבט גאט, אזוי ווי ס'ליעבט איהם איך, גאט'ס זוהן! וואס פאר אינטערעס האבען גאט'ס קינדער צו מאראל"!

פיעל רעדען פון זיך — קען אויך זיין א מיטעל צו פערדעקען דעם אמת'ן איך.

ס'איז נישט דא קיין האס צו א מענשען. ביז ווען מיר האלטען איהם נידריגער פון זיך, און ער ערשיינט דאן, ווען מיר האלטען איהם גלייך מיט זיך אדער העכער פון זיך.

וואס דער מענש שטעלט מיט זיך פאר, פערשטעלט זיך דאן, ווען זיין טאלאנט הויבט אן בלייבען, ווען ער הערט אויף ווייזען, וואס ער קען. טאלאנט איז אויך אין זיין ארט א קליידונג; קליידונג איז אויך א מיטעל זיך צו פערשטעלען.

וואו ס'איז נישט דא קיין ארט פאר ליעבע אדער האס, איז אויך דארט נישט דא קיין גרויסע ראלע פאר פרויען.

„דאס געפעלט מיר נישט". — פאר וואס? — „דערפאר, וואס איך בין נישט דערוואקסען דאצו". — האט געענטפערט אזוי ווען ס'איז האטש איין מענש?

אַמשאָ װענינער .

אפאריזמען .

דער יוד איז עבּיג , אַזוי װי אַ פרוי ; ער איז עבּיג ניִשט אַזוי װי אַ פּעה־װענליִבקײט , נאָר אַזוי װי אַ געשלעכט .

יוד צװײפעלט אין זײַן צװײפעל .

דער יוד גלויבט ניִשט אין די בעדײַטונג ; דאָך איז ער װײַט ניִשט קײַן סקעפּ־טיִק , אַזוי װי ער איז ניִשט זיכער אין זײַן סקעפּטיִציִזם .

די רעליִגיאָן איז אַ שאַפונג פון דאָס אַלײן ; אַלץ , װאָס עגזעסטירט אין דעם מענשען , עגזעסטירט נאָר אַ דאַנק דער רעליִגיאָן .

יודיש ה. ר.

אייראָפּעאישע ליטעראַטור.

פיערונצוואַנציגסטעס העפט.

אינהאַלט.

1) די עביגע רוהע — ערנסט צאהן.
2) נאָך דער לוסט רייזע — אָלאַ האַנסאָן.
3) אַ פרישע סענזאַציע — גוּאַי דע מאָפּאַסאַן.
4) הימעל און שטערען (געדיכט) — מ. י. לערמאָנטאָוו.
5) דער לעצטער אָבענד — הערמאַן באַנג.
6) אַ גאָלדענער שליסעל — קאַטול מענדעס.
7) נעבעל (געדיכט) — נ. לענאַאו.
8) פרײַליין מוטער (ראָמאַן פון דײַטשען) — ערנסט געאָרגי.
9) אויפריכטיגע געלעכטער — לעאָניד אַנדרעיעוו.

ערנסט צאַהן.

די עביגע רוהע (Requiem).

דאָס הײַזעל האָט זיך צוגעטוליעט אין אַ ווינקעלע אויפ'ן בּרעג פון פירוואַלשטעטער-אָזערע. די זון קומט אַהער אַרײַן נאָר אין דער פריה, די דאַמפשיפען שטעלען זיך דאָ נישט אָפּ. דער שטורמווינד שמײַסט די שוואַרצע אָזערע, אָבער אוים דעם שטורמדיגען קוואַל פון לעבען רוישט דאָ קײַן איינציגע אַפילו קלײַנינקע חוואַליע נישט, דאָס הײַזעל איז גרוי-בּרוין געפאַרבּט, דער דאַך איז פון שינדעל, דורך די קלײַנע פענסטער זעהט מען די גרינע לאָנקע אויפ'ן בּרעג, דעם שטיל רוישענדען טײַער און די אָזערע. אַ שמאָל וועגעלע ציה'ט זיך הינטער'ן שטיבּעל גלײַך מיט'ן בּרעג. און אַ קלײַן שיפעל ליעגט אין דעם טײַער. דאָס שיפעל און די סטעזשקע זענען דער איינציגער וועג וועלכער עס פיהרט דעם פישער ליבּעריום אינפאַנגער צו מענשען, ווען ער דאַרף דאָס. אויף יענער זײַט וועגעלע געפינט זיך וואַלד און נאָך בּאַרג און ווײַטער אַ גלײַכע גרויע

וואַנד. ווער עס קלעטערט אויף איהר גרויף, דער קומט נאָהנט צו
די שפּיצען פון די בערג, וועלכע שטעהען ווי וועכטער פון דעם הייזעל.
דאָ הערשט אַנ'עבּיגער ווינטער, די ווייסע קעפּ פינקלען און פאַר זייער
שיינהייט ווערען פערשטומט אפילו די מענשען פון טאָל, וואָס זענען גע-
וואוינט צו שטענדיגען רעש און טומעל. מעהר וועל איך אייך פון דעם
הייזעל גאָר נישט זאָגען. איהר קענט נאָך וויסען אז נישט ווייט פון איהם
ליעגט אַ דאָרף מיט אַ גרויסען, ווייסען קלויסטער. אָבּער דעם פישער
ליבּעריוס זאָלט איהר נישט זוכען. דאָס וואָס איז שעהן אין איהם און אין
זיין הויז — איז דאָס נאָר די גרויסע שטילקייט, וועלכע ליעגט אין זיי
ביידע. וועט איהר מענשען אַהין קומען מיט אייער נייגיריגקייט, אייער
מיטלייד, אפילו מיט אייער פריינדליכער ליעבּע, וועט איהר דעם פישער
דערשרעקען און ער וועט אנטלויפען פון אייך אין די בערג, אָדער ער
וועט זיך צו אייך צוגעוואוינען, און דאַמאָלס וועט ער זיך אין אייערע
זיטען אָבּשלייפען, וועט עפענען זיינע אויגען אויף אייער גרויסע וועלט
און וועט ווערען פערטעמד אין זיין אייגען ווינקעל.

דער פישער ליבּעריוס אינפאַנגער איז אַ דאַרער יונגער מאַן, פון
מיטעלען וואוקס מיט אַ שוואַרצער קורץ און רונד אַרום געשאָרענער באָרד.
ער איז נישט שעהן און נישט מיאוס, דען קיינער האָט זיך קיינמאָל די
מיה נישט געגעבען צו בּעטראַכטען וואָס ער איז פון די ביידע. קיינער
בּעוואונדערט נישט זיין קראַפט, ווי מען בעוואונדערט זי אָפטמאָל ביי
דעם אָדער יענעם פון די בּערג-איינוואוהנער. דאָך האָט ער שטאַרקע
גליעדער אין קרעפטיגע פויסטען און זיי האָבּען שוין נישט ביי איין שטורם
זיין שיפעל איבּער דער אָזערע דורכגעפיהרט.

ליבּעריוס האָט געהאַט אַ ווייבּ און ווי דאָס רוב ווייבּער פון דיזער
געגענד איז זי געווען צניעות'דיג און איינפאַך און האָט געשטאַמט פון אַנ'-
אָרעמער פאַמיליע. איהר היים איז געווען דאָס שכנ'ישע דאָרף, וואו
ליבּעריוס פלעגט פערקויפען אַ טייל פון זיין פיש. צו 17 יאָהר האָט זי מיט
ליבּעריוס'ן חתונה געהאַט. די געשיכטע פון איהר ליעבּע איז נישט קיין
לאַנגע און נישט קיין אויסערגעוואוינליכע. דער אָנפאַנג איז געווען אַ
טאַנץ אויף אַ יאָהר-מאַרק, דערנאָך — אַ פּאָר געהיימע צוזאַמענטרעפונגען
און לסוף — חתונה. זיי האָבּען געלעבּט ווי יעדער אַנדער פּאָר פּאָלק, וואָס
שלאָגט זיך דורך אין לעבּען עהרליך און מיט מיה. זיי זענען געווען צו-
פריעדען צו לעבּען צוזאַמען, אפשר דערפאַר ווייל אַנדערע מענשען האָבּען
געוואוהנט נישט צו נאָהנט פון זיי. איזידאָרע אינפאַנגער האָט זיך גע-

פרעהט וואס איהר מאן איז נישט קיין טרינקער ווי איהר פאטער און ברו־
דער זענען געווען. זי האט געזעהן אז ער איז פלייסיג און נישט קיין
פערשווענדער און זי פלעגט איהם אונבעוואוסט נאכטהון. א ביסעל איז ער
אפילו געווען א מאדנער און אין איינגעשפארטער מענש, — דאס איז גע־
קומען פון זיין פריהערדיגען שטענדיגען אליין זיין — דאס האט איהר
אבער נישט זעהר געארט. אז ער פלעגט זיך מיט איהר אמאל אנהויבען
ווערטלען, האט זי געקענט געבען אויטגאב. איינמאל ביים קריגען זיך
האט זי ליבעריום אפילו אנגעשלאגען. ער פלעגט זיך שעלטען ווי א כך
אנדערע, איהרע רייד זענען אבער אויך נישט געווען פיינער ווי ביי די
אנדערע ווייבער. ווי איהר זעהט, זענען דאס געווען צוויי געוואוינליכע
מענשען. אין אלע דערפער אין דער לענג און אין דער ברייט פון מיין
פאטערלאנד געפינט איהר אזא ליבעריום מיט אזא איזידארען. מיין געשיכ־
טע הויבט זיך אבער ערשט איצט אן, אין דעם טאג ווען ליבעריום מיט
איזידארען זענען געפאהרען אין שווייץ צום דאקטאר, ווייל שוין פין עט־
ליכע חדשים אז זי האט געהאט א שטארקען הוסט און א קורצען אטהעם.
אין דעם טאג איז געווארען א קוראט א יאהר נאך זייער חתונה.

דער דאקטאר אין שווייץ איז געווען אנ'ארענטליכער און זעהר בע־
וואוסטער מענש. א חוץ דעם וואס ער איז געווען א גוטער דאקטאר, האט
ער געהאט א ווארעמע און פריינדליכע הארץ. מיט א שארפען בליק האט
ער איבער זיינע ברילען אנגעקוקט דעם פישער און זיין פרוי. ער איז
געוואוינט געווען צו בעטראכטען נישט נאר דעם פאציענט, נאר אויך זיין
בעגלייטער. נאך דעם האט ער אנגעהויבען צו שמייכלען. ער האט גוט
געקאנט די שעמענדיקייט און אונבעהאלפענקייט ביי זיינע פויערן־קונדען, אבער
ביי דעם פאר־פאלק אינפאנגער האט זיך דאס איהם נאך אמאל בעזונדערס
אין די אויגען געווארפען. נאך דעם ווי ער האט איזידארען אונטערזוכט,
האט ער מעהר נישט געשמייכעלט.

„איהר זייט נאך יונג", האט ער צו איהר געזאגט, און זיינע אויגען
האבען ווי געלעזען אויף איהר פנים. „האט שוין עמיצער אין אייער פא־
מיליע די זעלביגע קרענק געהאט?" האט ער ווייטער געפרעגט.

„יא", האט איזידארע געענטפערט, „דער פאטער האט אזוי געליטען
און א שוועסטער אויך, אבער די איז געשטארבען".

דער דאקטאר האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ און ביי זיך אין האר־
צען האט ער זיך געפרעגט, וואס עס פיהרט זיך אזוי גוט אויף דער וועלט:
די קראנקע לאבען פאר זיך פון די, וואס זענען שוין איבערגעקומען די

זעלביגע ליידען ווי זיי, עפּיס קומט זיי דאָס פאַר רעכט נאַריש צו שטאָרבען איבער אַזעלכע קלייניגקייטען, דאַן האָט דער דאָקטאָר געגעבען איזידאָרען איינינע איינפאַכע מיטלען צום קרעפטיגען זיך, צו פאַרגרינגערן דעם הוסט און דאָסגלייכען. ליבעריוס׳ן האָט ער געזאָגט: „זעהט, היט זי גוט אָפּ אייער ווייב!“

מיט די רייד האָט ער אָבגעעפענט די טהיר פון זיין צימער, זיי זענען שוין געווען אויף די טרעפּ, ווען דער דאָקטאָר האָט אינפאַנגער׳ן צוריק אַ רוף געטהון. ער איז געשטאַנען אויפ׳ן שוועל, האָט אויסגעזעהן ווי פערטראַכט, אַזוי ווי ער וואָלט ערשט איצט, אי דאָס נישט ווילענדיג, זיין אויג פון איזידאָרעס געשטאַלט אַראָפּגענומען. „איהר האָט אַנ׳ערעלע און אַ ריינליכע פרוי, אינפאַנגער“ האָט ער געזאָגט.

דעם פישערס פּנים האָט אויסגעדריקט פערלעגענהייט און פערגניגען אויסגעמישט צוזאַמען. ער האָט זיך דערמאָהנט ווי דאַמאָלס אויפ׳ן יאָהרמאַרק ביי זיין ערשטען טאַנץ מיט איזידאָרען האָבען זיך די בחורים אַרום איהר אַרומגעדרעהט, און צום ערשטען מאָל האָט ער זיך געפיהלט שטאָלץ וואָס ער איז איהר בעזיצער. דער דאָקטאָר האָט ווייטער געזאָגט: „עס האַלט נישט גוט מיט אייער ווייב, איהר זאָלט דאָס וויסען“. מיט די רייד האָט ער איהם אָבגעלאָזען. ער האָט גערעכנט די פויערן, האָט געוואוסט אַז זיי קימערן זיך ווענינ וואָס איבער קרענק און קראַנקע. דורך זיינע האַרטע אָפענע רייד פלעגט ער וועלען זיי אַ ביסעל אויפמערקזאַמער מאַכען. דען ווען נישט דאָס וואָלטען זיי געוויס נישט קוקענדיג אויף קיינע ליידען געפאָדערט פון די מענשען ווי פון זייער פיה צו אַרבייטען ביז׳ן לעצטען אָטהעם.

ליבעריוס איז אַראָפּ די טרעפּ און איז אַרויס אויפ׳ן גאַס, וואו עס האָט געוואַרט זיין פרוי. זי האָט געפרעגט וואָס האָט איהם דער דאָקטאָר געזאָגט. נאָר איהם אַליין זענען זיינע ווערטער נאָך נישט קלאָר געוועזן. דאָך האָט ער געפיהלט אינסטינקטיוו אַז דעם אמת דאַרף זי נישט וויסען.

„ער האָט געזאָגט דו זאָלסט נישט צופיעל אַרבייטען“, האָט ער געענטפערט.

זיי זענען אַוועקגעגאַנגען אַהיים. ליבעריוס האָט גערעדט ווענינ און איז געווען ווי פערטיעפט אין זיינע געדאַנקען. איינמאָל האָט ער אַ קוק געטהון צוריק אויף דעם דאָקטאָרס הויז און ער האָט געזעהן אַז דער דאָקטאָר שטעהט מיט זיין פרוי ביי אַנ׳אָפענעם פענסטער. זיי קוקען זיי

נאָך און מען זעהט אַז זיי ריידען וועגען זיי, זייער האַלטונג און זייערע געזיכטער דריקען אויס אַ מערקווירדיגע טייל־נאַהמע צו איזידאָרען. צום צווייטען מאָל האָט זיך איהם זיין האַרץ מיט שמאַלץ ערפילט: דיינע איז זי, אויף וועמען לייט קוקען זיך אום, גלייך ווי זי וואָלט געוועזען גאָט ווייס וואָס.

זיי זענען אַוועק ווייטער און זענען פערגאַנגען עפּיס איבּערבּייסען. גלייך אַבּענד זענען זיי געקומען אין בּרונען. דאָ איז געלעגען אויפ'ן בּרעג ליבּעריוס'עס שיפעל. זיי האָבּען זיך דאָ נישט אָפּגעשטעלט. איזידאָרע האָט זיך אַריין־געזעצט אין דאָס גרויסע איינפאַכע שיפעל און ליבּעריוס האָט גענומען דעם שווערען רודער. בּיי דעם דאָזיגען אַהיים־פאָהרען איז אין דעם פישער פאָרגעקומען יענע פערענדערונג צוליעב וועלכער איך דערצעהל אייך פון איהם.

אַ קורצע צייט האָט נאָך דער ליאַרם פון בּרעג דערגרייכט צי זיי און אַזוי לאַנג האָבּען זיי אויך געפיהרט אַ געשפּרעך. זיי האָבּען גערעדט וועגען דעם וואָס זיי האָבּען געלאָזען הינטער זיך, וועגען דעם וועג און דערנאָך וועגען אַ פּאָר אַרבּייטען, וואָס האָבּען אויף זיי געוואַרט אין דער היים. נאָר אָט זעהט שוין בּרונען אויס ווי אַ פעלד מיט שטיינער בּעזייעט און זיי זענען אַנטשוויגען געוואָרען. ליבּעריוס האָט אויסגעטהון זיין ראָק און זיין וועסט און האָט פערקאַשערט די אַרבּעל פון זיין העמד בּיז די עלענבּויגענס; ער איז געשטאַנען גלייך אין דעם שיפעל און האָט איהר געטריבּען פאָרווערטס מיט גלייכמעסיגע רודער־שטויסען. לאַנגזאַם האָבּען זיך געשלעפּט זיינע געדאַנקען, זיי זענען געגאַנגען אין שווייץ צום דאָקטאָר און צוריק; נאָך אַמאָל געמאַכט דעם גאַנצען וועג און האָבּען זיך ענדליך אָבּגעשטעלט אויף איזידאָרען, וועלכע איז געזעסען פאַר איהם אין שיפעל. זי האָט געטראָגען איהר שוואַרצע זונטאָג־קלייד; אַ גלאַטע אָהן בּעפּוצונג ש׳עפּט זי זיך ענג אַרום איהר האַלז און איהרע פיינע הענד. די שוואַרצע פאַרבּ מאַכט דאָס געזיכט נאָך בּלאַסער. ליבּעריוס האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגען דעם וואָס פאַר אַ וויכע, ווייסע הויט עס האָט זיין פרוי. אָבּער איצט זעה — ווי שעהן איז דאָס געזיכט אין דעם דונקעלן אָבּענד־ליכט! פּראַכטפאָלע טונקעלע האָר, שוואַרצע אויגען און דער נאָז, דאָס קין, די אויערן כמעט דורכזיכטיג ווייס! ליבּעריוס וואונדערט זיך. דערנאָך פאַלט איהם עפּיס איין.

„דיר איז נישט קאַלט?" פרעגט ער בּיי זיין ווייב.

זי איז נישט געוואוינט צו אַזאַ צערטליכקייט און לאַכט. דערבּיי פיהלט זי זיך עפּיס אָבּער אַזוי גוט, גלייך ווי די וואַרעמע זון וואָלט זי

איבער'ן פּלײיצע געגלעט. איהר הויבט זיך אָן צו דוכטען אז הײנט איז זונטאָג. ליעבער גאָט! עס איז דאָך עפּיס אַזוי שעהן צו פאָהרען לויז און לעדיג איבער דער אָזערע. און דער מאן איז צו איהר הײנט אזוי גוט. עס דוכט זיך איהר, אז מעהר האָט זי גאָרנישט וואָס צו ווינשען.

ליעבעריוס האָט אַרויסגעלאָזען דעם רודער, איז צוגעגאנגען צו איהר, האָט איהר אַרויפגעלעגט אויף די פּלײיצעס זײן ראָק און האָט איהם פער־שפּילעט אונטער איהר האלז.

„דו ווײסט, איך וואָלט וועלען נאָך לאַנג, לאַנג אַזוי פאָהרען", האָט זי געזאָגט.

„יאָ, עס איז שעהן אויף דער אָזערע" האָט ער געענטפערט, נעהמענ־דיג זיך ווײטער פאר'ן רודער.

שטיל שאָקלענדיג זיך שווימט דאָס שיפעל. דאָס וואַסער, דוכט זיך, שלאָפט. הויך און משופּע זענען די שטײנערנע ברעגען. די בוימזלעך אויף די גרויע ווענד טהוען זיך נישט א ריהר. שלאַנק און שטיל שטעהען די סבך־בוימער אויף די פעלזען. א פּאָר ווײסע וואָלקענס פינקלען אַרויס פון הינטער די בערג, אָבער אפילו זײ ריהרען זיך נישט, זײ זענען ווי צו־געוואַקסען צו די בערג.

„עס איז שוין די צײט פון שלאָפען", זאָגט איזידאָרע און הויבט אָן פאר זיך צו זאָגען Ave Maria.

זײ זענען שוין נישט ווײט פון דער הײם. אויפ'ן טהורם פון קלויס־טער קלינגט דער גלאָק, די טענער קומען זײ אַנטקעגען. פערזונקען אַרום זײ אין דער אָזערע און אין דער טיעפענ׳ש קלינגען זײ דוכט זיך ווײטער. עס זינגען די גלאָקענשטימען אַרום זײ און אַזוי פאָהרען זײ דורך דעם לעצטען טײל פון זײער וועג.

בײם אַרויסגעהן פון שיפעל האָט ליבעריוס זײן ווײב צוגעהאָלפען. דערנאָך האָט ער געבראַכט וואַסער אין שטוב; אַל׳ע מאָל פלעגט זי אַלײן עס ברענגען פון ברונען. אז עס איז געוואָרען טונקעל, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויפ'ן בענקעל נעבען שטיבעל און האָט זי צו זיך א רוף געטהון. זי האָט זיך געמוזט נעבען איהם זעצען.

פון דעם טאָג אָן האָט זיך פאר זײ אָנגעהויבען א צײט פון א מערק־ווירדיגע רוהע און שלום. די אורזאַכע דערפון איז געוועזען ליבעריוס אַלײן. די קלײנע פרײד איבער דעם דאָקטאָרס טײלנאַהמע צו איזידאָרען איז אין איהם ווי אויסגעוואַקסען. און אַלץ מעהר און מעהר איז איהם געפעלען געוועזען, וואָס ער איז איהר בעזיצער. די מורא דאָס ער וועט זי אין גיכען

פערלירען האָט נאָך פערשטאַרקט דעם דאָזיגען געפיהל. דערצו האָט זיך אויך איזידאָרע די טעג אָנגעהויבען אַרויסצווײַזען פון דער בעסטער זײַט. זײַן גוטסקײַט צו איהר האָט אַרויסגערופען צו אַ שטאַרקערן לעבען אויך איהר פרישע, יונגע ליעבע. פאַר יעדע קלײנע געפעליגקײַט פלעגט זי איהם בעצאָהלען אין צווייען. זיי האָבען זיך בעמיהט איינער דעם אַנדערן אָנגענעהם צו זײַן, און דאָס האָט געמאַכט זייער לעבען בעזונדערס ליעב. זיי האָבען געהאַט פאַר זיך דעם גאַנצען שעהנעם זומער — די צײַט ווען די פרייד געראָט אַם בעסטען. איזידאָרע האָט זיך געפיהלט גוט אויב מען זאָל נישט רעכענען דעם שווערען הוסט און שטענדיגע מאַטקײַט. זי האָט ווי פריהער געפיהרט די בעל הבית'ישקײַט און אַבטונג געגעבען אויף זייער קלײנעם גאָרטען. דאָרטען האָבען איצט אַ פולע בונטע בלומען גע־וואַקסען. די צופריעדענקײַט מיט זייער לעבען האָט אויך זייער אָרעם הײַזעל און קלײנעם גאָרטען מיט זײַנע בלומען מיט העלען ליכט בעלויכטען. אָט דאָס אַלץ געהערט זיי, האָבען זיי געטראַכט און זיי זענען זיך אין די אויגען כמעט ווי רײַך פאָרגעקומען. מיט אַ שטילער פרעהליכקײַט פלעגען זיי אַרומגעהן איבער זייער שטוב און גאָרטען, נישט ווילענדיג פלעגען זיי אַ מאָל אַ בלום אָנריהרען און זיי האָבען זיך געפיהלט אַזוי גוט בײַם געדאַנק אַז דאָס איז זייער אייגענס. אויך דאָס נידריגע צימערל איז זיי פאָרגעקומען העלער און שענער ווי אַלע אַנדערע אין דער וועלט. מיט צווייי פענסטערלעך האָט דאָס צימערל אויף דער אָזערע געקוקט און האָט געזעהן ווי דאָס ליכט בײַט זיך דאָרטען: אין דער פריה איז עס אַזוי ריין, אין מיטען טאָג — הייס און אין אָבענד — ווי מיט סודות ערפילט. זיי האָבען געזעהן די ברענענדיגע זון פון שווערן זומערטאָג און דעם דונקעלן ווי האַלב אויסגעלאָשענעם שײַן אין דער צײַט פון אַ שטורם. אָפט־מאָל ווען די אָזערע איז געוועזען אין כעס און האָט נישט ערלויבט דעם פישער אַרויס צו־פאָהרען, זענען זיי געזעסען זאַלבענאַנד און געקוקט דורכ'ן פענסטער. דער רעגען האָט געשמיסען די וועגד פון זייער הײַזעל, דער דונער האָט זיך געקײַקעלט פון איין באַרג צום אַנדערן אָבשפרינגענד פון אַלע, ווי אַ ברומענדיגער ריעז וואָס קאָן נישט צורײַסען זײַנע קייטען, און זיי זיצען זיך: איזידאָרע מיט אַנ'אַרבייט, ליבעריוס מיט זײַן פיפקע. זיי רעדען נישט פיעל און האָבען קיין פערלאַנג נישט וועלכער עס זאָל זיי רעדעוודיג מאַכען.

צו מענשען האָט זיי אין די לעצטע וואָכען גאָר נישט געצויגען. צוליעב געשעפט פלעגט ליבעריוס אַמאָל מוזען אַוועקגעהן. דאַמאָלס פלעגט

די ווייב בלייבען אין דער היים אַליין. זונטאָג אָבער פלעגען זיי געהן צוזאַמען אין קירכע, דאָרטען האָבען זיי גערעדט מיט זייערע בעקאַנטע דאָרפסלייט, האָבען זיך פון זיי מיט קיין זאַך נישט אויסגעטיילט אָבער נישט־ווילענדיג פלעגען זיי זיך באַלד אומקעהרען אַהיים.

דער זומער האָט נאָך געקענט דויערן נאָך אַ פּאָר וואָכען, עס האָבען זיך אָבער פּלוצלונג אָנגעהויבען שלעכטע וועטערן: שטאַרקע שטורמס, קאַלטע רעגענס, דערנאָך איז אין די בערג אַרויסגעפאַלען שנעע. אַ בעזער וועסט־ווינד האָט געהוליעט איבער דער אָזערע. איזידאָרע האָט געפיבערט, געהוסט שטאַרקער, ענדליך האָט זי זיך געמוזט אַוועקלעגען. ליבעריוס איז געגאַנגען אין שווייץ צום דאָקטאָר. ער האָט נייע מיטלען געגעבען, „אָבער", האָט ער געזאָגט, „לאַנג וועט אייער פרוי שוין ביי אייך נישט זיין", און דאָך איז איהר בעסער געוואָרען. אָבער פון דער צייט אָן פלעגט איהר ליבעריוס אַ מאָל היימליך בעטראַכטען און זי איז איהם פאָרגעקומען ווי אַ פרעמדע. אַן אַנדערש מאָל פלעגט אין איהם פער'גנב'ענען זיך ווי אַ שטילע מורא פאַר איהר; ער האָט זי נאָך אָבער וועניגער פון זיך אָבגעלאָזען; עפּיס האָט ער זיך געפיהלט שלעכט אַז זי פלעגט נעבען איהם נישט זיין. קיין אומגעוואוינליכע צערטליכקייט איז אמת נישט געווען צווישען זיי, יעדערער האָט זיך געטהון זיין אַרבייט און געטראַכט זיינע געדאַנקען; זייער אויסערליכעס בעגעהן זיך איז געבליעבען דאָס זעלבע ווי פריהער. אָבער דעם העפטיגען כעס פלעגט ליבעריוס איינהאַלטען באַלד ווי ער פלעגט אויף זיין ווייב אַ קוק טהון. און ביידע האָבען אַ מין אַנגסט געהאַט ווי פאַר עפּיס אַ זינד צו געברויכען אפילו די געוואוינליכע קללות. אַ מורא געמישט מיט אַכטונג פאַר עפּיס גרויסעם און געהיימניספולעם וואָס שטעהט זיי פאַר אין גיכען, האָט זיי שטיל געמאַכט און כמעט גוט.

אונערוואַרטעטערהייט האָבען זיך אָנגעהויבען קאַלטע הערבסט־טעג. אַ וואונדערבאַרע קלאָרקייט איז געלעגען איבער דאָס הייזעל. די בערג זענען ווי אויסגעוואַקסען. די הימלען זענען הויך. לאַנגזאַם און שטום שוועבען איינציגווייז די וואָלקענס און געהען זיך פאַרביי. כמעט אַזוי שטיל שווימט איבער'ן אָזערע ליבעריוס'ס שיפעל, ווען ער פיהרט אַרויס פיש צו חאַפּען. איזידאָרע זיצט מיט איהם יעדעס מאָל אין שיפעל. ליבעריוס פערוואַרפט דאָס נעץ, לעגט עס ווייטער צונויף אָדער זיצט שעות לאַנג מיט'ן אַנגעל אין האַנד. זיינע געדאַנקען בעשעפטיגען זיך פיעל מיט

זיין יונגער פרוי. — נור מאָדנע איז דאָס, טראַכט ער, אַז דער מענש וואָס זיצט נעבען איהם אין שיפעל, שמייכעלט עפּיס ווי פאַר אַ ווייל, וואָס פיהרט אויסען וועלט. ער קוקט אויף דער וועלט און עס פערדריסט איהם וואָס איזידאָרע קען אין איהר נישט בלייבען. באַלד ווערט זי עס פערליערען, דאָס פּאַטערלאַנד, די טעג... און זיי זענען קיינמאָל, ראכט זיך איהם, אזוי שעהן נישט געוועזען ווי איצט. זיין אויג ווערט גרעסער, עפּיס אַ פערטראַכטקייט שפּיגעלט זיך אין איהם אָפּ. עפּיס אַ פערטראַכטקייט געהט אריין ביסלעכווייז אין ביידע ביידענס נשמות.

ווען עס קלינגט אין קלויסטער, פאָהרען זיי אהיים — לאַנגזאַם, איבּער דער גלאַטער אָזערע. אַ לייכטער נעבּעל שוועבּט ווייט אַרום און אַרום זיי.

איינמאָל האָט זיך איזידאָרע געפיהלט בעזונדערס שוואַך. אָבּער דרויסען איז געוועזען אַזוי שעהן, אַזוי העל, אַז זי האָט נישט געוואָלט בלייבען אין דער היים. עטליכע שעה האָבען זיי פערבראַכט אויף דער אָזערע. און אָבענד איז געוואָרען קיהל. ליבעריוס האָט אַרומגעוויקעלט מיט אַ קאָלדערע די צאַרטע בּמעט קינדערשע געשטאַלט פון זיין בעגלייטערין. דערנאָך האָט ער דאָס שיפעל אוועקגעטריבען אהיים. מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט מוזיק: אַ לויה-געזאַנג. עס רוישט דער אָרגאַן און איבּער זיינע קלאַנגען הויבען זיך אויף ווי פון אַ פינסטערער טיפעניש די שטימען פון די קלויסטער-שוועסטער: Requiem aeternam dona eis! *) זיי טיילען זיך אָפּ פון דער אָרגאַן-שטימע, דערנאָך פון דעם גרויען קלויסטער און ווי אויף ברייטע פליגלען געטראָגען קומען זיי צו פליהען אויף דער אָזערע. עס דוכט זיך, דער געזאַנג וואַנדערט איבּערן וואַסער אַלץ ווייטער און שטילער: Requiem aeternam און די בערג זינגען צו: Requiem און הויך אין הימעל פערלירען זיך די שטימען: Requiem aeternam dona eis!

ליבעריוס רודערט. איזידאָרע זיצט צוזאַמענגעבויגען אין דעם שיפעל. די זעלבע שטילקייט וואָס דוערט שוין וואָכען-לאַנג ליגט איבּער זיי. ———

און דער נאַכט איז איזידאָרע געשטאָרבען. ערשט אין דער פריה האָט ליבעריוס בעמערקט אַז זי איז טויט, אַזוי שטיל האָט זי די ערד פערלאָזען, גלייך ווי זי וואָלט נישט געוואָלט דורך איהר אוועקגעהן צו-שטערן די גרויסע שטילקייט וואָס האָט ערפילט דאָס הייזעל און זיין לעבען.

*) עבּיגע רוהע פאַר זיי.

ליבעריוס האט זי בעגראבען. ער האט זיך געהאלטען דערביי ווי יערער אנדערער ביי וועמען עס שטארבט די ווייב! אז ער האט געערדט מיט די דארפסלייט וועגען איהר טויט האט ער געזאגט: „יא, אזוי איז דאס, מען האט דאך עס לאנג געוואוסט!".

טרוקען זענען געווען די ווערטער. ער האט אויסגעטרונקען 8 גלאז ביער אין שענק, האט פערשטעקט די הענד אין די קעשענעס און איז אוועק אהיים. דארט האט ער זיך באלד גענומען צו פעדריכטען דאס נעטין, גלייך ווי ער וואלט זיך אומגעקעהרט צו אנ'ארבייט, וואס ער האט ערשט נישט לאנג איבערגעריסען.

און פון דעמאלטסטען — עפּיס א פרעמדע שטילקייט ליעגט איבער דעם ווינקעל דאס עס וואהנט ליבעריוס — איבער זיין הייזעל און איבער איהם. אז איהר זעהט איהם אין דרויסען, גלויבט איהר דאס גאר נישט. ער איז מאגער, פערברענט פון דער זון, די ביינער שטעקען ארויס, דער פנים איז ארומגעוואקסען מיט א שווארצער רונדער באָרד און מיט הארטע האר. און פאָרט איז דאס אזוי! עפּיס ליעגט אויף איהם א פערחלומ'טקייט, א מין פרומקייט. איך וואהן דארטען, אנ'אנדערש מאל, זייט איך האב צופעליג געפונען דעם וועג צו איהם און צו זיין פריינדשאפט. נישט ווייל עס איז מיט איהם אינטערעסאנט צו ריידען. אָדער ווייל ער איז א מערקווירדיגער מענש. מיר קענען שטונדען=לאנג זיצען אויפ'ן אָזערע אָדער ביי איהם אין שטוב און שווייגען. און טאקי אט דאס שווייגען איז דאס וויכטיגסטע. איזידאָרעס שווערע קראנקהייט האט איהר שטעמפעל אויף איהם און זיין הויז ארויפגעלעגט. עס איז רוהיג, נישטא קיין פערלאנגען. מען פרעהט זיך מיט'ן לעבען פון דער מינוט און עס דוכט זיך אז די פליגלען פון טויט שוועבען נאך גאר נאהנט.

אַלאַ הערמאַן .

נאָך דער לוסט-רייזע.

איינמאָל בײַ נאַכט , אין מאַי-מאָנאַט , האָבען מיר בעגלייט די יונגע פּאָר , אונזער פרײַנד און זײַן יונגע פרוי , צום שיף , אויף וועלכען זיי האָבען געדאַרפט מאַכען זייער חתונה'ס-לוסט-רײַזע. ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ מענש , וועלכען עס האָט געטראָפען אַ גרויס גליק , און וועלכער שטעהט אין אַ שטילע פערוואונדערונג פאַר די גאַנצע פּרעכטיגקײַט און ער קען זיך נישט דערקענען אין די נײַע וועלט ; און זײַן געזיכט , זײַן שפּראַך און זײַנע בעוועגונגען האָבען געאָטהעמט מיט אַ מין ליכטיגען אַפרוה , און זי — זי איז געזעהן ווי אַ וואַרעמער פריהלינגס-טאָג , ווען דאָס לעבען געהט איבער זײַנע ברעגען פון צופיעל רײַכקײַט און בלומען און געשמאַקע אַראָמאַטען. און ווען די שיף האָט פערלאָזט דעם ברעג , האָבען מיר ביידע , וואָס זענען געבליבען אויפ'ן ברעג , געהאַט אַזאַ געפיהל , ווי די זון וואָלט זיך בעהאַלטען אונטער אַ וואָלקען , און אַז ווײַט , ווײַט איבער'ן ים שפּרייט זיך אויס אַ לעגענדאַריש לאַנד וואָס דרימעלט אין אַפרוה , וואוהין זיי דאַרפען אַרײַנקומען , — אַ בעצויבערטעס לאַנד , וועלכעס מיר וועלען קיינמאָל נישט אָנזעהן ; און עס האָט אונז בעהערשט דאָס געפיהל פון דער גרויסער איינזאַמקײַט פון לעבען .

נאָך דרײַ מאָנאַטען , אין אַ בלאָהע-נאַכט , אין אויגוסט-מאָנאַט , זענען זיי צוריק געקומען , און זיי זענען אַרויפגעגאַנגען אויפ'ן ברעג אויף דעם זעלבען אָרט , און מיר האָבען זיי בעגעגענט . און ער האָט ווידער אויסגעזעהן ווי אַ צורודערטער מענש , וואָס איז נאָהנט צו אַ פאָלשטענדיגע פערניכטונג פון אַלעס ; ער האָט בעקומען אַ קנײַטש אַרום מויל און אַזאַ מין אויסדריק אין די אויגען , גלײַך ווי ער וואָלט עביג געווען פערנומען מיט אַ פײַניגענדען סוד , וואָס לאָזט איהם נישט צו רוה , און פון וועלכען ער האָט זיך נישט געקאָנט אָפּטשעפּען אָדער אויסגעפינען דעם רעטעניש .

זיי זענען אַוועק-געפאָהרען צו זיך אַהיים , און עס איז אַוועקגעגאַנגען

א יאָהר, עס זענען אוועקגעגאַנגען צוויי יאָהר, און מיר האָבען פון זיי וועדער וועניג געהערט; נאָר אין איין שענעם טאָג, איז געקומען א לאַנגער בריעף, אַדרעסירט צו איינעם פון אונז, נישט מיינענדיג אונז ביידע. דאָס איז זיין אינהאַלט:

„עס ווערט שוין באַלד איינציגע יאָהר, ווי מיר האָבען זיך געזעהן, און איך האָב נאָר איינמאָל, און אויך קוים מיט מיה, געענטפערט מיט עטליכע קליינינקע שורה'לעך אויף אייער פריינדליכען בריעף; נאָר דאָס דאַרף אייך נישט פערדריסען, ווייל מיר איז זעהר שלעכט געגאַנגען אין די לעצטע צוויי יאָהר; איך בין אַרומגעגאַנגען מיט צוקאָכט בלוט, וועלכעס האָט מיך אויסגעטאָגערט און האָט געמאַכט מיין נשמה אַזוי פיהלבאַר, ווי א נאַקעטער נערוו; און ווען איך האָב זיך, צייטענווייז, גענומען פאַר די פעדער און געטראַכט, אַז, כ'וועל אייך ענדליך שוין שרייבען, האָב איך עס יעדעס מאָל אוועקגעוואָרפען, און בין אויפגעשפּרונגען פון דעם שטוהל. איך האָב זיך איבערצייגט, אַז איך האָב נישט פון וואָס צו שרייבען. און אויב איך מהו דאָס איצט, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס אין דעם מאָמענט פיהל איך אַזוי פיינינדענד, אַז איך זיטץ דאָ, ווי א מענש, אַרום וועמען עס איז אַלץ פערניכטעט און הרוב געוואָרען, — און איך פיהל זיך אַזוי קראַנק, פערוויסט און איינזאַם.

„צווישען אונז איז נישט אַלץ אין אָרדנונג, צווישען מיר און מיין פרוי; נאָר ווי שווער עס זאָל נישט זיין דער געפיהל, בענש איך אָפטמאָל די שעה, ווען איך האָב איהר געבעטען זי זאָל ווערען מיינע, ווייל מיט איהר האָב איך גענאָסען דאָס בעסטע, וואָס עס איז פאַרהאַנען אין לעבען; זאָל זיין אינגאַנצען אין פערלויף פון עטליכע וואָכען; און איך מיין, אַז א מענש, וואָס האָט דאָס איבערגעלעבט, האָט זאָגאַר אין אַזאַ מאָמענט נישט דאָס רעכט זיך צו בעקלאָגען, ווייל ער האָט שוין אַלץ בעקומען, וואָס ער האָט געקאָנט בעקומען, און דאָס איז ווירקליך גענוג, אַז עס זאָל פערשטעלען די צרות פון גאַנצען לעבען.

„זי איז מיר אַנטקעגען געגאַנגען מיט איבערגעבונג, גאָר נישט ווייסענדיג וועגען זיך, מיט א איבערגעבונג אָהן פערטראַכטונג, וואָס האָט אַרומגענומען איהר גאַנצעס וועזען, די נשמה און דעם קערפּער; זי האָט פאָראויסערפילט מיינע קלענסטע פערלאַנגען, ווען זיי האָבען נאָר אָנגעהויבען אויפצובליהען, ווען זיי האָבען נאָך גאָר בלאָס געשווינדעלט אויף מיין געזיכט אָדער אין מיין בליק, דיעזע אַלע פיצעלעך פערלאַנגען, און זי האָט זיך פאַר מיר צוגעגרייט, ווי פאַר א קינד. זי האָט זיך אינגאַנצען

פאַר מיר עַנטדעקט, און נישט אַנערקענענדיג דאָס אַליין; זי האָט בעקאָנט זיצען גאַנצע שעה'ן און נאָר קוקען אויף מיר. אין קיין שום וואָרט וואָלט נישט געקאָנט זיין קיין טיעפערער אויסדריק פון איהרע געדאַנקען. און איך האָב מיט איהר חתונה געהאַט, און אייגענטליך, נישט דערפאַר, וואָס איך האָב איהר מעהר ליעב געהאַט פון אַנדערע פרויען, וואָס האָבען זיך מיר געטראָפען אויפ'ן וועג, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס איך האָב געפונען אַז איהר איבערגעבונג איז אַזוי ריהרענד, און זי איז מיר געווען אַ שאָד, און עס האָט מיר דערעסען די בחור'שע עסקים.

„איך האָב גאַנץ גוט פערשטאַנען, ווי קאַלט איך בין געווען מיט די נשמה און מיט'ן האַרץ, אין פערגלייך מיט די ליעבע, נאָר זי האָט געקאָנט געפינען אין מיינע אַרויסגעוויזענע געפיהל'ען מעהר, ווי פיעל עס איז אין זיי געווען, און איך אַליין בין געווען גליקליך דערמיט, וואָס זי איז געווען גליקליך, — כ'בין געווען אַזוי רוהיג און אַזוי גלייכמעסיג ווי כ'בין נאָך קיינמאָל נישט געווען, ווי עס קאָן נאָר זיין אַ מענש אין אַ גאַנץ פריהען זומערדיגען פריה־מאָרגען, אין דעם פריה־מאָרגען וואָס איז מיט געזאַנג פון פייגעלעך, און פרישען טוי, און מיט אַ נאָר וואָס אויפגעפינקעלטע זון.

„אַזוי איז געווען גאַנצע צוויי מאָנאַטען, כל־זמן מיר האָבען זיך אַוועקגעלאָזט אַלץ ווייטער אויף דרום זייט, און דער דרום־פריהלינג האָט זיך געעפענט און האָט זיך צובליהט אַרום אונז. מיר זענען געפאָהרען אין דער הויך איבער'ן רהיין, און מיר האָבען זיך אָבגערוהט ביים גרינעם, ושעגעווער טייך, וואָס קריכט זיך אוים אויף די זון, מיר זענען געריטען אויפ'ן באַרג פון הייליגען גאָטהאַרד, איבער דעם דרום'דיגען שפּיץ פון די אַלפּען־בערג, מיט זייערע רוישענדע קאַסקאַדעס, וועלכע הענגען ווי שנעע־ווייסע לענטעס, איבער די בערג־שניטען, — און ווייטער אויפ'ן לאָמבאַרדישען טהאָל, אויף דעם געריכטען גרענעצלאָזען גאָרטען, וואו די שטעדט זעהען אויס ווי ווילי'עס. אין דעם גאַנצען ראָד פון מענשליכע געזיכטער און בילדער, וועלכע מיר האָבען, פערביילויפענד און טיילווייז, בעמערקט דורך דעם פענסטער פון וואַגאָן, פון די שיף־דעק אָדער אין רעסטאָראַן, האָבען מיר זיך צונויפגעגאָסען אַלץ ענגער און ענגער, גלייך ווי אונזער בלוט וואָלט זיך געמיינזאַם צונויפגעמישט, און איך בין געווען דורכגעדרונגען מיט אַ מין קינדערישע יום־טוב־דיגע שטימונג און פריילעכע רוהיגקייט און עפּיס אַזאַ גוטס האָט זיך אין מיר

פאַרבאָרגען , פונקט אזוי , ווי עס בעווייזט זיך אויף אַ פוילען וואָרצעל אַ פרישעס געוואוקס .

„אין איין שעהנעם פריהמאָרגען , ענדע יוני־מאָנאַט, האָבען מיר זיך אָבגעשטעלט אין בעלאַדושיא , אין אַ קליין שטעדטעל , וואָס העננט זיך און דראַפּעט זיך אויף אַן׳ אַראָב־העננענדיגען פעלז , אַרום וועלכען דער טייך קאַמאַ האָט אויסגעצויגען זיינע צוויי בלאָהע אַרבעל . עס איז אונז דאָ אזוי גוט געוועזען , אַז מיר האָבען זיך דאָ געמאַכט אַ פעסטען וויץ־פלאַץ . מיר האָבען אומגעוואַנדערט אין די אַרומיגע בערג אָדער מיר האָבען זיך געשיפט נעבען ברעג . און טעג זענען אַנגעקומען און זענען אַוועק , און מיר האָבען נישט בעמערקט דאָס לויפען פון דער צייט . אַ גאַנצע שעה נאָכ׳ן מיטאָג זענען מיר געוואוינליך געזעסען ביים טייך , אונטער אַ בוים אַנטקעגען דעם האָטעל ; אַרום איז געשטאַנען אַ שטיקענדע און שווערע היץ , און מיר האָבען זיך געפיהלט דאָפּעלט מחיה׳דיג אין גרינעם האַלב־פינסטערניש . איינמאָל האָבען מיר געפונען אַז אונזערע געוואוינליכע ערטער זענען פערנומען דורך צוויי , ווי איך האָב נישט לאַנג בעמערקט אויפ׳ן שרייב־טיש , צוגעוואַנדערטע רייזענדער . ער האָט אויסגעזעהן ווי אַ ענגלי־שער אָפיצער , און די יונגע דאַמע , איז ווי ס׳ווייזט אויס געוועזען זיין טאָכטער . דאָס איז געוועזען איינע פון די פרויען געזוכטער , וועלכע דער־מאָהנען מיט די צאַרטע רונדקייט פון ליניען אַ קאָמעאַ־בריליאַנט , און וועמען דער קאָנטראַסט צווישען די גרויסע שוואַרצע אויגען און די פּרעכטיגע , אַשפאַרביגע האָר , געבען צו אַ ריין פון רייכע נשמה ערעלקייט , ווי אַ זעלטענע פאַרב ביי אַ געוועהנליך בלומעל . און צוזאַמען מיט דעם ווייסען סאַמעטענעם געזיכט האָב איך געזעהן דאָס פולע , בליהענדע און ביליגע , קינדיש געזיכט , פון מיין פרוי ; און איך האָב געפיהלט , אַז פאַר דעם לאַנדשאַפט פון העל בלאָהען וואַסער , פון ווייסען , אזוי ווי צולאָזט זילבער , זונען־ליכט אין די בלאָהליכע ווילייעס , פאַר דעם לאַנדשאַפט וועלכער איז געווען לופטיג און ליכטיג , ווי דער פריה־מאָרגען דרימעל , ווען די זון לייכט דורך די פאָרהענגלעך , — האָב איך געפיהלט , אַז אין די צייט ווי איינע פון די צוויי פרויען , מיט איהר צאַרטען און ערעלען שכל אין האַרץ , האָט זיך געקאָנט אָנזועטיגען מיט דעם גאַנצען איגהאַלט פון דעם לאַנדשאַפט , מיט זיין דינסטען אַראָמאַט און זיין לייכט־פליהענדיגען אָטהעם , אזוי ווי מען זעטיגט זיך מיט רייכע פערפומען אָדער מיט אַלטען וויין , — האָט זיך די צווייטע אויף איהם אַרויפגעוואָרפען , ווי אַ הונגעריג קינד , וואָס עסט אַלץ אויף גיריג און געשטשאָקען .

„איך האָב דאָס דערפֿילט כמעט ווי אַ טיפֿע אָפּקילונג, וועלכעס האָט זיך אויף מיר שווער געלעגט און האָט זיך אין מיר איינגעגעסען, און די אַלע קניפּען זענען ווי שוואַכער געוואָרען, און בלייבענדיג ווידער אַליין מיט זיך בין איך געווען פּונקט ווי איך וואָלט אַרויסגעוואַקסען פון אַ פרעמד בעשעפעניש, אין וועלכען איך בין געווען בעהאַלטען. איך האָב זיך ווידער אַנערקענט פאַר דעם, וואָס איך בין אַ מאָל געווען, איך האָב זיך אומגעקעהרט צו מיין פריהערדיגען וועזען און דעם פריהערדיגען בליק, אַלץ אַרום מיר איז ווידער געוואָרען, אַזוי ווי עס איז געווען, — די פערבלענדונג אַרום מיר און אין מיר איז פערשוואונדען, און איך האָב געהאַט אַזאַ געפיהל, פּונקט ווי אין אַ קאָנצערט-זאַל ווען עס ענדיגט זיך אַ נומער וועלכען אַלע האָבען אויסגעהערט אין דער פינסטער און אין שווייגען, און עס ווערט ליכטיג און רוישיג. נאָר קודם כל האָב איך דערפיהלט אַז אַ מין עפּיס, מיט וועלכעס איך בין געווען צונויפגעגאָסען, האָט זיך פון אַלע זייטען פערמאַכט אַרום מיר, און פּונקט ווי איך וואָלט אויפגעשטאַנען נאָך אַ ריין פיזישע אומאַרמונג, און איך האָב זיך געפיהלט לעכערליך און אַרומגענומען מיט חרפה און עקעל, פּונקט ווי נאָך אַ אינטימע נאַכט מיט אַ זייטיגע פרויענצימער.

„מיר זענען אומגעקראָכען אַהין און אַהער, און זי איז פאַר מיר געוואָרען אַלץ מעהר אַ אומבעקאַנטע פרוי, אין וועמענס געזעלשאַפט איך האָב געררייזט און וועמענס בילעטען און נאַכט-לעגער'ס איך האָב בעצאָהלט; און איהר רוישיגער ענטוזיאַזם בעת זעהן דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבען בעגעגענט, האָט זיך שאַרף אַריינגעריסען אין מיין דינע שטימונג, און ס'האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ טרויעריגקייט און עס האָט מיר אויסגעוויזען קינדיש, און איהר קלעפּעדיגע הכנעה — גראָב און לעכערליך, און איך האָב זיך צו איהר בעצויגען, ווי צו אַ וואָלוועלע סחורה, וועלכעס מען נעמט נאָר דערפאַר, ווייל מען קען נישט זאָגען „ניין“. איך בין צו איהר געוואָרען וואָס אַ מאָל מעהר צורייצט און איראָנישער, און ביי מיין גאַנציעם וועלען, האָב איך איהר נישט געקאָנט מעהר געבען ווי דאָס, וואָס מען גיט יעדע צופעליגע פרוי, וואָס מיר בעגעגענען אויף אונזער וועג. זעלבסטפערשטענדליך, זי האָט שוין נישט געקאָנט נישט בעמערקען, אַז איך בין געוואָרען אין דער בעציהונג צו איהר אַנדערש, ווי איך בין געווען. אין אָנפאַנג האָט זי זיך אַנטקעגען געשטעלט מיט איהר גאַנצע נאַטור וואָס האָט נישט געליטען קיין פערדאַכט און אינטריגעס און זי האָט געקוקט אויף אַלעס, ווי אויף קלייניגקייטען און צופעליגע געשעהענישען צו-

ליעב אַ שלעכטע שטימונג, וועלכעס זי האָט נישט געקאָנט צודעקען קיין בעזונדערע בעדייטונג. נאָר שפּעטער, ווען זי האָט בעמערקט, אַז איהרע אָפּען־הערציגע געפיהלען און איהרע צאַרטע בעוועגונגען ווערען אימער צוקלאַפּט אָן מיין קאַלטקייט און זענען בלויז בעליידיגט געוואָרען און דערנאָך זענען זיי געוואָרען צוריק־געוואָרפען ווי אַ אומנוציגע זאַך, — האָב איך געקאָנט בעמערקען, ווי זי הויבט אָן נישט צו בעגרייפען. און זי האָט אויף מיר געקוקט מיט קינדערישע, גרויסע און פערוואונדערטע אויגען, וועלכע האָבען געפּייניגט מיין קראַנקעס געוויסען. נאָך שפּעטער, ווען זי האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס איז ערנסט, און אַז איך שלעפּ איהר מיט זיך, ווי אַ זעקעל מיט משא, — קאַלט, מעכאַניש און אָהן ווילען, אַזוי ווי מען טהוט אָב אַ פערעלטערטען חוב, איז זי דאַן אינגאַנצען אַריינגעגאַנגען אין זיך, און איך האָב אָפּט־מאָל געזעהן, ווי זי האָט אין איהרע הילפלאָזע געדאַנקען, טעמפּ אָנגעשטרענגט איהרע בליקען פאָראויס, גלייך ווי זי וואָלט אַרומגענומען מיט אַ פּייניגענדע אונבעגרייפליכקייט, און זי האָט זיך דערמיט געמוטשעט, און האָט נישט געקאָנט מאַכען דעם שלום. ענדליך — דאָס איז שוין געוועזען נאָך דעם, ווי מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צו זיך אַהער, אין דאָרף — ווען מיין צורייצטקייט און מיין איראָניע האָט זיך איהר איינמאָל אויסגעוויזען גראָבער און בעליידיגענדער פון דאָס געוועהנליכע, האָט זי פּונקט ווי זי וואָלט געמאַכט דאָס לעצטע־מאָמענט'ס־צונויפלעגונג אין די געדאַנקען, און אין דאָס אָפּענהערציגסטע לעבען פון איהרע געפיהלען וואָלט פאָרגעקומען אַ פּלוצלונגער און שאַרפער בייט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט זיך צונויף־גענומען דעם גאַנצען כח פון איהר וועזען אין דעם איינעם בליק פון שטאָלץ און בעשלאָסענע פעראַכטונג, וועלכען זי האָט אויף מיר אָנגעווענדעט און זי האָט די גאַנצע צייט אַלץ געפיהלט צו מיר, און וועלכעס איך האָב געפיהלט, ווי אַ שטאָך, אַ ביסעל פון עקשנות, אַ ביסעל פון מיטליידענדען שמערץ.

„דאָס איז שוין דאָרט געוועזען פּייניגענד, חאָטש מיר האָבען דאָס דאַן ווייניגער געפיהלט: דאָס אונאויפהערליכע בייטען זיך פון מענשען און זאַכען, דאָס האָט בעשאַפען עטוואָס נייעס, וואָס האָט בעהערשט אונזערע געפיהלען און געדאַנקען, און מיר האָבען געקאָנט צוזאַמען־לעבען יעדער אין זיין אייגענע וועלט, אויסער די שטענדיגע געצוואונגענקייט צו אַ פעראייניגט אינטים לעבען, נעבען וועלכעס מיר האָבען געקאָנט קוקען אין געזיכט אַריין איינער דעם צווייטען. נאָר דאָס איז געוואָרען אונערטרעגליך, ווען מיר האָבען זיך אומגעקעהרט צו זיך אַהער, אין די איינזאַמ־

קײַט אַרײַן, און ווען מיר האָבען זיך יעדען טאָג געפיהלט פער'משפט'ע אויף אַ געמײַנזאַמע אָפּגעזונדערטקײַט. וואָס פאַר אַ נוצען קען ברענגען אַנ' ערקלערונג? זי וועט דאָך מיך סײַ ווי סײַ נישט פערשטעהן, ווײַל איך פערשטעה זיך זעלבסט אויך נישט; וואָרום איך ווײס דאָך גאָר נישט פון דעם פראָצעס, וועלכער איז אין מיר פאָרגעקומען, נישט אין וואָס ער בעשטעהט, נישט ווי אַזוי ער ווירקט; וואָרום דאָס איז דאָך נישט אַנדערש ווי אַ נאַטירליכער און נויטיגער איבערגעבורט פון מײַן פיזישען אינהאַלט, אַ מין סדר, ווי אַ אומפרײַע פאָלגע פון אַ פריהער'דיגע סבה, וועלכעס מען קען נישט זעהן, נישט בעשרײַבען פונקט אַזוי ווי מען האָט עס נישט געקאָנט פריהער פאָראויסזעהן. נאָר איך זעה, ווי זי ערוואַרטעט פון מיר עפּיס, און עס פּײַניגט מיך, פּײַניגט מיך, און מיט אַ גיעריגען ווילדען געדאַנק זוך איך אַנ' אויסוועג און געפין גאָר נישט; אונזער צוקונפטיג לעבען שטעלט זיך מיר פאָר, ווי אַ געהײמע איראָניע, און איך וואָלט געוואָלט פערמאַכען די אויגען, אַבי איך זאָל איהר נישט זעהן; נאָר איך זעה אַלץ.

„פאַר אונז בײדע איז דאָס לעבען אַרויס פון זײַן געוואוינליכען גאַנג, און די שולד האָט דערין — די נאַרישקײַט און די קלײנליכקײַט. איך קען נישט פינד האָבען און פעראַכטען דאָס לעבען, מײַן איראָניע ווערט אַנט-שוויגען, און מײַן געלעכטער שטאַרבט אָב בײַ מיר אויף די ליפּען; און זיצענדיג אין סאַמע מיטען פון לעבען, פיהל איך נאָר אַ שרעק, ווײַל מיר האָט זיך אימער געדוכט, אַז איך בעגעגען בליקען וואָס קוקען אויף מיר גנבה'ש מיט די קרומע אויגען פון אַ וואַהנזיניגען, נאָך וועלכען מיר אַלע דאַרפען נאָך-געהן, בלינד און וואַהנזיניג, ווי די לונאַטיקער".

איבערזעצט יוכבד.

גואי דע מאפאסאן.

אפרישע סענזאציע.

די קלײנינקע מאדאם ד'ארמאנד, האט געהאט אין זיך א שטיק טײוועל. זי האט בעזעסען פאנטאסטישע געהירען, דורך וועלכע די אונערהערטע קאפריזען פלעגען דורך-געהן, און אין וועלכע פערשידענע אידעען פלעגען ארום-טאנצען און זיך אנשטויסען, ווי די פערשידען-פארביגע גלעזלעך אין א קאלײדעסקאפ *), וואס בילדען געהײמניספולע געשטאלטען אז מען בעוועגט זײ, און דער קלוגסטער אנאליטיקער וואלט דעם קאפ פערלוירען, װעלענדיג נאכפאלגען איהר טריט, און הינטער-וועגעלעך.

דאס איז וואהרשײנליך געוועזען די אורזאכע, פאר וואס זי האט אזוי בעצויבערט, און צוגעצויגען אפילו די יעניגע וואס האבען זיך איינגערעדט, אז זײ זענען פרײ, און שטארקער פון די לײדענשאפטען אונטער וועמעס איינפלוס עס פערלירען די מענער זײערע קעפ; די יעניגע וואס דענקען אז זײ זענען ווײט פון דער פרוי'ס פערדעטערישע נעץ. אדער פיעלײכט איז עס געוועזען איהרע צארט-ווײסע הענדטלעך וואס האבען געשמעקט ווי דער טײערסטער פערפום, און וועמעס פינגער די מענער פלעגען קושען מיט דער גרעסטער איבערגעבענהײט, מיט'ן העכסטען פערגניגען, אדער איהר גאלד-זײדענע האר, איהרע גרויסע בלויע און רעטזעלהאפטע אויגען, פול מיט קוריאזיטעט און לוסט, דאס עביג בײטענדע מײלכיל וואס איז געוועזען צײטענווײז קלײן און קינדיש — ווען זי פלעגט פערבײסען די ליפעלעך, און שמײכעלדיג, אפען ווי א רויז וואס וויקעלט זיך פונאנדער אנטקעגען די זון — ווען זי פלעגט עס עפענען לאכענדיג, און ווײזען איהר פעריל-ווײסע צײהן, אזוי אז עס פלעגט דאן ווערען א ציעל פונקט פאר קושען?

ווער קאן פערשטעהן דעם צויבער וואס מאכטע „אויסגעוועהלטע

*) א מין אפטישע מאשין וואס ווײזט פערשידענע פיגורען.

פרויען" איבען אוים איבער די מענער: די דעספאטישע אויטאריטעט, געגען וועלכע עס פאלט קיינעם נישט איין צו רעבעלירען?

צווישען די גרויסע צאהל מענער וואס האבען זי ארומגערינגעלט, די וואס פלעגען ווארטען מיט אנגסט אויף דער וואונדערפולע מינוט. ווען איהר הארץ וועט ווייך ווערען, ווען די שפאטישע בעגלייטערין וועט ענדליך מיעד ווערען, און זיך איבערגעבען צו דאס פערגעניגען פון ליעבען און זיין געליעבט, אין א צייט ווען זי וועט פערשפורט ווערען פון די האניג-זיסע לאסקעס, און וועט מעהר נישט ענטזאגען איהרע ליפען, דעם יעניגען וואס וויל זיי קושען, ווי אנ'איינגעשפארטע בהמה וואס האט מורא פאר'ן חאמאנט, צווישען אט די אלע, איז קיינער נישט געווען אזוי ענטשלאסען צו געווינען דאס שפיעל, און פארטזעצען די בעלאגערונג ווי „קסאווער דע פאנטרעל". מיט א געדולדיגע ענערגיע און ווילען-קראפט וואס קיין הינדערניס קען נישט אבשוואכען, מיט די הייסקייט פון א גלויביגען פילגרים וואס דולדעט אלע ליידען פון א לאנגע רייזע מיט די בעשטימטע און טרייסטפולע האפנונג, דאס אין א געוויסען טאג וועט ער זיך קאנעןווארפען אויף זיינע קניען, פאר דעם אלטאר וואו ער וויל תפילה טהון, און הערען די געטליכע ווערטער וואס זענען א גן עדן אין זיינע אויגען, מיט די זעלבע ענטשלאסענהייט, האט קסאוועער מארשירט נאך זיין ציעל.

ער האט צופריעדען-געשטעלט אלע איהרע איינפעלע, און געטהון אלץ וואס ער האט געקאנט איהר נישט צו דערבעזערן, נישט צו שעדיגען איהרע געפיהלען, צו ווערען א פריינד אהן וועלכען זי זאל זיך נישט קאנען בעגעהן, און וועמען די פרוי דערצעהלט אלעס: איהרע טעגליכע און-אנגענעהמליכקייטען, און איהר צוקונפט'ס-טרוים.

און עס קאן זיין דאס זי וואלט ווירקליך געליטען, געוויינט, און געפיהלט א גרויסע פוסטקייט אין איהר לעבען, אויב זיי ביידע וואלטען זיך צעשיידט אויף עביג; אויב ער וואלט פערשוואונדען. און זי וואלט איהם זיכער פערטהיידיגט, — חאטש זי וואלט זיך דאמיט קאמפראמיטירט, אויב עס וואלט איהם ווער אטאקירט אין איהר געגענווארט. און טהייל מאל פלעגט זי זאגען, מיט א טרויעריג געלעכטערל אין איהר שטימע:

— אויב איך וואלט באמת פעהיג געווען צו ליעבען א מענשען פינף מינוט דורכאנאנד, וואלט איך דיך געליעבט.

און אז זיי פלעגען אמאל שפאצירען נאך מיטאג, און האלטען אין איין רעדען וועגען ליעבע, פלעגט מאדאם ד'ארמאנד ארויס-זאגען איהרע

בעליעבטע טעאַריעס: יאָ זי פערשטעהט גאַנץ גוט דאָס גליק, וואָס ליעגט אין דער בעציהונג פון דער זאַך וואָס מען האָט ליעב, דאָס שטיקעל משוגעת וואָס הילט איינעם איין פון קאָפּ ביז פוס, וואָס מאַכט דאָס בלוט הייס, און וואָס מאַכט דער פרוי אַן אַלעם פערגעסען, ווען זי געפינט זיך אין מאַנ'ס אָרעמס; דאָס הימלישע פערגניגען וואָס איבערוועלטיגט דיך, און וואָס בינדט צוזאַמען צוויי וועזענ'ס און מאַכט פון זיי איינ'ס. דאָס איז אָבער נאָר מעגליך אין אַנ'אונערוואַרטעטע מינוט, אויף אַ פרעמד אָרט אין וועלכען ס'זאָל ליעגען עטוואָס נייעס, פרישעס, אַזוינס וואָס מען קאָן קיינמאָל נישט פערגעסען, וואָס איז אַמוזירענד און וואַהנזיניג, און וואָס גיט צו אַ פעפער-געשמאַק, צו דעם איינפאַכען געשמאַק פון אונמאָ-ראַליטעט.

קסאַווער האָט געטהון אַלעס מעגליכעס אום אויסצוגעפינען אַזאַ אָרט, און איז נישט געווען ערפאָלג-רייך. אַ קאַוואַלערסקי צימער מיט זיידענע טאַפּעטען ווי אַנ'אַלקאָר פון זיבצעהנטען יאָהרהונדערט, אַ ווילע בעהאַל-טען ווי אַ נעסט צווישען בוימער, אַ יאַפּאַניש הויז געבויט אויפ'ן העכסטען שטייגער, מיט לאָדען-פענסטער פון וועלכען מען האָט געקאָנט זעהן דעם ים, אַנ'אַלט מאָריש און מעלאַנכאָליש הויז, און האָטעלען, רעסטאָראַנען, מעבלירטע-צימערן, און נאָך זעלטזאַמע ערטער, דאָ האָט ער אַלץ קיין הצלחה געהאַט.

מאַדאַם ד'אַרמאַנד האָט זיך געפיהרט אויף איהר אַלטען שטייגער, אָבער קסאַווער, ווער געשריגען, איז יערען טאָג געוואָרען מעהר אַמאָריש, אַמאָריש ווי אַנ'אויסגעוואַקסען חדר-יונגעל וואָס האָט נאָך קיינמאָל מיט קיין פרוי נישט גערעדט, אַזעלכער וואָס הויבט אויף די בלומען וואָס פאַ-לען אַראָב פון איהר ברוסט, און קושט זיי, און וואָס פערליערט זיך, און ווערט מרה-שחורה'דיג בשעת ער זעהט זי נישט, הערט נישט איהר ווייכע און שטיפערישע שטימע, און איהר זיס געלעכטערל...

איין אָבענד איז ער מיט איהר געגאַנגען אויף אַ יריד, זיי זענען פערביי געגאַנגען פערשידענע אויסשטעלונגען, און זענען בעטויבט גע-וואָרען פון דעם געפילדער פון די קאַטאַרינקעס, און דאָס פייפערייַ פון די קאַראַזעלען. פלוצלונג האָבען זיי דערזעהן אַ ציגיינער-ביידעל, מאָגסיע דע פאַנטרעל האָט זיך אָבגעשטעלט, און געזאָגט צו מאַדאַם ד'אַרמאַנד:

— ווייסט דיר אפשר לאָזען קאָרטען לעגען? דאָס ביידעל איז גע-ווען אַ שעהן מוסטער פון דעם דאָזיגען סאָרט: צווישען אין פאָרטרעטען,

אויף װעלכע עס זענען געװען אָנגעשריבען שרײַענדע רעקלאַמעס, האָבען געהאָנגען איבער די שװאַכע טרעפּלעך; די קלײנע פענסטערלעך זענען געװען פערשטעלט מיט פערשידענע צאַצקעס, און פון דרױסען אױף אַ קעסטעל װאָס איז געשטאַנען בײַם אַרײַנגאַנג, איז געשלאָפען אַנ'אַלטע און פלױכעװאַטע פּאַפּוגײַ.

די װאָהר־זאָגערין איז געזעסען אױף אַ שטוהל, שטיל, און האָט געשטריקט אַ זאָק. װעהענדיג װי זײ דערנעהענטערן זיך, האָט זי זיך אױפגעהױבען און צוגעגאַנגען צו מאַדאַם ד'אַרמאָנד, און געזאָגט אין אַ בױמאײלדיגע שפּראַכע:

— איך ענטדעק די פערגאַנגענהײַט, די געגענװאַרט און די צוקונפט. אַפילו דעם נאָמען פון צוקונפטיגען מאַן אָדער װײַב, און די נעמען פון פערשטאָרבענע משפחה װײס איך, און זאָג מײַן קליענט אַלעס װאָס האָט איהם געטראָפען, און װאָס װעט איהם טרעפען אין דער צוקונפט. איך האָב פאָרגעשטעלט מײַנע װאונדער פאַר אַ סך געקרױנטע קעפּ. דער קײזער פון בראַזיליען איז בײַ מיר געװען, אױך דער בערימטער פּאָעט װיקטאָר הוגאָ... מײַן פרײַז איז פינף פראַנק פאַר זאָגען דאָס גליק אַלײן, און צװאַנציג פאַר אַלעס... װילען זי אַלעס מאַדאַם?

מאַדאַם ד'אַרמאָנד האָט זיך צעלאַכט װי אַ גאַסען־מײדעל, אָבער מאָנסיע פּאַנטרעל האָט געעפענט די גלעזערנע טהיר װאָס איז געװען פערהאָנגען מיט אַ שװערע רױטע פאָרהאַנג, און זײ זענען אַרײַן. אַרײַנקומענדיג אינעװעניג איז די יונגע דאַמע איבערראַשט געװאָרען. דאָס בײדעל איז געװען פול מיט בלומען, דעקאָרירט אױף דעם שעהנסטען אופן װי עס װאָלט געװען אַנ'אַלטע פאַר ליעבענדע. אױף אַ טיש װאָס איז געװען אַרומגערינגעלט מיט געבעטע שטוהלען, איז געװען אָנגעגרײט אַ העררליך מאָלצײַט, און פון אַ װינקעל װאָס איז פערהאָנגען מיט שװערע גאַרדינען, האָט מען געקענט זעהן אַ ברײט בעט, אײנס פון די בעטען װאָס װעקען אױף שלעכטע מחשבות.

קסאַװער האָט פערמאַכט די טהיר, און מאַדאַם ד'אַרמאָנד האָט אױף איהם געקוקט מיט געהײמניספולע בליקען, מיט פעררױטעלטע באַקען, און פונאַנדערגעשפּרײטע נאָזלעכער, אַזעלכעס װאָס ער האָט נאָך קײנמאָל נישט געזעהן. און אין אַ שטילע שטימע מיט אַ קלאַפּענדעס האַרץ האָט ער איהר אײַנגערױמט אין אױער אַרײַן: —

— געפעלען דיר די דעקאָראַציעס דאָס מאָל? זי האָט איהם גע־ענטפערט דאַמיט, װאָס זי האָט איהם אױסגעשטעקט איהרע ליפּען,

נאכהער האט זי אנגעגאסען צוויי גלעזלעך שאמפאניער, און געטרונקען צו אידם שבור'לעך...

און אויף דעם אופן האט מאדאם ד'ארמאנד דאס ערשטע און לעצטע מאל גענארט איהר מאן, אויף א יריד אין א ציגײַנער-ביידעל.

איבערזעצט י. טופפמאן.

מ. י. לערמאנטאוו.

הימעל און שטערען.

רײַן איז דער הימעל אין אבענד
ליכטיג — די שטערען די ווײַטע,
העל, ווי דאס גליק פון א קינד.
א, פאר וואס זאל איך נישט קאנען אויך טראכטען.
שטערענדלעך! ליכטיג זענט איהר, ווי מײַן גליק...

— וואס איז דײַן אונגליק?
וועט מען מיך פרעגען.
— דאס איז מײַן אונגליק,
מענשען, וואס ס'זענען דער הימעל און שטערען —
הימעל און שטערען, און איך בין א מענש!...

איהר זענט מקנא
איינער דעם צווייטען;
איך אבער בין נאר
די שעהנע שטערען, וואס לײַכטען, מקנא.
כ'וואלט זײַער גערן נאר פערנעהמען געוואלט.

איזאק וואלקאוויטשער.

הערמאן באנג.

דער לעצטער אבענד.

(אַ נאָוועלע).

ס'איז געקומען דער לעצטער אָבענד. מאָלצייטען זענען איינע נאָך די אַנדערע געווען, און גאַנצען בעצירק האָט מען געטרונקען פאַר'ן געזונד פון „קאַנדידאַט", אַ שאַמפּאַניער, אַ אַנדערע משקאות. אַזוי זענען וואָכען דורך, און איצט איז אָנגעקומען דער לעצטער אָבענד.

מען האָט בעשלאָסען די לעצטע שטונדען פאַר זיך לאָזען, און איצט זענען זיי געבליבען אַליין; אַלעמען האָט זיך געדוכט, אַז מען האָט זיך שוין גענוג אָנגעהוליעט. און דערצו האָט היינט אָבענד געדאַרפט פאַרקומען אַ לאַנגע געזעגעניש, אַ לאַנגע און שמערצליכע, — דען באַטאַוויע ליגט דאָך ווייט פון דענעמאַרק, און ער האָט געדאַרפט פאָהרען אין באַטאַוויע. די אַלמנה־מוטער האָט געמיינט דערום, אַז אין דיעזען לעצטען אָבענד דאַרף צווישען זיי, אָדער דער שטאַרקסטער בונד געשאַפען ווערען, אָדער זיי דאַרפען זיך גאָר אינגאַנצען שיידען... זי האָט גערוּנגען אַ פוהרעל, און זיי אַלע זענען שפּאַציערען געפאָהרען, נאָר בעת דער רייזע איז די שטימונג אַ געדריקטע געווען. אפילו דעם שכנ'ס טאָכטער — דער איינציגער גאַסט אויסער'ן קאַנדידאַט, איז אויך געווען צעדשטרייט און שלעכט געשטימט. ווען מען איז צוגעפאָהרען צום וועלדעל און זיי האָבען זיך צו פוסען שפּאַציערען געלאָזט איבער די אַלעען, איז יאָהאַנאַ שטענדיג פאָראויס, אָדער הינטער אַלעמען געגאַנגען; אויפ'ן וועג פלעגט זי בלעטער פון די בוימער רייסען, אָדער זיך גאָר וועלען צווזעצען אויפ'ן רייצענד־וויַיכען גראָז, וועלכען זי פלעגט אויסזוכען. ווען זי פלעגט זיך נאָך דעם צוריק בענעגעבען מיט איהרע בעגלייטער האָט זי פריהער אַ פרעגענדיגען בליק געוואָרפען אויף דער מוטער און נאַכהער אויף איהם.

נאָר די גאַנצע צייט איז זי געווען בלייך און צושטרייט, ער אָבער, איז געווען מונטער און פרעהליך, גלייך ווי ער וואָלט פערגעסען וועגען

באַטאַריע און וועגען דער נאָהטמער צושיידונג. ווען זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צום פורהעל האָט יאָהאַנאַ איינגערוימט מאַריען אין אויער אַריין: „אין דערהיים וועט זיין בעסער".

צוריקוועגס האָט מען וועניג גערעדט. דוקא דערפאַר, וואָס אַלע האָבען געפיהלט, אַז רעדען דאַרף מען, — האָט קיינער נישט געקענט. ער איז אויך שווייגענדיג געוואָרען; ווי עס ווייזט אויס האָט דער טרויער פונ'ם זומער-אָבענד דערשלאָגען דעם געלעכטער אויף זיינע ליפּען. און אפשר האָט ער אַ קלער געטהון, אַז ער זעהט צום לעצטען מאָל דאָס הויז, וואו ער האָט זיינע קינדער-יאָהרען פערבראַכט. נאָר ווען די אַנדערע האָבען זייער אויפמערקזאַמקייט געווענדעט אויף זיין שווייגען, האָט ווידער צום לעבען ערוואַכט זייער ערוואַרטונג, וועלכע איז ליידענ'ס-פול געוועזען, ווי דער שטאַרקסטער אַנגסט; יאָהאַנאַ, אָבער, איז צוריק אויפגעלעבט געוואָרען. זי האָט אָנגעהויבען זינגען איינעם פון הייזע'ס ראָמאַנסען און מאַריע האָט איהר אונטערגעהאָלפען. די טענער האָבען זיך צונויפגעגאָסען מיט דער שטימונג פון זומערדיגען אָבענד.

פון ווייטען, הינטער די בערג, אין מעריב פערגעהט די זון; אויפ'ן פלאַם-רויטען פאָן זעהען שאַרפער אויס די ווייכע בערג-ליניען. אונטען, צופוסענס די בערג, האָט זיך, ווי מיט טויזענדער דעקעס אויסגעשפּרייט דער נעבעל. פון ווייטען אָבער, זעהט אויס דער נעבעל, ווי אַ גרויסער ברונען, וועלכער דרעמעלט אין דער זומערדיגער נאַכט-שטילקייט אין ערוואַרטונג פונ'ם קומענדיגען טאָג. נעהנטער ביים וועג, אויף די פעלדער טראָגט זיך פאַנאַנדער דער זיסער גערוך פון די בלומען. דער בין-השמשות קומט אָן.

קומענדיג אַהיים האָט מען זיך צוזעצט ביים טיש; די שפּייזען, וועלכע די אַלמנה האָט צוגעגרייט, זענען געבליבען אונגערירט, נאָר ער אַליין האָט געגעסען. זיין שטימונג האָט זיך געביטען, און ער איז צוריק פרעהליך געוואָרען; ער האָט געטריבען שפּאַס מיט יאָהאַנאַן, האָט געטרונקען „דערפאַר, וואָס זי ווייס שוין גוט", האָט געוואונשען מאַריע'ן אַ פרעהליכע חתונה, און ביים דריטען גלאָז פּאָרטווין האָט ער געדאַנקט דער אַלמנה. עמיליע איז די גאַנצע צייט געזעסען אונבעוועגליך, און אַלץ אַרום האָט זיך געדרעהט און געשווינדעלט פאַר איהרע אויגען; זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט זיך צוויינען אויב איהר וועט אויסקומען תאָמיד איין וואָרט זאָגען. טרעהרען זענען איהר אין די אויגען געשטאַנען, נאָר זי איז געזעסען גלייך.

מען איז אַרויס אין גאָרטען. די אַלמנה מיט איהרע אַנדערע צוויי טעכטער האָבען זיך געהאַלטען פון הינטען. ער און זי געהען אויף דער אַלעע צווישען די נוס-בוימער; די אַלעע איז אַזוי שמאָל, אַז די צווייגען פון די בוימער בערירהען יעדעס מאָל איהר פנים. ווי שטיל און קיהל איז דאָ. זיי הערען זייערע אייגענע טריט אויף דער ווייכער ערד. עטליכע טריט זענען זיי שווייגענד אַבגעגאַנגען, נאַכהער בעהערשט זי זיך און הויבט אָן רעדען... איהרע אייגענע ווערטער קלינגען אין איהרע אויערן, ווי ווייטע, פרעמדע טענער, זי קען קוים פערשטעהן דעם זין פון זיין לוסטיגען ענטפער, אַך, גיכער דערגעהן שוין צום סוף פון דער אַלעע.

מען איז ווידער אַריין אין הויז. מאַריע שלאָגט אַלעמען פאָר פרובטען. אומזיסט בעמיהט זיך די אַלמנה אונטערצוהאַלטען דעם שמועס, איהר פנים פלאַמט, זי איז אויפגערעגט און צוטראָגען, זי זיצט און אַליין נישט ווייסענדיג טרייסעלט זי פיבערהאַפט מיט'ן קאָפּ, אַזוי אַז די בלומען פון איהר הויב ציטערן. יאָהאַנאַ גיט אַ קוק פון דער זייט אויפ'ן זייגער. דען דער שמועס הערט אויף, האָרכט מען דאָס רוהיגע, אונאויפהערליכע קלאַפּען פונ'ם זייגער, גלייך ווי עמיצענ'ס אַ שפּאַסענדע שטים. ער זיצט רוהיג, אָנגעבויגט דעם קאָפּ איבער'ן טעלער און דריקט די יאַגאָדעס אין שמאַנד; זיין אַבגעברענטער פנים, וועלכער איז בעליכטען פונ'ם לאָמפּ, איז רוהיג, דרייסט און צופרידען.

ער ווענט זיך אין באַטאַוויע צום גליק דערשלאָגען. עמיליע האָט זיך אין ווינקעל געזעצט; גלייך ווי אינ'ם נעבעל, זעהט זי פון דאָרטען, פון דער טונקעלהייט, דאָס ליעבע בעליבטענע געזיכט, אַזאַ רוהיגע, זונגעשטערט פרעהליכע. און איהר דוכט זיך, אַז אָט, אָט וועט איהר הארץ אויפהערען קלאַפּען.

די מוטער פערלאָזט דעם עס-צימער. זי וויל בעזאָרגען דאָס עסען פאַר די קאַנאַריקעס. אַ ביסעל נאָך דעם, הויבט זיך אויף אויך יאָהאַנאַ מיט איהר שוועסטער און געהען צום טהיר, וועלכע פיהרט אין גאָרטען... עמיליע בעמערקט דאָס און וויל זיך אויפהויבען און אויך געהן מיט זיי. נישט בלייבען מיט איהם אַליין... נאָר איהרע פיס זענען זיך נישט איינשטאַנד צו ריהרען, זי קען זיך נישט אויפהויבען... איצט זענען זיי אַליין... אויפ'ן טהיר פונ'ם עס-צימער איז קענטיג דער שאָטען פון דער אַלמנה, איהר שאַרפער נאָז, און די בלומען פון איהר הויב, וועלכע ציטערן. אין גאָרטען ביי דער ווערענדע שטעהען די יונגע מיידלעך צוזעטוליעט איינע צו דער צווייטער, און שמועסען זעהר שטיל צווישען זיך.

אינ'ם צימער הערט מען נאָר דאָס שמערצליכע קלאַפּען פונ'ם זייגער.
בײַ די ליכט אויפ'ן קלאַוויר שװשועט איין איינציגע פליג.

ער רוקט אָפּ פון זיך דעם טעלער און טרינקט אויס אַ גלאָז פּאָרט-ווײַן.

— „וואו זענען אַלע איבריגע? זיי זענען אַוועק?"

— „זיי זענען אַרויס אין גאָרטען", הערט זיך שטיל פונ'ם ווינקעל, ס'מוז זײַן, אַז עפּיס בעזאָנדערס איז געווען אין איהר שטים, אינ'ם טאָן פון איהר תשובה, מעגליך, אַז די לופט אַליין און די גאַנצע שטימונג אינ'ם צימער האָבען איהם געצוואונגען אַ חאַפּ טהון זיך פאַר'ן שטערן, גלײַך ווי ער וואָלט זיך פּלוצלונג פערקלעהרט.

דער שטילער שמועס אינ'ם גאָרטען הערט אויף. דער שאָטען פון דער מוטער'ס קאָפּ בלײַבט שטעהן אונבעוועגליך.

„ווײַנען צוליעב דעם לוינט נישט", זאָגט ער נאָך אַ קורצע פּויזע: „דאָרטען ווערט מען דאָך רײַך, און די מוטער נויטיגט זיך דאָך אין דעם".

ער שטעהט אויף, גלײַך ווי צוליעב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אַראָבטרייסלען פון זיך די נײַע שטימונג. ער געהט זיך דורך דורכ'ן צימער און שטעלט זיך אָב בײַם פענסטער.

זי זיצט די גאַנצע צײַט אינ'ם ווינקעל, בעהאַלטענדיג זיך אין שאָטען, און בעמיהט זיך צווינגען זיך רעדען. נאָר די געדאַנקען טראָגען זיך דורך מיט אַ געוויש אינ'ם קאָפּ, און איהר דוכט זיך, אַז די ווערטער, וועלכע זי וויל אַרויסרעדען זענען איהר געבליעבען שטעהן אין דער ברוסט, ווי אונטער אַ שווערען לאַסט.

און די איבעריגע געהען נישט אַרײַן — פאַר וואָס? צו וואָס פּײַניגען זיי איהר אַזוי?

„שפּיעל עפּיס צום געזעגענען זיך", זאָגט ער, אומקעהרענדיג זיך צו איהר. „דו האָסט אַזוי ווענינ געשפּיעלט די לעצטע טעג".

איהר דוכט זיך, אַז דער באָדען, אונטער איהרע פיס לאָזט זיך אַראָב און הייבט זיך אויף, ווען זי געהט צו צום קלאַוויר וועלכער שטעהט בײַם וואַנד, וועלכע געהט אַרויס צום גאָרטען. ווי אַ בלינדע טאַפּט זי אָן די ווײַסע בײנדלעך פונ'ם קלאַוויר.

איצט קען זי, ווענינסטענס, נישט רעדען.

די ערשטע קלאַנגען זענען רוישענדע, די סטרונעס דונערן אונטער איהרע געשווינדע פינגער. נאָר באַלד ווערט דאָס שפּיעלען ווײכער,

— דאָס איז אַ זיפצענדע, שטילע מעלאָדיע, מיט טרויעריגע טרערדען פערפוצט.

און ווען זי האָט געשפּיעלט, האָבען זיך אין די בּיטענדע טענער געטראָגען פאַר איהר די בּילדער פון איהר קינדהייט.

יעדער אַקקאָרד איז אַ ערינערונג געווען, וועלכע זי האָט שטענדיג געהיט, יעדער נייער קלאַנג איז אַ חלום געווען, אַ טרוים, וועלכער האָט געגריסט צום געזעגענען.

אָט זעהט זי, ווי זיי האָבען געשוואומען אינ'ם שיפעל אויפ'ן טייבעל פונ'ם שכן. ער איז אַ מעכטיגער קעניג געווען, וועלכער האָט זיין האָב־צייט'ס לוסט־רייזע געמאַכט מיט זיין פּראַכטפאָלער פּרינצעסין. און אויפ'ן אַנדערן בּרעג איז געלעגען דאָס וואונדערבּאַרע מערכען־לאַנד. זי איז גע־זעסען מיט בּלומען אין די האָר און האָט געקוקט, ווי ער האָט געפיהרט דאָס שיף, אויסגלייכענדיג זיך אין זיין גאַנצען וואוקס מיט דער פּאַפּירע־נער קרוין אויפ'ן קאָפּ. און זי האָט געגלויבט, אַז די גליקליכע רייזע וועט דעם גאַנצען לעבען דויערן...

אַ זומערדיגער נאַכט־ווינטעל, אָנגעזעטיגט מיט'ן גערוך פון ראָזען, רייסט זיך אַריין דורכ'ן גאָרטען־טהיר. די בּיהנען זשווּשען אַרום; דער טיש־זייגער קלאַפּט אונאויפהערליך.

עמיליע שפּיעלט אַ „געזעגען"־ליעד איהר ליעבע, און איהם, וועמען זי האָט ליעב...

ביידע זענען זיי עלטער געוואָרען...

ער איז שוין אינ'ם לעצטען קלאַס פון דער שטאָדט־שוהל און באַלד וועט ער שוין סטודענט ווערען. איינמאָל, אָבענדס־צייט, זי געדענקט דאָס זעהר גוט, זענען זיי ביידע געזעסען אין גאָרטען, הינטער די ראָזען־צווייגען, האַלטענדיג זיך פעסט פאַר די הענד. ער האָט פערשעמטערהייט, אַרויסגענומען פון טאַש אַ ליעד און האָט איהר דורכגעלעזען. אין ליעד האָט זיך וועגען ליעבע גערעדט. ווען ער האָט דאָס לעזען געענדיגט, האָט ער געזאָגט:

„דאָס אַלץ איז דאָך וועגען דיר".

און דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען זי קושען גלייך אין די ליפּען, פיעל, פיעל מאָל...

זי האָט זיך פון זיינע הענד אויסגעריסען, נאָר דערנאָך האָט זי דאָס ליעד זיך אויף אויסווענדיג אויסגעלערענט, טויזענדער מאָל האָט זי איהם ווידערהאָלט און נאָך קיין איין ליעד אין דער וועלט איז איהר אַזוי שעהן

און טײַער נישט געװען. זי אַליין איז דאָך די העלדין פֿונ׳ם דאָזיגן ליד געװען.

נאָך דעם זענען טונקעלע צײַטן אָנגעקומען, װען ער איז אַװעק פֿון איהר...

איצט װערן געבױרען צאַרטע, װײכע קלאַנגען, פֿליסענדע אַקקאָרדען, גלײַך װי די דאָזיגע מאָטיװען, װעלכע עס זינגען שטיל די פֿרױען.

זי שפּילט דאָך צום לעצטען מאָל פֿאַר דעם, װעמען זי ליבט מיט׳ן גאַנצען האַרצען.

זײ זענען צוזאַמען אויף איין באַל געװען. דאָס איז נײַיאָהר געװען, אין װערבּיונאַר. דאָרט איז אַ דאַמע פֿון קאָפּענהאַגען געװען, אין אַ געלער זײַדענער קלייד, מיט פֿיעל קליינינקע פֿײַלכען־בּוקעטען. כמעט דעם גאַנצען אָבענד האָט ער מיט דער דאַמע געטאַנצט. זי איז זעהר קאָקעט געװען און האָט דעם שלײַף פֿון איהר קלייד איבער׳ן האַנד פֿערװאָרפֿען, װען זי האָט געטאַנצט. נאָך דעם איז ער צו איהר צוגעגאַנגען און האָט איהר אַ פֿראַגע געטהון: — „אמת, די דאַמע איז זעהר נעט״?

װיפֿיעל האָט זי געװיינט דיעזען אָבענד, אַהיים אומקעהרענדיג זיך. װי שטאַרק געהאַסט האָט זי דיעזע דאַמע מיט דער אויסגעפּוצטער זײַדענער קלייד און די שמעקענדע פֿײַלכען... נאָר זי האָט אַרויסגעצויגען דאָס ליעד און איהם איבערנײַעס דורכגעלעזען... זי איז דאָך די העלדין פֿונ׳ם ליעד געװען.

זי איז בּלינד געװען, און דיעזע טענער — זענען דאָס קברים־ליעד אויף איהר ליעבע.

איינמאָל, אין אַ זומער־אָבענד, האָבּען זײ זיך אין בּעהעלטניש געשפּיעלט, דאָ אין גאָרטען. אויף אַ שטעגעלע צװישען די נוס־בּוימלעך האָבען זײ זיך בּיידע בּעגעגענט, שװער אָטעמענדיג פֿון גיכען לויפֿען. ער האָט אַ חאַפּ געטהון איהר האַנד און צוגעפּרעסט זי. װי קלאָר זי געדענקט נאָך דעם האַנד־דרוק, שטאַרק און הײס האָט ער צוגעדריקט די האַנד.

די ליעבע לעבּט מיט קלײנינקײטען, און זי האָט שטענדיג געהאָפֿט, אַז זי איז די העלדין פֿונ׳ם ליעד. מיט איהם, אַלס דעם שטײַערמאַן, איז זי אויפ׳ן שיפֿעל געשװאומען צום אַנדערן בּרעג — צום װאונדערבּאַרען מערכען־לאַנד.

און איצט איז פֿערגעסען דאָס ליעד, און ער אַליין שטעהט אין שיפֿעל. זי איז פֿערבּליעבּען אויפ׳ן אַנדערן בּרעג, און איהר דוכט זיך,

אַז אַלע בלומען האָבען זייערע קעפּלעך אַראָבגעלאָזען, און די נאַכט־שאָטען צולעגען זיך אַרום איהר...

דער שאָטען פון דער אַלמנה אויפ'ן טהיר פון'ם עס־צימער האָט זיך אומרוהיג בעוועגט. די יונגע מיידלעך האָבען זיך אָנגעשטרענגט צו־געהערט.

ער איז געשטאַנען און האָט זיך געשפּילט מיט זיין ויינגער־קיטעל. מעהר ווי פריהער האָבען שטורמיש און אָבגעבראָכען געקלונגען די אַקקאָר־דען, גלייך ווי פערשטיקטע געשרייען, איבערגעריסענע קרעכצען. דערנאָך האָט זי געענדיגט שפּיעלען.

„אַ דאַנק, עמיליע", — האָט ער געריהרט אַ זאָג געטהון, „מיר דוכט זיך, אַז קיינמאָל נאָך האָסט דו אַזוי נישט געשפּיעלט", די ווער־טער האָבען וואַרעם און אויפריכטיג געקלונגען. „דיזע קלאַנגען וועל איך זיך אין בעטאַוויע דערמאָהנען". ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנד, נאָר זי האָט זיך געשווינד אויפגעהויבען, אָבגעקעהרט זיך און איז צום פענסטער צוגעגאַנגען.

אַ לאַנגע צייט איז שטיל געווען. מאַריע האָט זיך שנעל אין אָרדנונג געבראַכט און איז אַריין אין צימער, יאָהאַנאַ איז אַריין גלייך נאָך איהר, אַ בלייכע מיט טרעהרען אין די אויגען.

„ס'איז שוין צייט אַהיים־געהן", האָט זי געזאָגט;

זי געזעגענט זיך, ער קלייבט זיך אויך אַוועקגעהן.

אַ מאָדנער נערוועזער געזעגענען זיך איז, בעת מען מיידט זיך אויס אָנקוקען איינער דעם צווייטען, ווען די הענד בעריהרען זיך, נישט דרי־קענדיג איינע דער צווייטע, און מען מאַכט דעם אָנשטעל, אַז מאָרגען וועט מען זיך ווידער זעהן...

מאַריע און די אַלמנה בעגלייטען זיי דורכ'ן גאָרטען, עמיליע שטעהט די גאַנצע צייט ביים פענסטער. זי האָט זיך נאָר אומגעדרעהט אַ ביסעל, ווען ער האָט שטיל, מיט אַ געריהרטער שטימע אַ זאָג געטהון איהר: „זיי מיר מוחל"...

און אײנהערענדיג זיך צו די שטימען אין גאָרטען, שטעהט זי, אָהן טרעהרען, און קוקט אין דער פינסטערניש אַריין.

אין דער טרויעריגער פינסטערניש.

איבערזעצט א—ק.

קאַטול מענדעס.

אגאָלדענער שליסעל.

שפּאַציערענדיג אין גאָרטען פון חלומות האָב איך אַ גאָלדענעם שליסעל געפונען, און דערפיהלט האָב איך, אַז מיט זיין הילף קאָן מען אַ געהיימניספולע טהיר עפענען, הינטער וועלכער איך וועל אַ גן־עדן־תענוג דערשפירען, צו וואָס מיין נשמה האָט אַזוי געלעכצט.

און מיט'ן קליינעם גאָלדענעם שליסעל האָב איך אַלע פערשלאָסענע זאַכען געפרובט עפענען, נאָר אומזיסט; די האָפנונגען פון ליעבע און רוהם וועלכע זענען צו ערעל זיי זאָלען ווען עס איז פערווירקליכט ווערען — האָב איך נישט געקאָנט עפנען מיט'ן גאָלדענעם שליסעל, וועלכען איך האָב געפונען שפּאַציערענדיג אין גאָרטען פון חלומות.

נאָר געפיהלט האָב איך, אַז מיט זיין הילף קאָן מען אַ געהיימניספולע טהיר עפנען.

ענדליך, איז עמיצער דורכגעגאַנגען, האָט אויף מיר רחמנות געקריגען און געזאָגט:

— דו בעמיהסט זיך אומזיסט, אומגליקליכער, ביסט צו שפּעט געבוירען געוואָרען. דער סוד, אין וועלכען דו וואָלסט די פערווירקליכונג פון דיין טרוים געפונען, דער אונקלאָרער סוד, אין וועלכען דער שליסעל וואָלט דיר געהאָלפען אַריינדרינגען — איז אַ האַרץ פון אַ יונגער פרוי געווען, וועלכע איז שוין מיט טויזענד יאָהר צוריק געשטאָרבען.

נאָר איך האָב דעם שליסעל פונדעסטוועגען בעהאַלטען.

און די בעסטע מאָמענטען פון מיין לעבען זענען די — ווען איך וויין איבער'ן גאָלדענעם שליסעל, וועלכען איך האָב געפונען, שפּאַציערענדיג אין גאָרטען פון חלומות.

נ. לענאַו.

נעבעל.

דו טריבער נעבעל, הילסט מיר איין
דעם טהאָל, דעם שטראָם און קוואַל,
די בערג, די וועלדער און די שיין
פון יעדען זונען שטראַהל.

נעם צו, נעם צו אין גראָהע נאַכט
די ערד ווי ברייט און וייט;
נעם צו וואָס מיך זוי טרויריג מאַכט
אין די פערגאַנגענהייט.

איזאַק מאַלקאָוועטשער.

(פארטזעצונג פון דרײ=און=צוואנציגסטען העפט).

— זײט אזוי גוט! דא האט איהר די אדרעסע; א גוטען טאג הערר פון ר א ד ע ק! זי האט איהם ביז צו דער טהיר בעגלײט.

— מעהר האט איהר קײן בעשטעלונג פאר מיר? האט איהר שוין מײן פרײנד גארנישט וואס צו זאגען? —

— נײן, הערר פון ר א ד ע ק, איך קאן איהם נאר ווינשען, אז זײנע קלײנע טעכטער זאלען איהם געזונד זײן — —

— אדיע, לעבען זי גליקליך, מײן גנעדיגסטע!

ער האט זיך טיעף פערנײגט און ארויס פון איהר צימער. זי האט איהם געהערט דרויסען פלוידערנדיג מיט א ט ט א ן אין דער צײט וואס דאס שטובּ=מײדעל האט איהם דערלאנגט זײן הוט מיט'ן שטעקען. דערנאך האט די אלטע מאריע, וואס האט פון אלץ געוואוסט, הינטער איהם די טהיר פערשלאסען. — א נ נ א האט זיך טרויעריג אין דעם העלען צימער ארומגעקוקט און זיך געטראכט: דא דארף נאר הערשען גליק, רוהע און פריעדען! און אזוי טראכטענדיג האט זי איהרע האנד=ארבײט ווידער פארגענומען! אבער איהרע שטענדיג פלײסיגע הענד האבען איהר הײנטיגעס מאל נישט געוואלט פאלגען. א נ נ א האט פערמאכט די אויגען און מיט א פערוועהטאגטע מינע אין געזיכט האט זי נאכגעקלערט און נאכגעגרי=בעלט איבער אלץ, וואס זי האט געהערט. — —

קײן זוהן! נאר צוויי טעכטער, אײנע א טויב=שטומע און די צווייטע קוים וואס זי לעבט! און די שעהנע יונגע מוטער איז בעלאסטעט מיט א פערערבטע קראנקהײט! ווי שרעקליך, ווי יאמערליך! — — א לאנגע צײט איז זי אזוי געזעסען און געקלערט טרויעריגע געדאנקען. שפעטער האט זי איהר א ט ט א'ן אין עס=שטוב ארײנגענומען און האט איהם בעטראכט שטאלץ און קריטיש. — זי האט דעם טיש צו מיטאג געדעקט, ארויפגעשטעלט בלומען אויפ'ן טיש און ארויס אין קיך זעהן וואס מיט'ן מיטאג הערט זיך. ב ע ר ט ה א, איהר מאן מיט זײער זוהן זענען געקומען צופריעדען פונ'ם שפאציערען און לוסטיג פלוידערנדיג האט מען זיך גע=זעצט צו מיטאג. יעצט האט זיך א נ נ א שוין געהאט צוגעוואוינט צום לעהרער'ס קאמישע לוינעס, וועלכע זי האט אין דער ערשטער צײט נישט געקאנט פערטראגען. זי האט עס געדולדיג אריבערגעטראגען צוליעב דעם, וואס זי האט איהם זעהר געשאצט פאר זײן גוטסקײט און זײן ערנסטען שטרעבען, און האט בעוואונדערט ב ע ר ט ה א'ן, וואס האט איהר מאן בעהאנדעלט אזוי טרײ און איבערגעגעבען און איז צו איהם אזוי צונױ=

בונדען געווען און ווי איבער א קליין קינד געוואכט איבער איהם. בערטהא איז פשוט איבערגליקליך געווען דערמיט וואס זי האט פאר וועמען צו זאָרגען, זי האט גאָר א נייע הויט אויף זיך בעקומען און זיך ווי א בלום אין פריהלינג פונאנדערגעבליהט. געלעבט האט זיך די פאמיליע שנעווינד גאנץ אנשטענדיג און חאָטש דער הערר האט פון זיין לעהרעריי נישט זעהר פיעל אויפגעטהון, האבען זיי געפיהרט א בעל הבתי'ש הויז, א דאנק די אפטע שטיצע, וואס איהרע שוויגער-עלטערן האבען זיי אפט אין דער פאָרם פון געשענקע און איבערראשונגען געשיקט. בערטהא האט פאר'ן אבענד בעזאָרגט פאר אלעמען בילעטען אין שילער-טעאטער. אננא האט אויך געוואָלט בעצייטענס קומען אין טעאטער.

ביי פריילין יוליע באָרמער אין דעם איינפאכען פענסיאָנס-צימער ביי דער פרוי ראט באָל, איז געווען דער טיש שעהן געדעקט. א דאָקטאָרשע און א מאלערין זענען שוין ביי איהר געזעסען, בשעת אננא האט אין טהיר אנגעקלאפט. זי האט צום ערשט בעזוכט די פרוי באָל, דעם שריפטשטעלער דוואראָל און אלע אנדערע בעקאנטע און איז ביי באָרמער אריינגעקומען א דערהיצטע מיט רויטע באקען און א שטראַ-לענדיג צופריעדען געזיכט. געקליידעט איז אננא געווען דעם זעלביגען קאָסטיום, וואס זי האט געטראָגען פאר מיטאג, צו וועלכען זי האט ארויפגעזעצט א פאסענדען הוט און א זשאקעט. צו איהר געשטאלט האט אלץ געפאסט אזוי גוט ווי צו איהר געזיכט האט אלץ געקליידט. און אזוי ווי זי האט שטענדיג ליעב געהאט זיך אנצושאפען ווייניג קליידער אבער פון בעסטען שטאף, דעריבער האט איהר ערשיינען אלע מאל געמאכט אנ' אויסערגעוועהנליכען איינדרוק. —

— גוטען טאג, פריילין יוליע. — האט זי אריינקומענדיג גע-זאגט. דערויף האט איהר די באָרמער בעגריסט און איהר פאָרגעשטעלט די אנדערע דאמען:

— פריילין דאָקטאָר בערגעגנוי — פריילין העלדבאך. שטאנגען איינע פון די בעדייטענדסטע אידיליען-מאלערין. ביידע דאמען ארבייטען גלייך מיט מיר אויסצוקעמפפען גלייכבערעכטיגונג פאר פרויען! וואס ווינשט איהר, פריילין זאנדערס, קאפע אָדער טהיי? —

— זאָל זיין דאס ערשטע! — האט אננא זיך אָבגערופען און האט איהר הוט מיט'ן זשאקעט אויסגעטהון און עס, ווייל עס האט א קליי-דער-הענגער געפעהלט ארויפגעלעגט אויפ'ן בעט, וואו עס זענען שוין די גאַרדעראָבען פון די פריהערדיגע בעזובערינען געלעגען. זי האט זיך

געזעצט צום טיש האָט איהר קאַפּע פּערוויַסט מיט מילך, פּערזיסט מיט צוקער און קוכען צוגעביסען.

— נו, וואָס הערט מען עפּיס בײַ אייך, פרײַלײַן זאַנדערס, וואָס מאַכט דער קלײַנער? —

— אַ דאַנק פאַר'ן נאָכפרעגען. ער איז אונבעשריבען אַ גאַנצער מענש געוואָרען, געוועהנליך האָט ער געוויַנט, פאַר וואָס איך געה אַוועק, נאָר אַ דאַנק דאָס פערשפּרעכען פון האַנס שנעווינד זיך מיט איהם צו שפּיעלען זענען זײַנע טרעהרען באַלד פערשוואונדען.

— איז אײַער זוהנדיל אַרטיג? ווי אַלט איז ער דען אייגענטליך, פרײַלײַן זאַנדערס? —

— ער איז אין אויגוסט דרײַ יאָהר געוואָרען, און איז שוין אַ רעכטער לאָבוז און וואַקסט קײַן עין הרע ווי אַ בוים. זײַן בעסטע מעלה איז, וואָס ער איז אַ געהאָרכזאַמער. מיר און אונזער בערטהאַ'ס מאַן פאָלגט ער אויפ'ן וואונק, מאַדאַם שנעווינד אָבער בײַ וועלכען מיר וואהנען, לאָזט זיך מיט איהם צופיעל אײַן, איהר קריכט ער שוין גאָר אויפ'ן קאָפּ אַרויף, זי איז שוין אַ צו גוטע!

— נו, קומט אייך דאָס ערציהען דעם קינד נישט צו שווער אָן? —

— אָה, נײַן, אים געגענטײַל! —

— מען זאָגט ער איז בילדשעהן און אונבערופען פריש און געזונד?

— יאָ, אַ דאַנקען גאָט, ער איז אַ וואויל יונגעל! — —

— אָט דאָס הײַסט אַ גליקליכע! —

— דאָס זאָגט מען מיר זעהר אָפט, מײַנע דאַמען; אָבער חאָטש איך ליעב מײַן קינד זעהר שטאַרק און וואָלט שוין דאַכט מיר, אָהן איהם נישט געקאָנט אויסקומען. דאָך מוז איך אייך זאָגען, אַז איהר רעדט זעהר אונפּראַקטיש!

די דאַמען האָבען עם ענערגיש אָבגעשטריטען.

— מאַכט אייך נישט דער אַפּוטרופּס קײַן שוועריגקײַטען?

— נישט דאָס מינדסטע! —

— האָט איהר דאָך טאַקי גליק! — ווי גוט וואָלט דאָס זײַן ווען פון נײַעם יאָהר וואָלט שוין אָנהויבען דאָס נײַע געזעץ־בוך אין זײַן קראַפט צו ווירקען, איהר וואָלט דאַמאָלס שוין אַלײַן זײַן אַנ' אַפּוטרופּסית איבער אײַער קינד!

— אַזוי ? איך געפינן דאָס נאָך נישט אַזוי ריכטיג ! עס געפינען זיך דאָך אויך נאַרישע און שלעכטע מוטערס . אַהאַ , ווי גוט דאָס איז ווען עס איז דאָ ווער עס זאָל זיך אָנגעהמען פאַר אַנ׳עלענד קינד און איהם בעשיצען און אַמאָל טאַקי געגען די אייגענע מוטער , וואָס פערשטעהט נישט אָדער וויל נישט איהר קינד געבען אַ גוטע ערציהונג , די רעגירונג קאָן דאָך נישט פאַר אַלעמען זאָרגען .

— אַזוי ? עס זענען דאָך אָבער פאַרהאַן מענשען , וואָס ביי זיי איז דער לעצטער פונקט פון יושר אויסגעלאָזען און בעגנב׳נען די אונמינדיגע קינדער , וואָס געפינען זיך אונטער זייער אַפּוטרופּסות ? —

— אפשר זענען דאָ אַזעלכע , איך וויל מיר דעריבער נישט שפּאַרען , דאַרף מען טאַקי זעהן מען זאָל די עלענדע קינדער אַ בעסערן שוץ געבען , זיי נישט אָנפערטרויען אַבי וועמען !

— איהר זייט גאַרנישט קלוג , זאַגדערס ! — האָט זיך די באַר־מער אָבגערופען , — ווען דאָס געלד געפינט זיך , בשעת דער וואָס מאַכט ירש׳נען שטאַרבט , אין אַ געשעפט אָדער מען פערדינט דערמיט ערגעץ אַנדערש וואו שעהנעס קאַפּיטאַל , אַזוי אַז עס ווערט צעהן מאָל גרעסער ! זאָל מען עס פון דעם געשעפט אַרויסנעהמען , וואָס דערפון וועט , נאַטירליך , דאָס געשעפט זעהר פיעל ליידען און אפשר גאָר אונטערגעהן און די יורשים זאָלען פון זייער געלד קיין שום הכנסה נישט האָבען ? עס איז דאָך שוין קיין ערגערע פערוועגדונג פאַר׳ן קאַפּיטאַל נישטאָ ווי די אַפּוטרופּסישע זיכערע שטאַטס־פּאַפּירען ? נו , איהר גופא אַרבייט דאָך אין אַ גרויס געשעפט , איהר ברויכט דאָך דאָס צו וויסען ! —

— געוויס , געוויס פריילייןדאָקטאָר , איך האָב עס געברויכט צו וויסען , ליידער בין איך אָבער אין די אַנגעלעגענהייטען זעהר פרעמד . פאַר די אונמינדיגע און וואָס האָבען נישט ווער עס זאָל זיך פאַר זיי אָננעהמען , ווער עס זאָל פאַר זיי זאָרגען , וואָלט טאַקי זעהר גוט געוועזען די רעגירונג זאָל בעשטימען וואַהלען און דאָס פאָלק זאָל אויסקלייבען אַזוינע מענשען , וואָס מען וויסט , אַז זיי וועלען די יתומים און אונמינדיגע קיין עולה נישט טהון . נאָכהער כדי די אַפּוטרופּסים זאָלען זיך קענען אין גאַנצען איבערגעבען פאַר די אונמינדיגע קינדער דאַרף מען פאַר זיי בעשטימען אַ געהאַלט , זיי זאָלען קענען דערפון לעבען און זיי וויעדער מוזען פון זייער זייט איינלעגען קויציע אָדער וועלכע עס איז אַנדערע ערבות ! —

— אודאי, נאך ווייניגער פרייהייט, נאך מעהר פאליציי, געריכט און נאך אנדערע השגחה, נאך מעהר טורמעס און נאגאיקעס. —

— געוויס, געוויס אזוי, פרייליין העלדבאך! דען איך האלט דאס גאנצע גרויסע געטהועריי און געדערעריי וועגען דעם בעגריף פרייהייט פאר אנ'אויפגעבלאזענע, געקינסטעלטע פראזע. מיר דארפען דעם בעגריף פון פרייהייט נאר אלס רעלאטיוו, אלס פערהעלטניסמעסיג! און וואו איז דען דא אויף דער גאנצער וועלט אבזאלוטע פרייהייט? —

— אהא, אט האסטו דיר גאר א נייעס! נאנו? פאקטען! בעווייזע!

— בעגריינדען זי דאס — זאנדערס, שעמען מוזט איהר זיך ביי היינטיגע צייטען! — —

אננא האט געשמייכעלט און וויטער אנגעהויבען רעדען:

— איך קאן נישט מעהר ווי מיין אייגענע מיינונג אויסדריקען. מיינע דאמען! איך בעגריינדע מיין מיינונג דערמיט, צום ביישפיעל, גיט עס נישט קיין פרייהייט פון איך. — —

— אהא! —

— ניין, דען איך בין אבהענגיג פון מיינע פונקציאנען, פון מיינע שטימונגען, קרעפטען און טאלענט. איך קאן ווען ארבייטען און קראנק ווערען און נישט קענען ארבייטען! איך קען פערלאנגען, ווינשען, האפען און וועלען און דאך קיין זאך נישט אויספיהרען, דען מיין פרייעס איך שטויסט זיך אן אנ' אנדער איך אן, וואס וויל עפיס אנדערש! — פרייהייט פונ'ם אינדיווידיום אלס א טייל פון א רבים אדער אפילו פון איין פאמיליע בלויז לאזט זיך גארנישט פארשטעלען! וואו מען ליעבט איז מען שוין א שקלאף! וואו מען האט פיינד איז מען נאך לאנג נישט קיין הערר! דאס פערהעלטניס אין דער מלחמה מיט'ן וועטער מיט דער גאנצער נאטור, מיט די לעסטיגע פליגען אדער וואס עס מאכט זיך ביי דעם מענשען ווי אפילו א העקעל אין א קלייד ערגיץ, וואס מען קאן נישט אזוי לייכט אויף אדער צוהעקלען, בעווייזט אז מיר זענען נישט פריי! היינט ווער רעדט שוין פון פרייהייט אין שטאטס־לעבען אדער אין פאליטישען לעבען, וואו דער האנדעל, די וויסענשאפט, דאס וואנדלען פון איין לאנד צום אנדערן איז ווי א מאשין־ווערק וואס איינס שלעפט מיט זיך מיט דעם אנדערן, דאס הייסט זיי מוזען איינס דאס אנדערע פעראורזאכען אונאבהענגיגקייט, דא קאן מען דאך שוין גארנישט רעדען פון קיין פרייהייט, דעריבער בין איך דערפאר מען זאל דאס דאזיגעווארט „פרייהייט" אויסשטרייכען פונ'ם ווערטערבוך, ווייל דאס איז נישט מעהר ווי אנ'אוטאפיע! — נאר דער דאזיגער,

וואָס זײַן האָב און גוטס איז גוט בעוואכט, דער דאָזיגער שלאָפּט גוט און אָבהיטען יעדענס האָב און גוטס קאָן נאָר אַ שטרענגע און גוט געאָרדענטע מיליטערישע מדינה! — — —

— אַלזאָ, קומט אויס נאָך אייער מיינונג, אַז מיר דאַרפען זיך אַלע אָנטהון מונדירען, מיר דאַרפען אויסשטרייכען יעדע פרייהייט, עס זאָל בלויז הערשער עקסעסטירען, בעאַמטע און אַ גוט אויפגעפּאַסטע טשערעדע בירגער. דאַן וועלען מיר דערגרייכען אייער אידעאַל, פּרילײַן זאַנדערס! —

— אָה, ניין! צווישען צוויי ציעלען ליעגען אַ סך וועגען און מען דאַרף גאָר קיין עקסטרעמע וועגען נישט אָננעהמען! —

— און ווי איז אייער מיינונג, פּאַרדאָן, איך מיין חלילה נישט אייך צו בעליידיגען, וועגען פרייע ליעבע?

אַלע האָבען אויפמערקזאַם און מיט נייגירדע געקוקט אויף אַננאַ'ן, וועלכע האָט שווער אָבגעזיפצט און געענטפערט:

— איך? ווי אַ מלאך פון נקמה מיט דעם ריכטער-שווערד אין דער האַנד! איך האָב צופיעל געגריבעלט און בין שוין אין דעם גוט געפּראַקטיקירט! איך האַלט די רייפע ליעבע פאַר די סאַמע ווענינגסטע פרייע! — ביי מיר קומט אויס, אַז אמת'ע ליעבע שטעהט אין פערהעלטניס צו אונפרייהייט אַזוי נאָהנט, אַזוי דאָס איינס מוז אין דאָס אַנדערע פערלאָרען געהן! — — אין אונזערע צייטען מיינט מען מיט דעם שטרעבען נאָך פרייע ליעבע נישט מעהר ווי אַ פרייעם אויסלעבען פונ'ם — — — נון— — — איך זאָג נישט זעהר גערן אַזאַ אויסדרוק!

— דאָס געהט נישט ביי אונז! ביי אונז איז וואָס אויף דער לונג, דאָס אויף דער צונג! —

— איך מיין צו זאָגען די טהיערישע ליידענשאַפט, די פּראָסטע תאוה פון אַ בשר ודם, ווען זי קאָנצענטרירט זיך אויף איין פּערזאָן קאָן מען מיט דער דאָזיגער פּערזאָן חתונה האָבען! —

— איז אַ סך ליעבען קאָן מען נישט? —

— אין איין צייט, אודאי נישט!

— אָבער איינס נאָך דעם אַנדערען?

— יאָ! איך מיין, ליעבע איז נישט נאָר קערפּערליכע פּער-אייניגונג! —

— דאָך!

— אזוי . עס קאן זײן, אז דאס געהער זיך אן מיט טעמפעראמענט! פאר מיר ניט!

— איהר װײסט א זאטע פרוי, איהר האט אײער קינד! —

— געװיס! אבער איך בין געזונד און נארמאל! גלויבט איהר, מײנע דאמען, אז א געזונדע פרוי, װאס האט א נארמאלען צושטאנד און פערשטעהט שטארק צו ליעבען איז נאך א קינד שוין זאט? — —

אלע האבען געשװיגען.

— איהר האט אײער קינד אלס בלין־אבלײטער, — האט זיך די דאקטארין אבגערופען! —

— א בלין־אבלײטער? „אײן" קינד פאר די עראטיק? ליעבעס פרײליין דאקטאר, מוטער און קינד זענען אײנס! און די דאזיגע סארט ליעבע קאן קײנמאל נישט פון קינד אבגעלײטעט װערען! — —

— אבער דאס װײס איהר דאך מודה, אז מען קאן ליעבען אײנעם נאך דעם אנדערן! און װי איז, אז מען האט שוין חתונה געהאט? װאלט איהר געװאלט, אז מען זאל דאס גט'ן־זיך אביסעל פערלײכטערן?

— װען עס זענען שוין פארהאן קינדער, װאלט איך געװיס גע־װאלט מען זאל עס װי װײט עס איז נאר מעגליך מאכען שװערער, און װען אפילו קײן קינדער זאלען נישט זײן, דארף מען עס אויך נישט צו־פיעל פערלײכטערן, עס איז דאך דא געװיסע פליכט־געפיהלען?! און מיר קומט אויס, אז מען מאכט דאס שוין לײכט גענוג, אפשר שוין צו לײכט?

— װי איז אבער דער דין, אז מען קאן זיך נישט אזוי האלטען אין צוים און מען איז נישט אזוי נארמאל געזונד? און קײן מאן װער עס זאל בעפריעדיגען האט מען נישט אדער מען האט איבערהויפט קײנעם נישט און די נאטור פערלאנגט דאס איהריגע, פאדערט איהר רעכט —?

א נ נ א האט געקװעטשט מיט די פלײצעס און נאך א קורצעם שװײ־גען געזאגט:

— יא, אויף די פאטאלאגישע פרויען האב איך רחמנות! אויף די אנדערע אבער, אויף די לײכטזיניגע מײדלעך מיט די פוסטע קעפ — אסור לרחם!

— איהר װײסט זעהר שטרענג און א רעכט ביסעל רעאקציאנעריש געשטימט! — האט זיך די מאלערין אבגערופען.

— מיר דאכט, אז עס איז נישט אזוי װי איהר מײנט.

די געסט, זייענדיג שוין מיעד און אנגעשטרענגט פונ'ם וכוח און א רעכט ביסעל אויסגעהונגערט האבען געלאזען זייער דיסקוסיע נישט פער־ענדיגט און זיך געזעצט ביים טיש, וואו זיי האבען מיט גרויס אפעטיט געגעסען און געטרונקען. ערשט, אז מען האט שוין א ביסעל געשטילט דעם הונגער האט מען זיך פון דאס ניי גענומען צום נישט פערענדיג־טען וכוח.

— ליעבעס פריילין, — האט זיך די מאלערין ווידער גענומען פרעגען, — מיר האבען פאר דעם גערעדט וועגען דעם טיטעל „פרוי". עס ווילט זיך אונז אריינקומען אין רייכסטאג מיט א נייער אינטערפעלאציע. ווי איז אייער מיינונג אלם פראקטיקירטע פרוי וועגען דעם? —

— איך פערשטעה אייך נאך נישט ריכטיג!

— אזוי. איהר פערשטעהט נישט? נו, לאמיר זאגען, ווען א מיידעל האט א קינד געבארען און איז אימשטאנד איהר קינד אויפ'ן ערה־ליכען אופן צו דערנעהרען און צו ערציהען, זאל זי קאנען בעקומען דעם טיטעל פרוי! שטימט איהר דערויף איין?

— פון גאנצען הארצען, מיינע דאמען! אזא געזעץ וואלט זיין זעהר הומאניש און א גליק פאר'ן לאנד! איך האלט, אז דער קאמפף פאר די עקסיסטענץ פאר זיך און מיין קינד איז אזוי מורא'דיג שווער און פעראנטווארט־ליך, דאס איך בין איבערצייגט, אז דער דאזיגער קאמפף אליין איז שוין גענוג צו שיצען געגען די אונזיטליכקייט און איהר זיך נישט לאזען פער־מעהרען; פון דער אנדערער זייט ווידער וועט דער טיטעל „פרוי" א סך פערלייכטערן דער פריילין מוטער דאס שווערע לעבען.

— און וואס האלט איהר פון דער פראגע וועגען פינדעל־הייזער?

— איך בין די גרעסטע געגנערין! — האט א נ נ א זיך אבגערופען ענערגיש, — זיי פערמעהרען די אונזיטליכקייט, שוואכען אב די געפיהלען פון מוטער־ און קינדערליעבע, נעהמען צו דאס עמפפינדען פון פעראנטווארטליכקייט און ברענגען צו יענע מאסען־ערציעהונגען, וואס זייערע שלעכטע רעזולטאטען זעהען מיר זעהר אפט אין די קאדעטען־יתומים־הייזער, אין פענסיאנאטען א. א. וו.

— מיר שטעהען אבער אלע אויף א גאנץ אנדערן שטאנד־פונקט! די פינדעל־הייזער פערהיטען פון פערברעכען און קינדעס־מארד!

— גלויבט איהר אזוי? איך לייקען עס אבער אב. איך האב גע־הערט פון רוסלאנד, פראנקרייך און איטאליען, וואו עס זענען שוין פון הונדערטער יאהרען פארהאן אזעלכע אינסטיטוטען, אז זאלכע האבען נאך

אויף אײן האָר נִישט פעֶרבעֶסעֶרט דִי לאַגעֶ און דִי זִיטלִיכקײַט פאַלט דאָרטעֶן פון טאָג צו טאָג און דעֶר קִינדעֶר־מאָרד װעֶרט דאָרט נִישט װעֶנִי־געֶר נאָר אדרבא — אַלץ מעֶהר און מעֶהר.

נײַעֶ פראַגעֶן זעֶנעֶן אַרויפגעֶשװאומעֶן אִיבעֶר װעֶלכעֶ דִי געֶסט האָבעֶן װִיעדעֶר דִיסקוטִירט. אַז אַננאַ האָט זִיך אויפגעֶהויבעֶן און געֶװאָלט פאָה־רעֶן אִין טעֶאַטער האָבעֶן דִי געֶסט געֶמאַכט אַנ׳ אונצופרִיעֶדעֶנעֶ מִיעֶנעֶ, קעֶנטִיג, אַז אַננאַ׳ס מײַנונגעֶן װעֶגעֶן דִי פעֶרשִיעֶדעֶנעֶ פראַגעֶן װאָס זעֶנעֶן דאָ בעֶהאַנדעֶלט געֶװאָרעֶן האָט אויף זײ אַ זעֶהר גוטעֶן אײַנדרוק געֶ־מאַכט, חאָטש על פי רוב האָבעֶן זײ נִישט געֶשטִימט מִיט זײעֶרעֶ מײַנונגעֶן. אַננאַ װעֶלכעֶ האָט אָבעֶר נִישט געֶװאָלט קומעֶן צו שפּעֶט אִין טעֶאַטער האָט זִיך צו זײ מִיט אַ שמײכעֶלדִיגעֶ מִיעֶנעֶ געֶװעֶנדעֶט און געֶזאָגט:

— מִיר שײַנט, אַז אִיהר האָט מִיר הײַנט, אַזוי װִי אִיך האָב דאָס אומגלִיק געֶהאַט צו געֶבאָרעֶן נִישט קײַן כשר׳ן קִינד, רעֶכט הִיבש אִינטעֶר־װִירט? אִיהר מײַנעֶ דאַמעֶן, זײַט דִי טהעֶאָרעֶטִישעֶ פאָרקעֶמפפעֶרִינעֶן פון דעֶר פרויעֶן־פראַגעֶ! לאָזט זִיך פון מִיר װאָרנעֶן! אִיך האָב דאָס פּראַקטִיקִירט, אָן זִיך אַלײַן עֶרפאַהרעֶן. װעֶן אִיהר מײַנט װִירקלִיך דִי טובה פון אונזעֶר געֶשלעֶכט, זאָלט אִיהר װאָרנעֶן אונזעֶרעֶ נאָך נִישט פּראַקטִישעֶ שװעֶסטעֶרן, זײ זאָלעֶן זִיך נִישט לאָזעֶן פעֶרפִיהרעֶן פון פראַזעֶנדִיגעֶ שלאַגװעֶרטעֶר, נִישט לאָזעֶן זִיך אַרײַנצִיהעֶן אִין רעֶװאָלוציאָנִירעֶנדִיגעֶ פּרִינצִיפּעֶן, װאָס עֶרװעֶקעֶן בלויז שעֶדלִיכעֶ לײַדעֶנשאַפטעֶן! נאָר האַלטעֶן קאָפּ און נִישט פעֶרלִיעֶרעֶן דעֶם פעֶרשטאַנד, זײַן קלוג און קעֶנעֶן אִיבעֶר דִי אײגעֶנעֶ חושים העֶרשעֶן, נאָר דאָס קאָן אונז ראַטעֶװעֶן! —

אַז זִי האָט דעֶם דאָזִיגעֶן מאָראַל־פּרעֶדִיגט געֶעֶנדִיגט און געֶנומעֶן אִיהר זשאַקעֶט אָנטהון האָבעֶן אִיהר דִי אִיבעֶרִיגעֶ דאַמעֶן גערן געֶהאָלפעֶן און האָבעֶן זִיך מִיט אִיהר העֶרצלִיך געֶזעֶגעֶנט. — זִי אִיז זִיך געֶגאַנגעֶן עֶרנסט און טִיעֶף נאָכדעֶנקעֶנדִיג אִיהר װעֶג און האָט דִי אִיבעֶרִיגעֶ געֶסט געֶלאָזעֶן װִי עֶלעֶנד און פעֶריתום׳ט.

— אִיך האָב זִיך מִיר אִיהר גאָר אַנדעֶרש געֶהאַט פאָרגעֶשטעֶלט, — האָט דִי מאַלעֶרִין עֶנדלִיך געֶזאָגט, אָבעֶר הִיבש אִיז זִי, דאָס קאָן מעֶן אִיהר נִישט אַװעֶקנעֶהמעֶן. אָבעֶר צו אונזעֶר אַגִיטאַציעֶ קאָנעֶן מִיר דײַן פרײַלײַן מוטעֶר נִישט געֶברויכעֶן. זִי מִיט אִיהרעֶ עֶרפאַהרונג קאָן אונז נאָר קאַליעֶ מאַכעֶן, — האָט זִיך װִיעדעֶ־ דאָס פרײַלײַן דאָקטאָר אָבגעֶרופעֶן צאָרנִיג און עֶנטטױשט, — יוליעֶ האָט אִיהר נִישט געֶהאַט װאָס אָבצושלאָגעֶן — — — — מעֶן קאָן אִיהר בשום אופן נִישט פּאַקעֶן, און דעֶרצו אִיז זִי נאָך

אזוי ווייבעריש און — — — אלע הערדען זענען פשוט ווילד געוועזען! גיט אקארשט אכטונג, זי וועט נאך געפינען א גוטען מאנסביל, וואס וועט מיט איהר חתונה האבען און מיר וועלען בלייבען מיט אונזערע כשרע צניעות זיצען ביז'ן גרויען צאפ! עס איז פראסט צום משוגע ווערען! — —

עלפטעם קאפיטעל.

דער קאנקור'ס פון בלומ'ס קונסט־אינסטיטוט האט אין בערלין א זעהר גרויסען אויפזעהען געמאכט. אלע האבען זיך ווי בעשווארען געגען דעם אומגליקליכען מענשען. ער האט זיין געשעפט נישט געקאנט מעהר האלטען און דאס צוזאמענפאלען פון זיין גרינדונג אן וועלכער ער האט זיין גאנץ לעבען און שטרעבען געקניפט האט ער נישט געקאנט אריבערטראגען.

אין דעם טאג פון קריזיס, ווען זיין געשעפט איז שוין געווען אין גאנצען רואינירט, ער אליין אלס באנקראט ערקלערט, האט מען איהם געפונען א דערשאסענעם ביי זיין שרייב־טיש זיצען. דאס געריכט האט איבערגענומען די השגחה אויף זיינע צוויי אונמינדיגע זיהן, כדי צו ראטעווען וואס עס איז נאך מעגליך געווען. — אננא זאנדערס און הערר ברון האבען געארבייט מיט די לעצטע כחות דאס צום פאלען גרייטע הויז נאך צו האלטען, זייער שווערע מיה איז אבער געווען אומזיסט.

פון ערשטען דעצעמבער האט אננא ווידער שוין נישט געהאט קיין שטעלע. זי איז געקומען אהיים א צעבראכענע און קוים וואס זי האט זיך געהאלטען אויף די פיס. דאס אומגליק און די שרעקליכע ענדע פון איהר פרינציפאל האט איהר אזוי שטארק געריהרט, אז זי איז געווען אויסער זיך און נישט געוואוסט וואס מיט איהר טהוט זיך. — ווידער איז זי געזעסען מיט א בלייפעדער, קאנטא־בוך און צעטלען א פערזארגטע ביי איהר אין צימער און גערעכענט. איהר לאגע איז אודאי געוועזען א בעסערע ווי פאר צוויי יאהרען. שנעווינד'ס הויז איז פאר איהר און פאר איהר קינד געווארען א'אמת'ע היים. טרייע און איבערגעגעבענע גוטע פריינד זענען שטענדיג געווען ארום איהר און האבען איהר געדינט מיט וואס זיי האבען נאר געקענט. — פאר אמטא'ס ערציהונג האט זי נישט געדארפט זארגען, ווען זי זאל אפילו בעקומען א נייע שטעלע, וואו זי וועט דארפען זיין דעם גאנצען טאג. אין די צוויי און צוואנציג חדשים, וואס זי איז געווען ביי בלומ'ען אין קונסט־אינסטיטוט האט זי אבגעשפארט א היבשע

סומע. א דאנק איהר נישט מידוועֶרענדיגע פלײסיגקײט און איהר טאלענט האט זי פערדיענט דורכשניט יעדען מאנאט שוין אריינרעכנענדיג די שלעכטע צײט צווײ הונדערט און צוואנציג מארק. פרוי בערטהא האט אינגאנצען בעקומען 2640 מארק פענסיאן-געלד. די גארדעראבע פאר זיך און פאר איהר קינד, די רײזע אויף א זומער-וואהנונג און אזוי זײטיגע אויסגאבען האבען בעטראפען אונגעפעהר 800 מארק. איז איהר נאך געבליעבען מזומן געלד 1400 מארק, דערצו קומען נאך צו די 1127 מארק פון פריהער! אננא האט לײכט אויסגערעכנעט. זי האט א סומע פון 2600 מארק מזומן געלד אין שפארקאסע און אין דער הײם א קלײנע סומע פאר די קינפטיגע וואך. אויף יעדען אופן האט זי מעהר ווי אנ׳אנדערער פאמיליענפאטער, וואס דארף זובען א נײע שטעלע. די רעקאמענדאציעס, וואס זי האט בעקומען פון בלומ׳ס געשעפט און ברונ׳ס פערזענליכע בעקאנטשאפט וועלען איהר אויך ווײטער העלפען. — מען דארף נאר נישט זײן אראבגעפאלען, — האט זי זיך גופא אונטערגעגעבען קוראזש, — נאר ווײטער קעמפפען — — — — — און דאך! — — — — —

זי האט געקוקט מיט שטארע אויגען גלײך אין דער וועלט ארײן. אננא האט זיך געפיהלט אזוי שטארק מיעד און בעדריקט, אז מען קאן עס גארנישט בעשרײבען. סוף כל סוף איז זי נאך יונג. נאך שעהנע עטליכע יאהר וועט דויערן ביז דאס קינד וועט שוין זײן א דערוואקסענער. זאל זי שטענדיג אזוי ווי אנ׳עזעל ארבײטען פאר דאס טעגליכע לעבען? שטענדיג לעבען בײ פרעמדע מענשען, און קײנמאל נישט וויסען פון דעם גליק צו האבען אנ׳אײגענע הײם? שטענדיג איבערלאזען די ערציהונג פון איהר זוהן פאר די פאמיליע שנעווינד, ווערען א פרעמדע צו איהר אײגענעם קינד? — אלײן זײן! אלײן ווי א וויארסט אויפ׳ן מיטען וועג, דען ווי פרײנדליך די פאמיליע שנעווינד איז צו איהר און צו איהר קינד זענען זײ דאך אבער פארט פרעמדע! — זי האט שווער אבגעזיפצט. — די שטארקע בענקשאפט נאך אנ׳אײגענער הײם, נאך א מאן וועלכער זאל מיט איהר כאראקטער שטימען איז ווידער אין איהר הארץ ארײנגעקראכען. זי האט געבענקט נאך די פערשטארבענע עלטערן, נאך טהערעזע פון דראס, — — — — — נאך אטטא פון קאנטהאגען — — — —

אח דערבארמדיגער גאט, — האט זי אויסגעשריען און האט זיך געריבען דעם שטערן. וואס האט זי דא געטהון? האט זי די לעבעדיגע צו די טויטע געווארפען? איז שוין דער מאן, וועלכען זי האט אזוי שטארק געליעבט און פון וועלכען זי האט אזוי שווער געליטען — בײ איהר אין הארץ

גלייך צו יענע פערשטארבענע? איז די בענקשאפט נאך דעם פאטער פון איהר קינד צו פערגלייכען מיט דער בענקשאפט צו די, וואס האבען איהר אזוי פיעל גוטס געטהון און ווי זי קאן שוין מעהר יענע קיינמאל נישט זעהן אזוי וועט זי אויך איהם שוין קיינמאל, קיינמאל אין איהר גאנץ לע־בען מעהר נישט זעהן?! — — — זי האט זיך דערשראקען פאר דעם דאזיגען געדאנק און האט אנגעהויבען נאך־קלערען. א געפיהל פון רחמנות האט זיך אין איהר הארץ דערוועקט אויף דעם אומגליקליכען פאטער פון די צוויי קראנקע טעכטער, וואס ווייסט נישט דאס גליקליכסטע געפיהל פון פרייד איבער א געזונד, שעהן און געראטען קינד. די דאמאלסדיגע גוטע פריינד, די קרובים איהרע איז זי אין געדאנקען פארביי געגאנגען. זיי פעהלען איהר היינט; אבער דאס דאזיגע פעהלען האט ביי איהר נישט ערוועקט קיין בענקשאפט, קיין ווייכען טרויער! און ווידער האט זי גע־טראכט וועגען א ט ט א'ן — — — — — — עס האבען זיך איהר גע־וויזען טרעהרען אין די אויגען, זי האט א שמערץ עמפפונדען — — — אלעס; אבער דאס איז געוועזען אזוי אבגעטעמפט, אזוי שטום־טרויעריג אין איהר ווי ביי די געדאנקען וועגען א פערשטארבענעם.

א נ נ א איז אויפגעשפרונגען. זי האט געמוזט פון איהרע געדאנקען אנטלויפען. האסטיג, איבערראשט, אונאייניג מיט זיך גופא, צעטומעלט דורך איהרע נייע אויפגעוואכטע געפיהלען איז זי האסטיג אריין אין דאס וואהן־צימער. דארטען האט זי געפונען ב ע ר ט ה א'ן זיצענדיג מיט א שטריק־ארבייט אין דער האנד און גיט אבטונג ווי איהר שטיף־זוהן מאכט זיינע לעקציעס פאר די שוהל און איהר קליינער א ט ט א איז זיך געזעסען ביי זיין קינדער־טישעל און געמייסטערעוועט און געבויט מיט זיינע שפיעל־קלעצלעך. אין דעם דערבייאיגען זאל איז געזעסען הערר ש נ ע ו ו י נ ד און קארעזשירט די העפטען פון זיינע שילער. — ער איז איבער'ן פולט אריבער־געבויגען איינגעהילט אין א וואלקען פון רויך, וואס ער האט פון מויל ארויסגעלאזען. דאס איז געוועזען א בילד פון שלום בית און שטילער צו־פרידענהייט. א נ נ א האט געפיהלט, אז א שמערצהאפטע קנאה שטייגט אין איהר הארץ אויף, א צוג פון ביטערקייט איז איבער איהר געזיכט אריבער. די פאמיליע ש נ ע ו ו י נ ד האבען איהר פריינדליך בעגריסט און גוטמיטיג מיט דעם קאפ איהר צוגעשאקעלט, גערעדט האט אבער קיינער נישט, כדי נישט צו שטערען דעם פאטער פון זיין ארבייט. שווייגענדיג האט אננא ארויסגענומען א באנד געטהע פון ביכער־שראנק און זיך געזעצט לעזען,

אָבער אָ ט ט אָ איז אַרײַנגעקומען אויף די שפּיץ פינגער און זײַן מוטער בײַ די קניע אָנגענומען און גאַנץ שטיל געזאָגט:

— ביטע מאַמאַ! —

זי האָט איהם אויפגעהויבען און איהם געקושט זײַנע לאָקען. — ווידער האָבען איהר אָנגעהויבען די טרויעריגע געדאַנקען צו טאָטשען ווי אַ וואָרם בײַ'ם האַרץ. — בין איך דען אַן'אַלמנה, אָדער וואָס טהוט זיך דאָ מיט מיר? פאַר וואָס פיהל איך אַזאַ בושה, אַזאַ שרעק, אַזעלכע מאָרנע טרויעריגע געפיהלען, ווען איך טראַכט פון אָטטאָ'ן? — דאָס האָט געדאַרפט זיך דערווייסען יוליע באָרמער, וואָס וואָלט זי דערצו געזאָגט?! — — — — איך קאָן שוין אַפילו מעהר נישט ליעבען, אָט אַזוי האָט מיר די מלחמה פאַר'ן לעבען צעבראָכען! — —

די דאָזיגע געדאַנקען האָבען איהר געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט און איהר נישט געלאָזט אײַנשלאָפען, האָבען איהר פערפאָלגט אויך אויף מאָרגענדיגען טאָג, וועלכען זי האָט פערוועגדעט אויף זוכען אַ נײַע שטעלע, כדי זי זאָל צום ערשטען יאַנואַר שוין זײַן אַ פערזאָרגטע. — דאָס וועטער איז שעהן געוואָרען, קאַלט און קלאָר. האָט זי גענומען איהר קלײַנעם זעהנכען בײַ דער האַנד, זיך מיט איהם פאַר מיטאָג אַ ביסעל דורך צו שפּאַצירען אין די שעהנע נײַע געגענד, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט אַרום דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען און דעם קײַזער-ווילהעלם דענקמאַל-קירך ביז צו שאַרלאָטענבורג. נאָך אַ היבשען שפּאַציער איז דער קלײַנער אָ ט ט אָ געוואָרען מיעד און אומגעדולדיג. כדי איהם צו בערוהיגען האָט זי איהם פערשפּראָכען צו געבען שאָקאָלאַדע און קאַרמעלקעס, אַז זײ וועלען אַהײם קומען. אַז זײ זענען פאַרבײַ אַ קאָנפיטור געשעפט פאַרבײַגעגאַנגען, וואו אין שויפענסטער זענען צוליעב דעם קומענדיגען ווײַהנאַכטען שוין געוועזען אויסגעשטעלט פערשיעדענע סאָרטען שאָקאָלאַדע אין פערשיעדענע פאָרמעס און פיגורען האָט דער קלײַנער, שלוייער אָ ט ט אָ זיך אָבגעשטעלט און נישט געוואָלט אַוועקגעהן. ער האָט די מוטער אײַנפאַך מיט גוואַלד צום שויפענסטער צוגעצויגען. האָסט מיר פערשפּראָכען מוטט דו האַלטען וואָרט, — האָט ער איהר מיט אַ לײַכטען פאָרוואורף געזאָגט און זי האָט געמוזט מיט איהם אַרײַנגעהן אין דעם וואַרעמען, עלעגאַנט געפּוצטען קאָנפיטור געשעפט. הינטער אַ פאָרהאַנג האָט זיך עפּיס גערירט און באַלד דערויף איז אַרײַנגעקומען די פערקויפערין. זי איז געוועזען אין טיעפע טרויערקלײדער אָנגעטהון און האָט געהאַט אַ געשוואָלען געזיכט פון ווײנען. — אַננאַ האָט מיט גרויס רחמנות און מיטגעפיהל געפרעגט נאָך וואָס זי

טרויערט און האָט זיך מיט איהר אריינגעלאָזען אין א לענגערן שמועס. דערווייל האָט זיך דער קלייגער בעקוקט די אוצרות פון שאַקאָלאַד און אנדערע קאָנפיטורען וואָס זענען הינטער די שויבען געווען אויסגעשטעלט. די שוין אַלטליכע דאַמע האָט זיך מיט איהר מוטער פון דעם דאָזיגען געשעפט אַנשטענדיג דערנעהרט. נון האָט זי נעכטען געבראַכט צו דער קבורה די געליעבטע אַלטע און היינט האָט מען איהר ווידער טעלעגראַפיש גערופען צו איהרע א שוועגערין, וואָס איז פּלוצלונג געפעהרליך קראַנק געוואָרען, און עס איז שוין גאָר קיין האָפנונג נישט זי זאָל געזונד ווערען. איהר ברודער און זיינע קינדער זענען איצט אויף איהר אָנגעוויזען! וואָס זאָל זי אָנהויבען צו טהון? ווי קאָן זי באַלד אויף דער מינוט געפינען א שטעלפערטרעטערין אָדער גאָר איינע וואָס זאָל דאָס געשעפט אָבקויפען?

— זעלבסטשטענדיגקייט! צוטרעטען ענערגיש! — האָט עפּיס א שטימע אינוועניג ביי אננא'ן אויסגעשריען. און זי האָט מיט קורצע ווערטער ערקלערט וואָס זי מיינט צו טהון און האָט זיך אָנגעבאָטען איבערצונעהמען דאָס געשעפט. זי האָט פון זיך און פון אַמטאַ דעם פּאַלמאַ אַראָבגענומען, האָט איהם געגעבען א שפּילצייג און האָט איהם, וואָס איז שטענדיג געוואוינט געווען זיך צו שפּיעלען איינער אַליין, געשטעלט ביי די רעקלאַמיסטישע בילדער און די זילבער־פּאַפּיערענע פּלאַקאַטען. זי גופא איז געזעסען מיט דער פרעמדער ביים טיש וואָס איז דאָרט געשטאַנען און איז דורך דעם פּאָרהאַנג פון דעם פענסטער אָבגעטיילט געווען. ביידע האָבען זיך איבער די ביכער אריבערגעבויגען, וועלכע די בזהעריגע איינגעטימערין האָט ביז יעצט זעהר פּונקטליך און אַקוראַט געפיהרט. זי האָט אננא'ן ערקלערט דאָס וועזען פון געשעפט, ווי מען דאַרף זיך בעגעהן מיט רייזענדער, פאַבריקאַנטען און קונדשאַפט. זי האָט אננא'ן איבערגעגעבען איניגע פּראַקטישע כללים, ווי זי זאָל זיך אויפפיהרען, האָט איהר געוויזען די סחורות פון פערשיעדענע סאָרטען און אין קורצען איהר ווי ווייט מעגליך בעקאַנט געמאַכט מיט דעם געשעפט. אננא האָט אַלץ אונגלויבליך שנעל בעגריפען, האָט זיך געמאַכט איניגע נאָטיצען, האָט געפרעגט איניגע קורצע און וויכטיגע פראַגען צו דער זאַך. — אין פערלויף פון צוויי שטונדען האָט זי שוין געהאַט א רעכטע ידיעה אין געשעפט. עס איז אָבגעמאַכט געוואָרען, אַז זי זאָל פיהרען דאָס געשעפט ביז צום ערשטען יאַנואר — ביז צום ערשטען אַפּריל אונטער דער יעצטיגער פירמע, אָבער שוין אויף איהר איינענע ריזיקע דערנאָך זאָל עס שוין אין גאַנצען אויף איהר

(פאָרטזעצונג קומט).

לעאָניד אַנדרעיעוו.

דאָס אויפריכטיגע געלעכטער.

(דערצעהלט פון אַ פרעהליכען מענשען.)

נאָר איינמאָל אויף מיין לעבען האָב איך אַזוי געלאַכט.

דאָס איז נישט געווען יענער געמאַכטער שמייכעל, מיט וועלכען מיר הערען אויס די וויצען פון פריינד און בעהאַלטען אין די קנייטשען פון דעם געלעכטער נישט קיין פרעהליכקייט, נאָר פערלעגענהייט און אַפילו אַ מין שעמען זיך; דאָס איז אויך נישט געווען דאָס געלעכטער פון אַ סאַנגוויניקער — דאָס דויערנדע, פריי־קלינגענדיגע און רוישענדע געלעכטער, וואָס די פאַרבייגעהער און די וואַגאָן־חברים זענען איהם אַזוי מקנא; — דאָס איז געווען אַ שטורמיש־לאַכען, וואָס האָט דורכגענומען נישט נאָר מיין פנים, נאָר אויך מיין גאַנצען קערפער. אַ האַלבע שטונדע האָט ער מיך געשטיקט און געוואָרגען ווי אַ קאָקליוש־הוסט, האָט מיר אויסגעדרעהט די גערערם, געוואָרפען אויף דאָס גראָז, אויפ'ן בעט, געדרעהט די הענד מיט די פיס אין אַזוינע פיינליכע קראַמפּפען, אַז די וואָס זענען דערביי געווען, האָבען זיך דערשראָקען פאַר מיין לעבען. נישט קיין געמאַכטער, נאָר אויפריכטיג און פון טיעפען הארצען, — איז געווען יענס זעלטענע און גליקליך געלעכטער, וואָס בלייבט אַלס אַ זיסע ערינערונג אויף אייער גאַנצען לעבען, און אַפילו אין טיעפסטען עלטער, ווען אַלץ איז שוין איבערגעלעבט, בעגראָבען און פערגעסען, — רופט עס אַרויס אַ שמייכלענדיגען צבקלאַנג.

דער קוריאָזער צופאַל, וועגען וועלכען איך וויל אייך דערצעהלען, איז פאַר־געקומען שוין זעהר לאַנג. צעהנדליגער יאָהרען זענען איבער מיין קאָפּ אַריבער און האָבען פון איהם אַראָבגעריבען די גאַנצע האָר, נאָר קיין איין מאָל האָב איך שוין אַזוי נישט געלאַכט — קיין איין מאָל! — הגם איך בין ווייט נישט קיין מרה־שחורה'ניק, וואָס האָט בטבע פיינד צו לאַכען. פאַרהאַן אַזוינע מענשען, און איך בעדויער זיי פון טיעפען הארצען, ווייל — דאָס אויפריכטיגע, ריינע און אַנגענעהמע געלעכטער, זאָגאַר דער פרעהליכער, אָבער אויפריכטיגער שמייכעל זענען די שענסטע פערגניגענס פון לעבען; מען קען זאָגען, דאָס העכסטע, וואָס אין דעם לעבען שמעקט.

ניין, איך בין נאָר אַנ'אַנדערער, איך בין אַ פרעהליכער מענש! איך האָב ליעב וויצבלעטער, אַזוי אַ שטייגער „ווי דער בעזים”, אַ געלונגענע קאַריקאַטור און אַ שטאַרק צוגעפּעפּערטען וויץ; האָב ליעב צו ווילען זיך אין דעם טעאַטר פון דער לייכטער קאָמעדיע און קען זיך אַ מאָל אַריינחאַפּען אַפילו אין אַ קינעמאַטאָגראַף: מען טרעפט דאָרט ווען אַ גאַנץ פיינעם וויץ.

אָבער. וועה, וועה! אומזיסט זוך איך אין מענשען און ביכער יענעם געלעכטער מיינעם, דעם שעהנעם, איינציגען, אויפריכטיגען און הארציגען, וואָס בעלייכט מיר עד-היום אַזוי ווי די זון הינטערן רוקען, מיין שווערען וועג צווישען די שטיינער, גריבער און זומפּען פון לעבען — ער איז נישטאָ! דעסגלייכען אומזיסט זוך איך די גליקליכע קאָמבינאַציע פון די אַלע בעדינגונגען, וואָס האָבען זיך אין יענעם וועלטענעם טאָג צונויפגעפלאָכטען אין אַ קונציגען קנויל פון קאָמיזם.

געוויס, איך לאַך, ס'וואָלט ליעגען געווען, ווען איך זאָל אַנדערש זאָגען. אָבער ס'איז שוין נישטאָ די אויפריכטיגקייט אין מיין געלעכטער. און וואָס איז אַזוינס געלעכטער אָהן אויפריכטיגקייט? — דאָס איז אַ מין קרימען זיך, דאָס איז נאָר אַ מאַסקע פון געלעכטער, אַ שענדליכע מאַסקע, וואָס האָט די חוצפה צו שטרעבען נאָכצומאַכען דאָס לעבען און דעם אמת אַליין. איך ווייס נישט, ווי איהר וועט זיך דערצו פערהאַלטען, — מיך אָבער בעליידיגט דער שאַרבען מיט זיין טראַדיציאָנעלען בייגערדיגען שמייכעלע — דאָס איז דאָך ליגען. ער לאַכט נישט, ער האָט נישט פון וואָס צו לאַכען, ס'איז איהם נישט אין קאָפּ!

געמאַכטע טרעהרען קען מען נאָך דערליידען, אָבער נישט דאָס געמאַכטע געלעכטער (האָט איהר ווען בעמערקט, אַז די ערגסטע אַרטיסטען וויינט גאַנץ נישט שלעכט אויף דער ביהנע, אָבער אום גוט צו לאַכען אויף דערזעלבער ביהנע מוז מען שוין זיין אַ רעכטער טאַלאַנט!) און ווי קען איך אויפריכטיג לאַכען, אַז מען זאָגט מיר אַן פריהער: אָט דאָס איז אַ וויץ — לאַכט! אָט דאָס איז אַ קאַריקאַטור לאַכט! אָט דאָס איז אַ וויצבלאַט — לאַכט זיך אויס פאַר אייער כשר'ן צעהנער'ל! איך שמייכעל, ווייל איך ווייס שטאַט; אַ מאָל ווען מען פאָדערט עס דרינגענד, שריי איך אַרויס: חאַ — חאַ — חאַ, און קוק אפילו בשעת-מעשה אויף מיין אונבעקאַנטען שכן, גלייך ווי איך וואָלט איהם אויך איינגעלאַדען צו טיילען מיט אונז אונזער פרעהליכקייט און צולעבטקייט, אין מיינע אויגען אָבער איז פאַלשקייט, און אין האַרצען אַ נאָגענדע בענקשאַפט. אַ, דאַמאָלס, אין יענעם פריהמאָרגען, איז מיר אפילו גאָר נישט איינגעפאַלען אַ קוק צו טהון אויף מיין שכן, — איך ווייס נאָך עד-היום נישט, צי האָט נאָך ווער געלאַכט, אויסער מיר!

וואָלטען זיי חאָטש קענען ווי עס איז בעהאַלטען זייערע כּוָנות, אָט די לייט, וואָס ווילען אונז אָנמאַכען געלעכטער. איז ניין: אַזוי ווי די הויף-קלאָאונעס פון די גוטע אַלטע צייטען, זאָגען זיי פון דער-ווייטענס נאָך אָן וועגען זייער קומען מיט זייערע פאַיאַצען-גלעקלעך, און איך לאַך שוין אַ פריהער — און וואָס איז דאָס אַזוינס לאַכען אַ פריהער? דאָס איינענע וואָס שטאַרבען אַ פ ר י ה ע ר אָדער אַ פריהער משוגע ווערען — ווי אַזוי ושע איז דאָס מעגליך! וואָלטען זיי ווי עס איז פערמאַסקירען זייערע חכמות: אַזוי אַ שטיינער, ברענגען טרונעס, אָדער עפּיס אַנדערש פון דעמזעלבען מין, און ווען מיר זענען שוין די דמים איינגעפאַלען פאַר שרעק, בעוויזט זיך פון טרונע אַרויס אַ לעבעדיגער פורישקעוויטש, למשל, אָדער עפּיס אַנדערש אין דעם איינענעם שטייגער, דאַן וואָלט איך זיך נאָך אפשר פונאַנדערגעלאַכט.

אַזוי אָבער, ווי דאָס קומט פאַר — ניין, איך קען נישט!

דער צופאַל, וועגען וועלכען איך דערצעהל. וואָס אַז איך דערמאָהן מיך נאָך אויף איהם, קען איך מיך נישט איינהאַלטען פון אַ שטיקענדען שטורמישען געלעכ=

טער, געהערט ניט, ווי איהר וועט זיך באַ"ד אַליין איבערצייגען, צו די אויסערגעוואוינליכע. און דאָס איז גאָר ניט נויטיג. דאָס אויסערגעוואוינליכע פלעגט דעם מוח און פון מוח געהט אַ קאַלט געלעכטער, ניט גאָר קיין אויפריכטיגס, ווייל דער מוח איז צוויי=זייטיג; דאָס אויפריכטיגע געלעכטער מוז האָבען עטוואָס זעהר איינפאַכעס, עס זאָל זיין קלאָר ווי דער טאָג, און ניט געקינסטעלט; ווי אַ פינגער, אָבער אַ פינגער, וואָס איז אַוועקגעשטעלט אין די בעדינגונגען פון העכסטען קאָמיזם.

אין „מיין צופאַל" וועט איהר ניט געפינען ניט קיין קאַלטע סאַטירע, ניט קיין שפיעל=וואָרט מיט פּרעטענזיעס אויף וויציגקייט, ניט קיין מוסר=השכל — און דאָס איז דער עיקר! — און אפשר נאָר דערפאַר טאַקי איז „מיין צופאַל" אַזוי אוננגעוואוינליך קאָמיש, אַזוי מעכטיג בעהערשט ער אייך און גיט אייך איבער אין רשות צו דעם אויפריכטיגסטען געלעכטער. און נאָך אַ וויכטיגע מעלה האָט מיין קוריאָז: מען קען איהם דערצעהלען אין צוויי ווערטער, אָבער פאָרשטעלען קענט איהר איהם אָהן אַ שיעור און אַ ברעג און איטליכעס מאָל וועט אייער פאָרשטעלונג זיין אַלץ קלאָרער און דאָס געלעכטער אַלץ שטאַרקער און פולער.

איך ווייס, אַז איינינע, וואָס האָבען לכתחלה אפילו אַ שמייכעל ניט געטהון ווען זיי האָבען געהערט מיין געשיכטע דערצעהלען, זענען דערנאָך געפאַלען פאַר געלעכטער און זענען זאָגאַר קראַנק געוואָרען; זיי וואָלטען שוין אייך מוחל געווען די גאַנצע מעשה, האָבען זיי אָבער ניט געקענט פערגעסען. עפּיס אַ בעזונדערע פערביסענקייט איז דאָ אין דעם דאָזיגען קאָמישען צופאַל, האָבען זיי זיך געקלאָגט: ער קריכט אין קאָפּ אַריין, זעצט זיך אויף דעם זכרון, אַזוי ווי יענע וועלטבעריהמטע פליג, וועלכע מען קען פון נאָז ניט אַראָבטרייבען, קיצעלט ערגיץ אייך אונטערן צונג, אַז שלאָפען געהט שוין אַרויס; ווילסט פון איהם פטור ווערען, דערצעהלסטו איהם אַ בעקאַנטען, נאָר וואָס מעהר דו דערצעהלסט, — אַלץ מעהר ווילט זיך — שרעקליך!

נאָר די פאָררעדע, ווי איך זעה, האָט זיך צוואַקסען אַ סך מעהר, ווי מען בעדאַרף, איך געה איבער צו דער עצם=מעשה. אין קורצע ווערטער איז דאָס אַזאַ מין געשיכטע...

נאָר, ענטשולדיגט נאָך אַ פּאָר ווערטער: איך וויל מיט אַ כיוון ניט מאריך זיין, ווייל אין אַזוינע זאַכען איז עס גאַנץ איבעריג, אפילו אַ גלייך וואָרט קען נאָר אָבשוואַכען דעם איינדרוק פון דעם טיעפען קאָמיזם, און די גאַנצע געשיכטע קען בעקומען דעם כאַראַקטער פון דער אונאַנגענעהמער געמאַכטער מליצה.

ניין, די זאַך איז געווען גאַנץ איינפאַך.

מיין באָבע איז געגאַנגען אויף אַ שמאָל שטעגעלע אין גאָרטען, האָט זיך אָנגעשטויסען אויף אַ איבער=געצויגענעם שטריק און האָט אַ פאַל געטהון מיט'ן נאָז גלייך אין זאַמד אַריין. און דער עיקר איז, וואָס דעם שטריק האָב איך אַליין אָנגעצויגען!

יאָ. ווענינ געלעכטער איז דאָ אין לעבען, און אַזוי זעלטען מאַכט זיך די געלעגענהייט אויפריכטיג צו לאַכען!

איבערזעצט ז. ר—ן.

אייראפעאישע ליטעראטור.

פינפאונצוואנציגסטעס העפט

אינהאלט.

1) פולוויע — היינריך מאן.
2) אמארם טוידט — צ. באקאטשיע.
3) היינריך מאן (קריטישע סקיצע).
4) די חוואליע — יאנאס לי.
5) „בוך דער ליעדער" — היינריך היינע.
6) פרײלײן מוטער (ראמאן פון דײטשען).... (ענדע) — ערנסט געארגי.

היינריך מאן.

פולוויע.

ס'איז שפעט געווען. ראמינגא האט מיט איהר פעטער פערדרויבערטער האנד איבערגעלעגט א פאר דינע העלצלעך אין קאמין. דזשאקאנדא האט פערענדיגט איהר נאאיווע פלוידעריי ביי די פיס פון דער מארקיזין גרימי, וואס האט געהאלטען אין איין געגעצען. די מארקיזין קוואטראקי האט פערזשמורעט די אויגען, קוקענדיג אין פייער אריין. קיינער האט מעהר נישט גערעדט; פון דער נאכט-טיעפעניש ארויס האט זיך איבער די רעכער געטראגען אנ'אומרוהיגע שטים פון א גלעקעל. פלוצלונג האט די אלטע פולוויע געזאגט:

— איהר, יונגוואַרג, טענה'ט שטענדיג אזוי, גלייך ווי דאס גאנצע לעבען בעשטעהט בלויז פון ליעבע-אינטריגעס. איך קען איך אבער אנווייזען פרויען, וואס האבען זיי צייטענווייז פערראכטעט. ווייל זייער הארץ האט געשלאגען מיט בעגייסטערונג פאר עטוואס ווינטיגערס.

— אָ, — האָט געזאָגט די מאַרקיזין גריטי. זי האָט געלעבט בעזונדער פון איהר מאַן און האָט געלעבט בלויז פון דער פער'עקשנ'טקײַט מיט וועלכער זי האָט זיך אָבגעזאָגט פון אַלע פערגניגענס.

די מאַרקיזין קוואַטראָקי איז געווען אײַנגעטונקט אין אינטריגעס. זי האָט זיך פערוואונדערט.

— צו עטוואָס וויכטיגערס?

ראַמינגאַ און דזשאַקאָנדאַ האָבען מיט אַ וויערן שמײַכעל געזאָגט:

— דער מאַמאַ איז גרינג צו רעדען, אַז זי האָט געהאַט דעם פּאַפּאַ, אַזוי וואָלטען מיר אפשר אויך זיך נישט אינטערעסירט מיט ליעבע-אינטריגעס.

— איינער פון די, וואָס האָבען דאָס לאַנד בעפרײַט! — האָט די מאַרקיזין גריטי ערקלערט. דאָס זענען נאָך ריטער געוועזען, צווישען וועלכע ס'איז כדאי געווען צו לעבען.

זי האָט אָבגעזיפצט. די מאַרקיזין קוואַטראָקי האָט אויסגערופען:

— ליעבע און פרײַהײַט.

— די פרײַהײַט איז געגאַנגען פאַר אונז, — האָט פּולוויע געזאָגט,

— אַ נישט, וואָלטען מיר דען דאָ איצטער געזעסען?

און זי האָט זיך גענומען צוהערען. פון דער זײַט פון רוים האָט מען גאָרנישט געהערט, אויסער דעם איינזאַמען גלעקעל.

— אַנישט, וואָלטען מיר דען פערלאָזען פערראַראַ, אונזער שטאָדט, וואָלטען מיר דען פערלאָזען אונזער פאַמיליע, מײַן מאַן און איך? וואָלטען מיר דען אַרויסגעטראָטען געגען די דײַטשען? וואָלטען מיר דען אָבגעגעבען דעם לאַנד אונזער פערמעגען? וואָלט דען קלאַוודיוס אָבגעגעבען אויך זײַן געזונד און אַ האַנד, און איך מײַן וואויל-לעבען? אָ, אַ סך האָבען אויסגענוצט די קרבנות, וואָס זיי האָבען דעם לאַנד געבראַכט, און זעהר פיעל דערמיט געוואונען; מיר אָבער נישט. קלאַוודיוס האָט געוואָלט בלײַבען אַלס איינפאַכער סאָלדאַט; ער, דער אַדוואָקאַט. אַלע ראַנגען האָט ער דערגרייכט אויף די שלאַכט-פעלדער, און אונזער אומגליקליכער פאָלקאָווניק קאַלווי, וועלכען די דײַטשען האָבען אויפגעהאָנגען בײַ מאַנטוע, איז געווען דער, וואָס האָט געמאַכט מײַן מאַן פאַר אַ קאַפּיטאַן אין ווענעדיג אויף דעם פּלאַץ פון דעם הייליגען מאַרק.

וואָס צרות, וואָס פּרעניות, וואָס בלוט מיר האָבען געהאַט אויסצושטעהן פון דעם 48-סטען יאָהר ביז דעם 70-סטען. אַלס רעגירונגס בעאַמטע האָט מען אונז אַוועקגעשיקט אין די אַלפּען-דערפער און מיר זענען

דאָרט אויסגעגאַנגען צווישען די אייזבערגער. מיר האָבען געדאַפּט איינשטעלען רוה און אָרדנונג אין טשיען און פּאַרלי, אָט אין די דאָזיגע שטעדט, וואָס זענען ווילד געוואָרען אונטער דער ממשלה פון די גלחים. אַז קלאַודיוס פלעגט אין אָבענד אוועקגיין, פלעג איך ציטערן פאַר שרעק אויף מיין געלעגער ווייל יעדען פריה-מאָרגען האָט מען געפונען טויטע קערפּער פאַר די שוועלען פון די הייזער. דערנאָך זענען מיר געוועזען געהילפען ביים פּרעפעקט אין קאָמאַקיאָ, וואו ס'איז אין די זומפּען גאָרנישט געווען [illegible] שלאַנגען און שלאַנגען-פאַנגער; דערנאָך — אין פּעזאַראָ, וואו די דאַמען פון דער אַריסטאָקראַטישער געזעלשאַפט זענען בעשטאַנען אויף הילפט פון געוועזענע שטוב-מיידלעך, אויף הילפט פון באַלעט-טענצערינס, און זיי זענען אַלע געגאַנגען אין הילצערנע שיך... ענדליך, זענען מיר אמת טאַקי, אָנגעקומען פאַר פּרעפעקטען אין פּאַרמאַ. מיר האָבען געוואוינט אין דעם פּאַלאַץ פון מאַריאַ לואיזאַ, מיר פלעגען נעבען בעלער, און אין יעדען טעאַטער האָבען מיר געהאַט אַ לאָזשע. אונז איז זעהר קאַלט געוועזען אין די געדויטע זאַלען מיט'ן בעגילדעטען סופיט. נאָר איך, פּולוויע גאַלאַנטי, האָב געטאַנצט מיט'ן קעניג וויקטאָר עמנואל!

אַלע פיער פרויען האָבען שוויינענדיג זי אָנגעקוקט; זיי האָבען אין פּולוויען דערזעהן אַן'אָבגלאַנץ פון איהר אַמאָליגער פּראַכט. זי איז געזעסען אין אַנדערן עק פון דעם פערשטויבטען זאַל, ווייט פון פייער, וועלכעס זי האָט אַזוי פיינט געהאַט, און איבער וועלכען זי פלעגט שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע פלעגען שוין שלאָפען, האַלטען בגנבה איהרע צוזאַמענגעבויגענע הענד. גאַנץ אַליין איז זי געזעסען ביים לאַנגען טיש, אַ דאַרע, אַ גלייכע, ווי אַ סטאַטוע, בעהאַנגען מיט גאָלדענע קייטעלעך און גריין-גרויע לאָקען איבערן גאַנצען ווייסען געזיכט.

— נאָר אַז זיי האָבען איבערגעפיהרט קלאַודיוס'ן אויף פּענסיע, וואָס איז אונז דאַן געבליבען? ער האָט געוואָלט שטאַרבען אין רוים און איז געשטאָרבען אין רוים. און איך וועל אויך דאָ שטאַרבען; דאָס איז גאָר, וואָס די פרייהייט פון לאַנד האָט אונז ביידען געגעבען. און דאָס איז גענוג.

— דו האָסט אויך ליעבע געהאַט, — האָט פער'עקשנ'ט ראַמינגאַ געזאָגט, און האָט געלאָזען איהר הינטעל צו לעקען איהר פּנים.

— ווען איך וואָלט קענען חתונה האָבען מיט לינאַ! — האָט אַ זאָג געטהון דזשאַקאָנדאַ. מיר זענען אָבער צו אָרעם, מיר זענען קרבנות דער פרייהייט פון לאַנד; מיר זענען אָבער דערפאַר נישט בעלוינט געוואָרען

געוואָרען, אַזוי ווי דו, מאַמאַ. דו האָסט געהאַט דאָס, וואָס דו האָסט פערלאַנגט.

— איהר ווייסט אַזוי, טעכטערלעך מיינע?... איהר האָט רעכט, איך בין גליקליך געוועזען מיט אייער פאָטער. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט אָרעסט'ן צו זיין זעהר שעהן.

איהרע אויגען זענען זעהר קליין געוואָרען; איהרע קנייטשען זענען גלייך געוואָרען; מען האָט נישט געקענט פערשטעהן, צי זי לאַכט. אין דער נישט־ריכטיגער בעלייכטונג האָט זיך הינטער דעם געפּיהלט א ווייס אומרוהיג קריימען זיך פון א סטאַטוע.

— ווער איז געווען אָרעסט? — האָט די מאַרקיזין גרימי געפרעגט.

— אָרעסט האַטטי, דעם קאַרדינאַל־לעגאַטס א פּלימעניק. ער האָט געהאַט בלויע אויגען, ער איז געווען מיינער א יוגענד־חבר. מיר האָבען מיט איהם געשפּיעלט אין דעם גאָרטען פון דעם אַרכיבישאָפס פּאַלאַץ, וואו איך בין געווען נישט איין מאָל, בעת מען פלעגט אויפנעהמען ראַבען און מאַנסלייט. דאָרט פלעגט מען דערלאַנגען פערצוקערטעס וואַסער און וואַסער אָהן צוקער, אָבער געפראָרענס ווערליג דער צייט פון יאָהר. אין די זאַלען האָט אַ'ן עכאָ אָבגעקלונגען. איינע אַ'ן אַלטע גרעפין, וואָס איך געדענק מעהר איהר נאָמען נישט, האָט די גאַנצע צייט איבערגעוואָרפען פון איין האַנד אין די אַנדערע א זילבערנעם באַל, וואָס איז געווען אָנגעפילט מיט הייס וואַסער.

ווען מיר איז געווען זעכצעהן יאָהר, איז ער אָנגעקומען פון רוים, פון אוניווערזיטעט און האָט זיך גענומען דרעהען אַרום מיר. אויפ'ן שפּאַציער איז ער א מאָל צוואַנציג פאַמעליך דורכגעגאַנגען פאַרביי מיר און האָט זאָגאַר בעגריסט דאָס שטוב־מיידעל, וואָס איז געגאַנגען הינטער מיר. אין אָבענד האָט ער זיך מיט זיינע חברים געשטעלט אונטער מיין באַלקאָן און האָט געשפּיעלט און געזונגען. ער האָט געהאַט א שטים — איך הער זי נאָך עד־היום.

איינמאָל אין אָבענד, ווען איך האָב זיך פון שפּאַצירען אומגעקעהרט, האָט געקאָכט די שטאָדט, וואָס איז פול געווען מיט מענשען. מען האָט גאָר־וואָס איבער א נייעם אַרומגעצויגט דאָס געטאָ; זיינע טויערן זענען אַרוים גלייך נעבען דעם גרויסען פּלאַץ. איך האָב דערזעהן א יונגען מאַן, וואָס איז אַרויפגעקלעטערט אויפ'ן טורם נעבען טויער און וואָס האָט זיך אין דער הייך פערמאָסטען מיט א האַק. דערנאָך זענען נאָך א סך אַרויף

אויף די ווענד און די טירען, האָבען געקלאַפּט אין די שטיינער און ברעטטער און האָבען זיי אַרויסגעריסען. זיי האָבען געוואָלט, אַז די יודען זאָלען אַרויסגעהן. איך האָב דערהערט, אַז דאָס ווערט געטאָהן אין נאָמען פֿון דער פֿרייהייט. אַ גרויס געפֿיהל איז ביי מיר דאַמאָלס ענטשטאַנען, אַ געפֿיהל, וואָס האָט מיך מעהר קיינמאָל נישט פֿערלאָזען. מיר דאַכט זיך, עס לעבט נאָך איצט אויך אין מיין האַרצען און עס האָט דאָס בילד פֿון דעם יונגלינג, וועלכער האָט דער ערשטער אויפֿגעהויבען די האַק אויפ'ן טורם אין געטאָ. טעכטער מיינע, דאָס איז געוועזען אייער פֿאָטער!

ער איז נישט געוועזען קיין שעהנער, ער איז גיכער אַ שוואַכער געוועזען, און איך האַלט עס פֿאַר אַ גרויסען נס, וואָס ער האָט אַריינגעלעבט ביז דעם זעקס און זיבעציגסטען יאָהר... אויף מאָרגען נאָך דעם האָב איך איהם דערזעהן אויפ'ן שפּאַציר און האָב איהם בעגריסט, הגם אונזערע עלטערן זענען געוועזען נישט בעקאַנט. איך האָב געצוואונגען מיין טאַטען, ער זאָל אַריבערגעהן צו זיין פֿאָטער. קלאַודיוס האָט אויך פּונקט אַזוי זיך געדרעהט אַרום מיר, נאָר ער האָט מעהרסטענטיילס גערעדט וועגען פֿרייהייט, יאָ, — וועגען דער פֿרייהייט פֿון לאַנד און וועגען רוים. ער איז געוועזען אַ גרויסער רעדנער און זיינע הענד האָבען דערביי אַזוי געאַרבייט, אַז איך האָב אַלץ פֿערשטאַנען און האָב אַלץ מיטגעפֿיהלט. ביז שפּעט אין דער נאַכט פֿלעגט ער זיצען איבער ביכער, וואָס, ווען מען וואָלט זיי נאָר געפֿינען ביי איהם, וואָלטען זיי איהם געוויס אַריינגעבראַכט אין טורמע אַריין. ער פֿלעגט דערביי טרינקען אַ סך הייסע קאַווע, דערנאָך אייז-קאַלטעס וואַסער, און דעריבער זענען ביי איהם שפּעטער אַרויסגעפֿאַלען פֿון מויל אַלע ציין, וועלכע זענען געוועזען פֿאָלקאָם געזונד און גאַנץ.

אָרעסט, האָט מיר, פֿון זיין זייט, מודיע געווען, אַז ער וויל מיט מיר חתונה האָבען. ווען ער האָט איינמאָל ווידער אונטערגערוקט מיין שטוב-מיידעל אַ בריוועלע, האָב איך איהם געענטפֿערט, אַז איך וועל חתונה האָבען נאָר פֿאַר אַ פֿרייהייטס קעמפֿער, פֿאַר דעם, וואָס וועט פֿערטרייבען פֿון לאַנד די גלחים. אָרעסט האָט געזאָגט, אַז דער דאָזיגער בריעף איז זעהר אַ געפֿעהרליכער און האָט איהם צוריסען פֿאַר מיר אין די אויגען. איך האָב איהם בעשוואָרען, ער זאָל ליעב קריגען די פֿרייהייט. ער האָט געזאָגט: אַז מיט קלאַודיוס גאַלאַנטי'ן האָט ער זיך שוין אַמאָל געטראָפֿען אין רוים. צווישען די סטודענטען-ליבעראַלען איז דאָס געווען דער גרעסטער עזות-פּנים; ער, אָרעסט, קען איהם אַלע ווײַלע צראָבשטויסען פֿון זיין וועג.

— דו ביזט אַ פּחדן! — האָב איך אויסגעשריגן.
ער האָט צוזאַמענגעדריקט די ברעמען.
— איך האָב פֿאַר איהם קײן מורא נישט, ער מעג זיך בלײַבען וואָס ער איז; איך וועל אָבער אויך בלײַבען, וואָס איך בין.

— גלויב, מײַן אָרעסט, אין דער דאָזיגער גרויסער זאַך, אין דער פֿרײַהײַט! טײל אונזערע געפֿיהלען, די געפֿיהלען פֿון דײַן לאַנד, דעם נאָבעלן אַלטען לאַנד, וואָס ציטערט פֿאַר חרפּה אונטער דעם יאָך פֿון די פֿרעמדע און גלחים!
— איך בין גראַף אָרעסט האַטטי, דעם קאַרדינאַל־לעגאַטס אַ פּלימעניק. איך געהער צו די הערשער. וואָס וואָלט איך געבען צווישען די אויפֿגעשטאַנענע? אײער פֿרײַהײַט לעבט נאָר אין דער גלוידערײַ פֿון די פּלעבײַען, וואָס יאָגען זיך נאָך כּבוד און רוהם.
— אָ, דו... דו וואָלסט נישט וואַגען צוצוברעכען די טויערן פֿון געטאָ!
— איך וואָלט נישט וואַגען? מיר וועלען נאָך זעהן, וואָס איך וועל וואַגען!
ער האָט זיך אַ וואָרף געטהון נאָך מיר. מיר האָבען זיך געלאָזט לויפֿען. מיר האָבען געטריבען שפּאַס. איך געדענק נאָך, ווי מאָדנע דער קאָפּ האָט זיך מיר צומישט, ווען ער האָט מיך געכאַפּט צווישען צוויי קאַמעליען־קוסטעס, געדיכט בעדעקט מיט רויטע בלומען, דאָרט, וואו אויס דעם פֿוס־געשטעל פֿון אַ גרויסער שטײנערנער סטאַטוע האָט אַ קוואַל געשלאָגען. ער האָט רוהיג געאָטעמט אונטער זײַנע קורצע בלאָנדע לאָקען און אויפ׳ן האַלז פֿון אונטער זײַן סאַמעטענעם מאַנטעל אַרויס האָט זיך געזעהן אַ שטיקעל העמד מיט שפּיצען. דאַמאַלס האָב איך פֿערשטאַנען, דאָס איז געווען גראַף אָרעסט, דעם לעגאַטס אַ פּלימעניק.

לאַנגזאַם זענען מיר געגאַנגען צוריק אונטער די אונטער־געשוירענע בוימלעך ביז צו די פֿענסטער פֿון פּאַלאַץ. דאָרט איז געווען אַ ברונען, אַ גרויסע מעכאַנישע געבײַדע, און די קראַפֿט פֿון זײַן וואַסער האָט געבראַכט אין בעוועגונג זעהר פֿיעל סטאַטועס. אַ מענש אויף אַן׳עזעל האָט געריטען איבערן קאַנט פֿון ברונען. גאַר אויבען האָבען אײניגע פֿיגורען געוואָרפֿען אײנס צו דעם אַנדערען אַ שווערען באַל. אָרעסט איז פּלוצלונג אַרויפֿגעשפּרונגען אויפ׳ן עזעל און האָט אַרײַנגעדרוקט דעם קאָפּ צווישען די, וואָס האָבען געוואָרפֿען דעם באַל. איך האָב אַ געשרײַ געטהון; מיט אַ הילכ

געליבטער האָט ער אָבגעקעוועט דעם קאָפּ. אַ מינוט שפּעטער — און דער שווערער באַל וואָלט איהם דעם קאָפּ צושמעטערט.

אויף׳ן שוועל איז אונז אַרויס אַנטקעגען איינער פון דעם קאַרדינאַלס דינער און האָט אָרעסטען איבערגעגעבען דעם בעפעהל פון קאַרדינאַל, צו פערבלייבען אין זיין צימער ביז מאָרגען. דער קאַרדינאַל האָט געזעהן, ווי זיין פּלימעניק האָט געהאַלטען דעם קאָפּ, צווישען די, וואָס האָבען געוואָרפען דעם באַל, און איז געווען אין כעס.

אין יענער נאַכט בין איך געשטאַנען ביים פענסטער, און מיר האָט זעהר פערדראָסען, וואָס אָרעסט האָט נישט געקענט קומען און זינגען; איך האָב די אויגען נישט אַראָבגענומען פון דעם אָרט, וואו ער האָט געוואוינט. די הינטערשטע זייט פון מיין הויז איז אַרויסגעגאַנגען אין גאָרטען, און הינטערן גאָרטען איז געשטאַנען דער פּאַלאַץ און זיין צימער. אויף׳ן הימעל האָט זיך באַוויזען די לבנה און מיר האָבען זיך דערקענט. ער איז אַרויס אויף זיין באַלקאָן און מיר האָבען זיך באַגריסט פון דער וויטענס. פאַרזיכטיג האָבען מיר פונאַנדערגענומען אונזערע טאַשענטיכלעך; ביים שיין פון דער לבנה האָבען זיי אָבגעשלאָגען מיט אַ גלאַנץ פון זילבער־וועלען. איך האָב געהערט די טריט פון דער וואַך אויפ׳ן הויף אונטער איהם.

פּלוצלונג האָט ער זיך אַ וואָרף געטהון אַריבער איבער די אייזערנע שטאַקעטען פון באַלקאָן, איז געבליבען הענגען אויף צוויי אויסגעבויגענע שטאַנגען און האָט זיך גענומען פונאַנדערוויגען. דער שומר איז דערווייל פאַרביי־געגאַנגען ביי דער אַנדער זייט פון דער לאַנגער הויף־וואַנד און איז אויסגעקומען, מיט׳ן פּלייצע צו אָרעסט׳ן. אָרעסט האָט אַ קוק געטהון אויף הינטער: די וואַנד איז געווען דריי מעטער ווייט פון איהם און איהר הויך איז געווען כמעט דיזעלבע ווי דער ערשטער שטאָק, פון וועלכען ער איז אַראָבגעהאָנגען. ער האָט זיך פונאַנדער געוויגט שטאַרקער און שטאַרקער; איך האָב כמעט דאָס גאַנצע טיכעל פערשטעקט אין מויל אַריין. און דערווייל האָט ער אָבגעלאָזט די הענד און איז אַריבערגעפלויגען איבער דער וואַנד. איך בין געפאַלען. אַז איך האָב מיך אויפגעהויבען, איז ער שוין געלאָפען איבער דער ווייכער ערד פון גאָרטען. ער האָט געפונען דאָס פענסטעל און איז באַלד נישט געוואָרען אין דעם פינסטערן געסעל, וואָס האָט געפיהרט צו מיר. איך ווייס נישט, ווי אַזוי מיר האָט עס געלונגען אַראָבצולויפען פון די טרעפּ אונבעמערקטערהייד, ווי אַזוי האָב איך עס אָבגערינגעלט די טהיר און קיינער האָט עס נישט דערהערט. ווייל אַלע אברים האָבען אין מיר געציטערט און מיין האַרץ האָט זיך געוואָרפען, גלייך ווי עס האָט

געװאָלט אַרױסשפּרינגען . נישט מעהר װי אײניגע מיטמען זענען מיר געשטאַנען אַרומגענומענערהײד אין װינקעל בײַם טהיר , נישט רעדענדיג אַ װאָרט .

קורץ נאָך דעם האָב איך חתונה געהאַט מיט קלאַװדיוס'ן. אין צװײ יאָהר אַרום נאָך דער בעלאַגערונג פון דעם געטאָ , דעם 12־טען מאַי 1848־סטען יאָהר זענען מיר אַרױסגעטראָטען געגען די דײַטשען. איך בין נאָכגעגאַנגען מײַן מאַן , װאָס האָט זיך געפונען אין אַן'אָבטײלונג פון פרײַװיליגע. דער פּאַבסט אַלײן איז געװען מיט אונז, װײַל זײַן ברודער װאָס איז אויך געװען צװישען די אינסורגענטען , האָט מען גענומען געפאַנגען. דער פּאַבסט אַלײן האָט געבענשט אונזערע פאָהנען. די דײַטשען האָבען אונז אומעטום געשלאָגען : אין װיטשענץ, בײַ קאָרנוד , אין װענעדיג. אין װיטשענץ האָבען מיר געמײנט, װעלען זײ זיך אַרײַנרײַסען אין שטאָדט אַרײַן, װעלען מיר זײ פערברענען אין נאַפט און פערשלײַדערן מיט ברוקשטײנער. זײ האָבען אָבער אונז צושאָסען פון די בערג אַראָב. װאָס האָבען מיר געקענט מאַכען , מיר זענען געװען נישט גענים. אין װענעדיג האָבען זײ אונז פערשפּאַרט , און מיר האָבען געמוזט עסען עזעל־פלײש ; דאָס האָט מײַן מאַן געקאָסט אַנ' אויג פון קאָפּ. די גאַנצע צײַט זענען מיר געװען פרעהליך און זיכער אין אונזערע קרעפטען. איך האָב געטראָגען אַ דרײַ־פאַרביגען שאַרף. איהר קענט איהם געפינען אָט אין יענעם גלעזערנעם קעסטעל ; מײַן הויז איז פול געװען מיט פערװאונדעטע , אַרום װעלכע איך בין אַרומגעגאַנגען. דעם מאַן מײַנעם האָט מען דורכגעשאָסען אַ באַק ; אַ העלפט פון זײַנע װאָנסען זענען פערלױרען געגאַנגען. פון דאַמאָלס אָן איז די רעכטע זײַט בײַ איהם שטענדיג געװען װעניגער בעװאַקסען װי די לינקע.

נאָר אַז מיר האָבען זיך אומגעקעהרט קײַן פעראַרא , האָט שױן דער פּאַבסט שטאַרק מורא געהאַט פאַר די דײַטשען. זײַן ברודער האָט מען שױן אַרױסגעלאָזען פון געפענגניש. איצט איז דער פּאַבסט געװען אַ פרײַנד פון אונזערע פײַנד : מיר האָבען שױן איצט געהײסען פעררעטהער, מיר, װאָס זענען אַרױסגעטראָטען מיט זײַנע ברכות אויף אונזערע פאָהנען.

קלאַװדיוס האָט זיך געװאָלט פערנעהמען מיט אַדװאָקאַטור ; האָבען זײ דאָס איהם פערבאָטען. טײַלמאָל , װען ער פלעגט זיך אַהײם אומקעהרען , פלעגט ער זאָגען , אַז איהם איז אַ גרױסער חדוש , װאָס מען אַרעסטירט איהם נישט. דאָס רוב פון זײַנע פרײַנד האָט מען שױן געהאַט אַרעסטירט לױט'ן בעפעהל פון די טריאומװירען. אײנער פון די דרײַ עצה־געבער דעם פּאַבסט'ס איז געװען אָרעסט האַטי.

דערווײַל האָט מען בײַ אונז געמאַכט אַ רעוויזיע. מיר וואָלטען פערלוירען געגאַנגען, ווען מען זאָל בײַ אונז געפינען געווער. נאָר עס איז געלעגען אין קיך־טישעל; מען האָט איהם אָבגעשרויפט די פּיסלעך און פערדרוקט אין וואַנד אַרײַן, אַזוי אַז ס'האָט זיך געדאַכט, עס העננט נישט מעהר ווי אַ ברעט אויפ'ן וואַנד. זײ האָבען געפונען פּאַפּירען און האָבען געפּאָדערט, קלאַוודיוס זאָל זײ אונטערשרײַבען. ער האָט נישט געוואָלט. ער האָט נישט געוואָלט אפילו דאָן, ווען עס האָט איהם געשיקט רופען אַרעסט האַטטי.

איך בין געוועזען זעהר אומרוהיג, און האָב בעשלאָסען זיך דורכצורעדען מיט'ן לעגאַט. ער פּלעגט דאָך מיר גאַנץ אָפט גלעטען איבער'ן בעקעל, ווען איך בין נאָך אַ קינד געוועזען. אַז איך בין אַרײַן, האָבען זײ מיך אָנגעקוקט מיט חשד. איך האָב געטראָגען אַלטע קלײדער: קלאַוודיוס האָט דאָך גאַרנישט פערדינט. איך האָב געמוזט דורכגעהן דורכ'ן געטאָ: מײַנע שיך זענען געוועזען פערשמאָלצען און פערקויטיגט. פון פאָדער־צימער האָט מען מיך אַרויסגערופען פון צווישען די איבריגע בעזוכער אין קאַבינעט אַרײַן, וואו מען האָט מיך געלאָזט אַלײן. נאָר אָט האָט זיך די טהיר אויפגעמאַכט און אַרעסט איז אַרײַנגעגאַנגען.

— ווי דו ביזט פערברוינט געוואָרען, — האָט ער געזאָגט, — ביזט איצט נאָך שעהנער.

ער האָט מיך געוואָלט אַ חאַפּ טהון ווי אַ מאָל, ער האָט אָנגעריהרט מיט זײַן האַנד מײַן אַקסעל.

— דאָ איז געלעגען אַ דרײַ־פאַרביגע פאָהן, — האָב איך געזאָגט און זיך אָבגערוקט פון איהם.

ער האָט צוזאַמענגעדריקט די ברעמען.

— דו וועסט באַלד פרײַ זײַן. דײַן מאַן וועט לאַנג נישט לעבען.

— איך ווײס, — האָב איך געענטפערט, — אַז די און די האָבען געגעבען זײערע חתימות און מען האָט זײ אויפגעהאַנגען. קלאַוודיוס וועט זיך אָבער נישט אונטערשרײַבען.

— מען וואָלט זײ אויפהענגען אָהן חתימות אויך.

— דו האָסט שוין בעסער געדאַרפט מכר'ן מײַן מאַן, ווען ער האָט אַלס סטודענט געהאַלטען אַ רעדע פאַר פרײַהײַט; וואָס האָט עס דיר געטויגט אַזוי לאַנג צו האַלטען זיך מיט דײַן פחדנות.

ער איז געבליבען רוהיג.

— איך ווײס אַז דו וועסט זײַן מײַנע, — האָט ער געזאָגט. — איך פֿאָדער גאָרנישט, דו וועסט אַלץ אַלײן געבן.

ער האָט זיך פֿערטראַכט.

— דײַן מאַן דאַרף אַנטלויפֿען. ס'איז נישט אין מײַן רשות צו לאָזען איהם לעבען. הײַנט זיבען אַ זײגער אָבענד זאָל ער אַרויספֿאָהרען פֿון שטאָדט־טויער, איבערגעטהון אַלס פּויער.

איך בין אַוועק אַהײם. קלאַוודיוס איז געקומען. זײַנע פֿרײַנד האָבען איהם געראַטען, ער זאָל אַנטלויפֿען. איך האָב איהם געגעבען אָנצוטהון די זאַכען פֿון אַ פּויער, וואָס פֿלעגט אונז ברענגען גריבּס, און ער איז אַנטלאָפֿען.

איך בין געבליבען. קלאַוודיוס האָט מיך נישט געוואָלט נעהמען אין דעם נישט־זיכערן וועג אַרײַן. אויסער דעם, האָב איך געוואוסט, אַז מיך וועט מען נישט דורכלאָזען. איך בין געווען גאַנץ אַלײן בײַ אונז אין הויז; איך האָב אַלײן נישט געהאַט וואָס צו עסען, בפֿרט נאָך פֿאַר דער דיענסט. און פֿון וועלכען פֿענסטער איך האָב נישט אַרויסגעקוקט אין דרויסען אַרויס, האָב איך אַלץ געזעהן אַ פּרצוף פֿון אַ שפּיאָן. זײ האָבען קײנעם נישט צוגעלאָזט צו מיר.

נאָר אײנמאָל אין אָבענד האָב איך דערהערט, ווי דאָס טויער האָט זיך פֿונאַנדערגעעפֿענט. איך האָב אַרויסגעקוקט פֿון מײַן פֿענסטער אַרויס, אונטען אין פֿאָרהויז איז געווען שטאָק־פֿינסטער. נאָר אין דער פֿינסטערניש האָבען זיך געלאָזט הערען פֿעסטע טריט. איך האָב מײַן טהיר נישט פֿערשפּאַרט, — האָט עס מיר דען געקענט העלפֿען? אַ פּלוצלונגער פֿיבערהאַפֿטער שרעק איז מיך בעפֿאַלען — נישט פֿאַר דעם, וואָס איז איצט געגאַנגען אויף די טרעפּ, נישט פֿאַר איהם. ס'איז הײס געווען. מײַן האַלז איז געווען נאַקעט. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר מײַן אײגענע ברוסט און פֿאַר קלעפּ אין איהר. איך האָב געזוכט הילף; איך האָב גענומען מײַן דרײַ־פֿאַרביגע שאַל און האָב זי אַרויפֿגעלעגט אויף מײַן נאַקעטע ברוסט. אַזוי בין איך געשטאַנען און געוואַרט.

ער איז אַרײַן און האָט פֿערקרימט דאָס מויל.

— אַט שטעהסטו און ווײסט געוויס, אַז דו ביזט מײַנע, — און מיט דער הילף פֿון אַ געפֿאַרבטע טיכעל ווילסטו זיך שטעלען נעגען מיר און נעגען זיך אַלײן, ווי נאַאיוו דו ביזט!

נאָר פּלוצלונג האָב איך אין זיך דערפֿיהלט אַ דרײַסטקײַט. די לאָמפּ מיט די דרײַ ברענענדיגע קנויטען האָט געצאַנקט אויפֿ'ן טיש הינטער מיר;

ער האָט נאָר געזעהן דעם סילועט פון מײַן געזיכט. איך האָב אָבער געקענט זעהן, ווי בלאַס ער איז געווען. לאַנגע שאָטענס האָבען געטאַנצט אַרום אונז אויף דער וואַנד.

ער האָט געזאָגט:

— דאָס איינציגע איז דאָך שטענדיג געווען. דו האָסט זיך שטענדיג דראַפּירט אין דער פרײַהײַט, ווי אין אַ טיכעל, ווײַל דו האָסט מיר נישט געוואָלט אַוועקגעבען דײַן שעהנהײַט. דו האָסט מיך אָבער ליעב, האָסט מיך שטענדיג ליעב געהאַט. איז דאָס אמת, אַז דו האָסט געוויינט, בעת איך בין אַריבערגעשפּרונגען איבער דער וואַנד פונ׳ם באַלקאָן?

— דאָס איז אמת, — האָב איך געענטפערט, — און איך וואָלט דיך ליעב האָבען. נאָר איך האָב דערויף קײַן רעכט נישט געהאַט, ווײַל ס׳איז געווען עטוואָס גרעסערס, וואָס איך האָב דערזעהן און וואָס איך האָב נישט געטאָרט פערגעסען: דעם, וואָס איז אויפ׳ן טורם געשטאַנען פאַר דאָס געטאָ און האָט געשלאָגען מיט זײַן האַק אין טויער אַרײַן.

— אַך, וואָס יושר! — האָט ער אויסגעשריען. — איצט זענען מיר אַלײַן אין דעם דאָזיגען הויז, און קיינעמס פוס וועט דאָ נישט זײַן. יענער, דער אַנדערער איז ווײַט, נישטאָ — ווער ווייס, וואו? וואָס נאָך לעבט איצט פון יענער וועלט? און די פרײַהײַט איז געשטאָרבען. אָט דער דאָזיגער שאָטען. מיר זענען אַלײַן: איצט וועסט האָבען גענוג מוט פאַר אונזער ליעבע. און אויב דו וועסט עס נישט האָבען, האָב איך עס שוין פאַר דיר אויך.

ער האָט פערוואָרפען די הענד אַרום מײַן האַלז, און איך האָב געפיהלט, ווי זיי ציטערן. איך האָב איהם אָבגעשטויסען און זיך געלאָזט לויפען דורך דער טהיר אַרויס אויף די טרעפּ אַראָב. ער איז מיר נאָכגעלאָפען. אונטען, אין איינעם פון די פינסטערע צימערן האָט ער מיך ווידער געכאַפּט; מיר זענען געפאַלען, ווידער אויפגעשפּרונגען און זיך פערטשעפּענדיג אַלע ווײַלע, זענען מיר ווײַטער געלאָפען. פון צײַט צו צײַט פלעגט אונז צוטײַלען דאָס מעבעל, וואָס מיר האָבען עס נישט געזעהן און ער פלעגט עס אומוואַרפען. דאַן פלעגט ער ווידער אויספּליסטערן גאָר נאָהנט פון מײַן געזיכט: „דו האָסט מיך ליעב!" און איך פלעג פון זיך אַרויסקוועטשען: „ניין"!

ענדליך — איך ווייס נישט ווי אַזוי — זענען מיר אַרויסגעקומען אין גאָרטען אַרויס. די לבנה איז דאָרט נישט געווען צו זעהן. שווײַגענדיג, מיט אײַנגעהאַלטענעם אָטהעם האָבען מיר זיך איינער נאָכ׳ן אַנדערן געשלײַכט

דורך די שוואַרצע קוסטעס. אין דעם גאָרטען־שטיבעל, וואו ס'האָט אַ שטאָק־פינסטערניש געהערשט, האָט ער מיך געחאַפּט און אַ וואָרף געטהון אויף אַ באַנק. זיין האַנד איז געלעגען אויף מיין נאַקעטער ברוסט; די דריי־פאַרביגע שאַל האָב איך שוין לאַנג אָנגעוואָרען אין דער פינסטער ערגיץ אין שטוב. מיר האָבען געפיהלט, אַז מיר קוקען איינער דעם אַנדערן אין די אויגען אַריין, נאָר קיינער פון אונז האָט נישט געזעהן דעם צווייטענס פּנים. איך האָב געפיהלט דאָס שלאָגען פון זיין האַרצען, און ער — פון מיינעם. עפּיס אַ בלאַט האָט גערוישט איבער אונזערע קעפּ, אויף אַ ווייַלע איז מיר פאָרגעקומען, אַז הינטער דער גאָרטען־וואַנד גנב'ענען זיך טריט. מען האָט אונז געהיט. דאָס הויז און דער גאָרטען און די שטאָדט זענען געלעגען אין פינסטערניש געשמידט, אין דער וועלט זענען נאָר געווען אונזערע שלאָגענדע הערצער, מיך האָט ווידער אַ שרעק דורכגענומען, אַזאַ שרעק, ווי נאָך קיינמאָל. עפּיס אַ גלעקעל האָט גענומען קלינגלען, עפּיס אַ מאָדנע גלעקעל מיט אַ אונרוהיגען קול... מיר האָט זיך ערשט אויסגעדוכט, אַז איך הער עס ווידער.

די אַלטע פּולוויע האָט זיך גענומען צוהערען. נאָר איבער די דעבער פון רוים איז געלעגען אַ שטיל־שטומע נאַכט.

— ווי עס דערמאָהנט זיך דאָס אַלץ, — האָט זי אַרויסגעשטאַמעלט. ווי ווייניג מען דאַרף דערצו האָבען... דאָרט, אין דעם גאָרטען־שטיבעל, האָב איך מיט אַנ'אומעטיגער שטימע געזאָגט:

— הער, אַרעסט, עס איז אַזוי מאָדנע! מיר דרעהט זיך דער קאָפּ, אַזוי ווי צווישען יענע קאַמעליען־קוסטעס ביים קאַרדינאַל אין גאָרטען, וואו דו האָסט מיך געחאַפּט. אויך דאַמאָלס האָבען מיר זיך געיאָגט איינער נאָכ'ן אַנדערן. דאַמאָלס אָבער זענען מיר געוועזען בעסער.

— דאָס איז דיין שולד, האָט ער געענטפערט; און איך, נישט הערענדיג איהם:

— מיר זענען יונג געוועזען און אַלע בוימער אין גאָרטען זענען געווען איינגעהילט אין אונזערע חלומות. געדענקסטו נאָך, ווי מיר פלעגען בשעת דעם שמועס פון די אַלטע לייט פיהרען, זיצענדיג צווישען זיי, אַ בעזונדערן שמועס, נאָר פאַר אונז אַליין?

— און אויפ'ן שפּאַציר, — האָט ער צוגעגעבען, — ווען מיר פלעגען זיך בעגעגענען און קוקען איינער דעם אַנדערן אין די אויגען אַריין; איך האָב דאַמאָלס געצעהלט מיינע טריט: פינף, צעהן, צוואַנציג. אָט האָסטו זיך אומגעקעהרט און איך האָב ווידער געקענט געהן דיר אַנטקעגען און מיינע פיס

וועגען לײַכט געווען, גלײַך ווי דער וועג וואָלט דורך דער לופטען געצויגען.

מיר זענען אַנטשוויגען געוואָרען, דערנאָך האָט ער האַרט געזאָגט:

— און אָט בין איך ענדליך איינגאַנצען מיט דיר. איצט קען איך דיך האָבען. דו האָסט דאָך עס געוואָלט? און אונזער מזל האָט אונז סוף כל סוף געבראַכט אַהער.

מיט אַ מאָל האָט ער מיך אַרויסגעלאָזט, איז אַוועק פון מיר אין די קוסטעס אַרײַן, אַזוי אַז איך האָב מער נישט געזעהן זײַן סילועט אפילו.

— ניין, נישט אַהערצו, — האָט ער געזאָגט. איך האָב אַרויס־געפּליסטערט:

— וואָלטען זיי מיר דאַמאָלס דערשיסען אין וויטשענץ! אַך, אַרעסט, דו ווייסט נישט, ווי לײַכט עס איז צו שטאַרבען פאַר דער דאָזיגער גרויסער זאַך, פאַר דער פרײַהייט!

— איך ווייס. פון דאַמאָלס אָן, זינט דו ביזט דאָרט געווען, ווייס איך דאָס. און מיר וואָלט זיך וועלען דורכגעהן מיט דיר דורך עפּיס אַ שטאָדט, וואו עס שיטען זיך קוילען. זאָג, פּולוויע, האָסטו ווען געטראַכט וועגען דעם, אַז איין און דיזעלבע קויל וואָלט געקענט טרעפען אונז ביידען?

— ווען דו וואָלסט זײַן מיט מיר, יאָ, און מיט דער פרײַהייט. איך האָב מיט מײַנע איינענע הענד אַרויסגעגראָבען שטיינער פון ברוק, וועלכע מיר האָבען געוואָלט וואַרפען פון די פענסטער אַרויס. פאַר וואָס ביזטו דאַמאָלס נישט געווען דאָרטען, אום מיר צו קענען העלפען?

— דו ביזט אויך אַרום פערוואונדעטע אַרומגעגאַנגען. אָ, ווען איך וואָלט שטערבליך פערוואונדעט געוואָרען און געשטאָרבען דערפון! נאָר דײַנע ליפּען וואָלטען געטעגט בערירהען מײַן וואונד פאַר מײַן סוף!

— עס וועלען נאָך זײַן אַנדערע געפעכטען, — האָב איך שטיל געזאָגט נאָך אַ קליינעם שווײַגען.

— איך וועל נעהן אַהין! — האָט ער אויסגעשריען, טופּענדיג מיט'ן פוס. — איך געהער אויך צו דעם דאָזיגען לאַנד און עס פרײַ מאַכען!

— ווען וועסטו געהן?

— שוין, היינט ביי נאַכט!

איך האָב מיך דערשראָקען, איך האָב אַ געשריי געטהון:

— ניין! דו וועסט מיך נישט פערלאזען. קלאודיוס איז אויך נישט געווארען. דארף איך דען שטענדיג פערבלייבען אין אט דעם הויז, וואו ס'איז קיין לעבעדיגער מענש נישטא? וואו, מיר דאכט זיך, עס וועט שוין מעהר נישט טאגען? ארעסט!

איך בין אראב פון באנק, איך בין צו זיינע פיס געפאלען, בעריהרענדיג זיינע קניע. מיין גאנצע זעלבסט-בעהערשונג איז פערשוואונדען; קראנק און וואהנזיניג בין איך געוועזען.

— נעהם מיך, — האב איך געזאגט. — בעסער נעהם מיך! נאר געה נישט אוועק! פערלאז מיך נישט!

ווי א ברודער האט ער מיך אויפגעהויבען.

מיר וועלען ביידע געהן, איך וועל דיך דורכפיהרען מיט א זיבען וועג קיין טורין.

אין הימעל האט זיך א גרויער שיין בעוויזען. אונזערע פיגורען האבען גענומען ארויסשווימען פון דער פינסטערניש ארויס. שווייגענדיג האבען מיר געווארט ביז וואנען מיר האבען געקענט אונזערע אויגען זעהן. וויפיעל שטורמס עס האבען עס אין דער דאזיגער נאכט אין זיי אויפגעברויזט, און מיר האבען עס נישט געזעהן. איצט זענען זיי שטיל געוועזען, ווי שאטענס.

ארעסט האט ארויסגעלאזט אין שטארט א קלאנג, אז ער פיהרט מיך אוועק אין זיין לוסט-שלאס הינטערן שטאדט-טויער. מיר זענען אנטלאפען, האבען זיך אריבערגעכאפט איבער דער גרעניץ — און קיין טורין. דארטען האבען מיר געטראפען קלאודיוס'ן. ער האט נאך געליטען פון זיינע וואונדען, באלד איז אונטערגעקומען די קראנקהייט זיינע; איך האב געמוזט בלייבען מיט איהם. ארעסט האט זיך אליין אוועקגעלאזט אין וועג אריין. ער איז געפאלען פאר פרייהייט ביי ווארעזע.

אין א ווייל ארום האט די מארקיזין גרימי געזאגט מיט א זיפץ:

— ער איז דאך אבער געשטארבען פאר אייך, פאר אייך!

— יא, מאמא, — האט ענטשלאסען ארויסגערעדט ראמינגא און האט געלאזען איהר הינטעל, עס זאל איהר דאס געזיכט לעקען. דו האסט פיעל גוטעס געהאט, ער איז געשטארבען פאר דיר.

— שווייג, — האט פולוויע בעפעהלענדיג אויסגערופען. ער איז געפאלען פאר פרייהייט!

איבערזעצט זלמן רייזען.

צ. באקאטשיא.

אמאר'ס טוידט.

(א פריהלינג'ס מעשה'לע).

קלאפ, קלאפ...

— ביטע, אריין!

אין מיין צימער איז שטעטעוודיג אריינגעקומען א קליין יונגעל אהן הויזען.

זיינע קליינע פיסלעך זענען בלאה געוועזען פון קעלט, און אין די אנגעפרוירענע הענדטלעך האט ער געהאלטען א פייל און בויגען.

— א, אמאר! וואס מאכסטו? נאך וואס ביסטו דא? וואס! דו ציעלסט זיך אין מיר! אך, נארעלע, נארעלע! ס'זענען שוין פערשוואונדען יענע יאהרען... מאך נישט קאליע אומזיסט קיין פיילען.

אמאר האט אראבגעלאזט דעם בויגען און האט א זיפץ געטהון.

— וואס זיפצטו, קליינער גאט? איז נישט איך, וועט זיין א צווייטער. געה צו די דעקאראנטען; זיי זענען עביג יונג!...

דער קליינער גאט האט א שמייכעל געטהון. פלוצלונג האט ער זיך א נויג געטהון און האט געזאגט מיט עהרפורכט:

— איך קום צו אייך, העדר, אהן שום אמאר'ישקייט... כ'בין געקומען איינפאך צו בעגריסען אייך צום נייען יאהר.

— צום נייען יאהר? וואס, די ביזט פון זינען אראפ, יונגעל? ווען איז געוועזען דער ערשטער יאנואר!

— איך בין נישט אראפ פון זינען, העדר. ביי אייך איז ניי-יאהר דער ערשטער יאנואר, און ביי מיר דער ערשטער אפריל; דאס איז דער ערשטער טאג פון ערשטען מאנאט פון גרויסען פריהלינג... דאס איז דער ניי-יאהר פאר פערליעבטע... זאל מיר אייער גנעדיגקייט שענקען אויף מחיי.

— א, דער ניי-יאהר!

איך האָב זיך שוין געוואָלט נעהמען צום בײַטעלע, נאָר, אַ קוק טהו־ענדיג אויף דעם געפּרוּווערגעם נאַקעטען קלײַנעם גאָט, האָב איך זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטען, אַז איך זאָל איהם נישט פאַרוואָרפען:
— ווי אַזוי שעמסטו זיך נישט, אַמאָר! אַזוי פיעל יאָהר פערנעמסטו זיך מיט אַמאָר'ישע עסקים, און דו געהסט אָהן הויזען.
אַמאָר האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגעלעך און ער האָט קוים הערבאַר אַרויסגעזאָגט:
— דאָס איז זעהר אַ אונבעקוועהמע בעשעפטיגונג, דו ווייסט זיך קיינמאָל דערפון נישט צוזאַמען מאַכען אויף קיין קאָסטיום.
— אַ אונבעקוועהמע בעשעפטיגונג!?!
איך האָב אין האַרץ זאָגאַר אַ טופע געטהון מיט'ן פוס.
— גיב אַ קוק אויף די אינהאַבער'ס פון די האָטעלען, פון די פרעהליכע גערטנער און שאַנטאַנען. זיי געהען דאָך אין גאָלד, נישט נאָר אין אײַנפאַכע הויזען. אַלץ פון אַמאָר'ישע עסקים!
דער קלײַנער גאָט האָט נאָך נידריגער אַראָפּגעלאָזט זײַן געקרײַזעלט קעפּעל און ער האָט שטיל אַרויסגעשעפּטשעט:
— יאָ, איך זעה אַליין, אַז איך טויג צו גאָרנישט. נאָר וואָס קען מען טהון? פון רײַנע ליעבע איז שווער צו לעבען.
אַמאָר האָט זיך אַנידער־געזעצט, ער האָט אַנידער־געלעגט אויף דער ערד זײַן פײַל און בויגען, און מיט זײַן קלײַן פליגעלע האָט ער זיך אָפּ־געווישט דאָס נעזעל, ווײַל דער אָרעמער גאָט'ל האָט געהאַט זעהר אַ שווערען קאַטאַר, און ער האָט איבערגע'חזר'ט:
— פון רײַנע ליעבע ווערסט נישט פעט ווערען.
— האָסט נישט ליעב צו אַרבײַטען.
— ווי אַזוי אַרבײַט איך נישט! איך לעג זיך פיער אַ זייגער, און שטעה אויף אום זיבען — צוזאַמען מיט די ערשטע גימנאַזיסטקע. און דער רעזולטאַט איז — גאָר נישט.
— נישטאָ אין וועמען צו שיסען?
— איך קאָן אַליין נישט פערשטעהן, כ'שיס, און כ'שיס אַ גאַנצען טאָג, און אַז איך קום אַהײַם, און טהו אַ קוק אין יאַגד־טאַש מוז איך שפּײַען פון פערדראָס.
—וואָס! די מענשען האָבען זיך פערענדערט?
דער אָרעמער גאָט'ל פון ליעבע איז אויפגעשפּרונגען אויף די פיס־לעך, און ער האָט אָנגעהויבען צו רעדען אויפגערעגט:

— דאס פאלק איז נישט צו דערקענען! עס זענען פארגעקומען אזעלכע ענדערונגען אין דער קונסט פון ליעבע, אז עס איז א אונגליק!

— אזוי גאר! און איך האב געמיינט, אז מעהר קאנסערוואטיוו ווי די ליעבעס-אנשטאלט איז שוין נישט קיין אינסטיטוציע אויף דער וועלט.

אמאר האט א מאך געטהון מיט די הענדטלעך.

— זאגט נישט אזוי! אלע זכען זיך נייע וועגען.

— נייע וועגען אין דער ליעבע? ! דא, איז דאכט זיך, נאר פארהאנען איין וועג.

— איך האב אליין אויך אזוי געקלערט. ווייזט זיך איצט ארויס, אז איך פערשטעה גאר נישט. נאך מיט א יאהר צוריק האב איך אויסגעצייכענט געוואוסט, פאר וועמען יעדע פייל טויג, ווער עס געהט אויף וועלכע ווענטקע. איך האב געוואוסט, אז א קורסיסטקע פיקט זיך אויף א סטודענט; אויף אבעאמטען האב איך א סוחר'ס א טאכטער.

— און איצט?

— און איצט האט זיך אלעס פערפלאנטערט. די טעג האב איך געוואלט אריינלאזען א פייל, אין דעם הערצעל פון א יונגע גימנאזיסטקע האט זי זיך צולאכט. „לאזט געמאכט, זאגט זי, מאנסיע אמאר, — דאס איז אלט!” און זי האט אפערקלאמירט אוא ליעד, אז איך בין שיער נישט פערברענט געווארען פון חרפה.

אמאר האט זיך פערהוסט. אז דער הוסט איז איבערגעגאנגען, האט ער פארטגעזעצט:

— מיינע פיילען ליעגען בעהאלטען נישט געריהרטערהייט. דערפאר שיסט מען מיר אליין נאך מיט די אויגען. און ווער — מיינט איהר? מענער!

— וואס האסטו זיך, אמאר אויסגעקלערט?

— עהרען-ווארט, איך קלער דאס נישט אוים. כ'געה נעכטען איבער דער גאס, און נאך מיינע טריט געהט אלץ נאך א מאן. אם ענדע האט ער נישט אויסגעהאלטען, איז ער צו מיר צוגעגאנגען און ער האט זיך, זיך געפרעגט: „וואו וואהנסטו יונגעל?” און ער האט מיר אריינגערוקט אין דער האנד אריין זיין וויזיט-קארטע. אויף די קארטע איז אונטער די פאמיליע געווען אונטערגעשריבען: „פאעט-מאדערניסט”. איך בין גלייך פון איהם אנטלאפען.

דער נאטיל איז אנטשוויגען געווארען.

— וואָס קלעטערסטו צו טהון — האָב איך געפרעגט נאָך אַ קלײנע פּױזע. אַמאָל האָט אַ מאַן געטהון מיט די הענדטלעך.

— כ'וויים נישט. כ'קלעטער אַרײַנצוטרעטען אין אַ שאַנטאַן־הויז. דערצו וועל איך אפשר זינגען.

איך האָב געגעבען דעם פערלאָזענעם נאָט פון ליבע אויף טהײַ, ער האָט מיר געדאַנקט און איז אוועק.

דרײַ טעג האָב איך פון איהם גאָרנישט געהערט. אויפ'ן פירטען טאָג, ווען כ'האָב אויפגעעפענט אַ צײַטונג, האָב איך זיך אין די כראָניק פלוצלונג אָנגעשטויסען אויף די פאָלגענדע בעמערקונג:

„נעכטען האָט זיך דורך די אַנישע בריק אַרײַן־געוואָרפען אין טײַך אַרײַן אַ יונגעל אָהן הויזען. אײניגע מענשען האָבען זיך געוואָרפען איהם צו ראַטעווען, נאָר אומזאָנסט. דאָס אונגליקליכע יונגעל האָט מען אַרויס־געשלעפּט פון וואַסער אָהן צײכענס פון לעבען, אין די געפרוירענע הענד האָט ער געהאַלטען אַ פײַל און בויגען. אין דעם דערטרונקענעם יונגעל האָט אײנער פון די פערבײַגעהענדע אַלטיטשקעס דערקענט עפּים אַנ־אַמאָל...

אָרעמער גאָט'ל! דײַנע האָפנונגען אויף אַ פּאָר הײזלעך זענען אויך נישט פערווירקליכט געוואָרען...

איבערזעצט יוכבד

היינריך מאן.

(א קריטישע סקיצע).

אין דער מאדערנער דייטשער ליטעראטור ציהט צו זיך צו אלץ מעהר און מעהר די אויפמערקזאמקייט, די גרויסע ליטערארישע פערזענ־ליכקייט פון היינריך מאן; מיט יעדען נייעם ווערק זיינעם וואכסט אלץ מעהר זיין בעדייטונג, ווערט טיעפער און שטארקער זיין ווירקונג. ס'וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאגען, אז ה. מאן איז איצט די צענטראלע פיגור אין דער דייטשער ליטעראטור. יעדער נייער בוך זיינער — איז א ליטערא־רישע געשעהעניש און ווערט בעגעגענט פון אלעמען מיט א לויב־געזאנג.

היינריך מאן איז נאכ'ן אויסדרוק פון א בעקאנטען דייטשען ליטערא־טור־קענער, „דייטשלאנד'ס אונערוואַרטעטער, צוויבערהאפטער גליקס־צו־פאל". ער איז דער איינציגער פון די אלע, וועלכע שרייבען היינט אין דייטש, וואס האט אויף א אונערהערטען אופן פערווירקליכט דאס עביגע בענקען פון פרידריך ניטשע.

„ווען מיר הערען אויף א ווייַלע מיט א געפיהל פון שאנדע, צו ענט־ציקען זיך מיט די פראכטפאלע בילדער פון דער אלטער קונסט און פער־טיעפען זיך אין זיינע, היינריך מאנ'ס ביכער, זאגט א צווייטער דייטשער קריטיקער און דיכטער, דאן לעבט אויף אין אונז די האפנונג, אז אויך מיר, מענשען פון דער געגענווארט, וועלען עביג לעבען אין די שטאלצע קונסט־שעפּפונגען". דאס ארויסשטעלען היינריך מאנ'ען, אלס אונזער מליץ־יושר פאר די קומענדיגע דורות און פאר'ן משפט פון דער געשיכטע, אלס האפנונג, מיר און אונזער עפאכע זאלען אונשטערבליך בלייבען, האט נישט נאר א חראנאלאגישען גרונד, אין דעם פאקט, וואס מאן לעבט אין אונזער צייט. ניין. ה. מאן איז אויסער דעם מעהר פון אלע אנדערע מאדערנע שרייבער ארגאניש פערבונדען מיט אונזער צייט; קיינער אויסער איהם, האט נישט אזוי אויספיהרליך און פאלקאם אבגעשפיגעלט אין זיינע שעפּפונגען דעם אינהאלט און דעם טראגיזם פון דער מאדערנער נשמה. און דערביי איז מערקווירדיג, אז ה. מאן פערנעהמט זיך זעלטען מיט'ן

בעשרײַבונג פון דער סביבה, פון דער מאַסע, אָדער דעם מיטעלמעסיגען פאַרשטעהער פונ׳ם הײַנטיגען מענשען: זײַנע העלדען זענען שטענדיג — אונגעוועהנליכע, אויסגעצײַכענטע, זײ טרעטען אויף הויכע בערג, וועלכע זענען צופעליג נאָר פאַר ווייניגע. נאָר דיזע אונגעוועהנליכע מענשען זענען ערשט איצט געקומען, זײ זענען קינדער פון אונזער צײַט, זײַנע דרײסטע, עדעלע און ערהאַבענע פאַרשטעהער. אָט זײ זענען שטענדיג די בעליעבטע העלדען פון ה. מאַן׳ס שעפּפונגען.

דער אינטערעס און אויפמערקזאַמקײַט צו ה. מאַנ׳ען ערקלערט זיך אויך דערמיט — וואָס ער איז דער איינציגער, צווישען די נישט פילע, גרויסע פּראָזאַאיקער און בעלעטריסטען פון אונזער צײַט. אונזער צײַט, דער צוואַנציגסטער יאָהרהונדערט, צײכענט זיך אויס דערוויל מיט זײַנע דיכטער און דראַמאַטורגען, ראָמאַניסטען, אָבער ווי עס האָט געהאַט אין נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט רוסלאַנד און פראַנקרײַך, זענען איצט נישטאָ.

הײנריך מאַן איז איינער פון די זעלטענסטע ראָמאַן־שרײַבער; ער איז דער אידעעלער פאַרשטעהער פון דיזער פערוויקעלטסטער און פילזײַטיגער פאָרם פונ׳ם מענשליכען שאַפען. די פאָרם פון ראָמאַן איז נישט בעריך ברײטער און גרעסער פאַר דער ליריק, און אין דערזעלבער צײַט ענטהאַלט זי אי ליריק, אי דעם פערזענליך־איינען־אַרט, וועלכע זענען נישט מעגליך אין דער דראַמע.

הײנריך מאַן׳ס ערשטער, נישט גרויסער בוך — „דאָס וואונדער־באַרע“ איז ערשינען מיט דרײַצעהן יאָהר צוריק. אין דיזען זאַמעלבוך, פון ווייניג מײסטערהאַפט אָנגעשריבענע ערצעהלונגען, איז שווער צו דערקענען אַ גרויסען טאַלאַנט; נאָר זעלטען קען מען פאָראויסזעהן דאָרטען דעם קומענדען גרויסאַרטיגען סטיליסט. דעם מײסטערהאַפטען פסיכאָלאָג, איינעם פון די בילד־רײַכסטע און פאַנטאַסטישע דיכטער פון אונזער צײַט.

זײַנע פאָלגענדע ווערק, די ראָמאַנען — „אין שלאַראַפענלאַנד“ און — „פּראָפעסאָר אונראַט, אָדער די ענדע פון אַ טיראַן“, טראָגען אַ אויסגעשפּראָכענעם סאַטירישען כאַראַקטער. צו דיזען אַרט שאַפען האָט ה. מאַן געהאַט אַ שטאַרקע נײַגונג אין אָנפאַנג פון זײַן ליטעראַרישער קאַריערע; זײַן בערוף אויף דיזען געביט איז אָבער געוועזען אַ צווײפעלהאַפטער. אָפט־מאָל נעמט בײַ איהם אָן די סאַטירע דעם געשטאַלט פון קאַריקאַטור.

נאָר זײַן קומענדעס ווערק, די טרילאָגיע: „די געטינס, אָדער די דרײַ ראָמאַנען פון דער הערצאָגין פאָן אסי“ איז שוין אין פילע הינזיכטען

אַ וועלטענעס ווערק. די טרילאָגיע איז באַשטאַנען צום אָנהייב פון דרײַ באַזונדערע ביכער און דערנאָך אין איין בוך, וועלכער ענטהאַלט מער פון טויזענט זײַטן. דאָס איז אַ גרויסאַרטיגעס, מאָנומענטאַלעס ווערק. ווי נאָך זײַן רעיון נאָך, אַזוי אויך מיט זײַן אויספילען; דיזער בוך איז פול ענטציקנדער פאַנטאַזיע, מיט באַשרײַבונגען פון אומגעוויינלעכער פּראַכט און געניאַלען דרײַסט.

דער ערשטער טייל פון דער טרילאָגיע, דער ערשטער ראָמאַן פון דער הערצאָגיניע, טראָגט דעם נאָמען — „דיאַנאַ". די יונגע, פּראַכטפּאַלע הערצאָגיניע וויאָלאַנטאַ אַסי, די לעצטע פאָרשטעהערין פון איהר אַלטען, שטאָלצען דור, שטעלט פאָר מיט זיך דיאַנען, איהר ליידענשאַפט — איז פרײַהייט; זי האַסט די ליבע, זי יאָגט זיך נאָך כבוד, און אין איהר גליהט אַ טרוימערישער דרײַסט. זי איז די הויפּט-פיהרערין פון אַ רעוואָלוציאָנערער אונטערנעהמונג, זי איז אַרומגערינגעלט מיט רעוואָלוציאָנערען, פאָלקס-טריבונען, און גרויסע פאָלקס-מענגען, וועלכע פערגעטערן זי. דער רעוואָלוציאָנערער פּלאַן גיט זיך נישט איין, אויף אַ איינזאַמער שיף אַנטלויפט זי אין איטאַליען, כדי אין גרויסען אונזין, פאָרטזעטצען ווײַטער איהר אַרבייט.

אין גיכען, אָבער, הויבט זיך אָן די ווירקונג פון אַ נײַער געטין — מינערווע, וועלכע פערפעסטיגט, נישט קענטיגערהייט, איהר הערשאַפט און מאַכט. די הערצאָגיניע, וועלכע גיט זיך אָב יעדער זאַך ביז'ן סוף און בלייבט טרײַ דער געהיימער מאַכט פון איהרע חלומות און טרוימען — ווערט — אַ מינערווע. איהר גאַנצער לעבען איצט — איז אַ באַגײַסטערטע, ביז משוגעת, דינענסט דער קונסט און דער שעהנהייט. איהרע מיליאָנען-רײַכטהימער פערשווענדעט זי אויף דעם אונזיניגען לוקסוס פון איהרע פּאַלעסטער, אויף דער מאַרמאָר-פּאָעזיע פון איהרע סאַלאָנען, זי איז אַרומגערינגעלט מיט קינסטלער און דיכטער; אַלע, וועלכע האָבען זיך דער קונסט אָבגעגעבען זענען צווישען איהרע מקורבים. די פּראַכטפאָל-בילדליכע זײַטלעך פונ'ם ראָמאַן עפענען פאַר אונז די וועלט פון איהר אויסגעטרוימטער פאַנטאַזיע, איהרע באַגײַסטערטע פּאַלעסטער, סאַלאָנען און איהרע וואונדערבאַרע רײַזעס.

נאָר אָט וואַכסט שוין אויף די מאַכט פון אַ נײַער געטין, און בײַ דעם בעט פון דעם נאַר וואָס געשטאָרבענעם העלד, איהר ערשטען פרײַ-ליעביגען ראָמאַן, פערוואַנדעלט זיך די הערצאָגיניע אין אַ ווענערע.

מיט זיין אינלאָזען דרייסט און בעגייסטערטער ווילדקייט שטעלט פאָר מיט זיך אָט דער לעצטער ראָמאַן עטוואָס גאָר בעזאָנדערעס, אונגעוועהנליכעס. די הערצאָגיניע ווערט אַ ווילדע דיענערין און קנעכט פון איהרע ליידענשאַפטען, און דערגרייכט אין איהר אויסגעלאַסענהייט ביז אונמעגליכעס גראַנדיעזעס. מיט דער גרויסאַרטיגער און פראַכטפאָלער סצענע פון איהר טוידט פערענדיגט זיך דאָס בוך.

דער ראָמאַן איז נישט אָהן פעהלערן, אַזוי בעמערקט זיך נאָך אין ערשטען טייל זיין נטיה צו סאַטירע, וועלכע פערוואַנדעלט זיך סוף כל סוף אין אַ קאַריקאַטור. ער איז אויך ערטערווייז צו-פיעל צוגאַנגען, אין איהם זענען מעהר בולט די בעשרייבונגען פון וואָס עס ליידט די פּסיכאָלאָגישע טיעפקייט פון די שילדערונגען. אַ בעדייטענדער פעהלער אין ראָמאַן איז זיין קאָשמאַרנער, חיאָטישער חאַראַקטער, וואָס דריקט זיך אויס אין דעם, וואָס די פאַנטאַסטישע עפּיזאָדען, צופעלע, זענען נישט האַרמאָניש אַנגעוואָרפען איינער אויפ'ן צווייטען.

פרידריך העבעל האָט געפאָדערט פון דער דראַמע זי זאָל געבויט זיין לויט די געזעצען פון דער פּסיכאָלאָגישער נויטווענדיגקייט און לאָגישער אויסגעהאַלטענקייט נישט ווייניגער, אַלס יעדע ריין לאָגישע סיסטעם. דיזע פאָדערונגען מוז מען אויך שטעלען דעם ראָמאַן. און דאָס פעהלט טאַקי, טיילווייז, אין דעם ערשטען ראָמאַן פון היינריך מאַן.

זיין פאָלגענדער ראָמאַן, „די יאַגד נאָך ליעבע" צייכענט זיך נישט אויס מיט זיין אויסערן גלאַנץ און גרויסקייט, דערפאַר איז ער, אָבער, פיעל טיעפער פאַר די פריהערדיגע מאַנ'ס ווערק, דאָ האָט זיין טאַלאַנט דערגרייכט זיין פאָלקאָמע ענטוויקלונג. די שפּראַך זיינע איז אַ אונפערגלייכליכע, אַ אָנגעשטרענגטע, אַ פערשאַרפטע, זי ציטערט פונ'ם איבערפלוס פון די כחות און דער בוך איז רייך מיט פייערדיגער בעשרייבונגס-קראַפט און אונגעוועהנליכען דרייסט, און גלייך מיט דעם זענען אינ'ם בוך מיט אַ וואונדערבאַרער טיעפקייט אַוועקגעשטעלט געוואָרען די פּראָבלעמען, צו וועלכע היינריך מאַן קעהרט זיך נישט איין מאָל אום אין זיינע קומענדע ווערק. די ערשטע פּראָבלעם דאָס איז די אונאייניגקייט, דער היפוך צווישען קונסט און לעבען, דאָס איז די טראַגעדיע פונ'ם קינסטלער, ביי וועמען די ליידענשאַפט צו קונסט הרג'עט אַוועק די פעהיגקייט צו לעבען אויסער דער קונסט, צו יעדען לעבעדיגען געפיהל; דאָס איז די מוראדיגע אַליין-הערשאַפט פון דער קונסט, וועלכע בעגנוגט זיך נישט מיט קיינע אָפּפער. און גלייך מיט דעם זענען היינריך מאַנ'ס געליעבטע טעמען: דאָס שטענדיגע צונויפפלעכטען פונ'ם שפּיעל

און לעבען, דער הייסער דורשט נאָך ליבע און אין דערזועלבער צײַט די אונמעגליכקײַט, זיך אָהן חשבון איהר אָבגעבען מיט דער גאַנצער, שעהנער קראַפט פון דער לײַדענשאַפט אין׳ם געשטאַלט פון אוטי, בעשאַפט מאַן אַ טיעפען טיפּוס פון אַ אונבּרחמנות׳דיגער, צו זיך און צו אַנדערע, קונסט־דינערין, וועלכע אָפּפערט מיט אַלץ צוליעב דער קונסט, זאָגט זיך אָב פון פערזענליכען לעבען און גליק. דער ראָמאַן איבערראַשט מיט דער אינגעוועהנליכער שליטה פונ׳ם קינסטלער איבער די מענשליכע נשמות און מיט זײַן דורכדרינגענדער פּסיכאָלאָגישער טיעפקײַט.

איינער פון מאַנ׳ס לעצטע ראָמאַנען — „צווישען די ראַסען" צייכענט זיך שוין ווייניגער אוים. זײַן גרונד־אידעע — איז די טראַגישע לאַגע פון דער מענשליכער נשמה, וועלכע איז פערוואָרפען „צווישען ראַסען" און געהערט צו קיין נאַציאָן נישט, וועלכע איז אומעטום פרעמד און האָט ערגיץ קיין פאַטערלאַנד נישט. דער סיזשעט פון ראָמאַן — איז די ראַסען מלחמה אין דער נשמה פון אַזאַ מענשען, אַ האַלב־בראַזיליאַנערין — אַ האַלב־דײַטשקע לאָלאָ. צוויי מענער פון פערשיעדענע ראַסען ראַנגלען זיך צווישען זיך כּדי דערשלאָגען זיך איהר ליעבע. אומזיסט זוכט זי איהר גײַסטיגען היים אין יעדען פון זיי און זי שטויסט זיך אָן אויף וויפיעל עס איז נאָך שטאַרק אין דער נשמה פונ׳ם הײַנטיגען מענשען די פינסטערע און טראַגישע מאַכט פון ראַסען־אונטערשיעד. דער ראָמאַן איז רײַך מיט אויסגעצייכענטע ליעבעס־דיאַלאָגען, גלענצענדע לײַדענשאַפטס־שילדערונגען, נאָר דאָך לײַדט ער איבער זײַן צוציגענהײַט און ערטער ווײַז אויך אונטעניגקײַט.

פון מאַנ׳ס די קלענערע ביכער צייכענט זיך בעזונדער אוים „מנאַים און דזינעבראַ" — צוויי מײַסטערהאַפט אָנגעשריבענע לעגענדען. בעזונדער טיעף און קינסטלעריש פאָלקאָם איז „מנאַים", אין וועלכע יעדע פראַזע כמעט איז אַ געשליפענער, רײַכפאַרביגער דימאַנט, אַ אונבעגרײַפליכע פאָעמע.

אויסגעצייכענט איז זײַן פּסיכאָלאָגישער עטיוד — „די שוי־שפּילערין"; אינטערעסאַנט אויך איז זײַן ערצעהלונג „אַ פרײַנדשאַפט", וועלכע איז געווידמעט דער פרײַנדשאַפט פון פלאָבער׳ן און זשאָרז זאַנד. מאַן ווײַזט דאָ אַרויס אַ טיעפען און אָריגינעלען פערשטעהן פונ׳ם שרײַבער, וועלכער האָט אָהן אַ צווייפעל געהאַט אויף איהם אַ גרויסע ווירקונג.

דער לעצטער בוך פון הײנריך מאַן, — „די בעזע" ווײס גאָר זײַן גלײַכען נישט. דער הויפּט נעגיאַל איז די ערצעהלונג „בראַנציליא". דער

טיפּוס פון אוטי, טײַלוויַיז פון דער הערצאָגיניע אַסי, איז דאָ דערפיהרט געוואָרען ביז זײַן לעצטער טיעפקײַט און גלאַנץ. דאָ ווערט געשילדערט דער גאַנצער לעבען פון אַ גרויסער זינגערין אַדעלאַידע בראַנצילאַ, און דיזער גאַנצער לעבען — איז אַ מאַרטירערטום און פּײַן צוליעב דער קונסט. קײַן זאַך האַלט איהר נישט אָב אויף צו דינען דער קונסט: זאָל עס זײַן אַ פעררעט, אָדער אפילו דער מאָרד. און אפילו בײַ דער לעצטער סצענע, ווען בראַנצילאַ איז שוין אַ האַלב-משוגענע, אַ בעזע און קאַרגע אַלטע, אַפילו דאַן איז אונמעגליך נישט צו זאָגען אויף איהר: הײַליגע. דאָס איז אַ ווירקליכע שזאַנאַ-דע-אַרק פון דער קונסט, און דער גאַנצער ראָמאַן — איז אפשר דאָס טיעפסטע, וואָס איז וועגען דער קונסט געזאָגט געוואָרען.

פון זײַנע אַנדערע ווערק ציהט צו זיך אַלערערשטענס צו די אויפמערקזאַמקײַט „פּיפּאָ ספּאַנאָ“. דאָס איז אַ ווערק פון אַ אונגעוועהנליכער בילדער-קראַפט, דורכדריגענדער טיעפקײַט און פײַנקײַט. דאָ האָבען מיר ווידער אַ דראַמע פון אַ קינסטלער, נאָר נישט פון דעם אַרט, ווי בראַנצילאַ, וועלכע ווייסט נישט פון קײַנע וואַקלונגען אין איהר דינסט דער קונסט. ניין. דאָ איז פאַר אונז אַ קינסטלער, וועלכער בעגרײַפט שמערצליך זײַן אונפעהיגקײַט צו אַ אונמיטעלבאַרען, געזונדטען און גאַנצען לעבען; ער לײַדט פון דעם, וואָס ער איז שטענדיג און אומעטום נאָר — אַ קאָמעדיאַנט און בעאָבאַכטער. דער העלד פון'ם ראָמאַן, דער דיכטער מאַריאָ מאַילוואָילטאָ רײַסט זיך צום ווירקליכען, אונמיטעלבאַרען לעבען, ער בענקט נאָך קראַפט, ער בעגעהרט אַ מעכטיגער קעמפּפער צו זײַן, ווי פּיפּאָ ספּאַנאָ, וועמען'ס בילד עס הענגט בײַ איהם אין צימער, אָדער ווי די העלדישע מײדעל, וועלכע ליעבט דעם דיכטער. נאָך זײַן אויסשעפּפבאַרער, אונערבאַרמדיגער טיעפקײַט קען „פּיפּאָ ספּאַנאָ“ אין איין רײַהע שטײן מיט „בראַנצילאַ“.

ס'וועט נישט איבריג זײַן צו בעמערקען, אַז אַלס מאָדעל פאַר'ן בעריהמטען איטאַליענישען שריפטשטעלער מאַילוואָילטאָ, וועלכער איז געליעבט פון דער גרויסער טראַגישער אַרטיסטין, און וועלכער שילדערט אין זײַנע ווערק שטאַרקע און מעכטיגע פּערזאָנען, צוליעב זײַן האַס צו זײַן איינענער שוואַכקײַט — אַלס מאָדעל פאַר דיזען טיפּוס האָט היינריך מאַנ'ען געדינט דער בעקאַנטער איטאַליענישער דיכטער גאַבריעל ד'אַנונציאָ.

זײַן קורצע, פולע מיט אָנגעשטרענגטער קראַפט ערצעהלונג: „דער

מינוטען-קורצער ראָמאַן" איז אויך אַ וואַהרע מייכטערשטיק.

דאָ נישט לאַנג (איינינע מאָנאַטען צוריק) איז ערשינען היינריך מאַנ'ס לעצטער ראָמאַן — „די קליינע שטאָדט". דאָס איז אַ טעאַטער-ראָמאַן, ער קומט פאָר אין אַ שטעדטעל פון איטאַליען. קיין ווערק פון היינריך מאַן ביז אַהער האָט נישט אַרויסגערופען אַזאַ איינשטימיגע בעוואונדערונג און לויב פון דער קריטיק.

אַ הימעל פון גייסט און גוטס שענקט אונז „די קליינע שטאָדט". קיינמאָל איז נאָך היינריך מאַן אַזוי הויך נישט געשטאַנען איבער די מענשען, און אַזוי עניוות'דיג געקניעט פאַר דאָס מענשליכע, ווען זי ווייזט זיך אַרויס אַפילו ביי דעם קלענסטען פון זיינע ברידער. פול מיט עהרפורכט גריסט ער דאָס פאָלק. די מיט בלוט-פליסענדע קלוגהייט פון אַלפרעד מאָמבערט רעדט פון דעם בוך: „אַלץ, אַלץ, וואָס איז אין דיזשער טיעפעניש, טהוט זיך און קאָכט זיך, איז גוט; ווייל דאָס איז מיין גייסט און מיין בלוט". דאָס איז אַ בוך פון אַ קינסטלער, וועלכער שטעהט שוין העכער פון יעדער פעראַנטוואָרטליכקייט, וועמענס קונסט איז שוין קוים בעגרייפליך פאַר דער היינטיגער דייטשלאַנד. דאָס בוך האָט געשאַפען און ערלעדיגט דעם פסיחאָלאָגיש-עסטעטישען ראָמאַן פון דער געגענוואַרט.

די אַרחיטעקטור פון דיזען דורכאויס מוזיקאַלישען בוך איז גלייך צו בעוואונדערן, ווי זיין סטיל, וועלכער שטייגט איבער אַלץ וועגען וואָס מיר האָבען ביז אַהער אַ אַהנונג געהאַט, וואָס מיר האָבען ביז אַהער עמיק גערופען. דאָ איז אַווירקליכע סימפאָניע אין וועלכער עס נעהמען אַנטהייל מענשען און פאָלק, טהאַטען, ווערטער און הערצער...

דער סטיל פונ'ם בוך איז פון זיין גייסט געבאָרען!

דאָס בוך איז, ווי קיין אַנדערעס זיין גלייכען, בעשטימט אויף אַ פאָלק צו ווירקען. דאָס איז אַ קולטור-טהאַט פון דער ערשטער מדרגה און וויכטיגקייט. ווען עס וואָלט היינט נישט נאָר דעם לעזער געפינען — נאָר אויך דעם פעהיגען צום טהאַט מענשען!...

איבערזעצט א-ק.

יאָנאַס לי.

די חוואליע.

(אַ מעשה'לע).

אַמאָל האָט בײַ'ם ברעג פון ים, בײַ אײן אלטע פּאָר שיפּער-לײַט אַ יונגלינג געוואוינט. ווען ער איז נאָך קלײן געווען, איז ער מיט אַ צובראָכענער שיף געקומען אהין.

קײנער האָט נישט געוואוסט פון וועלכען לאנד ער איז. און ווען ער איז גרויס געוואָרען, איז ער געווען זעהר שײן פון געשטאַלט; אַ שלאַנקער מיט אַ בלײך געזיכט און גליהענדע, שווארצע אויגען, אזוי וואונדערבאַר שײן, דאָס אַלע האָבען זיך געקלערט, אז ער מוז פון אַ שײנער משפחה ארויסשטאַמען.

אַם מײנסטען האָט ער ליעב געהאַט צו ליעגען אין דרויסען אויפ'ן ברעג און קוקען אהין אין ווײַטען, ווײַטען ים ארוים, וואו געוויינט האָבען זיך בערג-חוואליעס נאָך בערג-חוואליעס, וועלען-קאַמען נאָך וועלען-קאַמען.

קײנמאָל איז ער נישט מיעד געוואָרען קוקענדיג אויפ'ן ווײַטען, ברײַטען שטח צווישען הימעל און ים און זעהן, ווי גלאַנצענדיגע חוואליעס שפּיעלען זיך, שטײַגען און זינקען.

ער פלעגט זיך נישט קענען פריהער בערוהיגען, ביז אַ ווײַסע חוואליע האָט זיך אויפגעהויבען הויך איבער דער צווײַטער! ענדערנדיג אַלע רגע איהר אויסזעהן: דאָ אזוי און דאָ אַזוי.

און געוואוסט האָט ער, אז זי מוז קומען.

דאָ האָט איהר ברײַטער, ווײַסער שנײ-שפּיץ קענען דער זון געגלאַנצט, דאָ האָט זי זיך ווילד-שטיפּעריש צושפּריצענדיג צום הימעל געשטרעבט און צולאַכענדיג, און גלאַנצענדיג, אהין צום האָריזאָנט געאײַלט. זי האָט זיך פערוואנדעלט אין געשטאַלטען אַ צאָהל — איהם האָט זי אַ גרוס געבראַכט.

און ווען אין פריהלינג זענען געקומען די גרויסע גענז און אין הערבסט צוריק אוועקגעפלויגען איז ער קיינמאל נישט מיד געוואָרען צו שטעהן אין דרויסען און נאָכקוקען זיי און פרעגען זיך: וואוהין זענען זיי אוועק־געפלויגען?

און איינמאָל אין אָבענד, ווען ער איז געזעסען אויפ'ן ברעג פון ים, האָט זיך אַ חוואַליע אויפגעהויבען הויך, איינמאָל, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל, זיך געטורעמט אַלץ העכער און העכער, צום הימעל געשטי־גען און געשטיגען, ביז זי האָט איהר שנײַ־קאַם, ווי אַ ווײַסע פונקעלדיגע און גלאַנצענדיגע וואַנד, איבערן ברעג־שפּיץ אויפגעהויבען.

ער האָט קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדען, בעת די חוואַליע האָט זיך צו איהם אַ הויב־געטהון.

און פון דער חוואַליע איז אַ מיידעל מיט אַ ווילדען אויסזעהן אַרויס־געשפּרונגען. איהרע אויגען האָבען געלויכטען פון פרעהליכקייט און דרייסט־קייט. מיט איין זעטץ האָט זי זיך אוועקגעזעצט אויף זיינע קניען, איהם אַרומגעשלאַנגט מיט איהרע אָרעמס און האָט פרעהליך צו איהם דורכ'ן ברויזען געשריגען:

— איך הייס „חוואַליע” און בין די עביגע אונרוהיגקייט!

„קיינמאָל פאַנגסטו מיך נישט! און מיך צווישען די מיידלעך דערקענען, איז אַזוי שווער, ווי אַ חוואַליע צווישען חוואַליעס.

„אָבער אין דיין געדאַנק וועל איך אויפשווימען, און דאָס גאַנצע בענקשאַפט דיינס און דיין ליעבע זאָל פון ערשט אָן ווערען אָהן אַ נאָמען און אָהן אַ ברעג, ווייל דו האָסט אין דיין שוים די „חוואַליע” געהאַט”, — האָט זי אַרויפגעזונגען דורך דער ווייסער שוים־וואַנד, בעת זי איז צוריק אין ברויזען פערשוואונדען.

און פון יענער מינוט אָן האָט ער זי געזוכט און געבענקט נאָך איהר און געגלויבט האָט ער, אַז ער וועט זי צווישען טויזענדער און צעהנער־טויזענדער דערקענען.

ווען ער האָט דערנאָך אין קירך געזעהן די ווייסע הויבען פון די מיידלעך זיך בעוועגענדיג, ווי רייהען חוואַליעס, האָט ער, פערביינגעהענ־דיג אַריינגעקוקט אין זייערע פערבאָרגענע און שמייכעלדיגע אויגען, בשעת זייערע באַקען האָבען זיך גערויטיגט.

אָבער קיינע פון זיי האָט נישט געהאַט אַזעלכע אויגען, ווי זי, די אויגען, וואָס האָבען געלויכטען, ווי די זון אין ווייסען שוים איבער'ן

גרינעם, ווילדען ים און האָבען געבליצט אַרויסשטראַהלענדיג, ווי פון געהיימניספולע טיעפעניישען.

און ווען די מיידלעך מיט די קורצע העמד-אַרבעל האָבען אין פעלד צונויפגעשאַרט דאָס היי און עס אין וואָגען אַריין-געוואָרפען, די פּנים'ער פערברענט פון דער זון, זיי האָבען געלאַכט, געשטיפט איינער מיט דער צווייטער, ווינקענדיג, אַז ער קוקט אויף זיי פון וואָגען אַראָב, האָט דאַן זיין האַרץ געקלאַפּט, זיינע אויגען האָבען, ווי פינסטערע פלאַמען געברענט. ער האָט זיך געטראַכט צי איז נישט יענע די „חוואַליע" וועלכע לאַכט צום ווילדסטען פון אַלע און וואַרפט זיך אויסגעלאַסענער פון אַלע אויפ'ן היי.

אָבער באַלד, ווי זיין בליק האָט נאָר איהר בליק בעגעגענט, האָט זיך זיין מיין געטוישט. דאָס דאָזיגע שרעקעדיגע, שעמעוודיגע שטיפען איז נישט געווען ענהליך צו יענער שטורמישער אויסלאַכען און דרייסטקייט פון דער „חוואַליע".

הערבסט-צייט, ווען די יוגענד איז געגאַנגען אין פרעהליכע שאַרען רייסען ניס, און די שלאַנקע, בויגעדיגע קערפּערס מיט די פרעהליכע פּנים'ער פון די מיידלעך האָבען זיך בעוויזען און פערשוואונדען צווישען די קוסטען, זעלטזאַמע בליקען האָבען דורך די בלעטער געשימערט, נאָר זיי אַלע האָבען אין זיינע אויגען אויסגעזעהן, ווי היימישע פויגעל מיט אונטערגעשניטענע פליגעל געגען יענער, וואָס האָט זיך אויפ'ן ים אַלץ אין נייע, פערכישופטע טענץ געדרעהט...

און אין שטורמדיגען ווינטער, ווען די מעווען און אַלע פויגעל האָבען זיך געטראָגען מחנות-ווייז הינטער'ן הימעל מיט אַ געשריי, און די געפאַנגענע פיש זענען געוואָרען אויסגעלאָרען פון נעץ, ווי שטיקער בלאַנקע זילבער, בשעת אַנטען האָבען די מיידלעך אויף דער גיך זיי מיט די מעסערס אָבגעשאָבען — אויך דאַמאָלס האָט ער זי געזוכט נישט מיעד דערענדיג טאָג און נאַכט און געטראַכט האָט ער אפשר געפינט זי זיך נאָהנט פון איהם.

און דאָרט, וואו דאָס אויסגעלאַסענע לאַכען האָט צום פרייעסטען געקלונגען און די צונגען האָבען שעהנערע און פרעהליכערע וויצען אין דער לופט אַרויסגעוואָרפען, האָט ער געגלויבט, אַז אין זייער ווילדען בליק און מינע וועט ער ענטדעקען דעם געזאַלצענעם ים-גלאַנץ פון דער „חוואַליע".

אָבער פון דער אונרוהיגקייט, וואָס איז געווען אָהן אַ נאָמען און אָהן אַ ברעג, האָבען זיי קיינער נאָרנישט געוואוסט און איבער זיין בענק-

שאפט האבען זיי זיך נאר אלע מיט א געשריי אומגעדרעהט, ווי קליינע, גיכע, הונגעריגע מעווען איבער'ן גרויסען, אונרוהיגען ים.

וויפיעל ער האט געזוכט און געקוקט, פערשיעדען-ארטיג געפרובט די געפענטעטע נשמה פון דער פרוי — האט ער דאך קיינמאל נישט גע־פונען די, וואס האט איהם אזוי געצויגען אין דער אונענדליכער ווייטקייט מיט איהר אונצעהליגער פארבען-פראכט.

און ער האט די מענשען פערלאזען אוועק ווייט, ווייט אויפ'ן איינזאמען וועג פון ים, וואו דער שיף-קאנט לאזט נאך זיך קיין שפור נישט איבער.

דארט, ווייט, וואו אלץ איז געווען מיט א גוואלדיגען גלאנץ בע־לויכטען, האט ער געוואַרט, ווי אויף „א ראנדעוואו" בשעת דער ים האט שוימענדע, געבראכענע חוואליעס צו איהם געשיקט און זיך מיט'ן לעבען, ווי מיט א קינדער-שפיעלכעל געשפיעלט.

און ווען ער האט זיך געלאזען מיט א קליינעם זעגעל-שיפעל אין אונענדליכען גרויסען ים אריין צווישען שטורמישע בערג-חוואליעס, האט איהם די ווילדע שטים פון „חוואליע" דורכ'ן ווייסען שוים-וואנד א בשורה אנגעזאגט פון ליעבע און בענקשאפט אהן א נאמען און אהן א ברעג.

איבערזעצט פ—ר.

הײנריך הײנע.

„בוך דער ליעדער".

לירישעם אינטערמעצא.

I.

אין וואונדערשעהנעם חדש מאי,
ווען אלע בוימער בליהען,
האט אנגעפאנגען אין מײן הארץ
די ליעבע אויפצוגליהען.

אין וואונדערשענעם חדש מאי,
ווען ס'הערט זיך פויגעל־קלאנגען
דאן האב איך מודה איהר געווען
מיין בענקען און פערלאנגען.

II.

איך האב דיין פנים, שעהן און מילד
געזעהן ביי־נאכט אין טרוימען־בילד,
ווי ליעב עס איז און ריין פון האס!
און דאך ווי בלאס, ווי שמערצליך בלאס!

און נאר די ליפען וענען רויט;
באלד אבער קושט זיי בלאס דער טויט.
דאס הימעלס־ליכט פערלעשט זיך באלד,
וואס פון די פרומע אויגען שטראהלט.

III.

א בחור ליעבט א מיידעל,
זי קלויבט א צווייטען אויס;
דער צווייטער ליעבט אנ'אנדערע,
און כאפט זי גיכער אויס.

דאס מיידעל פון גרוים ערגער
ווארט נאר שוין מעהר נישט לאנג,
זי נעהמט זיך גיך א חתן;
דעם בחור טהוט עס באנג.

עס איז אנ'אלטע מעשה,
דאך בלייבט זי עביג ניי;
און וועמען זי פאסירט נאר,
דעם ברעכט דאס הארץ אין צוויי.

איבערזעצט לעאן קושמאן.

(ענדע פֿון פֿיערונגצוואַנציגסטן העפֿט).

אײנעם נאָמען איבערגעמאַכט װערען. אויף נאָכמיטאָג האָבען זײ זיך אָבגעשטערט צוזאַמען צו קומען בײַ דעם יוסטיץ-ראַט, װאָס איז אָטאָ'ס אַפּוטראָפּוס און דאָרט זאָלען זײ זיך בײדע אָבשרײַבען און מאַכען אַ קאָנטראַקט. — אויפגערעגט פֿאַר שמחה האָבען זיך די בײדע דאַמען געזעגענט, בײדע זענען געװען זעהר צופֿרידען און בײדע האָבען געפֿיהלט אַ געװיסע סימפּאַטיע אײנע צו די אַנדערע. אַרױסגעהענדיג אויף דער גאַס איז אַננאַ אַ װײַלע שטעהן געבליבען, האָט בעטראַכט די פֿאָרנעהמע גאַס, די שעהנע געשמאַקפֿולע אויסלאַגע אין דעם שױ-פֿענסטער און האָט אָבגעאָטהעמט טיעף און בעפֿרידיגט. זי איז מיט אָטאָ'ן אַהײם געפֿאָהרען, און שױן ניט געגאַנגען צו פֿוס, כּדי זי זאָל קומען בעצײַטענס צו מיטאָג.

די שנעװינדס זענען ערשטױנט געװאָרען, װען אַננאַ האָט זײ דערצעהלט פֿון איהר נײַע אונטערנעהמונג און האָבען עס גאָרנישט געװאָלט גלױבען, און אַז אַננאַ האָט זײ פֿערזיכערט, אַז די זאַך איז בײַ איהר פֿעסט בעשלאָסען, האָבען זײ שטאַרק מורא געהאַט, אַז אַננאַ זאָל דאָ נישט אַרײַנפֿאַלען, מען זאָל איהר אָקאָרשט נישט בעשװינדלען; ערשט נאָך דעם, װי אַננאַ האָט זײ מיט ציפֿערן בעװיזען קלאָר און דײַטליך, אַז דאָס איז אַ גוט געשעפֿט, האָבען זײ זיך בערוהיגט, און װען אַננאַ האָט שפּעטער װי אַ קלײן קינד געטאַנצט פֿאַר פֿרײד, װאָס זי װערט אַ מענש פֿאַר זיך און װעט שױן נישט בעדאַרפֿען זײַן אַ פֿערקױפֿטע בײַ יענעם, האָבען די גוטהערציגע מענשען מיט איהר מיטגעטאַנצט און האָבען זיך געשעצט גליקליך, װאָס װאָהנענדיג בײַ זײ איז אַננאַ אַזױ בעגליקט געװאָרען, אַז זײער װאָהנונג איז פֿאַר אַננאַ'ן מזל'דיג און האָבען איהר אָנגעװאונשען ברכות צו איהר נײַעם װענדונג אין לעבען. — אין צװײ טעג שפּעטער איז אַננאַ אין איהר נײַעם בערוף שױן געװען גאַנץ הײמיש. זי האָט זיך געפֿרעהט מיט איהר זעלבסט-שטענדיגקײט און די רוהיגקײט װאָס דאָ האָט געהערשט. בײַ בלום אין געשעפֿט האָט זי געלעבט אין אַ שטענדיגען טומעל צװישען אַ גרױסען פּערסאָנאַל. דאָ איז זי אַלײן די בעל הבית'טע. נישט מעהר װאָס די פֿאָרטיער-פֿרױ האָט יעדען פֿריה-מאָרגען אױפֿגערױמט דאָס געװעלב. עס זענען געקומען רײַזענדער פֿון די פֿאַבריקען, פֿון װעלכע זי האָט איהרע סחורה בעצױגען און זי האָט זיך מיט זײ בעשעפֿטיגט זעהר געשװינד גאָר װי אַן אַלטער לאַנג-פּראַקטיקירטער קױפֿמאַן פֿון זײַ אָבגעפֿאַרטיגט. —

דעם גאַנצען טאָג האָט זי געהאַט צו טהון מיט די קונדען, װאָס

צײַט עס האָבען זיך אָנגעהויבען אין דעם געגענד צו בויען נײַע גאַסען און באַהן־ליניעס, איז זייער צאָהל אונגעהויער געשווינד געוואַקסען. איהר געשעפט איז דערווײַל געוועזען דער איינציגער אין דער גאַנצער געגענד, פאַר קיין קאָנקורענציע האָט זי נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבען, אויף אַלץ איז געווען פעסט־געזעצטע פּרײַזען און די פערדיענסטען זענען געוועזען זעהר גוטע. די קינדער האָבען דערוואַקסענדיג אננאַ'ן — פאַר זיי אַן'אומבעקאַנטע פרוי — געפרעגט וואו עס איז די פריהערדיגע בעל הבית'טע, אננא האָט געמוזט ענטפערן, ערקלערן און אַזויערנאָך זיך אַרײַנגעלאָזען מיט די קינדער אין אַ געשפּרעך. איהרע קורצע אָבער דײַטליכע און צוגלײַך אויך פרײַנדליכע אַנטוואָרטען האָט שטאַרק אויסגענומען בײַ די קונדען און זי האָט בײַ אַלעמען געפונען גרויס בײַפאַל. איהר האַלטונג, דאָס עדלע אינטעליגענטע אויסזעהן, איהר רעדען, פון וועלכען מען האָט איהרע הויכע גײַסטיגע בילדונג אַרויסגעזעהן האָט אַלעמען צוגעצויגען. עס האָבען זיך אויך געפונען אַזעלכע קונדען, וואָס האָבען איהר נאָך געקענט פון פאָטאָגראַפישען אַטעליער, פון דעם פערשטאָרבענעם בלום'ס געשעפט און זיי האָבען אויסגעדריקט זייער צופריעדענהײַט, וואָס זיי האָבען ווידער דאָס גליק פון איהר בעהאַנדעלט צו ווערען. — איהר טאַלענט איז איהר דאָ זעהר צונוץ געקומען. בערטהא האָט געמוזט נאָך אַ מוסטער, וואָס אננא האָט איהר אָנגעגעבען אויסנעהען זײַדענע און סאַמעטענע פּאָמפּאַדורס, וועלכע זי האָט געשיקט און געשווינד מיט פערשידענע פערציערונגען בעמאָלט. קיין סך איז אַפילו נישט פאַרטיג געוואָרען ביז צו ווײַהנאַכטען, אָבער דאָס ביסעל, וואָס בערטהא האָט בעוויזען צוצושטעלען האָט זי אַלס באָנבאָניערקעס מיט קאָנפעקטען און שאָקאָלאַד אָנגעפילט און עס צו גוטע פרײַזען פערקויפט. דער ווײַהנאַכטס יום טוב האָט אננא'ן אַזוי פיעל אַרבײַט פערשאַפט, אַז בערטהא האָט איהר געמוזט גאַנצענע טעג צוהעלפען און די וואָך פאַר יום טוב האָבען די בײַדע פרויען נישט געקאָנט פאַרטיג ווערען מיט דער אַרבײַט און מען האָט געמוזט צונעהמען נאָך אַ דריטע פרוי, וואָס זאָל העלפען בײַם פערקויפען און אַלע דרײַ האָבען געהאַט צו טהון איבער די קרעפטען. אַז אננא האָט צו ענדע יאָהר צוגעשיקט די ערשטע אָברעכנונג צו די פריהערדיגע בעל־הבית'טע איז יענע נישט נאָר צופריעדען געווען נאָר איינפאַך איבערראַשט. אננא האָט זיך געפרעהט אויף די באַלד אָנקומענדיגע שטילע צײַט, ווען זי וועט קענען פערווענדען איהר רײַכע פאַנטאַזיע און געשיקטע הענד אויסצופערטיגען נײַע באָנבאָניער־פאָרמען און איבעראַשונגען פאַר איהרע

קונדען אין אַ גרויסע צאָהל. זי האָט שוין יעצט בעשטעלט אין די לעדער-האַלץ-און פאַפּיערנעשעפטען די שטיקער, וועלכע זענען אָנגעפערטיגט געוואָרען לויט איהר אָנגאַבע און איהר גוסט, און אַז די מוסטערן זענען איהר געפעלען האָט זי נעלאָזט מעהרערע טוץ דערפון פאַרטיג מאַכען. —

אין די קומענדיגע חדשים האָט אַננאַ'ן אויך נישט געפעהלט קיין אַרבייט. עס זענען געקימען פון דער גאַנצער אומגעגענד און אפילו פון די ווייטערע שטעדט נייע קונדען צו קויפען די אָריגינעלע און טייערע קאָנפעקט-היילען, טיש-רעקאָראַציאָנען און פערשידענע געשענקע וועלכע אַננאַ האָט אַליין ערפונדען. איהר נאָמען איז געוואָרען בעריהמט אין דער גאַנצער אומגעגענד, וויים און ברייט האָט מען געהאוסט פון איהר געשעפט און רייזענדער זענען געקומען פון אַלע עקען און קאַנטען. און בעריהמט איז זי געוואָרען נישט אַזוי דערפאַר וואָס ביי איהר בעקומט מען די בעסטע סחורה, ווי דערפאַר וואָס אין ערגעץ קאָן מען נישט בעקומען אַזוינע שעהנע בעפוצונג און פערפאַקונג, אַזוינע פראַכטפולע באַנבאָניערען און קאָנפעקט-היילען, וועלכע זי האָט אַליין מיט איהר רייכע פאַנטאַזיע און אָריגינעלען געשמאַק אויסגעקליגעלט. אַננאַ האָט דעריבער אין די שטילסטע צייט געהאַט וואָס צו טהון און איז געשעפטליך צופריעדען געווען אויפ'ן העכסטען אופן. יעדע פרייע מינוט, וואָס איהר איז געבליבען האָט זי בענוצט צו מאָלען אָדער שרייבען אויסצוציירען, צו גאַרנירען בענדער און בלומען אויף די קאַנטאָנס און קאַסטענס, קערב און טאַשען. דעם גאַנצען טאָג איז אַננאַ מונטער און פרעהליך געווען, נאָר אין אָבענד, ווען זי איז אַנ'אָנגעהאָרעוועטע אַהיים געפאָהרען, אין דער פריה בשעת זי איז אין געשעפט צו פוס געגאַנגען און צו מיטאָג, ווען זי האָט געגעסען די שוין אָבגעקיהלטע נישט איבריגס געשמאַקע עסען, וואָס אַ דינער האָט איהר פון אַ דערבייאיגען רעסטאָראַן געבראַכט, נאָר דאַמאָלס איז אויף איהר אַרויפגעפאַלען אַנ'אומעט און זי האָט פערלאָרען דעם מוט! וואָס פאַר אַ געגום האָט זי דען פון איהר קינד? עס איז געשלאָפען ווען זי איז אין געשעפט אוועקגעגאַנגען און עס איז געשלאָפען ווען זי איז פון געשעפט צוריקגעקומען. נאָר איין וואָכענטאָג נאָך מיטאָג האָט עס איהר געהערט. עס האָט ביי איהר אויפגעהערט אַלע יענע וואָכען, וואָס האָבען צום לעבען געהערט, וואָס זי איז פון קינדהייט אָן דערצו געוואוינט געווען. קיין ווינימען ביי פריינד און גוטע פריינד האָט זי נישט געהאַט. און נישט ווי ביי איהר; מיט קיינעם קיין פערקעהר נישט געהאַט. וואו האָט זי יעצט כח געהאַט פון געהן און טהעאַטער! קיין פוך, דאָס גרעסטע [illegible] פער-

גנבענען איהרער, האט זי, זי געדענקט שוין נישט די צייט פון ווען, און האבר נישט אריינבעקומען. זייענדיג ביי בלום אין געשעפט איז זי שטענדיג געקומען אין בעריהרונג מיט די קינסטלער. זי האט שטענדיג פריי געהאט אלערליי ליטערארישע און קונסטלערישע זשורנאלען. זי האט אפט בעקומען געשאנקען בילעטען צו געהן אין טעאטר, פון פינף דעם זייגער איז זי געוועזען פריי און געזעסען אין דער היים. יעצט אבער?? — — — ארבייט, ארבייט און ווידער ארבייט! — — — — און דערביי מוז מען אלעמען ווייזען א פריינדליכע מינע, אין הארצען מעג זיין פינסטער און ביטער, אויפ'ן געזיכט מוז שטענדיג שוועבען א ליבטיגער, זיסער שמייכעל! — — — דעם גאנצען טאג מוז מען שטעהן און פערקויפען, ביבער פיהרען, מאלען — — — נעהען! זי האט אפילו קיין צייט נישט געהאט זיך א נייעם קלייד צו מאכען, עם אנצופראבירען!

— נאר זיך נישט אריינלאזען אין קלערען! — האט זי צו זיך אליין געזאגט! — אבער עם קלערט זיך דאך, די מחשבות שטייגען נישט ווילענדיג אין קאפ אריין און וואס מעהר מען שטרענגט זיך אן זיי צו פערטרייבען דאס מעהר און שרעקליכער ווערען זיי. טיילמאל האט עפים אנגעהויבען זידען אין איהר. עס זענען אויפגעלעבט פון דאס ניי אלטע ווינשע, נייע האפנונגען. דאמאלס פלעגט זי זיך פיהלען אזוי יונג, אזוי פריש, אזוי כול מיט קראפט, גלייך ווי די גאנצע וועלט וואלט פאר איהר אפען געלעגען! — — — — — — און אטטא? ער איז דא און וואס א יאהר עלטער ער ווערט קאסט ער אלץ מעהר! וואס איז מיט איהר? איז זי פון זינגען אראב, קאן א צובראכענער שארבען האפען נאך א מאל ווידער א גאנצע כלי צו ווערען? זי? די פריילייך מוטער, וואס „אלצדינג" איז שוין הינטער איהר געלעגען! ווי קומט צו איהר אזעלכע געדאנקען? פון וואנען האט זיך דאס צו איהר אזא האפנונגסלאזע געמיטס-שטימונג גענומען?? — — אין די ערשטע פאר חדשים פון איהר נייע בעשעפטיגונג האט זי זיך געפיהלט זעהר צופריעדען, מען קאן זאגען גליקליך. שפעטער האט דאס נאכגעלאזען און מיט דער צייט אין גאנצען פערשוואונדען געווארען! — די אפיצערן, די הערען, וואס האבען נאר איינמאל ביי איהר געקויפט זענען ווידער געקומען, עפטערער ווי פאר דעם. זיי האבען געקויפט קלייניגקייטען, אבי צו געפינען אן אויסרעד, ביי איהר צו פערוויילען. זי האט געזעהן די בליקען מיט וועלכע מען האט איהר בעוואונדערט, האט געהערט די קאמפלימענטע מיט וועלכע מען האט איהר בעשאטען. זי האט בעקומען בריעף, איינלאדונגען, וועלכע זי האט אדער

גאָרנישט אָבגעענטפערט אָדער שאַרף אָבגעזאָגט. — — — — היימט עס, אַז מען קוקט נישט דערויף, וואָס איהרע האָר זענען שוין אין גאַנצען ווייס געוואָרען, וואָס זי איז שוין צוויי און דרייסיג יאָהר אַלט? זי איז נאָך היבש און קאָן נאָך צו זיך מאַגנעטיזירען צוציהען? —

— טפוי, אננאַ, שעמען מוזט דו זיך, דו קלערסט אַזוינע געדאַנקען וואָס פּאַסען פאַר אַ גאַסען־מיידעל, — האָט זי זיך געבעזערט אויף זיך גופא. מיט דער גרעסטער אַנשטרענגונג האָט זי זיך געצוואונגען צו בערוהיגען, האָט גענומען זיך פערקלערען אין די פערגאַנגענהייט, האָט אונטערדריקט איהרע פערלאַנגען און בעגעהרען און געאַרבייט נאָך פלייסיגער, נאָך ענערגישער כדי דערמיט יענע ליידענשאַפטען צו פערטויבען, צו דערשטיקען.

טיילמאָל פלעגט אַריינקומען בערטהא מיט די קינדער. יוליע באָרמער האָט איהר בעזוכט, פרוי באָל פלעגט זיך אויך אַמאָל אַריינכאַפּען צו איהר. די קיהן־בראַנדט פלעגט אַמאָל אין אַנ' עקיפּאַזש אַמאָל אין אַ לייכט ברישקעלע קומען צו איהר צו פאָהרען, בעהאָנגען מיט בריליאַנטען. זי איז לעגנסט אין איהר אייגענער קאָסטבאַרער וואָהנונג געוועזען דער אָבגאָט פון דער יונגוואַרג. די שעהנע, פּיקאַנטע און רייצענדע פערזאָן האָט עס גוואַלטיג געצויגען צו אננאַ'ן. זי האָט ביי איהר געקויפט די טייערסטע און די בעסטע זאַכען אין אַ גרויסער מאַסע, נאָר כדי ביי איהר צו קענען וואָס לענגער פערבלייבען. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם קינד און האָט אננאַ זאַנדערס געפייניגט דערמיט, וואָס זי האָט דוקא געוואָלט דערווייזען, אַז זי און אננאַ האָבען ביידע אַ גלייכען מזל. זעהר אָפט פלעגט זי בענוצען אַזוינע פראַזען מיט וועלכער זי האָט געוואָלט פערטיידיגען איהר אַרט לעבען, ווי צום ביישפּיעל: מיר ביידע מיט אונזער היימען בלוט א. אַ. וו. —— אָדער: איהר איינע קאָנט מיר ריכטיג מיטפיהלען און פערשטעהן! — דער סטודענט רויך איז געוואָרען אַ זשורנאַליסט און געאַרבייט אַלס רעדאַקטאָר אין אַ נייער צייטונג. ער איז ביי אננאַ אַנ' אָפטער גאַסט געוועזען און געגעבען צו לעזען אַ היבשע מטבע. דוואַראָל איז אויך ביי איהר אָבגעזעסען שעה'ן לאַנג. שטענדיג אַנ'אומעטיגער, אַ נידערגעשלאָגענער און אַ צוזאַמען־געבראָכענער, ווי איינער וואָס פאַר איהם איז שוין קיין רעטונג נישטאָ, און אננאַ האָט שטענדיג מיטגעפיהלט מיט דעם דאָזיגען אומגליקליכען מענשען, וואָס איז בענאַבט מיט אַזוי פיעל מעלות און גוטע מדות, וואָס טויגען אָבער אַזוי ווייניג פאַר די פאַלשע, שלעכטע און פערדאָרבענע וועלט. ער האָט אָפט ביי איהר געבאָרגט אַ גמילות

חסד, וועלכע זי האָט איהם געדן געבאָרגט און זיך פאַר איהם געשעמט.

איהר רעגע/מעסיגער בעזוכער איז געוועזען דער הויף-פאָטאָגראַף ק ר אַ פּ ט, וועלכער האָט נישט לאַנג בעקומען דעם טיטול פּראָפעסאָר. ער האָט געוואוינט אין אַ דערבאַרמיג הויז אויפ'ן צווייטען עטאַזש אין אַ זעהר עלעגאַנטע וואוינונג. ער האָט געהאַט זעהר אַ קליינעם פערקעהר, אָבער דאָס ביסעל בעקאַנטע זיינע זענען געווען געקליבענע. אויף זיין הויז-ווירטשאַפט האָט אויפגעפּאַסט זיינע אַ קרובה. זיין פרוי איז איהם מיט צוויי קינדער, יונגלעך, פון דיפטעריט געשטאָרבען. עס זענען שוין באַלד פיער יאָהר אריבער זייט זיי זענען געשטאָרבען און ער האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו טרויערן נאָך זיי. ביי יעדע געלעגענהייט האָט ער מיט אַ צעוועהטאָגט האַרץ דערמאַהנט זיין „זעליגע פרוי“, זיין „ליבע איינגעשלאָפענע“, ווי ער פלעגט זיך שטענדיג פון איהר אויסדריקען. — אַ נ נ אַ ז אַ נ ד ע ר ס, האָט וואָס אַ טאָג אַלץ מעהר אָנגעהויבען אַכטען און שעצען דעם דאָזיגען אַלמן, וואָס קאָן זיין פרוי גאָרנישט פערגעסען. יעדען פריה-מאָרגען צעהן דעם זייגער האָט זי געזעהן, מיט וואַרעמער סימפּאַטיע, ווי דער פופציגיעהריגער ק ר אַ פּ ט, שטייגט אריין, פריש און געשיקט ווי נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אין אַ דראָזשקע און פאָהרט צו זיין אַטעליער. יעדעס מאָל האָט ער איהר צוגעוואונקען און פריינדליך מיט דעם קאָפּ צוגעשאָקעלט. — ער האָט זיך בעקאַנט געמאַכט מיט די פאַמיליע ש נ ע ו י נ ד און האָט דעם קליינעם אָ ט ט אָ קענען-געלערנט. איינמאָל אַ זונטאָג האָט ער זיי אַלעמען איינגעלאַדען ביי זיך צו אַ מיטאָג. עס זענען נאָך געוועזען דאָרטען אייניגע גוטע בעקאַנטע און נאָהנטע קרובים. מען האָט זיך אונטערהאַלטען, זיך געשפּאַרט איבער אייניגע געזעלשאַפטליכע פראַגען און מען האָט זעהר גוט פערבראַכט, אַזוי גוט, אַז ביים אַוועקגעהן איז אַלעמען אַ שאָד געוועזען, וואָס מען געהט זיך אַזוי געשווינד פונאַנדער. אָט דאָס דאָזיגע געזעלשאַפטליכע צוזאַמענזיין ביי קראַפּט אין דער שעהנער וואוינונג אָדער ביי איהם אין טעאַטער-לאָזשע האָבען זיך אָפט ווידער-האָלט. אַ נ נ אַ האָט געשפּירט, אַז אָפט קוקט ער אויף איהר מיט אַ פּאָר-שעגדיגען בליק, און דאָס רוב ווען זי קומט אַריין אין עקסטאַזש ביים דיסקו-סירען וועגען וועלכע ס'איז סאָציאַלע פראַגע, דאַמאָלס פלעגט זי רויט ווע-רען און פיהלען עפּיס אַ מין בענקשאַפט פערמישט מיט דעם געפיהל פון שטאָלצקייט. —

עס איז אָנגעקומען דער זומער, עס זענען געקומען שטאַרקע היצען, און געשעפטען איז רעגעט שטיל געוואָרען. די פאַמיליע ש נ ע ו י נ ד איז

אַרויסגעפאָהרען אויף אַ זומער-וואָהנונג בײַ זײַנע עלטערן און האָבען דעם קלײַנעם אַ מ ט אָ ן אויך מיטגענומען. אַלע זענען זיך צופאָהרען, אפילו דער אָרעמער שרײַבשטעלער ד וו אָ ר אָ ל איז אַוועקגעפאָהרען ערגעץ וואו אויף פרישע לופט. ק ר אַ פ ט פלעגט שיקען גריסען פון פאַריז, טיראָל און אַנדערע. נאָר איין איינציגע אַ נ נ אַ איז פון אַלע איהרע בע־קאַנטע צוריקגעבליבען אין די גליהענדע, שטויביגע שטאָדט. זי האָט ניט געוואַגט צו פערלאָזען דאָס געשעפט שוין באַלד אין ערשטען יאָהר, בעזונדערס, ווײַל זי האָט דאָס גאַנצע אָבגעשפאָרטע געלט אויפגעפּפערן אויף די ערשטע אָבצאָהלונג, — זי האָט זיך געפיהלט עלענד, שוואַך און אומגליקליך. זי האָט שרעקליך געבענקט נאָך איהר זוהן און בײַ נאַכט האָט זי שיער ניט די אויגען אויסגעוויינט. זי פלעגט דעם בריעף-טרעגער, וואָס האָט איהר געבראַכט די פּאָסט פון בערטהאַ'ן נערוועאיש אַנטקעגען־לויפען. און בשעת זי האָט געהאַלטען אין דער האַנד די קאַרטען אין וועלכע מען האָט איהר מיטגעטײַלט, אַז איהר זוהן איז געזונד און פריש, האָט זי געקוקט שטאַר אין דער לופט, געקוקט מיט אַזאַ פערקלעמט האַרץ, מיט אַזאַ מין בענקשאַפט, וואָס שוידערט און צעטרייסעלט אַלע נערווען. עפּיס האָבען די דאָזיגע מיטטיילונגען אין איהר ערוועקט אַ פערלאַנ־גען נאָך עפּיס אַנ' אונגעוויסען געגענשטאַנד. זי האָט ניט געוואוסט, וואָס אייגענטליך בעגעהרט זי! אָבער עס האָט זיך איהר בעגעהרט, הייס בע־געהרט! אָבער וואָס? — —

איינמאָל אַ זונטאָג, ווען זי האָט איהר געשעפט פערמאַכט, האָט זי עס דערוואוסט! איבערראַשט ביז דאָס אייסערסטע — עפּיס ווי אַ צוטומעלטע און דאָך ערפילט מיט אַ הייסען, פּײַניגדיגען גליק — האָט זי אין זיך די קלאָרהייט געפיהלט. זי איז ווי פערבלענדעט פון גרויס גליק געוועזען! — ק ר אַ פ ט איז נעבען איהר געשטאַנען.

גוטען טאָג, פרײַלײַן אַ נ נ אַ, נו! וואָס זאָגט איהר עפּיס? — האָט ער איהר בעגריסט און וואַרעם די האַנד געדריקט. —

— איך פרעה מיך זעהר! — האָט זי איהם אָבגעענטפערט און איז רויט געוואָרען.

— איך האָב עס ניט געקאָנט לענגער אויסהאַלטען, מײַן ליעבעס קינד, עס האָט מיך צוריקגעטריבען! אײַער בריעף, דער איינציגער ענטפער אויף אַזוי פיעל קאַרטלעך האָט מיך פערדראָסען. דאָס איז ניט געוועזען אײַער טאָן, עפּיס אַנדערש האָט דערפון גערעדט! נאַ, אויף אַזויפיעל פערשטעה איך נאָך! איצט קומט נאָר מיט מיר! איהר זײַט

אַלײן אין שטאָדט, איך אויך! נו לאָמיר אַרויספאָהרען ערגיץ וואו אויף פרישע לופט און דאָרטען האַלטען מיטאָג. איך בין שוין דאָ זייט דריי שטונדען. איך האָב מיר נאָר אַביסעל אויסגערוהט פון דער רייזע און בין הונגעריג ווי אַ וואָלף, איהר אויך, פריילײן אַנ נ אַ?

— ניִשט איבעריגס, אָבער איך געה מיט אייך מיט! איך בענק נאָך אַ ביסעל פרייע לופט! —

זי איז מיט איהם געגאַנגען ביז צום פּלאַץ, וואו עס שטעהען די דראָשקעס, שטיל, גליקליך און צופריעדען. —

— קיין הונדערט ק עהלע! זעהר קלוג פון אייך, וואָס איהר האָט צוויי פערד איינגעשפּאַנט! — האָט ער צום קוטשער געזאָגט.

— יאָ, העררער עס איז דאָך זונטאָג, מוז מען דאָך די פערד אויך אַביסעל די אַרבייט פערלייכטערן, מען קאָן דאָך ניִשט איין פערד זיך לאָזען אַזוי שטאַרק אָנמאַטערן און דער אַנדערער זאָל דעם גאַנצען זונטאָג שטעהן אין שטאַל און פרעסען געלע האָבער! —

— נו גוט, גוט! האָט ער זיך אַביסעל צערעדט. מיין קוטשער, אַך, פריילײן אַנ נ אַ! ווי שעהן די זון שיינט היינט! עס איז דאָך אַ פּראַכט, איך קום מיר, אין אַזאַ וועטער, נאָך אַמאָל אַזוי יונג פאָר, ניִשט ווי איך וואָלט דאַרפען באַלד ווערען פונפציג יאָהר נאָר פונפצעהן! —

אַ נ נ אַ האָט דערויף ניִשט געענטפערט, זי האָט איהם נאָר אָנגעקוקט און געשמייכעלט. ער האָט וויעדער אויף איהר געקוקט. איהר שעהנע געשטאַלט אין דעם פולאַר-קלייד, וואָס איז איהר אַזוי שעהן געשטאַנען, דאָס רייצענדע געזיכט אונטער דעם גרויסען שוואַרצען פעדערהוט. ווי איז זי איהם היינט געפעלען! דאָך האָט ער איהר גאָרניִשט געזאָגט, ער האָט איהר נאָר דערצעהלט פון זיינע רייזען, און זי האָט ניִשט ווען אַריינגעוואָרפען אַ בעמערקונג. —

הינטער דער שטאָדט איז עס קיהלער געוועזען, די טאָסנעס און טאָפּאָלעס האָבען אין דער וואַרעמער זון געשמעקט, דאָס רעסטאָראַן איז פול געוועזען מיט געסט; אָבער דאָך האָבען אונזערע בעקאַנטע נאָך געפונען אַ גוטען שטילען און אָן אַ זייט אָבגעלעגענעם אָרט. ער האָט בעשטעלט. דער קעלנער האָט געבראַכט גוטען רהיין-וויין אין אַן אייז-קובעל און האָט צוויי פולע גלעזער איינגעגאָסען, דערנאָך איז ער אַוועק ברענגען די שפּייזען. קראַפּט האָט זיין גלאָז אויפגעהויבען און צו אַ נ נ אַ'ן געזאָגט:

— לאָמיר אונזערע גלעזער אָנקלינגען, פריילײן אַ נ נ אַ, אויף קליין אָטטאָ'ס געזונד! —

אננא האט געטהאן ווי מען האט איהר געהייסען; אבער איהר האנד האט דערביי געציטערט און טרעהרען האבען זיך איהר אין די אויגען געשטעלט, — —

— אזוי, — ער האט איהר פאר די לינקע האנד אנגענומען. — נון, קוקט מיר נאר פעסט אן, ליעבעס קינד! איך וויל אייך שטעלען אנ׳ערנסטע און שווערע פראגע, דערצו וואלט איך בעדארפט קענען אריינקוקען און זעהן וואס ביי אייך אין הארץ טהוט זיך! אבער נאך וואס זאל איך ווארטען? —

אננא איז בלאס געווארען. — —

— איך האב אייך ליעב אננא, ליעב מיט דעם גאנצען הארצען! איך וואלט קיינמאל נישט געגלויבט, אז איך זאל נאכ׳ן טוידט פון מיין פערשטארבענער פרוי קענען אזוי שטארק, אזוי הארציג ליעבען! איך בין פון דיזען געפיהל אין פרעמדע לענדער אנטלאפען; אבער דאס געפיהל איז מיטגעפאהרען מיט מיר און איך קאן זיך פון איהם נישט אויסבעהאלטען, וויל מיינע ליעבע איז געבויט אויף הויכאכטונג און בעוואונדערונג. איך האב שוין אלץ איבערגעקלערט און איבערגעוואויגען, דעריבער קאן איך אייך יעצט פרעגען אויב איהר ווילט ווערען מיין ליעבע פרוי? — — —

און אויב איהר וועט מיר זאגען „יא“, דאמאלס וועל איך דער גליקליכסטער אין דער וועלט זיין, גליקליך ווי א יונג קינד, וואס ווייסט נישט פון קיין זארג און קומער. די גאנצע וועלט וועט דאמאלס זיין מיינע! איך בעדארף צו האבען א פרוי, א קינד, אננא, זייט דעם איך האב אייך מיט אייער אמטא׳ן דערקענט! ווילט איהר מיר דאס ביידע געבען? —

— איך וויל, איך וויל! — האט אננא קוים ארויסגעשטאמעלט און מעהר נישט געקאנט זאגען. ער האט שטיל איהר געקושט אין האנד און געזאגט:

— איך דאנק דיר, אננא! — —

שווייגענדיג האבען זיי אויף דאס וואסער געקוקט, ווי די זונענשטראהלען האבען זיך אין אלערליי קאלירען אבגעשפיעגעלט. דער קעלנער האט געבראכט די זופ. ביידע האבען זיי דאס מאל זעהר וועניג גענעסען, זיי זענען אזוי פול געווען מיט גליק און נחת, אז זיי האבען קיין אנדער זאך נישט געקאנט געניסען, און אז דער דינער האט זיי די לעצטע שפייזע דערלאנגט זענען זיי זעהר צופריעדען געווען וואס דער מיטאג האט זיך שוין געענדיגט און זיי וועלען נישט מעהר געשטערט ווערען אין זייער אונטערהאלטונג. זיי האבען זיך אפילו בעמיהט פאר די אנדערע

געסט פון רעסטאראן צו האלטען זיך גלייכגילטיג, זיי זענען אבער אזוי איבערפולט געווען מיט פרייד, אז זיי האבען עס געמוזט אויך פאר אנדערע ארויסווייזען און דעריבער האט הערר קראפט וואס גיכער בעצאהלט זיין רעכנונג און איז באלד מיט אננא'ן אין וואלד אוועק. געגאנגען זענען זיי געארעסט און נישט אויסרעדענדיג א ווארט ביז זיי זענען טיעף אין וואלד אריינגעקומען, וואו זיי זענען זיכער געווען, אז קיינער הערט זיי נישט, קיינער בעלוישט זיי נישט, דארטען האבען זיי זייערע ליפען מיט א הייסען לאנגען קוש צוזאמענגעקלעבט. מיט די צערטליכסטע און טרייעסטע ליעבע-ווערטער האבען זיי זייער פערגאנגענהייט דורכגעבלעטערט. ער האט אויסגעדריקט זיין וואונש עס זאל מעהר נישט דערמאהנט ווערען וועגען איהר פערגאנגענהייט, די ליידען וואס זי האט פון יענער צייט אן דורכגעליטען האבען איהר שוין אין גאנצען פון איהר זינד ריין געוואשען און איהר נשמה איז ווידער ווי ערשט געפאלענער שנע ריין און אונבעפלעקט. מען האט געפלוידערט פון דער צוקונפט. אז עס האט אנגעהויבען דונקעל צו ווערען האט ער איהר בעגלייט ביז צו איהר וואהנונג און האט זיך מיט איהר הערצליך צוזעגענט. — — עס איז ביי זיי אבגערעדט געווארען, אז דאס געשעפט זאל פערקויפט ווערען אויב די פריהערדיגע בעל הבית'טע וועט עס נישט וועלען צוריקנעהמען. און צוריקנעהמען האט זי עס שוין איצט גאנץ גוט געקאנט, דען איהר שוועגערין איז ווידער אין גאנצען געזונד געווארען, און זי האט שוין מעהר נישט בעדארפט אויף ברודערס ווירטשאפט אכטונג געבען. און לויט, ווי עס האט אויסגעוויזען פון איהר לעצטען בריעף, איז מעגליך, אז זי וועט גאר אין גיכען קענען פערנעהמען אננא'ס ארט. —

די קומענדיגע דריי וואכען, וועלכע מען מוז לויט דעם געזעץ ווארטען פון די פערלאבונג ביז דער האכצייט, זענען געווען פאר אננא און איהר חתן א צייט פון אויפרעגונג און אנשטרענגונג. קראפט האט באלד אנגעווענדעט די נויטיגע מיטלען מיט וועלכע דער קליינער אטטא זאל געזיכערט ווערען און עס זאל אראבגערוימט ווערען פון זיין צוקונפטיגע וועג אלע הינדערניסע און ביטערקייטען, וואס ער וועט דורך זיין נישט-כשר'ע געבורט האבען אויסצושטעהן. די נייע געזעצען פון דעם בירגערליכען שטאנד האבען איהם די דאזיגע שווערע אויפגאבע א סך לייכטער געמאכט. ער האט אטטא'ן ביי דעם נאטאריוס און ציוויל-בעאמטע פאר א זוהן צוגענומען און צו זיין פאמיליע צוגעשריבען, דער שענער קליינער אטטא זאנדערס איז שוין יעצט געווארען א אטטא קראפט און

דערמיט אויפגעהערט צו זײַן אַ ממזר אָהן אַ טאַטען, פון יעצט אָן איז ער געוואָרען דער זוהן און יורש פון אַן'עהרנהאַפטען קויפמאַן. —

די פרוי בערטהאַ שנעווינד האָט איהר גאַנצע צײַט פאַר איהר פרײַנדין געווידמעט. ווען מען האָט זי בײַדען אין גאַס געהענדיג געזעהן האָט מען געקאָנט מײנען, אַז זיי זענען די גליקליכסטע כלות פון דער גאַנצער וועלט, האָט מען זיי געהערט רעדענדיג האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס רעדען זיי נישט נאָר דאָס זינגט די אינווענינגסטע פרייד פון זיי אַרויס! דעם גאַנצען טאָג פון בעגינען ביז שפעט אין אָבענד איז בערטהאַ מיט איהר פרײַנדין צרומגעגאַנגען אין דער שטאָדט די נויטיגע אײַנקויפע צו מאַכען, און אפשר צעהן מאָל אין אַ שעה האָט זי אָנגעכאַפּט אַנגאַ'ן פאַר'ן האַנד און איהר מיט דער טיעפסטער מיטגעפיהל צו איהר האַרץ צוגעדריקט און אויסגעשריען: דו ליעבער גאָט, אַנגאַ'טשקע, מיר ווילט זיך פאַר גרויס גליק ווי אַ קינד זיך פונאַנדער צו לאַכען אויפ'ן קול, דאָ אין מיטען גאַס אָנהויבען צו טאַנצען! די אַלע טעאָריעם איבער אינדיווי־דועלע רעכטען און פרײַהײַטען, איבער די עהע, קינדער, פרײַע ליעבע קלינגען אַזוי גרויסאַרטיג; אָבער זיי קלינגען נאָר אַזוי, בשעת מען אונ־טערהאַלט זיך, אָדער, אַז מען דערצעהלט פון ווילד פרעמדע, און עס שײַנט אַלצדינג אַזוי מעגליך און דורכפיהרבאַר, ביז מען בעקומט אַלײַן מיט די אייגענע אויגען אַזאַ פראָבע־שטיק צו זעהן. — ווען עס טרעפט אַזוי וואָס בײַ איינעם פון דײַן אייגענער פאַמיליע, הײַ אַ נאָהנטען קרוב אָדער אַזוי אַ גוטען און געטרײַען פרײַנד, ווען מען האָט מיטגעלעבט און מיטגעפיהלט דאָס גאַנצע עלענד: דוגערוועטער, דו זיצט אויף אַ פּולווער־מינע, און דו קאָנסט אין אַ מינוט אַרום צעשפּרינגען אין דער לופטען אויף שטיק שטיקלעך! — דאַן זעהט מען ערשט ווי די אַלע לופטשלעסער פאַלען צוזאַמען! — —

— דו האָסט רעכט! — האָט זיך אַנגאַ אָבגערופען און אַ שמערצ־ליכער אויסדרוק האָט זיך אויף איהר ערנסט געזיכט בעוויזען. —

— יעצט ווערסט דו אַ כשר'ע אַכטבאַרע פרוי און קאָנסט דעם קאָפּ צוריק אין דער הויך האַלטען און אַלעמען גלײַך אין די אויגען קוקען ווי אַלע אַנדערע פרויען! — האָט בערטהאַ ווידער אונטערטאַנצענדיג פאַר שמחה געזאָגט.

— איך האָב מײַן קאָפּ קײנמאָל נישט געהאַלטען אַראָבגעלאָזען, און מײַן קינד קײנמאָל נישט בעהאַלטען! — האָט אַנגאַ געזאָגט.

— נײן, דאָס האָסט דו נישט געטהון, אָה דו ליעבע, ליעבע, אָה

דו גרויסע! דעריבער־האָבען מיר דיך אַלע מאַקי בעוואונדערט! מיין מאַן האָט עם מיר אין אָבענד, ווען דו ביזט דערביי נישט געוועזען, געזאָגט, אַז דו האָסט איהם געלערנט, דאָס מען דאַרף נאָך די זינדיגע קיין שטיינער נישט וואַרפען. דו ביזט אַ שוואַכע פרוי געוועזען, האָסט אַ זינד בעגאַנגען און טראָגסט ווי אַ העלדין דיין שטראָף. ניין, ניין, ריים מיר נישט איבער אין מיטען די רעד, — האָט בערטהאַ ווייטער געזאָגט, זעהענדיג אַז אַננאַ וויל דעם מויל אויפטהון איהר עפּיס צו ענטפערן, — מיר האָבען דיך קיינער נישט פעראורטיילט, מיר האָבען דיר פערשטאַנען! אָבער ווען מען האָט זיך צו דיר טיפער אַביסעל צוגעקוקט, דאַמאָלס ווען דו האָסט נאָך ביי פרוי באָל געוואוהנט און שפּעטער ביי אונז, האָט מען געקענט זעהן, אַז טיעף אינעווייניג ליידסט דו שרעקליכען פּיין! און אַז דו ביזט מיט דיין אָטאָ שפּאַצירען געגאַנגען, איז אין דיין געזיכט געלעגען אַנ'אויסדרוק אויסגעמישט פון שטאָלץ און אַנגסט, און דאַמאָלס פלעגסט דו אַהיים קומען אַזוי בערוועאיש און אַזוי אויפגערעגט, אַז איך האָב געמוזט אַרויס פון צימער כדי איך זאָל נישט אויסברעכען אין אַ געוויין! —

— יאָ, יאָ, בערטהאַ, איך בין מודה, איך האָב אַ שווערע צייט איבערגעלעבט! איך האָב געוואָלט פאַר לייטען זיכער זיך האַלטען און אינוועניג ביי זיך האָב איך מיך געפיהלט אונפריי — מיט אַ שאַנד־שטעמפּעל אָבגעשטעמפּעלט. נאָר אפשר געהער איך נישט צו די שטאַרקע גייסטער, וואָס קאָנען אַלץ רוהיג אַריבערטראָגען, אפשר בין איך גופא נאָך אויך נישט רייף גענוג געוועזען!

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגען? האָט בערטהאַ געפרעגט.

אַננאַ האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט, ביידע זענען געגאַנגען שווייגענדיג איבער די בערלינער גאַסען, נאָך אַ לאַנגען שטיל־שווייגען האָט זיך אַננאַ אָבגערופען, אַ קוק טהוענדיג אויף בערטהאַ'ן:

— אין די לעצטע צייט ווייס איך שוין גאָרנישט וואָס מיט מיר טהוט זיך און האָב פערלאָרען אַלע מיינע פּרינציפּען אין וועלכע איך האָב מיר שטענדיג אַזוי פעסט געהאַלטען. אָט איז דאָ נישט לאַנג דוואָראַל ביי מיר געוועזען מיט אַ יונגע קינסטלערין, וואָס געהער אויך צו די „נייע גריכען“. זי האָט נישט קיין כשר'ן קינד און איז מיט איהר גורל גאַנץ צו־פריעדען. זי שעצט זיך גאָר גליקליך דערמיט. זי האָט מיך בעגריסט אַלס פריינדין און ליידענסגעפעהרטין. מיר האָבען זיך אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגען וכוח, זי האָט גערעדט אַזוי גלייבגילטיג און האָט מיר געשטעלט אַזעלכע פראַגען, אַז מיר האָט אָנגעהויבען פאַר כושה די האָר אויפ'ן קאָפּ צו

ברענען און דערביי איז זי נישט גענוג רייך, זי קוועלט זיך און האָרעוועט פאַר איהר עקזיסטענץ נישט ווייניגער פאַר מיר. אז איך האָב מיר אין אונזער שמועס אויסגעדריקט, דאָס איך קום אָב פאַר מיין שוואַכע שטונדע איז זי געוואָרען אַנ׳אויפגעקאָכטע און געשריען: — וואָס פאַר אַ שוואַכע שטונדע, וואָס רעדט איהר עפּיס נאָך אַלע נאַרישקייטען וואָס די פּער־שקלאַפּטע מענשען רעדען, דאָס איז נישט געווען אייער שוואַכע שטונדע נאָר פערקעהרט אייער שטאַרקע שטונדע אין וועלכער איהר זייט געווען פריי און געהאַנדעלט נאָך אייער אייגענעם ווילען און נישט ווי עס הייסען אייך פרעמדע!! און אַזוי רעדענדיג זענען זיי אריבער דעם פּאַהר־דאַם, וואו זיי האָבען געמוזט זייער געשפּרעך אויפהערען צוליעב דעם טומעל פון די פיעל פערביי־געהענדע מענשען. שפּעטער, אַ ביסעל אז עס איז שטילער געוואָרען, האָט אַננאַ ווידער איהר געשפּרעך אָנגעהויבען:

— זעה נאָר, בערטהא, איך האָב דאַמאָלס אָנגעהויבען צווייפלען. איך בין דאַמאָלס געווען סקעפּטיש! —

— און ביזט עס יעצט נאָך אויך? — האָט מאַדאַם שנעווינד געפרעגט.

— ניין! — האָט אַננאַ געענטפערט, — איך האָב נאָכגעקלערט אַלץ גרינדליך און ווייס שוין וואו איך בין אין דער וועלט, איצט איז מיר אַלץ קלאָר, אַלץ פערשטענדליך; נאָר איך טראַכט מיר, אז איך געהער נישט צו די גרויסע מענשען, נאָר צו די מיטעל־מעסיגע — — —

— נו, נו, מאַך זיך נישט פאַר אַזוי קליין, דו מיט דיינע בילדונג און טיכטיגקייט, מיט דיין גייסט און ענערגיע, געהערסט צו די מיטעל־מעסיגע, טאָ צו וועמען געהערען מיר שוין?

— עס שאַדט נישט, בערטהא. מיטעל־מעסיג זיין איז ביי מיר אַ כבוד, אַנ׳עהרנטיטעל, דען די בעריפען וועגען מאָראַל, וואָס יענע לייט ביי די „נייע גריכען" האָבען אָנגענומען, הויבט מיר נישט אָן צו געפעלען! אַ גאַנצע נאַכט האָב איך דעריבער נאָכגעקלערט און נאָכגעגריבעלט און בין געקומען צו דעם בעשלוס: אין די מאָמענטען פון ליעבעס־ליידענשאַפ־טען, פון זעלבסטפערגעסענהייט ווערט דער מענש אויס מענש, דאַמאָלס איז ער אַ בהמה, אַ ווילדע חיה, וואָס קאָן זיך נישט בעהערשען, דאַמאָלס ערשט איז דער מענש אַ שקלאַף, פערקנעכטעט אונטער זיינע טהירישע נייגונגען און דעריבער האַלט איך מיר ביי דאָס מייניגע, אז יענע שטונדען זענען טאַקי די שוואַכע שטונדען און די שפּראַכע האָט דעם אויסדרוק דערצו ריכטיג געטראָפען! און דאָך זענען יענע שטונדען שעהן און געאַ־

דעלט דורך די געוואַלדיגע גרויסקייט פון דער נאַטור, וואָס בענוצט די דאָזיגע שוואַכע שטונדען צום פאָרטזעצונג פון דער שעפּפונג! און בעזונדערס גרויס זענען יענע שוואַכע שטונדען ווען מען ליעבט זיך געגענזייטיג. און מיין ליעבע פאַר אָטטאָ׳ס פאָטער איז אָהן אַ גרענעץ געווען! דאָס איז מיין איינציגע ענטשולדיגונג! — האָט זי מיט אַ פעסטע שטימע געזאָגט.

בערטהאַ האָט צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ און געזאָגט:

— דו, אַננאַ, מיר געהט דורך אַ שוידער דורך די ביינער! דיר אפשר אויך?

— אַ שוידער, פאַר וואָס? —

— נון, אַז דו זאָלסט ווערען פרוי קראַפּט און וועסט איהם ווידער אַמאָל זעהן? ביזט דאָך אַליין מודה, אַז דיין ליעבע צו איהם איז אָהן אַ גרענעץ געוועזן? —

אַננאַ האָט זיך פערטראַכט אַ ווייַלע, דערנאָך האָט זי זיך אָבגערופען:

— איך גופא האָב שטאַרק געליטען פון דער דאָזיגער פראַגע און עדואַרד אויך. — סוף כל סוף בין איך דאָך נישט מעהר ווי אַ מענש! איך האָף אָבער, אַז אַזאַ געלעגענהייט וועט זיך קיינמאָל נישט מאַכען און מיין טיעפע ליעבע פאַר עדואַרד, מיינע לאַנגע ערפאַהרונגען ווּעלען מיר נעגען איהם שיצען! — איך האָב קאַנטהאַגען נישט פערגעסען ביז יעצט און וועל איהם קיינמאָל נישט פערגעסען! ער איז מיר געוועזען די זון פון מיין נאָך נישט רייפער לעבענס-פעריאָדע, איצט בין איך רייפער! היינט איז ער פאַר מיר אַ טוידטער, אמת אַ געטרייער טוידטער, אָבער נישט מעהר. מיין ליעבע צו איהם איז געשטאָרבען, דאָס הייסט מיינע בעגעהרענדע ליעבע איז בּיסלעכווייז אָבגעשטאָרבען. צוערשט האָב איך צו איהם געפיהלט אַ שנאה אין זעהר אַ קלייענער מאָס, דערנאָך האָב איך איהם אָנגעהויבען פעראַכטען, יעצט בעהערשט מיר נאָר אַ געפיהל פון רחמנות. און דאָס לעצטע, דאָס רחמנות האָבען, דאָס בעדויערן האָט מיין ליעבע אין גאַנצען געטוידט! פאַר דעם מאַן, וואָס האָט זיך מיט אַ קלאָרער בעזינונג פערקויפט און איז אפילו נישט אים שטאַנדע צו אונטערדריקען די טיראַניי פון זיין פרוי, וואָס גייסטיג שטעהט זי פאַר איהם אַ כך נידריגער — פאַר אַזאַ מאַן פיהל איך מעהר גאָרנישט!

— געלויבט איז גאָט! יאָ, איך גלויב עס, אַז מען קאָן צווייטמאָל ליעבען. און דיין חתן איז אַ פּרעכטיגער מענש! ער פערדיענט דיין ליעבע און ער איז אַ מענש וואָס וועט דיר קאָנען האַלטען! —

— יאָ. דאָס וועט ער!

— און דיין זעלבסטשטענדיגקייט?

— חתונה האָבען מיט קראַפט איז נישט קיין שקלאַפעריי! —

— דאָס איז ריכטיג! ניין אַננאַ, איך בין גליקליך! דו — פרוי פּראָפעסאָר קראַפט! — דו — אַ רייכע געאַכטעטע פרוי! ניין, דאָס איז דאָך דער אמת'ער גן עדן! — — — איך און מיין מאַן האָבען זיך, די גאַנצע צייט וואָס דו וואוהנסט ביי אונז, געהאַלטען ווייט פון געזעלשאַפט, מיר האָבען נישט געוואָלט עס זאָל עמיצער צו אונז קומען, טאָמער וועסט דו דערפון האָבען אונאַנגענעהמליכקייטען. איצט אָבער וועלען אָנהויבען ביי אונז קומען געסט איינס נאָכ'ן אַנדערן, מיין מאַן האָט אַזוי פיעל קאָלעגען, אַלע פיינע און אָרענטליכע לייט, און איך וועל מיט שטאָלץ פאָרשטעלען די פרוי פראָפעסאָר קראַפט! הוררא! — —

אַננאַ איז בלאַס געוואָרען און אויסגעשריען:

— וואָס, צוליעב מיר האָט איהר גוטע און עדלע מענשען געלעבט אין איינזאַמקייט? אָה, וואָס פאַר אַ שווערע לאַסט בין איך אייך געוועזען! —

— ניין, אדרבא, דו ביזט פאַר אונז אַ גליק געוועזען, דו און אָטטאָ! איך וויים גאָרנישט ווי מיר וועלען דאָס קאָנען אויסהאַלטען אָהן אייך, דאָס גאַנצע שטיקעל גליק אונזערע איז וואָס איהר לאָזט אונז איבער דעם קליינעם „לאָבוז" פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס איהר וועט זיך פערוויילען אין איטאַליען! — — ניין, ניין, מיר האָבען דיר אַ גאַנץ קליינעם אָפּפער געבראַכט. וואָרום סוף כל סוף זענען אין אונזער קרייז נאָר בלויז פיליסטער דאָ —

— ניין, בערטהאַ! — האָט אַננאַ איהר נישט געלאָזט ענדיגען.

— איהר האָט צוליעב מיר זעהר פיעל געליטען! דו האָסט עס מיר דאָך אַליין ערשט נישט לאַנג געזאָגט! אָה ווי זאָל איך אייך דאַנקען! —

— נאַרישקייט, דער בעסטער דאַנק וועט זיין, אז דו וועסט בלייבען אונזער פריינדין! —

— בערטהאַ! —

ביידע האָבען זיך וואַרעם די הענד געדריקט און מיט איבערגליקליכע בליקען אָנגעקוקט.

ביידע זענען געקומען אַהיים און אויף די טרעפּען געקלעטערט.

— ווי מיינסטו בערטהאַ? — — האָט אַננאַ געפרעגט, — וועלען

דיינע געסט ניט קוקענדיג אויף מיין פּרויען־טיטעל, מיר פאָרוואַרפען מיינע פערגאַנגענהייט?

— זיי ניט בעזאָרגט וועגען דעם, דיין מאַן איז נעבען דיר און ער וועט דיר געגען אַלע אונאַנגענעהמליכקייטען בעשיצען און די צייט וועט אַלץ פערגעסען מאַכען! און טאָמער וועלען די לייט אַמאָל וועלען עפּיס זיך אַרויסרעדען וועט עס הונטער דיין רוקען זיין, צו דיינע אויערן וועט קיינמאָל ניט קומען!

אַזוי רעדענדיג האָט בערטהאַ אויפגעשלאָסען די ענטרע־טהיר און זיי זענען אין שטוב אַריינגעקומען. אננאַ האָט טיעף אָבגעזיפצט:

— דאָס גלויב איך אויך, — האָט אננאַ געזאָגט, — און דאָך ווי פאָרזיכטיג, ווי שטיל דיינע געסט וועלען וועגען מיר רעדען וועל איך דאָך דערפון וויסען, מיינע אויערן וועלען טאַקי גאָרניט הערען אָבער דאָס האַרץ, דאָס האַרץ וועט אַלץ הערען, צופיעל הערען. אָבער, בערטהאַ, עס איז גוט אַזוי, אַז ניט וועט עס צופיעל גליק זיין פאַר מיר, איך וויל אָבקומען פאַר מיינע זינד, איך מוז ליידען, שמערצען עמפּפינדען ביז מיינע זינד וועלען אין גאַנצען ריין אָבגעוואַשען ווערען! — — — —
איך האָב גאָר פאַר איין זאַך מורא, צי וועט עדוואַרד שטענדיג צו מיר אַזוי גוט, אַזוי גרויסהערציג זיין! ער זאָל ניט זיין אייפערזיכטיג וועגען מיין פערגאַנגענהייט, אָט דאָס בעאונרוהיגט מיך.

— דאָס וועט ער קיינמאָל ניט זיין, מיין געליעבטע אננאַ! — האָט זיך אָבגערופען אַ טיעפע מענער־שטימע. קראַפט איז פון זאַל אַריינגעקומען פיהרענדיג אָטטאָ׳ן פאַר׳ן האַנד. ער האָט מיט דעם פרייען רעכטען אַרומגענומען זיין כלה און איהר פעסט צום האַרץ צוגעפּרעסט און געזאָגט:

— דו ווייסט דאָך אננאַ מיינע מיינונגען וועגען אונזער צוקונפט, וועגען די געגענוואַרט! — האָט קראַפט געזאָגט און אַ גליקליכער שמייכעל האָט זיין געזיכט מיט שטראַהלען בעגאָסען. אננאַ האָט זיך צו איהם געלאַשצעט און איהם זיינע האָר געגלעט.

— דער אַלמן האָט חתונה מיט דער אַלמנה, וועלכע ער האָט אַזוי שטאַרק ליעב! און ביידע בענוצען די ערפאַהרונגען פון זייער ערשטען זווג צום דויערנדען גליק פון זייער צווייטען זווג! ניין, אננאַ, דו ווייסט, איך האָב מיין פערשטאָרבענער פרוי טריי געליעבט און דאָך איז דיר נאָך קיינמאָל ניט אַרויסגעקומען אויפ׳ן געדאַנקען אויף איהר אייפערזיכטיג צו זיין — — — —

— זי איז טוידט, — האָט אננאַ געשעפטשעט, — ער לעבט אָבער!

ער האָט אָטטאָם הענדטעל פון זיינע אַרויסגעלאָזען און האָט מיט זיין לינקע האַנד איהר קינן אָנגענומען: — ער לעבט, אננאַ, אָבער דו האָסט מיר געזאָגט, דיינע פריהערדיגע ליעבע צו איהם איז טוידט? — —

— דאָס איז עס! —

— נון, טאָ וואָס האָב איך דאָ מורא צו האָבען? —

— דו נישט, עדוואַרד, אָבער איך און מיין קינד! בעדענק, ווען איך וועל דיר אויך שענקען קינדער? — האָט זי געפרעגט מיט אַנגסט און דאָס געזיכט האָט איהר דערבײַ ווי פייער געגליהט.

ער האָט איהר די אַנגסטפולע אויגען געקושט און געזאָגט:

— זאָל נאָר גאָט געבען, אַז אונזער אָטטאָ זאָל נישט בלייבען קיין בן יחיד, דערבײַ האָט ער דאָס יונגעל אויפגעהויבען אין דער הויך און געפרעגט מיט אַ טאָן פון גליקזעליגקייט:

— ווער בין איך, אָטטאָ? —

— אַ פּאַפּאַ! — האָט דאָס יונגעל געענטפערט לאַכענדיג.

— און ווער איז דאָס? — האָט ער ווייטער געפאָרשט.

— מאַמאַ! — האָט דאָס יונגעל געשריען און האָט בײדען מיט זיינע פעסטע הענדטלעך אַרומגענומען.

אַננאַ האָט פערשטאַנען דעם מיין פון עדוואַרדס לעצטע פראַגען. זי האָט אָנגענומען זיין האַנד און עס געקושט, דערנאָך האָט זי זיך מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף די ליפּען אויסגעדרעהט צו בערטהאַ'ן. יענע איז אָבער שוין געווען אַרויסגעגאַנגען כדי זיי נישט צו שטערען אין זייער גליק.

26סטע העפט

אייראפעאישע ליטעראטור

אינהאַלט:

1) לואיזאָן, — י. יענסען.
2) אויף דעם פּאָסט-וועג. — קנוט האַמסון.
3) דאָס ביימעל, — י. ל. פרץ.
4) צווישען די זאַנגען (געדיכט), — דוד הײנהאָרן.
5) קינדער, — י. ד. בערקאָוויטש.
6) אַ לייד, א ליעד ... (געדיכט), — א. רייזען.
7) נאָך לענאַו (געדיכט), — אָ. קאַמאַ.
8) אַ מיאוס בעשעפּעניש, — ד. קאַפּלאַנאָוויטש.
9) דער אַלטער געפּענגניש-אויפזעהער, — אַנאַטאָל פראַנס.
* * * (געדיכט) — ק. באַלמאָנט.
11) בעל-מחשבות, — ידידיה מרגלית.

דאָס ביימעל.

ועהסט, יונגער מאַן, דאָס ביימעל?
וואָס וואַקסט דערויף? גאָר נישט, נאָדלען ...
און דאָס ביימעל איז אַמאָל איין עץ עושה פרי געוועזען — איין עפּיל-בוים.

עס איז נישט גרעסער געוועזען, ווי אַצינד, נאָר אַ קרוין האָט עס געהאַט — זהב טהור; גאָלדענע עפּיל האָט עס געטראָגען!

און עפּיל! זאַפטיגע, ווייניגע, אין מויל זיך צוגאַנגען, און גרויסע, ווי די פּויטמען!

ער, זאָל לעבען, האָט זיי טועם געוועזען נאָכ'ן טיש. מקורבים, פערשטעהט זיך — גאָר די גרויסע, פּלעגען בעקומען אויף שהחיינו...

דעם רבינ׳ס אייניקלעך, זאָלען לעבען, פּלעגען זיי נעמען שמחת תורה צו די פּאָהנען ...

דאַכט זיך, אַ ביימעל קאָן דאָמיט יוצא זיין, — וואָס?

וואַקסען אָבער די צווייגלעך אַריבער דעם צוים, אין גאַס — אין רשות הרבים אַריין, און דאָס איז אַ מכשול, אַ גרויס מכשול ... תינוקות של בית רבּן!

פֿערשטעהסט דו מיך, יונגליך געהען פֿון חדרים, מען געהט פֿאַרביי דעם געסיל, איז מען עובר אויף „לא תגנוב" ...

רעדט מען דערפֿון ביים טיש, אויפ׳ן אויער. ער, זאָל לעבען — דערהערט ער אָבער ... געכאַפּט אַ וואָרט, ריינצעלט זיך דער שטערן ... הייבען זיך אויף די ברעמען ... ווערט מען פֿערציטערט! ער קאָן, חס ושלום, שעלטען, מעניש זיין מיט אַ וואָרט ... עפּיס האַלט ער זיך דאָך איין, מען זעהט בחוש, ער ראַנגעלט זיך מיט אַ מחשבה און מדת הרחמים איז גובר, דאָס פּנים לייטערט זיך אויס, די ברעמען פֿאַלען אַראָב און ער עפֿענט דאָס כשר׳ע מויל און גיט אַ זאָג, אַזוי כלאחר יד: מפֿקיר!

חאַפּט מען זיך באַלד פֿאַר וואָס: קינדער, זענען קיין בר עונשין נישט ...

האָט זיך אָבער מיט דעם די זאַך נישט געענדיגט ...

איינמאָל, עפּיס אַ מרה-שחורה׳דיגע צייט געוועזן, קומט ער, זאָל לעבען, אַזוי אַרויס אויפ׳ן גאַניקיל ... קוקט עפּיס אַרויף, אין הימעל אַריין. איין בורא עולם ווייסט, וואָס ער זעהט דאָרט. מיר האָבען געזעהן — וואָלקען, נישט מעהר ווי עטליכע וואָלקען. ער, זאָל לעבען, אָבער, קוקט עפּיס מיט גרויס כונה, און, דאַכט זיך גאָר, נישט גאָר אין גאַנצען אָהן פּחד ... פּלוצלונג דערהערט ער, אַפּנים, אַ גערויש, חברה איז געוועזן ביים ביימעל, גיט ער זיך אַ וואורף און אַ קוק אום, זעהט ער: חברה ענטלויפֿט און אַ קליין תנוקת׳ל, נאָך, מחילה, מיט׳ן העמדיל פֿון הינטען אין דרויסען, קאָן זיך נישט אָבּרייסען פֿון ביימעל, שפּרינגט קעגען איין אַפּעל און שפּרינגט, וויל אָנהאַפּען זיך אין צווייגעל מיט די הענדטליך, און ציהט זיך צום אַפּעל מיט׳ן מיילעכיל, האָטש אַריינבייסען, און די תאוה אין די אייגאַליך, — דער יצר הרע פֿון לא תחמוד — ברענט ...

נתן עיניו בו! פֿערשטעהט זיך, אויפ׳ן ביימעל, ער וועט דאָך, חס ושלום, נישט שטראָפֿען קיין תינוקת — און שוין! אַ בליק

געװאָרפֿען און — אײן אילן סרק — אַ נאָדעל-בײמעל ...
דאָס יונגאַלע, װאָס זאָל איך אײך זאָגען, איז שיער נישט פֿון זינען אַראָב פֿאַר שרעק ...
און יעדע האַלבע נאַכט, װען אַלע אַרום שלאָפֿט אײן, איך שלאָף דאָך אין שומרים-שטיבעל, קאָן איך עדות זאָגען, הערט מען, װער עס האָט נאָר אַיין אויער, פֿערשטעהט זיך! הערט מען, װי דאָס בײמעל קרעכצט, װי דאָס בײמעל קלאָגט זיך:
— עס מאַכט איבער מיר קײנער קײן ברכה נישט. עס האָט קײנער פֿון מיר קײן הנאה נישט ...
און דאָס בײמעל דאַרט און קװאַרט, פֿאַר צער, פֿאַר בענקעניש ...

י. ל. פרץ.

יאָהאַנעס יענסען.

לואיזאָן.

I.

„פֿרײַלײַן!"

זי האָט נישט געענטפֿערט.

«ענטשולדיגט! פֿרײַלײַן!!»

«מײַן העֶרר?»

«פּילײַכט װעלען זי מיט מיר מיטשפּײַזען?» איך בין צוגעגאַנגען צו דעם יונגען מײדעל. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף דעם אָנגעשטעלטען קעלנער פֿון מײַן מאַנטעל. מיר זענען אַװעק צװזאַמען... שטודירענדיג אײנער דעם אַנדערן. דאָס איז געװען אויף דעם בולװאַר קליש.

«ײאוהין געהט איהר?» האָב איך געפֿרעגט. «װאָס איז בײַ אײַך אין פֿלעשעל?»

«ספּירט». דאָס מײדעל האָט זיך צולאַכט. «צום פּריזירען. איך געה אין ערגיץ נישט».

«קומט אין «די מיהל»! איאָ? איהר טאַנצט דאָך?»

«יאָ-יאָ. אָבער נײן, נישט אין «די מיהל»!

«פֿאַרװאָס עפּעס נישט?»

זי האָט אָנגעװיזען אויף איהר קאָפּ און זיך שטיל צולאַכט.

«זעהט איהר דען נישט, אַז איך בין אָהן אַ הוט?»

«נו, איז װאָס איז דאָרט אַזױ?» איך בין אַנטשװיגען געװאָרען און פֿערזונקען אין ענטציקונג פֿון איהרע פּראַכטפֿאָלע שװאַרצע האָהר. מיר זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַרבײַ אַ לאַמטערנע, און איך האָב דערזעהן, אַז מײַן פֿרײַלײַן האָט בלויע אויגען.

«װאָס דען װעלען מיר טאָן? — עס איז דאָך נאָך פֿריה צו עסען אָװענדברויט?"

זי האָט געענטפֿערט מיט אַ טאָן פֿון אַ מבֿין:

«אויסטרינקען אַ גלעזעל ווײַן».

איך האָב דאָס מיידעל גענומען אונטערן האַנד — ווי הייסט זי? לוּאיזאָן! — און מיר זענען פֿרעהליך אַוועק ווײַטער. לוּאיזאָן האָט צווי מאָל געבּיטען דעם פּוס, צו טרעפֿען מיר פּוס אין פּוס. מיר האָבען געוויינט פֿון מענשען, און די מענשען האָבען פֿון אונז געוויינט. איך האָב מיך בעמיהט צו פֿערלייכטערן לוּאיזאָנען דאָס געהן.

חאָ, חאָ! איך בּין אויסגעגאַנגען פֿאַר התפּעלות, האַלטענדיג די צאַרטע, ווייכע האַנד לוּאיזאָנ׳ס. מיר איז געוועזען אַזוי מאָהנע אַנגענעהם ווידער צו פֿיהלען די וואַרימקייט פֿון אַ פֿרויען-קערפּער — נאָך אַזאַ לאַנגער הפסקה.

«און ווי הייסט איהר?» האָט לוּאיזאָן געפֿרעגט. «איהר זענט דאָך אַ רוס, נישט אמת?»

«יאָ, געוויס. מײַן נאָמען איז קאַזימיר! איך בין אַ מאַלער.»

«איך האָב עס גלײַך פֿערשטאַנען», האָט לוּאיזאָן געזאָגט. «און איך דיען אַלס מאָדעל פֿאַר מאַלער».

מיר זענען אַוועק אין אַ קאַפֿע, וואוהין לוּאיזאָן האָט מיך אַוועקגעפֿיהרט, און האָבען זיך געהייסען דערלאַנגען צוויי גלאָז ווײַן. דאָס קריטישע פֿערהאַלטען זיך צו איינאַנדער איז בײַ אונז איבערגעגאַנגען אין אַ צוטרוי. דער לאַקיי האָט אונז בעדיענט מיט אַ העפֿליכער דיענסטפֿערטיגקייט. אין קאַפֿע איז געוועזען היימליך, די פּאָדלאָגע בעשאָטען מיט זאַמד, די שפּיגלען אין פֿלעקען, און אויף די מאַרמאָר-טישען מעשענע צוועקליך. דאָ איז שוין אַלץ געוועזען גענוצט אַ לאַנגע צײַט. די היימליכע אויפֿגערוימטקייט איז נאָך גרעסער געוועזען דערמיט, וואָס דער לאַקיי איז געגאַנגען אָהן אַ זשילעט.

לוּאיזאָן האָט אויסגעטרונקען איהר גלאָז. „איצט לאָמיר געהן שפּאַצירען», האָט זי פֿאָרגעשלאָגען. — איך האָב איהר פֿאָרזיכטיג אַרויפֿגעוואָרפֿען אויף די אַקסלען דעם קעפּ. לוּאיזאָן איז געוועזען אַ שלאַנקע, פֿאָלקאָם רײַפֿע פֿרוי, דאָך נאָך נישט איינגאַנצען אויסגעפֿאָרמירט. זי איז געגאַנגען מיט אַ מין אומגעלומפּערטער גראַציע — און איז דערמיט אַ ביסעל ענליך געוועזען אויף אַ יונג קעלבעלע.

מיר זענען אַרויס אויף די גאַס און האָבען זיך ווידער גענומען

בלאַנקען געאַרימטערהייד. לואיזאַן האָט מיך געפֿירט מיט אַ לײַבטער בעוועגונג פֿון איהר עלענבויגען, און איך בין געהאָרזאַם געגאַנגען, נישט ווייסענדיג אַפּילו וואוהין. איך האָב דאָך נישט געקענט זײַן קלאָר אין אַלע שמאָלע הינטערגעסליך פֿון מאָנמאַרטר. מיר האָבען געפּלוידערט אָהן אַנ׳אויפֿהער.

«... גוט», האָט געזאָגט לואיזאַן, «מיר וועלען אָבער געהן נישט צו מיר אַהיים. ס׳איז זעהר ווײַט. נאָר ס׳איז אַלץ איינס. מיר וועלען געהן מיט אײַך אין אַ האָטעל».

«נו, נו! אויסגעצייכענט».

«אָט דער איז מיר גראָד בעקאַנט», האָט לואיזאַן געזאָגט און האָט אָנגעוויזען אויף אַ קײַלעכדיגע לאַמטערנע, וואָס האָט ווי אַ לבנה געשײַנט אין דעם נעבעל פֿון דער דונקעלער גאַס. «וואָס רעדט איהר... אָ, זעהר נישט-טײַער! פֿאַר ביידען פֿיפֿצעהן סו. קומט!»

דורך עפּעס אַ ווילד-שמאָלען דורכגאַנג זענען מיר צוגעקומען צו די טרעפּ און זענען אַרויף אויף דעם ערשטען שטאָק. לואיזאַן האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ גלעזערנע טיר; ס׳איז אַרויס די בעל-הבית׳טע. דער ערשטער נומער איז ליידיג; די בעל-הבית׳טע האָט אונז צוגעלויכטען.

אַ קליין, בעשיידען צימערל. צוויי שטוהלען, אַ שפּיגעל, אַ בעט, — און דאָס גאָר. נאָר אין אייוועלע האָט געברענט אַ לוסטיג פֿײַער. לואיזאַן האָט אַ רוף געטאָן דעם בעדיענער, ער האָט אויסגעהערט איהר בעפֿעהל און האָט שווײַגענדיג געבראַכט, וואָס מען האָט געהייסען. דערנאָך האָט ער געזאָגט «אַ גוטע נאַכט» און איז אַרויס,

«איהר זענט שוין דאָ וואַהרשײַנליך געוועזען?» האָב איך אַ פֿרעג געטהון און גענומען בעטראַכטען דאָס צימער.

«יאָ, געוויס!» לואיזאַן האָט געוואָלט אַרויסנעהמען דאָס ברענאייזען צום פֿריזירען. איך האָב אָנגענאָמען די גלעזער.

לואיזאַן האָט זיך געשטעלט פֿאַר׳ן שפּיגעל און האָט גענומען פֿונאַנדערשפּיליען דאָס קלייד. נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך אָבגעקעהרט און האָט אויף מיר אַ וואָרף געטאָן אַ מאָדנעם פֿאַרשעמטען בליק, וועלכער האָט געזאָלט בעטײַטען: קען איך דען זיך אויף איהם פֿערלאָזען, איז ער אונזערער?

געוויס, איך האָב געהערט צו לואיזאַנס לײַט.

נאָר די שוואַכע פֿערלעגענהייט איז אליין פֿון זיך אַלץ מעהר פֿערשוואונדען, וואָס מעהר לואיזאָן האָט זיך אַרויסבעוויזען פֿון איהר אַנצוג אַרוים. איך בין געשטאַנען אַ פֿערגאַפּטער און בין אויסגעגאַנגען פֿאַר ענטציקונג!

«ניין, אָבער ווי שען דו ביסט — לואיזאָן!»

אין דערפֿריה בין איך גראָד געוועזען אין לובר, צו פֿאַלען כורעים פֿאַר וועגוס'ן; איצט אָבער זענען מיינע געפֿיהלען צו דער געטליכער סטאַטועֶ איננאַנצען אָבגעקיהלט געוואָרען.

נישט ווילענדיג האָב איך ברייט פֿונאַנדערגעעפֿענט דאָס מויל און האָב הויך אויסגעשריען; האָב הימנען געזונגען, אין הימעל אַריין געלויבט, בין נתפעל געווען..

«שטילער!» האָט לואיזאָן אַרויסגערעדט מיט אַ בערוהיגענדער שטים. דער טריאומף האָט אין איהר אַריינגעבלאָזען אַ רוהיגקייט און אַ געפֿיהל פֿון זעלבסטווירדע.

איך האָב גענומען לואיזאָנען אויף די הענד און האָב ווי פֿער־שכור'ט זיך געדרעהט מיט איהר איבערן צימער. דערנאָך האָב איך זי פֿאָרזיכטיג אַוועקגעטראָגען אויפ'ן בעט.

ס'איז אַריבער אַ היבשע צייט.

— «איצט דאַרף מען אַ טראַכט טאָן וועגען אָוועגדברויט», האָט פלוצלונג לואיזאָן געזאָגט. איך האָב זעהר נישט געוואָלט זיך אויפהויבען, נאָר איך האָב געמוזט מיט איהר איינשטימען. מיר זענען אויפגעשטאַנען און בעת'ן אָנטאָן זיך האָבען מיר רוהיג־אויפגעלעגט און לוסטיג געפּלוידערט אין דעם קליינעם, נישט־ציכטיגען צימערל. מיט עגמת־נפש האָב איך בעמערקט, אַז די שיך לואיזאָנס זענען אָבגעטראָגען און שמוציג. זי האָט זיך גענומען פריזירען אין גרייזליך די האָהר; דערויף האָט זי נויטיג געהאַט אַ היבש ביסעל צייט. — פֿון פֿאָרענט האָט זי געהאַט קורצע האָהר, און האַרט ווי שטריקלעך. איך האָב זיי אַ גלעט געטאָן.

«נישט לאַנג אָבגעברענט», האָט לואיזאָן געזאָגט מיט איהר אַנגענעהמער מעלאָדישער שטים.

מיר האָבען זיך אויסגעקליבען אַוועקצוגעהן, און זי האָט איין געוויקעלט דאָס פריזיר־אייזען.

ס'איז שוין געוואָרען אָוונד; דער עולם אויפ'ן גאַס איז גע־

װעזען אַנ'אַנדערער; ס'איז געװאָרען פֿרײַער, הימליבער. דער אַרבײַטער-טאָג האָט זיך געענדיגט.

איך און לואיזאַן זענען געגאַנגען לוסטיג און פֿרעהליך. ערגיץ-װאו פֿון אַ װיטרינע אַרױס איז אױף אונז געפֿאַלען אַ העלער שײַן, און איך פֿלעג זיך אײַנבױגען אַרײַנצוקוקען אין דאָס צאַרטע זאָרגלאָזע פּנים'ל און אױף די פּרעכטיגע זײַדענע האָהר פֿון מײַן פֿרײַלײן. ענדליך זענען מיר אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן, און דער לאַקײ האָט אונז אַװעקגעפֿיהרט אין דער הינטערשטער שטוב. אַז מיר זענען געגאַנגען פֿאַרבײַ דעם ביליאַרד-צימער, האָבען אונז די שפּילער נײַגיעריג נאָכגעקוקט.

הינטען, אין אַ קלײנעם שטױביג צימערל האָט זיך לואיזאַן אַנידערגעזעצט אױפֿ'ן דיװאַן און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט איהר שײַנענדען בליק. עס האָט זיך געדאַכט, גלײַך װי זי פֿערשפּרײט אַרום זיך פֿרישקײַט, גלײַך װי זי בעשאָטענט מיט אַ װאַרימקײַט דאָס קלײנע צימערל.

— «קעלנער!»

עס איז אַרײַן דער לאַקײ. לואיזאַן האָט גענומען די שפּײַזקאַרטע און האָט געהײסען דערלאַנגען, קלאַפּענדיג מיט איהרע פֿינגערלעך איבער'ן טיש. איך האָב אױף איהר געקוקט מיט ענטציקטע אױגען.

דער לאַקײ האָט געבראַכט אַ שאַכטעל אױסטערן; ס'איז גלײַך געװאָרען אַ פֿלאַש װײַן.

די מאָהלצײַט האָט זיך אָנגעפֿאַנגען, און לואיזאַן האָט געגעסען מיט אַנ'אַפּעטיט פֿון אַנ'אַכטצעהניעהריג מײדעל.

איך האָב אַ קוק געטהון אױפֿ'ן לאַקײ: — גאָט אין הימעל, ער עפֿענט די שאַכטעל אױסטערן מיט'ן גרױסען טיר-שליסעל.

די געריכטען זענען געגאַנגען אײנס נאָך דעם אַנדערן; לואיזאַן איז געװען אַ בקי אין הלכות אכילה. דער װײַן האָט געפֿלאָסען אין איהר פֿריש מײַלכעל אַרײַן, און זי האָט געפֿאָדערט נאָך און נאָך. איך בין געזעסען פֿערזונקען אין אַ הײליגע התפּעלות, הנם אַלײן האָב איך אױך ניִשט פֿערפֿעהלט צו עסען מיט גרױס אַפּעטיט. לואיזאַן האָט געקלאַפּט מיט'ן פֿױסטעל איבער'ן טיש און האָט געלאַכט — דאָס װאָג איך ניִשט צו רײדען — און דאָס געפֿעלט

(העפֿט 26)

איהר ... וואָס מעהר זי האָט געלאַבֿט, אַלץ קלינגענדער און פֿרישער איז געוואָרען איהר קול'כעל.

המ ... המ ... וואָס אַזוינס זאָל מען היינטען דערלאַנגען אַלס דעסערט? לואיזאָן האָט אויסגעקליבען, און דער לאַקיי איז גלייך אַרײַנגעקומען מיט פֿרוכֿטען, מאַנדלען און אַ פֿלאַש זיסען וויין. געמאַכֿט אַ סוף מיט דעם אַלעם, האָט זי טיעף אָבגעאָטעמט, האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטען און האָט געזאָגט, אַז זי חלש'ט טרינקען. זי האָט נאָך אויסגעטרונקען נישט מעהר און נישט וועניגער ווי אַ גאַנצע פֿלאַש ביר. איך האָב זיך שיער נישט דערוואָרגען פֿאַר שרעק, ווי אַ פֿערד, וואָס האָט דערזעהן אַ לאָקאָמאָטיוו.

דערווייל איז שוין געוואָרען שפּעט. מיר זענען אַרויס אויף די גאַס — פֿאַרבײַ האָבען זיך לוסטיג געטראָגען קאַרעטען. לואיזאָן האָט מיט אַ מינע פֿון אַ געניטער צוגערופֿען אַ פֿיאַקר — 109, קליניאַקור-גאַס!

„כ'פֿערשמעה, פֿרײַליין!"

זיך אַנידערגעזעצט אויף דאָס ווייכֿע געזעס, זענען מיר שיער נישט אומגעפֿאַלען, אַז דער פֿיאַקר האָט זיך מיט אַמאָל פֿון אָרט געריהרט. אין די פֿענסטער האָט זיך געבּיטען שיין מיט פֿינסטערניש. — מיר פֿאָהרען איבערן ווייכֿען וועג אין דער לענג פֿון די טראַמוויי-רעלסען.— אָי! ווידער דאָס ווילדע טרייסלען זיך אויפ'ן ברוק!. — לואיזאָן האָט געשוויגען; זי איז, קענטיג, זעהר מיעד געוועזען.

אַרײַנגעקומען אויפ'ן פֿינפֿטען שטאָק צו לואיזאָנען אין צימער אַרײַן, האָבען מיר דערפֿיהלט אַזאַ מידיגקייט, אַז מיר האָבען אַפֿילו די לאָמפּ נישט אָנגעצונדען.

II.

און לואיזאָן וואו איז? — איך האָב מיך אויף מאָרגען אויפֿגעכאַפּט אונטער אַ בעט-חופּה — זי האָט זיך געדרעהט איבערן צימער אין אַ לײַכֿטען אַנצוג מיט'ן קאָפֿיניק אין די העַנד.

«לואיזאָן!»

«וואָס, מײַן טײַערער? האָסט זיך שוין אויפגעכאַפּט?» זי איז צו מיר צוגעגאַנגען.

«דו קושסט זיך אַזוי הויך, לואיזאָן! דו קענסט דען אַנדערש נישט? מיינסטו דען, אַז דער גאַנצער כּח ליגט אין דער הילכיקײַט פֿון דעם קוש?»

«יעדערער האָט זיך זײַן טבֿע», האָט לואיזאָן געזאָגט. «דו ביסט זיך אפֿשר נישט געוועהנט אַזוי, דו ביזט דאָך אַ רוס. נו, אַזוי איז בעסער?»

«נײַן ... טײַערע לואיזאָן!»

איך האָב מיך פֿערטיעפֿט אין מחשבֿות וועגען דעם, אַז דאָס דאָזיגע קליינע געניטע בעשעפֿעניש קען אַלץ, אָבער ניט קושען זיך. זי קושט זיך הויך און עפּעס טרוקען, קושט אַזוי ווי מען האָט זי קינדווײַז געלערנט; בײַ איהר קומען אַרויס עפּעס הילכיגע בע-טויבענדע קושען, גלײַך מען קושט אַ קינדערש בעקעלע. הם... מיר קומען אַרויף אויפ'ן זינען פֿערשידענע געדאַנקען.

... «וויִסט», לואיזאָן איז צוגעגאַנגען מיט'ן קאָפּיִניק — «מיר וועלען באַלד טרינקען קאַווע. נאָר מיר האָבען נאָך נישט קיין קויהלען». זי האָט עס אַרויסגערעדט מיט אַ פֿערשולדיגטען טאָן און האָט אַראָבגעלאָזט די אויגען. וואָס פֿאַר אַ דערשראָקען פּנים פֿון אַ קליינטשיקער בעל-הבית'טע...

«לואיזאָן!» איך בין אונטערגעשפּרונגען אויפ'ן בעט. «גיב נאָר אַהער מײַן אַנצוג. דאָרט וועט זיך נאָך וואָס געפֿינען. נו, יאָ, אַט אַזוי!»

לואיזאָן האָט זיך אָנגעטאָן, אונטערזינגענדיג עפּעס אַ ניגונ'-דעל. דערנאָך האָט זי אַ שאָקעל געטהון מיט'ן קאָפּ און איז אַרויס.

איך האָב דערזעהן, אַז איך געפֿין זיך אין אַ אײַנפֿאַך צימערל. אויף דער וואַנד זענען געהאַנגען בילדער, געמאָלט מיט קויהל, און עסקיזען. און אויפ'ן קאָמאָד זענען געלעגען צוויי ראַפּירען און אַ גאַנץ פּעקעל אָנגעוואָרפֿענע ביכלעך. איך האָב איינינגע פֿון זיי דורכגעבלעטערט: דורכאויס גאַסען-ליטעראַטור! דאָ האָט זיך אויך געוואַלגערט אַ העפֿטעל, אין וועלכען לואיזאָן פֿלעגט פֿערשרײַבען לידלעך און אַנעקדאָטען. ס'אַר אַ קאָמישע קינדערשע האַנדשריפֿט בײַ איהר איז!

אין צימער אַרײַן האָט זיך פֿערטראָגען דער טומעל פֿון שטאָדט

— און האָט אָבגעקלונגען ווי עפּעס אַ פֿערטויבטע פֿרעהליכע זשו־זשעריי. אויף דער גאַס האָט געשיינט די ליכטיגע זון; פֿאַר מיינע אויגען איז געלעגען פֿערשפּרייט אַ גאַנצער וואַלד דעכער און קוי־מענס. וואו־נישט־וואו האָבען זיך אויפגעהויבען אונענדליכע רייהען פֿון לאַנגע גלייכע קוימענס; און ערטערווייז — בעזונדערע, דינע, אויסגעבוינענע אויף די פֿערשידענסטע אופֿנים. די שטאָדט האָט גערוישט... ווי בעצויבערנד איז די דאָזיגע מוזיק, — זי דערמאָהנט די קלאַנגען פֿון אַ האַרמאָניק, אויף וועלכער מען שפּיעלט אין דער ווייטענס מיט די ליפּען. אַ העלער, לוסטיגער פֿריהמאָרגען.

לואיזאָן האָט זיך צוריקגעקעהרט אַ שטראַהלענדע, בעלאָדען מיט אַ גאַנצער מאַסע פֿערשידענסטע פּעקעליך. גלייך נאָך איהר איז אַריינגעקומען אַ שמוציג יונגעל, איינגעהויקערט אונטער דער משׂא פֿון אַ זאַק קויהלען.

«אַהינצו!» האָט לואיזאָן קאָמאַנדעוועט.

„דאַנקע שען, נאַט, נעהמט!”

דאָס יונגעל איז אַוועק, פֿערשטענדיג אונז מיט אַ גאַנצען מבול דאַנקבאַרקייט.

לואיזאָן האָט גענומען בעל־הבית'עווען. האָט אָנגעטאָן רויטע פּאַנטאָפֿעלעך און אַ לייכט מאָרגענקלייד. עס איז געווען פֿון אַנ'־אָבגעקראָכענעם רייסענד־פֿאַרביגען שטאָף און עהנליך אויף אַ בויך פֿון אַ סאַלאַמאַנדער.

געמאַכט פֿאַרטיג די קאַווע, האָט לואיזאָן מיר דערלאַנגט אַ פּעסקע.

אויסגעצייכענט! — איך האָב זי אַרויפגערוקט אויפ'ן קאָפּ.

«איך האָב נאָך געהאַט אַ ליולקע צום קאַליאַן רויכערן, נאָר זי האָט זיך צובראָכען», האָט זי אַ זיפֿץ טוענדיג געזאָגט גלייך ווי פֿאַר זיך.

מיר האָבען נאָך געהאַלטען אין קאַווע טרינקען, ווי מיר האָבען דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. דאָס איז די וועשערין. זאָל זי אַריין. און בעת די פֿרוי איז מיט אַנ'עניוות'דיגער געפֿאַלענקייט געשטאַנען ביים טיר, האָט לואיזאָן צונויפגעקליבען די וועש. זי האָט אַריינגעשטעקט איהר קליינטשיק פֿינגערל אין דאָס שלאָס־לעכעל, האָט איהם דאָרט פֿערבויגען און אַרויסגערוקט דעם שופֿלאָד פֿון קאָמאָד. דערנאָך האָט זי איבערגעצעהלט די וועש און האָט עס פֿער־

שרײַבען אויף אַ שטיקעל פּאַפּיר; און אַלץ מעשׂה-בעל-הבית'טע, זעהר ערנסט. איך בין געלעגען אין בעט מיט דער פּעסקע אויפ'ן קאָפּ, און דאָס פּרעגזעלע איהרע האָט זיך מיר לוסטיג געבאָמבעלט פאַר די אויגען. קײן אַנדער ברירה האָב איך נישט געהאַט, ווי מאַכען אַ מינע פון אַ געטרײַען בעל-הבית'ל.

„דאַנקע שען, מאַדאַם!" די וועשערין איז אַוועק.

לואיזאַן האָט זיך נאָך אַלץ צוגעקליבען; איך האָב געזעהן, ווי זי האָט אױפגעלעגט מײַנע זאַכען אין אָרדנונג און האָט פערגלעט די פאַלבען אויפ'ן העמד. פּלוצלונג האָט זי זיך געווענדעט צו מיר:

«נו, שטעה שוין אויף, פוילער!»

«גוט, לואיזאַן, און וואָס פאַרט וועלען מיר הײַנט טאָן?»

«מיר וועלען געהן שפּאַצירען». לואיזאַן האָט אויפגעזוכט איהרע שיך און גענומען זיי באַטראַכטען.

«די רגע געה און קויף זיך אַ פּאָר שיך!» מיר האָבען אַרומגערעדט דעם דאָזיגען ענין ווי געהעריג איז, און לואיזאַן איז אַוועק אין מאַגאַזין אַרײַן. באַלד האָט זי זיך צוריקגעקעהרט מיט אַ פּאָר שפּאָגעלנײַע שיכעליך און מיט אַ וואַנד-קאַלענדאַר, וואָס מען האָט איהר געגעבען אַ מתנה. איך האָב געמוזט באַטראַכטען די שיך פון אַלע זײַטען און אַ טאָפּ טאָן די פּאָדעשוועס. יאָ, זיי זענען גרויסאַרטיג. לואיזאַן האָט גענומען באַווײַזען מיר אַלע איהרע קלײדער און איך האָב געמוזט אַ טאָפּ טהון דעם שטאָף. מיר האָבען געפּלוידערט וועגען די פערשידענסטע זאַכען, און איך האָב צו אַלץ אַרויסגעוויזען אינטערעס. — דערווײַל האָט געשלאָגען עלף אַ זייגער.

«איך האָב אַ זײגער», האָט לואיזאַן אַ זאָג געטאָן. «ער איז אָבער אין מאָן-דע-פּיעטע".

«וואָס רעדסטו!»

«איך מיין, מען דאַרף איהם אויסקויפען».

איך האָב זיך געמאַכט, ווי גע'פּגר'ט, האָב זיך בלומרשט פערקוקט אויף דער סטעליע און האָב זיך מיט אַמאָל פונאַנדערגעהוסט.

«איך זאָג עס גאַנץ ערנסט».

לואיזאַן האָט נישט אויפגעהערט דערפון צו רײדען. און איך

האָב איבער געוויסע טעמים בעשלאָסען זיך נישט אונטערצוגע-
בען. ווי גיך זי וויל מיך שוין אַריינגעהמען צו זיך אין די הענד אַריין.
זי עקספּלאָאטירט מיין גוטסקייט. נאָך אַ ביסעל, און זי וועט מיר
מאַכען סצענעס, כדי אויסצופיהרען איהרע קאַפּריזען! אומזיסט
אָבער מיינט זי, אַז מיין וואַרפען זיך מיט געלד האָט נישט קיין
גרענין .... יאָ, יאָ, איך האָב נאָך נעכטען בעמערקט, ס'אַר אַ שמד-
קאָפּ זי האָט אויף אַזעלכע זאַכען ...

«ניין», האָב איך זי אָבגעהאַקט. «ניין, אָבער מאַקע מיט אַנ'-
אמת ניין!»

«אָ!» לואיזאן האָט פערוואָרפען דעם קאָפּ.

באַלד וועט אויסברעכען אַ מלחמה. איצט, איך האָב דאָס גע-
וואוסט, דאַרף זי זיך האַלטען וואָס נעהענטער צום בעט. איך האָב
פערשפּיליעט דעם ראָק און האָב זיך גענומען גאַנץ רוהיג צונויפ-
דרעהען אַ פּאַפּירָאָס. לואיזאן האָט געשוויגען, און איך בין געוועזען
קאַלט ווי אַ שטיק אייז.

אַז לואיזאן האָט דאָס דערזעהן, האָט זי זיך ענטזאָגט פון אַ
מלחמה. אונטערגעגאַנגען און האָט מיר אַרויפגעלעגט ביידע הענד
אויף די אַקסלען.

«דו ווילסט מיך נישט אַ קוש טאָן?» זי האָט אַ זיפץ געטאָן.

«אָבער...»

«ווער האָט דאָס דיר געזאָגט?»

„.. אפשר זאָלען מיר געהן עסען פריהשטיק?”

«זעהר פיין, מיין קינד».

לואיזאן האָט ווידער אַ זיפץ געטאָן מיט אַ ניט-זיכערער גע-
דולדיגער מינע. דערנאָך האָט זי מיט גרוים פאַרזיכט אַראָבגענומען
אַ שפּרינקעלע פון מיין ראָק.

גאַנץ קאַלט, נישט ריידענדיג אַ וואָרט זענען מיר אַרוים אויפ'ן
גאַס. אַריין אין אַ קאַפע און האָבען אָבגעגעסען פריהשטיק אין אַ
שלעכטער שטימונג. דאָך האָט עס אַזוי נישט געקענט געהן ווייטער.
איך האָב געהייסען דערלאַנגען (היינט האָב איך שוין געהייסען
דערלאַנגען) אַ פלאַש וויין. ס'האָט געהאָלפען: אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן
גאַס, האָט זיך לואיזאן צולעבט, די ליעבע לואיזאן מיט די רויטע
באַקען. זי האָט אויפגעהויבען דאָס קלייד, וועלענדיג מיר בעווייזען

איהרע נייע שיך. מיין זעלבסטבעהערשונג איז פֿערשוואונדען. דאָך האָב איך מיך געשטאַרקט זיך נאָך נישט אונטערצוגעבען.

«מיר וועלען טרינקען קאַווע ביי מיר אין דער היים?» האָט לואיזאָן געפֿרעגט מיט אַ נישט־זיכערער שטים.

«ווי דו ווילסט».

אַרויפגעקומען צו איהר אין צימער אַריין, האָב איך גענומען די ראַפירע און האָב אָנגעהויבען זיך צו שפּילען מיט איהר. פּיוט! אין דעם זעלבען אויגענבליק איז די אַנדערע ראַפירע געוועזען ביי לואיזאָנען אין די הענד. זי האָט גאָרניט געקענט פֿעכטען און איך האָב לייכט אָבגעשלאָגען איהרע קלעפּ. לואיזאָן האָט זיך צולעבט האָט געפֿאָכט מיט דער ראַפירע און האָט הויך געלאַכט, אינגאַנצען רויט פֿון אויפֿרעגונג.

«היט זיך!» האָב איך אויסגעשריען און אין דעמזעלבען אוי־גענבליק אַ וואָרף געטאָן די ראַפירע, האָב ענטוואָפֿענט לואיזאָנען און האָב זי בעשאָטען מיט קושען, ווי די מאָדע איז!

און אַזוי איז דער שלום צוריק געשטעלט געוואָרען.

(פֿאָרטזעצונג קומט).

איבערזעצט ז. רייזען.

קנוט האמסון.

אויף דעם פאסט-וועג.

אין האב זיך געמאכט א בעקוועם ארט אין דער דראזשקע אויף צוויי רעדער און האב זיך אנידערגעזעצט, געהמענדיג אין די הענד ארייין די לייצען און האב אנגעהויבען צו ווארטען אויף דעם יונג, דעם בעל-עגלה. אין פענסטער פון צווייטען שטאק איז געשטאנען א יונג, העל-בלאנדין מיידעל און האט אויף מיר געקוקט; דאס האט שטארק געקיצעלט מיין איינגעליבע, האב איך זיך שטאלץ אויסגעגלייכט אויף מיין געזעס, פונקט ווי איך וואלט געווען א וויצע-קאנסול. איך האב געוואלט מאכען אנ'איינדרוק פון נאך גאר א יונגען מאן, האב איך שטילערהייד ארונגעשאקעלט פון דער נאז די פענסנע. מיך האט זעהר פערדראסען פארוואס איך האב נישט אויפגעשריבען אין דעם בוך, וואו מען פערשרייבט זיך, אז איך בין א יונקער.

דער בעל-הבית פון דער אכסניא איז אין דער לעצטער מינוט ארויסגעקומען אויפ'ן גאניקיל און האט מיר געמאלדען, אז דער יונג איז שוין פריהער אוועקגעפאהרען מיט א פולען וואגען ענג-לענדער; ער האט מיך געבעטען, אז איך זאל אליין צופאהרען ביז צו דער צווייטער פאסט-סטאנציע אהן א קוטשער; נישטא זיך פאר-וואס צו שרעקען, יענס איז א קלוג פערד, ער ווייסט זעהר גוט דעם וועג, און איך קען מיך אויף איהם פערלאזען.

געוויס זעהט מען אויס סאלידער, ווען ס'זיצט פון הינטען א קימשער, האב איך זיך א טראכט געטהון, נאר העלפען זיך קען איך נישט. כ'וועל שוין מוזען פאהרען אהן דעם יונג. איך האב א ווארף געטהון א פיעל-בעדייטענדען בליק אויפ'ן פענסטער פון צווייטען שטאק און בין ארויסגעפאהרען פון הויף.

ס'איז געווען זעהר ווארים, האב איך אויפגעקנעפעלט די מא-רינארקע און האב יענס'ען אינגאנצען געלאזט געהן פריי. דאס מע-

סינגע וויגען פון מיין דראָזשקע האָט מיך געמאַכט שלעפעריג. איך האָב אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, כּדי די נאָז זאָל נישט וועגן אָפּגע-ברענט, און האָב אָנגעהויבן צו דרימלען און צו טרוימען פון דעם יונגען מיידעל, וואָס איך האָב געזעהן אין דעם פענסטער פון צוויי-טען שטאָק. נאָט ווייסט, האָב איך מיר געטראַכט, מאַמער האָט זי שוין אַריינגעקוקט אין דעם בוך, וואו מ'פערשרייבט זיך. כ'האָב געטהון זעהר נאַריש, וואָס כ'האָב נישט צוגעשריבען צו מיין נאָ-מען עפּעס א טיטול. כ'וואָלט זיך געקענט, למשל, אָנרופען, אַז איך בין אַ הורטאָוועך סוחר אָדער עמיץ אַנ'אַנדערער פון דעם מין. יאָ, געוויס. אָט בין איך בעשטראָפט געוואָרען פאַר מיין צו גרויסע ענוות.

מיר זענען אָבגעפאָהרען זיבען-אַכט ווירסט פון דער סטאַנציע, האָט זיך יענס פּלוצלונג אָבגעשטעלט. ער איז פּלוצלונג געבליבען שטעהן, ווי אַ פערגאַפטער, פונקט ווי ער וואָלט עפּעס פערגעסען. איך האָב איהם נישט געוואָלט שטערן: זאָל ער אַליין בעשליסען, וואָס ער האָט צו טהון, מיר האָבען גענוג צייט, מיר האָבען זיך נישט וואָס צו אייל'ען.

מיר זענען אַזוי געשטאַנען אין מיטען וועג אַ קנאַפּע האַלבע שעה; קיינער פון אונז האָט זיך נישט בעשלאָסען איבערצורייסען די שטילקייט. איך האָב זיך גלייכגילטיג געוואָרט די ליולקע, האָב געקוקט אויפ'ן זיינער, האָב אַרומגערייניגט דעם גרייצער, וואָס איז געלעגען אין מיין קעשענע, און האָב זיך אין אַלגעמיין בעמיהט מיט עפּעס צו פערקירצערן די צייט; דעם ביימש האָב איך טיעף בעהאַלטען צווישען די קניען. אָבשטעהענדיג אַזוי אָהן אַ בעוועג-גונג נאָך אַ ביסעל צייט, האָט יענס ענדליך אויפגעהויבען אַ פוס, אַ שטעל געטהון איהם פאָראויס און איז געגאַנגען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אויסגעזעהן ווי שולדיג.

ס'איז געוואָרען אַלץ היימער, און מיר האָט זיך ווידער פער-וואָלט שלאָפען, האָב איך פערבונדען אויפ'ן קאָזיאָל די לייצען און האָב זיך פערטראַכט וועגען יונגען מיידעל. זי האָט געהאַט גרויסע, חיינע הענד און אַ זעלטענעם פרעהליכען בליק, וועלכער האָט צו-געגעבען איהר געזיכט אַ לעבעדיגען, רייגעם אויסדרוק. איך האָב זיך מיט איהר ערנסט פערראינטערעסירט. נאָך וואָס איז זי געשטאַ-נען ביים פענסטער און אויף מיר געקוקט? איך האָב ערוועקט איהר

נײַגיִער. ס'אִיז זעֶהר מעֶגלִיך, אַז אִין דעֶר מִינוּט שטעֶהט זִי אוּן מִישט אִיבּעֶר דאָס בּוּך, וואוּ מ'פֶערשרײַבּט זִיך: נײַן, ס'אִיז גאַנץ זִיכעֶר, אַז זִי האָט זִיך בּאַלד געֶאײַלט געֶוואָהר צוּ ווערעֶן, ווער אִיך בִּין. נאָר אִיך האָבּ דאָס נִישט אוֹיפגעֶשרִיבּעֶן. ס'האָט זִיך מִיר פאָר-געֶשטעֶלט אַ געֶלעֶגעֶנהײַט צוּ קעֶנעֶן בּעֶרִיהמעֶן זִיך מִיט אַ טִיטוּל אָדעֶר מִיט אַן'אַנדעֶר בּכבוֹד'עֶ, גלעֶנצעֶנדעֶ שטעֶל, אוּן אִיך האָבּ זִיך דעֶרמִיט נִישט בּעֶנוּצט; אִיך האָבּ גאַנץ אײַנפאַך אוֹיפגעֶשרִיבּעֶן מײַן בּלוֹיזעֶן נאָמעֶן. מײַן עניוות האָט מִיר אָבּגעֶטהוּן אַ שעֶן שפּיִ-צעֶל. צִי האָבּ אִיך דעֶן נִישט געֶהאַט דאָס רעֶכט אָנצוּרוּפֶעֶן זִיך אַ דִירעֶקטאָר פוּן אַ בּאַנק, אָדעֶר אַן'אַרכִיטעֶקט?... אוּן אַזוֹי ווער בִּין אִיך?... אִיך האָבּ זִיך אַלץ מעֶהר צוּבּײַזעֶרט אוֹיף זִיך אַלײן; סוֹף-כּל סוֹף האָבּ אִיך זִיך אוֹיפגעֶחאַפּט אוּן בִּין געֶקוּמעֶן צוּ דעֶר אִיבּעֶר-צײַגוּנג, אַז אִיך מעֶג זִיך דרײַסט אָנרוּפֶעֶן אַ געֶלעֶהרטעֶר רײַזעֶנדעֶר אָדעֶר אַן'אַפּטײקעֶר אוֹיף דעֶר הוֹיפּט-גאַס פוּן כּרִיסטִיאַנאַ, ווײַל אִיך וואָלט גאָרנִישט רִיזִיקִירט, אִיך בִּין געֶוועֶן אִין דעֶם אִיבּעֶרצײַגט.

אִיך האָבּ גאָר פֶערגעֶסעֶן אָן יעֶנכ'עֶן. אוּן עֶר אִיז זִיך פוֹיל אוּן גלײַכגִילטִיג געֶקראָכעֶן אוֹיפ'ן וועֶג, געֶשאַרט מִיט דִי פִּיס אִין זאַמד אוּן אָנגעֶמאַכט אַ שרעֶקלִיכעֶן שטוֹיבּ. ווען עֶר האָט געֶדאַרפט זִיך אוֹיסצוּדרעֶהעֶן, האָט עֶר פּלוּצלוּנג אַראָבּגעֶלאָזט דעֶם קאָפּ, אַ קײן געֶטהוּן דאָס צײַמעֶל אוּן האָט זִיך אָבּגעֶשטעֶלט. ס'אִיז געֶוועֶן אָהן צווײַפֶעֶל — עֶר אִיז ווִידעֶר געֶשטאַנעֶן אוֹיף אײן אָרט, ווִי עֶס וואָלט גאָרנִישט געֶשעֶהן.

אִיך בִּין געֶוועֶן אַזוֹי פֶערנוּמעֶן מִיט מײַנעֶ געֶדאַנקעֶן וועֶגעֶן דעֶם יוּנגעֶן מײדעֶל, וועֶלכעֶס אִיך האָבּ געֶזעֶהן אוֹיף דעֶם הוֹיף פוּן דעֶר אַכסניא, אַז אִיך האָבּ נִישט בּאַלד בּעֶמעֶרקט, אַז מִיר שטעֶהעֶן שוֹין ווִידעֶר. אִיך האָבּ אַזש אַ צִיטעֶר געֶטהוּן. „דאַנק דעֶם העֶרר גאָט דעֶרפאַר, וואָס אִיך זִיץ זִיך דאָ רוּהִיג אוּן טראַכט וועֶגעֶן מײַנעֶ עסקים«, האָבּ אִיך הוֹיך אַ זאָג געֶטהוּן צוּ יעֶנס'עֶן. מִיך האָט דאָס פּלוּצלוּנג פֶערדראָסעֶן אוּן אִיך האָבּ שוֹין מעֶהר נִישט געֶקאָנט אײַנ-האַלטעֶן מײַנעֶ געֶפִיהלעֶן. יעֶנס אִיז געֶשטאַנעֶן אָהן בּעֶוועֶגוּנג, אַראָבּלאָזעֶנדִיג דעֶם קאָפּ, פּוּנקט ווִי אַ מעֶנש, וואָס טראַכט פוּן עֶפּעֶס, צוּלעֶגעֶנדִיג אַ פִינגעֶר צוּ דעֶר נאָז. אִיך האָבּ מִיך אוֹיפגעֶשטעֶלט, כּדי צוּ בּעֶקוּקעֶן דעֶם וועֶג: טאָמעֶר לִיעֶגט אוּנטעֶר זײַנעֶ פִּיס אַ קִינד, אַ גרוֹיסעֶר שטײן אָדעֶר אַ שטִיק בּוֹים ... אִיך האָבּ זִיך

אויפמערקזאם ארומגעקוקט אין די זייטען — גארנישט! דאן האב איך אויפגעהויבען דעם בייטש און האב יענס'ען א לייכטען קלאפ געטהון: ער האט זיך נישט קיין ריהר געטהון פון ארט, נאר ער האט בלויז א ווארף געטהון מיט'ן קאפ אין דער הויך, פונקט ווי ער וואלט זאגען: היט זיך! דאס האט מיך אויפגערייצט: היט זיך דו אליין! האב איך א געשריי געטהון און האב איהם ווידער געגעבען א שמיץ. דאן האט ער א קלאפ געטהון מיט איין פוס אן דער ערד; ער האט אויסגעזעהען, ווי ער וואלט גערעדט פאר א גרויסער פערזאמלונג. נאכדעם האט ער ארויסגעלאזט א מין קלאנג. ביז דער מינוט האט ער נישט גערעדט קייןווארט. איך האב בעשלאסען, אז איך זאל איהם נישט ענטפערן; איך האב עס געהאלטען פאר אנ'ערנידערונג פאר מיין כבוד, אז איך זאל מיך אריינלאזען אין א טענה מיט'ן פערד. א צוקאכטער האב איך זיך שווייגענדיג געזעצט אויף מיין ארט און האב אנגעהויבען צו ווארטען, וואס ווייטער וועט זיין. אוועקפאהרענדיג פון דערהיים, האב איך נישט אין זינען געהאט מיט עמיצען זיך צו קריעגען.

ס'איז דורכגעגאנגען א גאנצע שעה, ווי מיר זענען נאך אלץ געשטאנען אויפ'ן זעלבען ארט און איך האב זיך אנגעטהון א געוואלדיגען כח, אז איך זאל נישט בייז ווערען. צוויי מאל האב איך שוין ברעה געהאט ארויסצוקריכען פון דער דראזשקע און האב זיך שוין ווידער אנידערגעזעצט. איך האב שווייגענדיג איבערגעלעבט שרעקליכע מינוטען און האב אלץ העלדיש איבערגעטראגען. יענס האט זיך געפיהרט זעהר פארזיכטיג: ער האט נישט אנגעמאכט קיין שום גערויש, ער האט נישט גערירט מיט קיין אבר און האט נאר שווייגענדיג געאטהעמט. ענדליך, האט ער אויפגעהויבען איין פוס און האט איהם ווידער אנידערגעשטעלט. ס'האט איהם, געווים, שוין דערעסען צו שטעהן רוהיג. ער האט אויפגעהויבען דעם צווייטען פוס און האט איהם אויך אראבגעלאזט. כ'ווייס נישט אויף זיכער, נאר מיר דאכט זיך, אז ער האט דעם דריטען פוס אויך אויפגעהויבען און האט איהם אויך צוריק אראבגעלאזט. און פלוצלונג, נאך איידער איך האב בעוויזען זיך אומצוקוקען, האב איך דערפיהלט, אז די דראזשקע פאהרט, מיר זענען שוין נישט געשטאנען אויף איין ארט: מיר זענען געפאהרען.

איך האב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגען, איך בין געווען

אִיבּעָרראַשט און האָב נִישט געָקעָנט אַרויסרֵיידעָן קֵיין וואָרט . דִי דראָזשקעָ אִיז געָפאָהרעָן אַלץ שנעָלעָר, יעָנס האָט זִיך זעָהר עָנעָרגִיש בּעָוועָגט: עָר אִיז געָלאָפּעָן! אִיך האָב זִיך געָוואָלט אַיינרֵיידעָן, אַז מִיר שטעָהעָן נאָך אויף אַנ'אָרט . מִיר שטעָהעָן, נו, געָווִיס שטעָהעָן מִיר! האָב אִיך צו זִיך געָזאָגט. צום טַיוועָל, מִיר שטעָהעָן! און אִיך האָב פּעָרמאַכט דִי אויגעָן, כּדי אִיך זאָל נִישט זעָהעָן, אַז מִיר פאָהרעָן ווִירקלִיך פאָראויס .

ס'אִיז אַוועָקגעָגאַנגעָן אַ סך צַייט, דִי זון האָט זִיך אָנגעָהויבּעָן צו זעָצעָן, דִי הִיץ אִיז געָוואָרעָן שוואַכעָר. יעָנס האָט זִיך שוין ווִידעָר געָשלעָפּט מִיט פוילעָ, פאַמעָלִיכעָ טרִיט. עָר האָט מִיך טִיעף געָעָרגעָרט דעָרמִיט, וואָס עָר האָט מִיר קאַליעָ געָמאַכט מַיין גוטעָ שטִימונג און עָר האָט מִיר אִיבּעָרגעָפִיהרט אַזוי פִיעל צַייט אומזִיסט. צו דעָר פאָלגעָנדעָר אַכסַניא אִיז נאָך געָבלִיבּעָן אַ גוטעָ האַלבּעָ שעה רַייזעָ און אִיך האָב זִיך געָדראַפּט צואַיילעָן, כּדי כ'זאָל נאָך טרעָפעָן דעָם יונג. ווען מִיר זעָנעָן אַרויפגעָפאָהרעָן אויף אַ קלֵיין בּעָרגעָל, האָב אִיך בּעָשלאָסעָן צו דעָריאָגעָן דִי פּעָרלוירעָנעָ צַייט, האָב אַ געָשרֵיי געָטהון אויף יעָנסעָן און האָב אויסגעָצויגעָן דעָם בּיַיטש אִין אַ זַייט, כּדי יעָנס זאָל אִיהם זעָהן. עָר האָט ווִירקלִיך אויפגעָהויבּעָן דעָם קאָפּ, און האָט אויף מִיר אַ קוק געָטהון, גלַייך ווִי עָר וואָלט נִישט פּעָרשטאַנעָן, וואָס אִיך ווִיל פון אִיהם . «נאַ דִיר, אויב דו פּעָרשטעָהסט נִישט!» האָב אִיך געָזאָגט און האָב אִיהם געָגעָבּעָן אַ שמִיץ אויף דעָר פּלֵייצעָ .

עָר האָט זִיך אָבּגעָשטעָלט .

אונמעָגלִיך! נֵיין, אִיך האָב נִישט געָהאַט קֵיין טעות: יעָנס אִיז געָשטאַנעָן ווִי אַ פּעָרקאָפּעָטעָר, שוין צום דרִיטעָן מאָל!

אִיך האָב זִיך אויפגעָשטעָלט מִיט דעָם פעָסטעָן בּעָשלוס צו נעָהמעָן זִיך צו דעָר בּיַיטש, אִיך האָב בּעָשלאָסעָן צו מאַכעָן אַ סוף דורך אַנ'אָפּעָנעָ מלחמה, זאָל שוין זַיין, וואָס עָס ווִיל! נאָר אִין דעָר לעָצטעָר מִינוט האָב אִיך זִיך עָנטזאַגט פון דעָם געָדאַנק. אִיך האָב נִישט געָשפִּירט דִי מִינדעָסטעָ שרעָק; נֵיין, אויב ס'וואָלט נאָר געָווען נויטִיג, וואָלט אִיך אַנטקעָגעָן געָגאַנגעָן אַפִילו אַ לֵייבּ, נאָר אִיך האָב זִיך פּשוט אִיבּעָרגעָלעָגט און האָב אַרויסגעָלאָזט דעָם בּיַיטש פון דעָר האַנד. נִישט זאָגעָנדִיג קֵיין וואָרט ווענעָן מַיינעָ כּונות, בִּין אִיך אַרויסגעָגאַנגעָן פון דעָר דראָזשקעָ, נאָר אִיך אַלֵיין האָב נאַנץ

נוט געוואוסט, צו וואָס איך טהו דאָס. ס'איז געווען אָהן צווייפעל, אַז עפּעס האָט געמוזט ליעגען אויפ'ן וועג, וואָס האָט געשטערט דעם פערד צו געהן. איך האָב צונויפגעדריקט די פויסטען, מאַכענדיג זיך גרייט צו אַלץ, און בין צוגעגאַנגען צו יענס'ען: כ'האָב נישט געזעהן גאָרנישט: האָב איך זיך פערוואונדערט און האָב זיך אַנגעבויגען צום וועג, כּדי איהם גוט צו בעקוקען. זאַמד, בלויז זאַמד, איך האָב נאָך בעמערקט אַ פּשוט שוועבעלע. איך האָב זיך אומגעקעהרט און געזעצט זיך. נו, איצט וועלען מיר זעהן!

איך האָב מיט'ן גאַנצען כּח אַ געשריי געטהון אויף יענס'ען, האָב אַ נעהם געטהון דעם בייטש און האָב איהם אַ שמיץ געטהון. יענס האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און איז אַלץ ווייטער געשטאַנען אָהן בעוועגונג. דאָס האָט נישט געהאָלפען, מ'דאַרף נאָך אַמאָל אַראָבקריכען. כ'בין ווידער צוגעגאַנגען צו יענס'ען, בין צוגעגאַנגען צו איהם גאַנץ נאָהענט און האָב איהם אַ קוק געטהון אין די מאָרדע אַריין. ער האָט זיך געמאַכט, ווי ער בעמערקט מיך נישט. איך האָב זיך אַנידערגעשטעלט אויף די קניהען און האָב נאָכגעשפּירט נאָך דער ריכטונג פון זיין בליק. אויף וואָס קוקט ער דאָס אַזוי שטאַרק? איך האָב נישט געגלויבט מיינע אייגענע אויגען: צי דען קוקט ער אין דער אמת'ן אויף דעם קליינעם שטיקעל שוועבעלע?

איך האָב זיך אַזש געשעמט פאַר זיינעטוועגען. נו, האָט דען געלוינט זיך אַזוי אויפצורעגען צוליעב אַ שטיקעל שוועבעלע? איך בין אַ פּאָר מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום דער דראָזשקע, כּדי זיך גוט איבערצוטראַכטען, ווי אַזוי איך זאָל זיך מיט איהם אויסריידען.

ווי אַזוי האָט איהם געקענט איינפאַלען אין קאָפּ אַריין אָבצוטהון מיך אַזעלכע אונאַנגענעהמליכקייטען? וואָס, מיר האָבען זיך דען אויסגערעדט אָבצושטעלען זיך ביי יעדען שוועבעלע? צי דען מיינט ער, אַז פון זיין זייט איז דאָס גוט? צי דען איז יענס — אַ פערד, וואָס האָט נישט קיין חרפּה און קיין געוויסען?

יענס האָט אַפילו נישט גערירט מיט קיין ברעהם.

איך האָב אָנגעהויבען פון איהם אָבצולאַכען, האָב איהם געעפענט די אויגען אויף זיין פיהרונג. — אַ שוועבעלע! — האָב איך געזאָגט מיט פעראַכטונג. אַ וואַזשנע זאַך אַ שוועבעלע! איך רייב זיי אוים פעקלעכווייז. צי ווייסט ער דאָס? ס'זענען שוין זאָגאַר געווען אַזעלכע טעג, ווען מיינע אַלע קעשענעס זענען געווען אָנגע-

פּאַקט מיט שוועבעלעך, האָטש איך בין דאָך נישט קיין רויכערער. נו, זאָל ער נאָר פּרובירען אַראָבצוואַרפען אַ שוועבעלע אויף דער ערד און מיך בעטען, איך זאָל עס אויפהויבען, — וועט ער דאַן זעהן, צי איך וועל עס טהון!

יענעם האָט מיך גאָר איננאַנצען נישט אויסגעהערט, שטעהענדיג מיט אַנ'אַראָבגעלאָזענעם קאָפּ, און קוקענדיג כסדר ערגעץ פאָר אויס.

איך בין געוועזען שטאַרק צורודערט; מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וויל מיך אומישנע ניט אויסהערען. וואָס זאָל איך טהון? איך בין צוקאָכטערהייד אומגעגאַנגען הין און צוריק איבער'ן וועג און האָב געצויגען מיט די אַקסלען. דערנאָך האָב איך זיך ווידער צו איהם געווענדעט און מיט אַ ציטריגער, אויפגערעגטער שטים האָב איך זיך בעמיהט איהם איבערצושפּאַרען: אפשר איז דאָס אַנ'אויס-נאַהמס-שוועבעלע? וויל ער מיך נישט אַמאָל איבערצייגען, אַז דאָס איז אַנ'אומגעוועהנליך שוועבעלע? אפשר פערדיענט עס גאָר אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט?... איך האָב געשריגען וואָס אַמאָל העכער און ווערענדיג פערצווייפעלט, האָב איך אַ פּאַטש געטהון מיט די הענד.

סוף-כל-סוף האָט יענעם אויפגעהויבען דעם קאָפּ; ער האָט פערשטאַנען, אַז איך וויצעל זיך נישט. איך האָב בעשלאָסען צו בענוצען זיך מיט דעם געלעגענהייט'ס-מאָמענט, האָב אַ חאַפּ געטהון די לייצען און האָב זיך אַריינגעזעצט אין דער דראָזשקע. ענדליך ריה-רען מיר זיך אין וועג אַריין! די גאַנצע תורה ליעגט נאָר אין ערשטען טריט, און דערנאָך וועט מען שוין פאָהרען... איצט וועט ער, געוויס, אויפהויבען איין פוס, דערנאָך דעם צווייטען... געוויס, ווענדט זיך עס אין איהם, וועלכען פון די פיער, איך לאָז איהם פריי די ברירה. — נו!

נאָר יענעם האָט זיך נישט געריהרט. ער האָט ווידער אַראָבגע-לאָזט דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבען צו קוקען אין איין פּינטעל אַריין. דאַן האָב איך זיך שוין אונטערגעגעבען, איך האָב שוין מעהר נישט געהאַט קיין כח צו קעמפּפען. מיר איז שוין געוואָרען אַלץ איינס, מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיגען. מעהר בין איך שוין פאַר קיין זאַך נישט פעראַנטוואָרטליך. איך האָב זיך בעדעקט מיט'ן פלאַשץ און האָב זיך אָנגעהויבען צו צוגרייטען צו אַ נאַכטלעגער.

אויף יענס'ען, האב איך בעשלאסען, זאל איך זיך מעהר נישט אום-קוקען. חער ווײסט, וויפיעל צײט ער קלערט זיך אזוי אבצושטעהן? ווער קען דען זאגען, צי ער האט גאר בכלל א מײן צו געהן ווײטער? וועלכער שד ווארט דאס געקענט דערשמעקען, צי ער האט גאר בדעה צו ריהרען זיך ביז מארגען אין דערפריה! יעדענפאלס, איך האב געטהון אלץ, וואס עס האט זיך אין מיר געווענדט, איך נעהם פון זיך אראב יעדע פעראנטווארטליכקײט, און וואש מיר אב דערפון די הענד!

פלוצלונג האב איך דערזעהן אונטען בײם בערגעל א דראזשקע, וועלכע איז צוגעפאהרען צו אונז. אפילו יענס האט אויך אויפגע-שטעלט די אויגען און האט א פרעהליכען קוויטש געטהון — עס האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז געווען מײן בעל-עגלה, וועלכער האט זיך שוין אומגעקעהרט אהײם. ער האט אבגעשטעלט זײן פערד, ווערענדיג פערוואונדערט זעהענדיג אונז. איך בין אראבגעשפרונגען אויפ'ן וועג און האב איהם אלץ דערצעהלט, וואס ס'איז מיט מיר פארגעקומען. דער יונג האט באלד אויסגעדרעהט זײן אײגען פערד און האט מיר פארגעלעגט, אז ער וועט פאהרען פאראויס: יענס האט ליעב כבוד, האט ער געזאגט, יענס האט ליעב, ווען א צווײט פערד, לאמיר זאגען, פיהרט איהם.

איך האב זיך ווידער אנידערגעזעצט. דער געדאנק צו פאהרען מיט אנ'אויסרײטער איז מיר זעהר געפעלען געווארען; אזא בע-וועגונגס-מיטעל איז געווען פאסענד פאר א מענשען פון הויכען שטאנד, און איך בין דערפון געווען זעהר צופריעדען. סוף-כל-סוף איז דאס דאך דאס זעלבע, ווי צו פאהרען מיט א פאר פערד. איך האב יענס'ען אלץ מוחל געווען, וואס עס איז מיט מיר פארגעקומען; די גוטע שטימונג איז צו מיר ווידער צוריקגעקומען און איך האב זיך אנגעהויבען אונטערצוזינגען א ליעדעל.

בוימער, שטײנער, הײזער, האבען זיך פאר מיר פערבײגע-טראגען. איך בין צוגעפאהרען צו דער אכסניא מיט א פאר פערד.

איבערזעצט מ. וו.

דוד אײנהארן,

צווישען די זאנגען.

צווישען די זאנגען,
פון טרויער געפאנגען,
זוך איך א שטעגעל, וואס פיהרט צו א היים.
די זון איז פערגאנגען...
עס טראגען זיך קלאנגען
פון קלויסטער צו מיר,
און זאגען:
«ביי אונז איז א היימאט פאר דיר

«עס שטעהט אונזער טורעם,
בעשיצט פון א שטורעם,
מיט דעמבעס אוראלטע,
וואס היטען זיין רוה.
מיר וועלען דיך וויעגען,
אויף גראז וועסטו ליעגען,
עס וועט אונזער ניגון
דיר שטילען די פראגען
«וואוהין» און «אוואו»?...»

די קלאנגען זיי זענען געווארען ענטשוויגען;
איך זעה נור דעם גאלדענעם צלם פון טאל.
ער פינקעלט אין פורפור
און ברענט ווי אפלאקער
און שפריצט אויף די בוימער מיט בלוט און מיט שטאל.

אט, דוכט מיר, אין שאטענס, צווישען די שטאמען
שטעהט אויף מיט'ן פינקלענדען נעבעל צוזאמען
א גרויז גראהער מאן מיט א שטעקען אין האנד.
די אויגען פול טרערען, מיט בלוט אויפ'ן שטערען,
איין האנד אין דער לופטען, ווי זי וואלט זיך וועהרען,

ענטקעגען דער װײַסער, דער קלױסטרישער װאַנד.
אָט עפֿענט זיך, דוכט מיר, דער טױער פֿון קלױסטער,
פֿון װײַטען בעװײַזען זיך רײַטער אױף פֿערד,
אַפֿריהער רײַט אײנער, פֿערװיקעלט אין שװאַרצען,
עס פֿלאַמט װי אַ פֿאַקעל זײַן שטאָלענעס שװערד.
עס טראָגען זיך טענער פֿון אָרגעל.

דער רײַטער
געהט נעהענטער צום אַלטען, װאָס ציטערט פֿאַר שרעק.
עס װאַרפֿט די לבנה איהר זילבערנעם אָבגלאַנץ
און װײַזט איהם צװישען די שטאַמען דעם װעג.

עס טראָגען זיך טענער, עס צינדען זיך ליכטער,
עס פֿלאַמען די פֿענסטער פֿון קלױסטער אַרום.
עס הױבט זיך אַלץ העכער דאָס שװערד אױפ'ן אַלטען,
דער אַלטער װערט שטאָלצער, פֿערגליװערט און שטום.

עס שלײַכען מאָנאַכען פֿערװיקעלט אין װײַסען,
עס ציהען זיך מאָגערע פֿינגער און רײַסען
אונשולדיגע ליליען פֿון טױאיגען גראָז.
דאָס שװערד האָט דערגרײכט ביז'ן ברוסט פֿון דעם אַלטען,
עס רוקט זיך זײַן ברוסט צו דעם שאַרף צו דעם קאַלטען,
די ליפּען זײ פֿלוכען דעם שװאַרצענם געבאָט.
עס שימערט דאָס בלוט אױף די ליליען די װײַסע,
עס ציטערט דער קלױסטער פֿון לעצטען «אחד!»

די נאַכט איז געפֿאַלען,
פֿערלאָשען די שטראַהלען,
פֿון װײַטען דערגרײכט מיר אַ בת-קול, איך הער:
ניִשט דאָרט איז דײַן הײמאַט,
ניִשט דאָרט װעסטו רוהען,
װאו ס'שימערט אױף ליליען
דײַן זײדענס פֿערגליװערטע בלוטיגע טרער.

קינדער.

פון י. ד. בערקאוויטש.

א.

פרייטאג אין דערפריה האט זרח דעם אויבסניק'ס ווייב געבוירען דאס אכטע קינד — א יונגעל. אין שטוב איז איצט שטיל און האלב-דונקעל. נאך דעם פריהערדיגען טומעל מיט'ן שרעק מיט די קולות און וועה-געשרייען פון דער געווינערין, קומט איצט אויס, ווי דאס קליינע הייזעל מיט דער נידעריגער סטעלי! מיט די גאנצע בלי-בית וואלטען זיך פערטיעפט אין א רוהיגען געשמאקען שלאף. די שטוב-מענשען, אנגעהארעוועטע, מידע פון א גאנצע נאכט אויף די פיס זיין, שוועבען אום אצינד איבער די קליינע ענגע חדרים'לעך, ווי די שטילע שאטענס. מע געהט אום פאמעליך, איינגע-האלטען, קוים וואס מע ריהרט אן מיט די שפיץ פינגער די ערד. אז מע דארף עפיס האבען איינס צום אנדערען, ווינקט מען מיט א פינגער, מע פערקלויבט זיך זאלבענאנד ערגיץ אין קיך אין א ווינקעלי! און דארטען קאכט מען זיך עפיס שטילערהייד און מע סוד'עט זיך, קוים צו דערהערען, און אין די מידע ניט-אויסגע-שלאפענע אויגען ברענט און פינקעלט א יום-טוב'דיג פייערעל.

זרח אליין, א יוד א הויכער, א דארער, א בעוואקסענער, קאן ניט איינרוהען אויף איין ארט. אט איז ער דא, און אט איז ער דארט. דאס פנים זיינס שיינט און אין די קנייטשען פון זיינע באקען שפיעלט זיך איצט עפיס א מין צופריעדענע בושה, גלייך ווי ער וואלט היינט צום ערשטען מאל א טאטע געווארען. אט שטעקט ער אריין א קאפ אין שלאפציטער אריין, גיט א זאג צו זיין שוועסטער, וועלכע וואכט דארטען ביי דער קינפעטארין: «דו הערסט, יענטעל?» — און סוד'עט זיך מיט איהר אויף וואונק-לשון, און אין א ווײַלע ארום שפרינגט ער אפ פון דארטען, ווי אויף פרוזשינעס, טאנצט צו אויף די שפיץ פינגער צום ברייטען געלעגער, — א מין בעט, צוזאמענגע-שטעלט פון בענקלעך מיט שטוהלען — בויגט זיך אריבער מיט'ן

לאַנגען באָרד איבער זײַן מוזיניקעל, אַ יונגעלע אַ יאָהר פֿינף, וואָס ליגט צוגעטוליעט מיט די הענדלעך צו אַ צווייטען ברודערעל און שלאָפֿט מיט איין אָפֿען מײַלעכעל און סאָפּעט מיט'ן נעזעל, און הויבט איהם אָן פּאַוואָלי צו וועקען:

— חיים'קע, דו שלאָפֿסט נאָך? שטעה אויף, חיים'על, וועסט דו זעהן — די מאַמע האָט געהאַט אַ יונגעלע, דיר אַ ברודערעל, אַ קלײנינקען, אַ רויטינקען... דו הערסט, חיים'קע, ביזט שוין אויס יחסן, אויס מוזיניקעל..

דערבײַ קעהרט ער אום דעם קאָפּ, חאַפּט בגנבה אַ קוק אויף די עלטערע קינדער און שמייכעלט צו זיי ווי פֿערשעמט.

זײַן עלטערער זוהן רפֿאל, אַ בחור אַ הויכער, אַ דאַרער, אַ בענאָזטער, איין «עקסטערנער», וואָס גרייט זיך שוין אַ יאָהר פֿיער צו האַלטען עקזאַמען אין גימנאַזיע, זיצט די גאַנצע צײַט בײַם פֿענס-טער אַ ברוגז'ער, אײַן אָנגעלאָדענער, און קוקט אַרויס מיט פֿינסטע-רע אויגען אין הויף אַרויס, אויף'ן ברודיגען פֿערפֿרוירענעם שניי. אין מיטען נאַכט, בשעת ער האָט געהאַלטען אין רעכטען געשמאַ-קען שלאָף, האָט ער פּלוצים דערשפּירט, אַז אין שטוב בײַ זיי קומט עפּים פֿאָר, און ער האָט זיך אויפֿגעחאַפּט אַ דערשראָקענער. לכתחילה האָט ער ניט רעכט פֿערשטאַנען, וואָס אַזוינס קומט עס פֿאָר בײַ זיי אין מיטען דער נאַכט. פֿון שלאָפֿציטער האָט זיך גע-צויגען אין דער פֿינסטערער שטוב אַרײַן אַ דינער פּאַס ליכט און עפּים האָט זיך געהערט, ווי מע איז דאָרטען שטאַרק צעטראָגען, מע שושקעט זיך ווי אין שרעק, מע קלינגט מיט גלאָזוואַרג און מע רוקט אום אַ בעט איבער דער פּאָדלאָגע. אָפּטמאָל ווערד דאָס אַלץ מיט אַמאָל אַנשווינגען און עס לאָזט זיך הערען נור דער מאַמעס קול, אַ שוואַכער אַ ציטעריגער, אַ וויינענדינער, אין וועלכען עס פֿיהלט זיך אי אַ געבעט, אי אַ מורא, אי אַ נאָהינטער אומגליק. און פּלוצים לאָזט די מאַמע אַרויס אַ מאָדנעם קוויטש. עס לויפֿט אַרויס די אַלטע מוהמע עפּים מיט אַ בעקען און מיט שליסלעך. נאָך איהר פּלאָנטערט זיך דער טאַטע, אַ דערשראָקענער, אַ צושויבערטער, מאַכט מיט די הענד און טענה'ט עפּים שטיל, אין איינן אימפּעט: «דו הערסט, יענטעל?»...

שפּעטער אַ ווײַלע, אַז רפֿאל'ען איז אַלץ קלאָר געוואָרען, האָט בײַ איהם אין האַרצען אָנגעהויבען קאָכען אַ מאָדנער פֿערדראָס,

גלייך ווי מע האָט איהם אַקאָרשט עפּים אָפּגעטהאָן אַ צו-להכעיס און טיעף בעליידיגט. וואָס הייסט? וואָס טהוט זיך דאָ? צי קאָן עס דען געמאָלט זיין, אַז די מאַמע זיינע, איין עלטערע יודינע, אַ קראַנקע, אַ יאַדושליווע, קוים וואָס זי זשיפּעט, זאָל נאָך קינדלען?! און דער טאַטע אַליין? אַ יוד איין אָרימאַן, וואָס מאַטערט זיך כל-ימיו אויפ'ן שטיקעל ברויט און ווערד פֿערשוואַרצט צוזאַמען מיט די קינדער, וואָס זענען שוין דאָ, מעג ער דען האָבען נאָך?....

רפאל האָט איינגענורעט דאָס פּנים אין קישען, איבערגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע איבער'ן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט וועלען דער-מיט איינשטילען דאָס, וואָס עס קאָכט ביי איהם אין האַרצען.

נאָר אָט איז צוגעגאַנגען דער טאַטע צו זיין געלעגער, אָנגע-ריהרט איהם פּאַוואָלי מיט דער האַנד און גענומען איהם וועקען מיט אַ שטילער, פּאָרזיכטיגער, הכנעה'דיגער שטימע:

— רפאל, דו שלאָפֿסט? שטעה אויף, מיין זוהן, גיכער און טהו דיך אָן. דו פֿערשטעהסט? מע דאַרף.... וואָרום די מאַמע... מע האָט זיך גאָר נים געריכט אויף אין מיטען נאַכט.. נאָר מע מוז דאָך...

— וואָס איז?

— גאָרנישט. חלילה נישט קיין... נאָר מע מוז דאָך רופֿען די באָבע. וואָרום, דו פֿערשטעהסט, די מאַמע... גיכער, מיין זוהן, חאַפּ אויף זיך אַרויף די זאַכען..

אין דער פינסטער האָט רפאל נים געקאָנט זעהען דעם טאַ-טענס פּנים, נאָר געפֿיהלט האָט ער, אַז דער טאַטע שטעהט איצט פֿאַר איהם מיט הנעה און מיט געבעט, ווי אַ זינדיגע נשמה. רפאל האָט זיך גענומען אָנטהון, דערביי געקרעכצט און געבורטשעט פֿערדראָסיג און אונצופֿריעדען. איהם איז געווען אַ גרויסער חידוש אויפ'ן טאַטען, אַ יוד אַ האַרטער און אַ גדלן, וואָס ער שטעהט איצט פֿאַר איהם מיט אַזאַ מאָדנער הכנעה און מיט אַזאַ ווייבער חנופֿה אין'ם קול; נאָר דאָס גופֿא האָט נאָך מעהר פֿערשטאַרקט ביי איהם די דעה, אַז דער טאַטע איז טאַקי שולדיג קעגען איהם, אַז ער האָט בעגאַנגען אַ גרוים פֿערברעכען..

חנה, זיין יונגערע שוועסטער, האָט זיך בעוויזען אין שטוב מיט אַ ברענענדיגער לאָמפּ אין דער האַנד, אַ פֿערשלאָפֿענע, אַ ברונע'ע, מיט צעוואָרפֿענע האָר. זי האָט געחאַפּט אַ קוק אויפ'ן

ברודער פֿון דער זײַט און האָט זויער אַ שמײכעל געטהאָן. ברודער און שוועסטער האָבען זיך, אַפּנים, פֿערשטאַנען אײנס דאָס אַנדערע.

און דער טאַטע שטעהט נאָך אַלץ מיט דער זעלבער הכנעה בײַ רפֿאל׳ס געלעגער און וואַרט, ער זאָל זיך אָנטהון, און טרײַבט איהם צו, ער זאָל וואָס גיכער געהן.

— נײַע עסקים פֿאַר מיר אין מיטען דערינען!... — זאָגט רפֿאל אונטער דער נאָז, טהוט אָן דעם מאַנטעל און געהט צו דער טהיר.

דער טאַטע איז איהם נאָכגעגאַנגען מיט אַ פֿערשולדיגט קרום-שמײכלענדיג פּנים, ווי ער וואָלט זיך פֿערענטפֿערען פֿאַר איהם:

—נאַרעלע! וואָס איז שייך נײַע עסקים? וואָס זשע זאָל מען אַנדערש טהון? ס׳איז דען עפּיס אַ תירוץ? דאָס איז דאָך אַ זאַך, וואָס מע מוז...

— פֿערשטעהט זיך... אַז מע וואָלט אָבער וועלען, וואָלט מען געוויס געקאָנט אויסקומען אָהן אַזעלכע זאַכען, וואָס מע מוז...

— וואָ-אָס?!...

די טהיר האָט זיך באַלד פֿערהאַקט הינטער רפֿאל׳ן, און דער טאַטע איז געבליבען שטעהן מיט איין אָפֿען מויל און מיט אויס-געשטעלטע אויגען, נישט רעכט פֿערשטאַנען, וואָס אַזוינס האָט מען איהם דאָ ערשט געזאָגט.

בשעת די באָבע איז שוין געוועזען געקומען און גענומען זיך עוסק׳ען אַרום דער געווינערין און די שטוב-מענשען זענען אַרום-געלאָפֿען פֿערטאַרעראַמטע, פֿערטראָגענע, פֿון איין חדר אינ׳ם צווייַ-טען, האָט זיך רפֿאל פֿערקליבען ערגיץ אין אַ פֿינסטערען ווינ-קעל און זיך דאָרט בעזעצט אויף אַ גאַנצע נאַכט, נישט געריהרט זיך פֿונ׳ם אָרט. אויפֿ׳ן האַרצען בײַ איהם האָט געדריקט אַ שווע-רער שטיין. ער האָט בעהאַלטען דאָס געזיכט אין די הענד, און זיצענדיג אַזוי מיט שטײַף-פֿערמאַכטע אויגען, האָט זיך בײַ איהם אין מוח אַלץ געפּלאָנטערט איין און דער זעלבער געדאַנק: דאָס לע-בען ווערט וואָס אַ טאָג מעהר, אַלץ שווערער און ביטערער... דאָס שטיבעל איז אַ קלײנס און איין ענגס, פֿול מיט האַלב-הונ-געריגע אָפּגעריסענע נפֿשות, וואָס וואַכסען אָהן אַ טאָלק און אָהן

א תכלית. אין יעדען ווינקעלי איז אנגעווארפען, שמוציג... רבונו של עולם! וואס וועט דא איצט זיין? איצט, אז די מאמע וועט געבוירען נאך א נפש, וועט דאך אויסקומען סיידען צו אנטלויפען פון דער שטוב! און דא קומען צו איהם דוקא אריין גאר אנדערע סארטען מענשען, אינטעליגענטען, חברים... פע, נישט גוט. דאס לעבען ווערט וואס א טאג מעהר, אלץ שווערער און ביטערער...

עס האט אנגעהויבען שאריען אויף טאג. אין פענסטער האט אריינגעקוקט א שוואכער, טונקעלער שיין פון דעם קאלטען רעגענדיגען פריה-מארגען, און אלץ וואס אין שטוב האט בעקומען א בלייכען, א מידען קאליר. קוקענדיג אין דרויסען ארויס, האט ביי רפאל'ן נאך מעהר געקימערט און גענאגט אין הארצען. דער מאמעס שניידענדיגע קולות, וואס לאזען זיך איצט הערען שוין מיט די לעצטע כחות, דאס הייזעריגע שעפטשען פון דער אלטער באבע, וואס ווענדט אן איהר גאנצע גוטהערציגקייט אום צו איינרעדען און צו בערוהיגען די געפייניגטע פערצווייפעלטע געווינערין, און דער גאנצער טומעל מיט'ן שרעק פון די שטוב-מענשען, וואס דרעהען זיך אום הין און הער מיט שיסלען לעבליך וואסער אין די הענד — דאס אלץ צוזאמען קלינגט רפאל'ן אין די אויהרען, ווי עפיס א שלעכטע בשורה, ווי א בייז קול, וואס קומט איהם אנצוזאגען אויפ'ן דונקעלען רעגענדיגען ווינטער-טאג עפיס א נאהינטע צרה, וואס מע וועט זיך פון איהר שוין נישט קאנען ארויסדרעהען.. פאר גרוים פערצווייפלונג רייבט זיך רפאל מיט ביידע הענד דאס פנים, קאכט זיך אינוועניג און דער פערדראס אויף די עלטערן וואכסט ביי איהם און וואכסט.

(פארטזעצונג קומט).

* * *

א לייד — א ליעד, א לייה — א ליעה;
וואס קענסטו, מזל, מאכען?
דו וועסט גיכער ווערען מיד,
איך וועל ליידענד לאכען.

א, מזל, מעהרער ליידען גיעב;
איך שטעל מיך נישט דערוויעדער;
איך האב דיינע ליידען ליעב:
ליידען זענען ליעדער.

א. רייזען.

(נאך לענאו).

זונענאונטערגאנג;
שווארצע וואלקען ציה'ן,
אוי ווי פארנע, באנג
אלע ווינטען פליה'ן!

דורך דעם הימעל ווילה
יאגען בליצען בלייך;
איהר פערגענגליך בילה
וואנדעלט דורך דעם טייך.

ווי א שטורעם קלאר
מיין איך דיך צו זעהן,
און די לאנגע האר
פריי אין שטורם וועה'ן!

א. קאמא.

ד. קאַפּלאַנאָוויטש.

אַ מיאוס בעשעפעניש.

בריינקע איז געוועזען אַ געוועהנליך הויז-מיידעל, עהנליך אויף אַלע איבריגע פּוג'ס זעלבען הויף און פון דער זעלבער גאַס. זי איז געוועזען אַ קורצע און אַ ברייטע מיט גראָבע הענד, מיט אַ פולער צעוואָרפענער ברוסט, מיט קורצע שיטערע האָהר און ווייסע געזונדע ציינער. אין שטוב האָט זיך בריינקע שטענדיג אַרומגעשאַרט אַ שמוציגע מיט באָרוויסע פיס אין גרויסע אַלטע קאַלאָשען, און גערעדט האָט זי אַזוי שטיל און ניט דייטליך, אַז יעדעס מאָל האָט זי די מאַדאַם אוּנגעדולדיג איבערגעפרעגט: «ווי? זאָגסטו? — רייד העכער!»

דערפאַר אָבער פלעגט זי שפּעט אין אָוונד אָנטהון די שיך, אַרומוואַשען דעם פּנים, און אַנ'אויסגעפוצטע שטעלט זי זיך מיט נאָך חבר'טעס ביים טויער פון זייער הויף. זיי שטעהען אַלע פעסט איינע נעבען דער אַנדערער מיט פאַטשיילעס איבערגעדעקט און מען שטיקט זיך פון געלעכטער. מעהר פון אַלע לאַכט דאַמאָלסט בריינקע:

— איך קאָן זיך נישט איינהאַלטען — זאָגט זי.

ענדליך דערוואַרטען זיי אַלע מאָל אַ פּאָר בעקאַנטע «יונגלעך», וועלכע קומען דאָס-רוב מיט פולע קעשענעס סעמעטשקעס. זיי זעגען באַלד מכבד די פריילייגס און צוזאַמען קנאַקט מען און מ'שפּייט און מ'לאַכט און מ'פערברענגט.. און ווידער לאַכט בריינקע מעהר פון אַלעמען: „כ'קאָן זיך נישט איינהאַלטען“ — טענה'ט זי... ס'טרעפט אויך אַמאָל, אַז אַ «יונגעל» טהוט איהר אַ קניפּ אין דער פינסטער אָדער אַ נעהם ביי דער טאַליע. בריינקע אָבער ווייסט וואָס צו ענטפערן, און זי שרייט אויס מיט'ן גאַנצען מויל:

— פינקע, ווי לאַנג ביזטו געוואָרען אַ מענש!....

מען קנאַקט ווידער סעמעטשקעס, מ'שפּייט, מ'לאַכט און מען

פערברייננט ביז שפעט אין דער נאכט. פאר'ן שיידען זיך פער-טרינקט מען אמאל מיט זעלטער-וואסער.

אז ברײנקע קומט צוריק אין שטוב אריין, האפט זי זיך באלד א הונגעריגע צו פערשיידענע טעפלעך, קריגלעך, טעלער — דאס רוב מיט די הענד: א לעפעל נעהמען פוילט זי זיך. דערנאך טהוט זי פארזיכטיג אויס איהר שבת'דיגע בלוזקע און קוקט אריין אין א צעבראכען שטיקעל שפיעגעל, און ערשט דאן לעגט זי זיך, קיי-ענדיג מיט'ן מויל, אויפ'ן טאפטשאן שלאפען. ס'דויערט איניגע רגע'ם און די גאנצע קיך ווערט פול מיט ברײנקעס חראפען. זי ליעגט האלב-אבגעדעקט מיט איהרע ווייסע צייהן ארויף און האט דאמאלס א משונה הנאה.

ס'איז אבער ברײנקען בעשערט געווען איבעררייסען באלד איהר געשמאקען שלאף אויף א ווײלע, און אמאל טאקי אויף א גאנצע נאכט: באריס, דער עלטערער זוהן — א בלאנדער סטודענט — קומט צו יענער צייט אלע מאל אין קיך אריין א טרונק טהון...

— ווער איז דא? — טהוט זיך ברײנקע א זעץ אנידער א פערשלאפענע אויפ'ן טאפטשאן.

— איך ... — שטאמעלט באריס: וואו איז דא... וואסער.... פינסטער ...

— געהט שלאפען! כעס'ט ברײנקע — כ'וועל פער'מסר'ן דער מאדאם.

באריס טרינקט זיך אן און שארט זיך פאמעליך ארויס. אמאל נאר, ווען ער איז וועניגער צוטומעלט, טהוט ער זי מיט געוואלד א קוש נאכ'ן טרינקען ...

ברײנקע האט אבער איהר מאדאם קיינמאל פון דעם ניט דער-צעהלט: זי האט זיך געשעמט און מורא געהאט און געוואלט, אז באריס זאל אויך ווייטער קומען אין קיך אריין טרינקען ... דערצו האט זי איהם בייטאג קיינמאל ניט געטראפען און ניט געזעהן, און ברײנקע האט אויף קלאר כמעט ניט געדענקט, ווי אזוי ער זעהט גאר אויס דער סטודענט. «א מאדנער בחור — פלעגט זי נאר אפט פאר זיך טראכטען: — מעהר ווי בייטאג זעהט מען איהם נישט»...

און באריס האט טאקי צוליעב ברײנקען קיינמאל פון ווין צימער ניט געוואלט ארויסגעהן — טאמער וועט ער זי טרעפען.

דאָרט אין צימער פֿלעגט ער עסן, לערנען, ליִיענען און פֿערברענגען מיט דער קוזינע זיינער, סאָניע, וועלכע האָט ביי זיי אין הויז געוואוינט. זיצענדיג צוזאַמען פֿלעגען זיי שעה'ן-לאַנג ריידען פֿון פֿערשיעדענע זאַכען און פֿראַגען. נאָר באָרים האָט דערביי שטענדיג געטראַכט פֿון זיין ביינאַכטיגער לייכטזיניגקייט, וועלכע ער האָט זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט מוחל זיין. «אַזאַ מיאוס בעשעפֿעניש» — מאַכט ער זיך אַליין פֿאָרווירפֿע, און ביי איהם בלייבט דאַמאָלס פֿעסט, אַז מעהר וועט דאָס שוין מיט איהם קיינמאָל נישט טרעפֿען. און ער וואַרט בעת-מעשה אונגעדולדיג אויף די נאַכט, ווען ער וועט עס טאַקי קאָנען דערוויזען...

— קום, באָרים, אין שטוב אַריין טיי טרינקען — נעהמט איהם סאָניע מיט איהר קינדיש וויכער האַנד ביים קאָפּ: קום — פֿאַרטיג טיי...

באָרים טהוט זיך האַסטיג אַ קעהר צום מיידעל, חאַפּט זיך נערוועז ביי זיינע לאַנגע האָהר און שטאַמעלט אַלע מאָל דאָס זעלבע:

— אָט דאָ איז בעסער... כ'האָב ליעב... כ'האָב פֿיינד מענשען.. אַ סך מענשען...

שפּעט אין אָוועגד ווערט באָרים פֿיעל פֿרעהליכער און מוטהיגער. באָרים ווערט אַלץ זיכערער און פֿעסטער, אַז היינט וועט שוין «דאָס» מיט איהם געוויס נישט געשעהן מעהר: אַזאַ שמוציג בעשעפֿעניש... אַז מאָרגען וועט ער פֿריי אַרומשפּאַצירען איבער אַלע צימערען: עסען אין שטוב, טיי טרינקען אין שטוב — ער וועט זאָגאַר ריידען מיט דער מוטער ביים אַלגעמיינעם טיש, אַז בריינקע איז איינגענטליך אַן'אָרענטליכעס מיידעל — ס'איז גאָר אַ רחמנות אויף איהר, אַז ער וועט נאָך עפּעס פֿאַר איהר אויך גוט'ס טהון; ער וועט איהר לערנען שרייבען... ביי אָט די מחשבות זיינע קומט אָן אַלע מאָל בריינקע פֿון טויער. אַן'אָנגעלאַכטע פֿון די «יונגלעך», אַ צופֿריעדענע פֿון די סעמעטשקעס נעהמט זי זיך באַלד, אויס געוועהנהייט, צום פֿערזוכען פֿון די טעפּלעך; זי טהוט זיך פֿונאַנדער, קוקט אַריין אין אַ צעבראָכען שפּיגעלע — און באַלד הערט זיך איהר חראָפּען איבער אַלע צימערען.

באָרים דעקט זיך געשווינד אַריבער מיט דער דעקע הויך איבער'ן קאָפּ און אין די געדאַנקען פּרובט ער זיך אַליין איינריידען,

אַז ער הערט גאָרנישט, אַז דאָרט איז קיינער גאָר נישטאָ ... באָ-
דיסען ווערט אָבער באַלד היים — דעקט ער זיך ווידער אָבּ, און מיט
פֿערמאַכטע אויגען קעהרט ער זיך אום צום וואַנד. — היינט ניט
— מאַכט ער צו זיך אַליין מיט די ליפּען: — בשום אופן ניט» ...
אין דער רגע אָבער הויבט איהם אָן רייצען ברײנקעס באָרוויסע פיס
פון די גרויסע קאַלאָשען, איהר פולער צעשוואומענער קערפּער,
איהרע ווייסע געזונדע ציינער .. אַ מיאוס בעשעפֿעניש — בערוהיגט
ער זיך אויפ'ן בעט מיט אַ פאַפּיראָס אין מויל. באָריס ענדיגט רוי-
רעכערן און פרובט זיך ווידער לעגען, נאָר דאָ טהוט ער זיך פלוצ-
לונג האַסטיג אַ שטעל, און ער איז שוין אין קיך ...

— ווער איז דאָ?...

— איך ...

אָט אַזוי האָט זיך באָריס וואָכען-לאַנג אַלץ בעהאַלטען אין זיין
צימער. קיינמאָל האָט ער זיך אין שטוב ניט בעוויזען, מיט דער
מוטער זיך ניט געטראָפֿען, און אין גאַס האָט ער זיך אַרוים בגנבה
איילענדיג, ווי ער וואָלט געגאַנגען עפּעס אַ פֿערברעכען אָבטהון.

— וואָס איז פאָרט מיט באָריס'ען געוואָרען? — האָט זיך די
מאַדאַם שוין מעהר נישט איינגעהאַלטען און האָט טעגליך איבער-
געפרעגט סאָניען: דו מוזט דאָך וויסען — מיט היר רעדט ער
דאָך: אפשר ניט געזונד?

— כ'ווייס אויך ניט — האָט סאָניע אונשולדיג געענטפֿערט
און אַליין זיך דערשראָקען: — מסתמא גאָרנישט .. ער האָט
ליעב... ער האָט פיינד מענשען ... אַ סך ...

דאָס פלעגט אָפט הערען אויך ברײנקע, און דערביי דערמאָהנט
זיך נישט ווילענדיג פון ביינאַכט... זי האָרכט און טראַכט בעת-
מעשה: טאַקי אַ מאָדנער בחור — נאָר ער וויל טרינקען... אַמאָל
דערצעהלט זי עס פאַר איהרער אַ חבר'טע, און ביידע שטיקען זיך
פון געלעכטער ...

ענדליך האָט זיך די מוטער אָנגעהויבען צו בעאונרוהיגען אויף
אַנ'אמת. זי האָט פון דעם געטראַכט ביי טאָג און ביינאַכט און איז
פאַר זיך איבערצייגט געוועזען, אַז מיט באָריס'ען האָט עפּעס געשעהן
אונגעוועהנליכעס.

באָריס, — איז זי איינמאָל מוטערליך צו איהם צוגעשטאַנען:

— קום אַרויס, מײַן זוהן, הײַנט עסען אין שטוב אַרײַן — טהו דאָס מיר, איך בעט דיך!

באָריס האָט מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ אַרײַנגעקוקט אין אַ בוך און האָט עקשנ'דיג געשוויגען.

— אפשר ביזטו קראַנק? — האָט די מוטער גערעדט מיט האַרץ: — זאָג, לאָמיר הערען!

באָריס האָט דערפיהלט, אַז לאַנג קאָן זיך עס שוין מעהר ניט ציהען, אַז הײַנט, שוין די רגע מוז עס נעהמען אַ סוף, אַז ... ער האָט זיך האַסטיג אויפגעשטעלט, און אַ רויטער, אַנ'אָנגעצונדענער, האָט ער מיט גרויס אויפרעגונג געשטאַמעלט:

— איך קאָן ניט!... אַזאַ שמוץ ... אַ דיענסט-מיידעל אַ שמוץ... כ'קאָן אין שטוב ניט אַרײַן.... אַזאַ... ס'עקעלט... כ'קאָן ניט!...

באָריס האָט באַלד געחאַפּט זײַן שינעל מיט די בלישטשענדיגע קנעפּ און איז געשווינד אַ ברוגז'ער פון שטוב אַרויס.

— אַבי ער איז געזונד — האָט די מאַדאַם בערוהיגט גערעדט: פאַרהאַן טאַקי וואָס צו כעס'ן — זי איז דען ביי מיר אַ געשוואָרענע? פאַרהאַן אַזוינע סחורה — טאַקי אַ שטיק ברוד ... ער איז גערעכט ...

די מאַדאַם האָט לײַכט אָבגעעטהעמט און באַלד טאַקי אַרײַנגערופען ברײַנקען פון קיך.

— זאָג מיר — האָט די בעל-הבית'טע גערעדט מיט אויפגעלעגטע הענד: ווען איז דײַן... יאָהר, דײַן חודש ... איך וויים דאָרטען דײַנע חשבונות... ווען, האַ?...

— וואָס?... — האָט ברײַנקע פערוואונדערט זי אָנגעקוקט און געמאַכט אַ טריט ווײַטער אין איהרע גרויסע קאַלאָשען.

— וואָס, פרעגט זי נאָך! — האָט די בעל-הבית'טע זי איבערגעמאַכט: — פערטרײַבסט דאָך מענשען פון מײַן שטוב — אַזאַ שמוץ! באָריס קאָן דאָך צוליעב דיר אין שטוב ניט אַרײַן — נבלה די אײנע!

— וואָס? — האָט ברײַנקע דערשראָקען איבערגעפרעגט.

— טויב ביזטו געוואָרען! מ'זאָגט דאָך דיר, אַז באָריס קאָן דײַן מיאוסע צורה ניט אָנקוקען!... מען צעלויפט דאָך פון דיר, ווי פון אַ ...

— ער קושט דאָך מיר — האָט ברײַנקע נאַטירליך אַרויסגע-
רעדט: — אַלע נאַכט ...
— ווער?!
— באָרים — האָט ברײַנקע איבערגעחזר'ט: — אַלע נאַכט...
ער קימט טרינקען ...
— אַרוים די מיאוסקייט! — האָט די מאַדאַם, אַ בלאַסע ווי
די וואַנד, געטופּעט מיט די פיס און געשריען מיט אַלע כחות: —
שוין אַרוים — דיין פּוס זאָל ביי מיר ניט זיין!.... אַ מיאוס בעשע-
פעניש! ...
ברײַנקע האָט זיך געזעצט אָנטהון די שיך ...
פון סאָניעס צימער האָט זיך דערהערט אַ היסטעריש געוויין...

אנאטאל פראנס.

דער אלטער געפענגניש-אויפזעהער.

עס זיינען שוין אריבער אנ'ערך צעהן יאהר זינט איך האב בעזיכט א פרויען-געפענגניש. אמאל איז עס געוועזען א פאלאץ, געבויט אין דער צייט פון קעניג הענרי דעם פירטען. די הויכע וועגד און דער דונקעלער דאך האבען בעוואכט דאס קליינע שטעדטיל אויף די ברעגען פון קליינעם טייך. דער הויפט-אויפזעהער פון געפענגניש איז שוין געוועזען זעהר אנ'אלטער מאן. א מערקווירדיגער מענש איז ער געוועזען, דער אויפזעהער. ער פלעגט ליעב האבען צו טראכטען וועגען פערשיעדענע ענינים און האט געהאט א פיהלענדעם הארץ. ער האט געקוקט אויף זיינע געפאנגענע ווי אויף אלע מענשען. „אלערליי סארטען געפינען זיך ביי די; זיי זענען נישט בעסער און נישט ערגער פון די, וואס געפינען זיך אין דרויסען".

ווען מיר זענען דורכגעגאנגען דעם הויף, האבען מיר געזעהן א גאנצע רייהע געפאנגענע געהן אין ארבייטס-הויז. פיעל אלטע פרויען זענען געווען צווישען זיי, און זייערע פנים'ער האבען אויסגעזעהן זעהר פערטרויערט און פערביטערט. מיין פריינד, דאקטאר קאבאן, וועלכער איז אויך געווען מיט מיר, האט מיר אויפמערקזאם געמאכט אויף דעם פאקט, וואס אלע פרויען אין געפענגניש האבען געהאט עפעס א געמיינזאמע כאראקטעריסטיקע. אלע האבען אויסגעוויזען צו זיין דעגענעראטען און אין זייערע פנים'ער האט מען געקאנט בעמערקען, אז זיי זענען פערברעכער.

דער אויפזעהער האט א ביסעל איינגעבויגען דעם קאפ. אין זיין מינע איז געווען קענטיג, אז ער האלט נישט שטארק פון די טעאריען פון די מעדיצינישע קרימינאלאגען, און אז ער דענקט,

אַז אין אונזער געזעלשאַפט זענען די שולדיגע אָפט נישט אַנדערש פון די אונשולדיגע.

ער האָט אונז אַריינגעפירט אין די אַרבייטס-צימערן. מיר האָבן געזעהן די בעקער, די וועשער און די נעהער ביי דער אַרבייט. די צימערן זענען געווען ריין, און עס האָט אויסגעזעהן, אַז די פרויען פיהלן זיך צופרידענער ווען זיי אַרבייטן. דער אויפזעהער האָט אַלע פרויען בעהאַנדעלט מיט רחמנות, אַפילו פון די נאַרישסטע האָט ער נישט פערלאָרן זיין געדולד אָדער זיין גוטהערציג-קייט, ער האָט סתם נישט געפאָדערט, אַז די געפאַנגענע זאָלן זיין מלאכים אין געפענגניש.

ער האָט באמת נישט געגלויבט אין די מעלות פון געפענג-ניש. ער האָט אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען, אַז אַ געפענגניש זאָל יוערן אַ הויז פון טוגענד, און ווייל ער האָט נישט געגלויבט, אַז מענשן ווערן בעסער, ווען מען פייניגט זיי, האָט ער דעריבער זיי-נע געפאַנגענע כמעט קיינמאָל קיין שמערצן נישט פערורזאַכט. איך ווייס נישט, אויב ער האָט געהאַט וועלכע עס איז רעליגיעזע סענטימענטן. איין זאַך האָב איך געוואוסט, אַז ער האַלט נישט שטאַרק פון דער מאָראַלער ווירקונג פון תשובה-טהון.

„איך ערקלער די רעגעלן פון געפענגניש צו די געפאַנגענע איידער איך הויב זיי אָן אָנצווענדן", האָט ער מיר געזאָגט, „און איך פערטייטש די רעגעלן, ווי איך דענק אַם ריכטיגסטן. צום ביישפיל, עס איז דאָ אַ רעגעל, אַז געפאַנגענע מוזן שווייגן, זיין איינפאַך שטום, אָבער דיזע רעגעל זאָל דורכגעפירט ווערן שטרענג, וואָלטן דאָך די געפאַנגענע געוואָרן פשוט אידיאָטן אָדער משוגע. זאָג איך צו זיי דעריבער: „דאָס געזעץ פון געפענג-ניש איז, אַז אַלע געפאַנגענע מוזן זיין שטיל. וואָס-זשע בעדייט דאָס? דאָס בעדייט, אַז די וועכטער זאָלן אייך נישט הערן רע-דען. אויב זיי וועלן אייך הערן רעדן, וועט איהר מוזן בע-שטראָפט ווערן. אויב זיי וועלן אייך נישט הערן, מאַכט עס גאָרנישט אויס, איז נישטאָ זיך אויף אייך וואָס צו קלאָגן. איהר דאַרפט מיר נישט אָבגעבן קיין רעכנונג פון אייערע געדאַנקען, און אויב אייערע רייד פערורזאַכן נית מעהר טומעל ווי אייערע געדאַנקען, דאַרפט איהר מיר נישט אָבגעבן קיין רעכנונג פון אייערע געדאַנקען". זעלבסטפערשטענדליך, אַז מיין פערטייטשונג

פון געזעץ ווירקט, אַז די געפאַנגענע לערנען זיך אויס רעדען זעהר שטיל, אַז מען קאָן זיי קוים הערען. זיי ווערען נישט אויף אַזאַ אופן קיין אידיאָטען אָדער משוגעים, און דאָס געזעץ ווערט אויך אָב-געהיט".

איך האָב איהם געפרעגט, אויב זיינע „העכערע" שטימען איינן מיט זיין פֶערטייטשונג פון די געזעצען.

ער האָט געענטפֶערט, אַז די אינספעקטאָרען האָבען איהם אָפט אויסגערעדט און ער האָט זיי דאַן אַרויסגעפיהרט אין הויף און זיי אָנגעוויזען אויף דעם פאַרקאַן:

„איהר זעהט, דער פאַרקאַן איז געמאַכט פון האָלץ. ווען מע-נער זאָלען זיין דאָ די געפאַנגענע, וואָלטען זיי אין פֶערלויף פון אַ וואָך אַנטלאָפֶען פון דאַנען. די פרויען אַנטלויפֶען נישט. אָבער אויב איהר ווילט זיי מאַכען משוגע מיט די געזעצען, קאָן איך נישט זיין פֶעראַנטוואָרטליך פאַר זיי".

אין שפיטאָל האָבען מיר געפונען אַ קליין מיידעל, ליגענדיג אויף אַן'אייזערן בעטעל. זי איז געוועזען בלאַס און שרעקליך אויס-געמאַטערט. זי האָט אויסגעזעהן ווי אַ קינד.

„נו, ווי געהט עס?" האָט געפרעגט דער דאָקטאָר קאַבאַן.

„יאָ, מיין הערר, פיעל בעסער", האָט זי געענטפֶערט מיט אַ שמייכעל.

„גוט. זייט נאָר אַ פיין קינד און איהר וועט געזונד ווערען!"

זי האָט געקוקט אויפ'ן דאָקטאָר מיט גרויסע אויגען, פול מיט פריינד און האָפנונג.

„דאָס מיידעל איז געוועזען זעהר קראַנק", האָט געזאָגט דאָק-טאָר קאַבאַן און מיר זענען אָבגעטראָטען.

„פאַרוועלכע בעשולדיגונג איז זי בעשטראָפט געוואָרען?"

„גאָרנישט קיין לייכטע זאַך, עס איז געוועזען אַ פֶערברעכען".

„אַ פֶערברעכען!"

„קינדער-מאָרד".

מיר זענען פון דאָרט אַריין אין אַ לאַנגען קאָרידאָר, אין וועל-כען עס זענען געשמאַנען שאַפֶעס און קעסטלעך. צוויי שענע פרוי-ען זענען דאָרט געוועזען, איינע פון זיי איז געזעסען און געשריבען, די צווייטע האָט געלייענט. איך וואָלט זיי קיינמאָל נישט אָנגענו

מען פֿאַר פֿערברעכער. גיכער וואָלט איך זיי אָנגענומען פֿאַר דעם אויפֿזעהערס טעכטער.

„זיי זענען געפֿאַנגענע", האָט מיר דער אויפֿזעהער געזאָגט, „זעהט איהר דען נישט זייערע געפֿענגניש-היטעלעך?"

איך האָב דאָס נישט בעמערקט, ווייל זייערע קליידער זענען געווען זעהר שענע, נאָר זייערע היטעלעך זענען געווען קלענער ווי פֿון אַלע אַנדערע געפֿאַנגענע, און מען האָט געקאָנט אַרויסזעהן זייערע האָר.

„עס איז זעהר שווער צו ווירקען אויף אַ פֿרוי, וועלכע האָט שענע האָר, נישט צו ווייזען איהרע האָר", האָט ער מיר ערקלערט, „די ביידע פֿרויען, ווי איהר זעהט, האָבען מערקווירדיג-שענע האָר און דעריבער האָב איך בשום אופֿן נישט געקאָנט ווירקען אויף זיי, זיי זאָלען טראָגען די געוועהנליכע געפֿענגניש-היטעלעך".

„וואָס טהוען זיי?"

„זיי אַרבייטען, ווי אַלע, און אויסער דעם האָבען זיי נאָך אַנ'אַרבייט: איינע איז אַ ביבליאָטעקערין און די אַנדערע — איהר געהילפֿין".

איך האָב מעהר נישט בעדאַרפֿט פֿרעגען. זיי זענען ביידע געווען „שלעכטע פֿרויען", אָבער גאָר שלעכטע. דער אויפֿזעהער האָט נישט פּרובירט בעהאַלטען פֿון אונז, אַז ער האָט בעסערע געפֿיהלען פֿאַר די שווערע פֿערברעכער, ווי פֿאַר די לייכטע פֿערברעכער.

„דיעזע פֿרויען, די שווערע פֿערברעכערינס, זענען ווי פֿרעמדע צו זייערע פֿערברעכענס", האָט ער געזאָגט, „זייער פֿערברעכען איז געווען ווי עפּעס אַ בליץ אין זייער לעבען, און יעצט זענען זיי ווידער מענשען מיט קוראַזש, מיט גערעכטיגקייטס-געפֿיהלען. מיט די לייכטע פֿערברעכער אָבער איז נים אַזוי דער פֿאַל. יעצט קאָן מען קיינמאָל נישט אויסבעסערן, זייערע פֿערברעכענס ווערען אַ טייל פֿון זייער נשמה, עס ווערט ווי איינגעגעסען אין זייער פֿלייש. זייער בעשטראָפֿונג איז געוועהנליך אַנ'אונבעדייטענדע און זיי פֿערטראָגען עס גערולדיג. פֿון געפֿענגניש געהען זיי אַרויס און אין אַ פּאָר מאָנאַט זענען זיי ביי מיר ווידער דאָ".

„איך מיין נים זאָגען, האָט ער פֿאָרטגעזעצט, אַז אויף די אונ-

גליקליכע דאַרף מען נישט רחמנות האָבען אָדער מען דאַרף זיך מיט זיי נישט פֿעראינטערעסירען. וואָס לענגער איך לעב, אַלץ איבערצייגטער ווער איך, אַז צווישען זיי זענען דאָ וועניג שולדיגע. דאָס רוב פֿון זיי זענען פשוט אונגליקליכע מיט אַ שוואַכען כאַראַקטער".

מיר זענען אַריין אין זיין ביורא און ער האָט געהייסען אַ וועכטער אַריינרופֿען די געפֿאַנגענע נומער 503.

„איך וועל אייך עפּעס ווייזען, אָבער גלויבט מיר, אַז איך האָב דאָס נים פֿאָרבערייטעט פֿון פֿריהער, און עס וועט אייך מאַכען פֿיעל נאָכצודענקען. דאָס, וואָס איהר וועט באַלד זעהן, האָב איך שוין געזעהן און געהערט הונדערטער מאָל אין מיין לעבען.

אַ געפֿאַנגענע, נאָכגעפֿאָלגט פֿון אַ וועכטער איז אַריינגעקומען. זי איז געוועזען אַ יונגעס פֿויערן-מיידעל, מעהר וועניגער שען, מיט איינפֿאַכע איידעלע מאַניערען.

„איך האָב גוטע נייעס אייך צו דערצעהלען", האָט דער אויפֿזעהער איהר געזאָגט, „דער פּרעזידענט פֿון דער רעפּובליק האָט געהערט ווי גוט איהר האָט זיך דאָ די גאַנצע צייט אויפֿגעפֿיהרט, און ער האָט אייער שטראָף פֿערלייכטערט איהר וועט אַוועק פֿון דאַנען שבת".

דאָס יונגע מיידעל האָט זיך צוגעהערט מיט אַנ'אָפֿען מויל, איהרע הענד פֿערלעגט איבער דער ברוסט, איהר מוח איז געוועהנליך געוועזען אַביסעל טעמפּיג.

„דעם קומענדען שבת וועט איהר קאָנען אַרויס פֿון געפֿענגניש. איהר וועט זיין פֿריי".

דאָס מאָל האָט זי שוין פֿערשטאַנען. זי האָט פֿערבראָכען מיט די הענד און איהרע ליפּען האָבען געציטערט.

„איז דאָס אמת, אַז איך מוז געהן? וואָס וועט ווערען פֿון מיר? דאָ האָט מען מיך געקליידעט און געגעבען צו עסען. קאָנט איהר נישט לאָזען וויסען דעם „גוטען מענשען", אַז עס וואָלט זיין בעסער פֿאַר מיר צו בלייבען דאָ?"

דער אויפֿזעהער האָט איהר געזאָגט אין אַ זאַנפֿטען אָבער אַ פֿעסטען טאָן, אַז זי קאָן נים ענטזאַגען די טובֿה, וואָס איז איהר געטהון געוואָרען. ער האָט זיך דאַן אַ ביסעל פֿערטראַכט און איהר געזאָגט, אַז ער וועט איהר געבען ביי איהר אַוועקגעהן 12 פֿראַנק.

זי איז אַרוים וויינענדיג.

איך האָב איהם געפרעגט, וואָס זי האָט געטהון. ער האָט אַריינ-געקוקט אין אַ בוך. „נומער 503, זי איז געווען אַ דיענסט ביי אַ גערטנער, זי האָט גע'גנב'עט אַ קליידעל פון איהר בעל-הבית'טע. אַ הויז-גנב, הייסט עס, איז זי. איהר ווייסט דאָך, אַז די געזעצען זענען זעהר שטרענג פאַר שטוב-גנבים".

איך האָב געקוקט אויף דעם אַלטען גרייז-גרויען אויפזעהער. ער האָט געהאַלטען דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזען און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיינע אויגען זענען געווען טרעהרען.

איבערזעצט ר. ש.

ק. באַלמאָנט.

* * *

וועק ניִשט קיין ערינערונגען. לאָז מיך רוהיג זיין.
מיר איז ליעב פֿון נאַכט דער חושך. ס'שרעקט פֿונ'ם טאָג די
שיין.
כ'האָב אַמאָל אויך גליק געוואוסט. געגלויבט, געליעבט אַ ציים.
נאָר כ'געדענק ניִשט — ווען און וואו. פֿערגעסען אַלץ. ס'איז וויים,
כ'האָב מיט וועמען זיך צושיעדען? און וואַרום, וואַרום?
כ'וויים אַליין ניִשט, פוסט אין האַרצען; שוואַך מיין זין און שטום;

ס'גיסט דער רעגען. אין דעם פֿענסטער שלאָגט דער ווינד און
שרייט,
דער געלעכטער לאַנג פֿערשוויגען און געשטאָרבען וויים...
פֿריינד פֿערגעס'נער! ביזט מיט מיר אויפֿסניי, פֿאַרוואָס, וואַרום?
ווי אַ שאָטען שטעהסט און ווינקסט מיר. נאָר ס'איז שוואַרץ אַרום.
כ'דאַרף ניִשט דיין גערוס דעם שפּעטען, ביטערען ווי גאַל.
כ'וויל פֿונ'ם חושך ניִשט אַרויסגעהן זעהן דעם זונענשטראַהל.
אַטעם גערדאַנקען, קלאַנגען? פֿייער אין מיין בליק זוכסטו?...
שטילער, שטילער... איך שלאָף איין יעצט! וועק ניִשט! לאָז צורוה.
איזאַק וואָלקאָוויטשער.

ידידיה מרגלית.

בעל מחשבות.

(געקליבענע שריפטען. ערשטער און צווייטער באנד. ווילנא).

גליקליך איז דער, וועמעס ווערק עס זעגען גרעסער פאר איהם אליין צו די גליקליכע געהערט בעל-מחשבות ניעט. שוין זיין ארויספאהר מיט א טיוולאניש ליעדעל צייגט אונז, אז מיר האבען דא ניעט צו טהון מיט אנ׳-עלטען קריפיקער. אין דעם דאזיגען ליעדעל, פונקט ווי אין זיינע איינינגע אנ׳ערע, וועלכע זעגען ניעט אריין אין די צוויי בענדער, פיהלט זיך, אז דער מענש האט אריינגעקוקט אין א טיעפקייט, נאר ער האט ניעט קיין קלארע פאר-בען און קיין שטארקע קלאנגען איבערצוגעבען דאס, וואס ער האט געזעהן. לויט דער רעפוטאציע, וואס בעל-מחשבות האט זיך געשאפען אין דער יודי-שער ליטעראטור, זוכט דער לעזער אין זיינע שריפטען צוערשט דעם קריטי-קער, נאר אנשטאט קריטיק, טרעפען איהם אין די ערשטע טריט סורפריזען נאך סורפריזען. פריהער א טיוולאניש ליעדעל, שפעטער א פאלעמישער אר-טיקעל וועגען זשארגאן, געשריבען מיט א געראוענלאזער שפראך און בעל-הבתי׳שער הסברה, ווייטער א וויסענשאפטליכער ארטיקעל, וועלכער איז אויף אזוי פיעל וויסענשאפטליך, אויף וויפיעל א צייטונגס-ארבייט קאן אזוי זיין. ערשט נאך אלעמען קומט א משל, אדער כמעט א ספור המעשה וועגען מענדעלי׳ס וועגעלע, וואס וואלט געווען ניעט שלעכט, ווען מענדעלי אליין וואלט דאס ניעט דערצעהלט שענער און קינסטלערישער. נאכדעם קומען זיינע „ארבייטען" וועגען ש. י. אבראמאוויטש און י. ל. פרץ. זיין ארטיקעל וועגען מענדעלי׳ן איז א „זאך"; קיין ווערק איז עס ניעט. דאס איז א הויפען פון געדאנקען, וועלכע האבען א נאהענטע שייכות איינער מיט דעם אנדערן, אבער וועלכע זעגען ניעט אויסגעבויט אין א פעסטען בנין. דאס איז א מיש-מאש פון גארניעט קיין נייע, אפילו אין זייער צייט, הקירות וועגען שרייבער און שרייבער, דעם מחבר׳ס איינענע ידיעות וועגען דעם יודישען כלל-לעבען,

אפטמאל דורכגעטראהלט מיט אנ'אריגינעלער וועהמוטליכער איראניע; צייטענוויי פאלט ער אריין אין א פעליעטאניסטישען טאן פון א דורכגעטריבענעם, קלוגען מענשען. פלוצלונג בעוועלטיגט ער דעם לעזער מיט זיין לירישען געמיטה, מיט זיינע שבחים דעם ליעבען זיידען, מיט זיין אויפפאסען מענדעלי'ס פיזיאגנאמיע, וועלכע קומט ביי איהם ארויס מיט א בעלעטריסטישען אבשיין. עס פיהלט זיך, אז ער איז נאהענט צוגעגאנגען צו דעם עצם מהות פון מענדעלי'ן, נאר נישט מיט דעם וועג, מיט וועלכען עס געהט צו דער עכטער קריטיקער. דעם מחבר'ס גייסטרייכקייט לאזט זיך פיהלען אם שטארקסטען אין פיערטען קאפיטעל, וואו ער שטרייכט אונטער אבראמאוויטש'עס פערגלייכונג צו דער יודישער מאסע: „אין דעם, ווי אבראמאוויטש קוקט זיך צו צו איטליכער בעוועגונג פון יודישען גוף, אין דעם, ווי ער שילדערט איטליך שפרינקעלע, איטליכע בראדעוועקע פון א יודישער גאז, אין דעם, ווי ער פערמיאוסט אונז דעם פנים אין דעם הילוך פון זיינע העלדען — דערקענען מיר די פערביסענע אויפמערקזאמקייט און דעם שארפען בליק פון געפייניגטען צום פייניגער". דאס איז א שטריך. אבער קומען צו איהם קאן לאו דוקא א קריטיקער. דאך מאכט די גאנצע אבהאנדלונג וועגען ש. י. אבראמאוויטש'ען א טיעפען איינדרוק פונקט אזא איינדרוק מאכט זיין ארטיקעל וועגען שלום עליכם'ען. דערזעלבער שעטנו אין סטאף, דיזעלבע אנארכיע אין דער ארחיטעקטור, אבער דיזעלבע גייסטרייכקייט. דאס זענען די איינציגע צוויי ארבייטען, פאר וועלכע בעל-מחשבות פערדיענט א יישר-כח.

בעל-מחשבות'עס שוואכקייט צייגט זיך ערשט ארויס אין איהר גאנצער באקעטקייט אין זיין ארטיקעל וועגען י. ל. פרץ. זיין אויפפאסונג פון אונזער דיכטער איז איינפאך א יונגעלשע. ש. י. אבראמאוויטש און שלום עליכם זענען פון דעם מארט שרייבער, וואס דארפען נישט, ווי בעל-מחשבות דריקט זיך אליין אוים. ווארטען ביז א יובילעאום ווען בעקאנט מאכען זייערע נעמען צווישען די ברייטע מאסען פון פאלק. זייער אנערקענונג נויטיגט זיך נישט אין קריטיק. זיי זענען ביי זייער גאנצער גרוים עלעמענטארע, סטיחישע טאלענטען, וואס א בלינדער קאן זיי דערזעהן און א טויבער קאן זיי דערהערען. זיי רעדען צו די עלעמענטארסטע, היימליכסטע געפיהלען פון פאלק, און יעדער איינער גייסטרייכער פאלקס-מענש קאן זיי אויפפאסען, און אויב ער איז נאך א פערזענליכקייט דערצו, קאן ער אויף זיין אייגענעם אופן א קוק טהון אויף זיי.

דעם אמת'ן קריטיקער דערקענט מען אבער, ווען ער בעהאנדעלט אזא קאמפליצירטען, זוכענדיגען טאלאנט, ווי י. ל. פרץ וועלכער ליידט פון גייסט-

איבערפלוס, וועלכער האָט זיך נישט אויסגעגאָסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל אין בעשטימטע קונסט-פאָרמען. דאָ פאָדערט זיך דער קריטיקער דער קינסטלער, וואָס בעזיצט אַזאַ אינטואיציע אין בעצוג צום שרייבער, ווי דער שרייבער צו זיין העלד. דאָ דאַרף מען האָבען טאַלענט, דעם עכטען חוש-הריח און הויש-השמיעה, צו פערנעהמען דעם אַראָמאַט און הערען דעם בעהאַלטענעם איינ-הייטליכען ריטמוס פון די פערשידענע מאָטיווען, סטילען און ענטגעגענגע-זעצטע שטימונגען.

אַזאַ קינדס'ישע אַרבייט איז אויך זיין גאָטיץ וועגען ח. נ. ביאַליק'ען. דאָ רעאַגירט ער אויף ביאַליק'ס פּאָעזיע, ווי אַן'איינפאַכער בשר ודם; ער איז מבולבל געוואָרען, ער פיהלט זיך „ווי אַבהענדיג, שוואַך, קליין און ניע-דערשלאָגען" און הויבט ער אָן צו רעדען, שיטען זיך גוזמאות איינע גרעסער פאַר דער אַנדערער. „צעהן ירמיהו'ס אינאיינעם וואָלטען נישט געשריבען אַזאַ איכה", „און זיין פויסט איז דאָרט מעכטיגער ווי פון אַנ'עוג מלך הבשן", שרייבט ער וועגען „משא נעמיראָוו". און ער ענדיגט נאָך ערגער ווי אַ פּראָס-טער בשר ודם, נעמליך: „אַלע די, וואָס ריידען איצט פון קולטורעלער אויטאָנאָמיע, פון יודישער קולטור, פון סיימען און נאָך אַזעלכע גוטיגקייטען און זאָוליגקייטען — צי האָבען זיי זיך אַ ווייַלע אָבגעשטעלט פאַר דעם גרויסען וואונדער פון אונזער דור, פאַר ח. נ. ביאַליק'ען? — — — צי צוקלאַפּט נישט אַמאָל ביאַליק'ס אין וואָרט דאָס גאַנצע שפּינוועבס פון זייערע טעאָריען און אני מאמינ'ס?"

איבערהויפּט פאַלט בעל-מחשבות אָפּט אַריין אין אַ „באָמבאַסטישען"סטיל, וועלכער טויג אָדער אויף הויבען אין הימעל, אָדער אויף לעגען טיעף אין דער ערד. דער סטיל איז געווען פּאַסענד, ווען ער האָט גערעדט וועגען אַזוינע זאַכען, ווי „פאַמיליע צבי" פון דוד פּינסקי און „הונגער" פון ס. יושקעוויטש. ער טויג אָבער לחלוטין נישט, ווען ער בעהאַנדעלט יונגע שרייבער. אין דעם אַר-טיקעל וועגען ז. שניאור'ס „עם שקיעת החמה" רעדט ער מיט דער קנאַקעג-דיגער פייערליכקייט פון אַ סאַלאָן-לייב, וועלכער ווייסט, אַז מען שלינגט זיין יעדען וואָרט. נאָר אין מיטען ווערט ער נכשל און חאַפּט זיך אַרויס מיט'ן לשון פון ווילנער פיש-מאַרק: „געווים האָט ביאַליק אין קלענסטען פינגער מעהר קראַפט, ווי דער גאַנצער שניאור". אַזוי לייכטזיניג איז אויך זיין אַרטיקעל וועגען ווייסענבערג'ען, אָבער ער האָט שוין אין זיך נישט די זיכערהייט פון זיין אַרטיקעל וועגען שניאור'ען, קענטיג, האָט ער איהם געשריבען אין אַ שפּע-טערדיגען פּעריאָד, דאָ שטאַמעלט ער.

נאָך אַ בילינגערען איינדרוק מאַכען זיינע צייטונגס-אַרבייטען: „צוויי שפּראַ-

כען און אין איינציגע ליטעראטיר" און „קריטיק און לעבען". זיך אליין איבער-געשטיגען האט ער אין זיין אינשטערבליכען מאמר „פאפולער-וויסענשאפטליכע ליטעראטור".

בכלל איז אויפפאלענד, וואס א מענש, וועלכער פיגורירט אלס קריטיקער אין דער יודישער ליטעראטור, איז נישט געוועזן אימשטאנד צו זאגען אנ'ערנסט ווארט וועגען אזויגע שרייבער, ווי י. ל. פרץ, ח. נ. ביאליק, י. ח. ברענער, רייזען, מאררים ראזענפעלד און נאמבערג.

דערפאר מאכט ער א גוטען איינדרוק אין זיין עטיוד וועגען אברהם מאפו, וואו ע האט נישט געשריבען א קריטיק איבער דעם דאזיגען שרייבער, וואו ער רעדט וועגען זיינע פערזענליכע זכרונות פון דער יוגענד, וואו ער רעדט אליין מיט דער שפראך פון הארצען. דא איז ער זאפטיג, גאנץ און גייסטרייך, און עס בלייבען איבער ביים לעזער אין רעיון איינציגע ריין קינסטלערישע שטריכען. און ווען איך האב געלעזען זיינע האלב-בעלעטריסטישע מעשה'לעך „דער נביא פון דער גאס", וואס איז ריטמיש און בילדליך, „דאס תכריכים-אינזעל", וואס איז מוסטערהאפט און גייסטרייך, די ווירקליך אריגינישע מעשה'-לע וועגען דוד שפינוועבס און זיינע „פסח-שטימונגען", אין וועלכע ער האט אונז געגעבען צו פיהלען דעם געזאנג פון זיין הארץ: דו ביזט א יוד, א יוד.. און ווען איך האב זיך דערמאנט פיעלע אנדערע בעלעטריסטישע פראבען זיינע, וועלכע זענען נישט אריין אין די צוויי בענדער, זיינע ליעדער, אין וועל-כע עס פיהלט זיך אנ'אונגעפעלשטער ריטמוס, האט זיך אין מיר פערשטארקט מיין שטענדיגע אהנונג וועגען בעל-מחשבות'ען, אז ער איז א מענש מיט א קינסטלערישער סטרונע, נאר עס פעהלט איהם די פעליגנהאפטע מענער-קראפט אויסצוטראגען און אויסצובילדען אין זיך זיין רויהע קראפט. און דערמיט האב איך זיך תמיד ערקלערט דעם דערוויילעגען כאראקטער פון זיינע אלע ווערק; עפעס זענען זיי כלאחר-יד, נאכלעסיג; אין דער צייט, וואס זיינע געצעהלטע ליעדער און זיינע איינציגע מעשה'לעך האבען וועלכע עס איז פארם, זענען זיי-נע ארטיקלען פארמלאז, זיי מאכען דעם איינדרוק פון פערוויילענדיגע ליטעראר-ישע געשפרעכען, פון מעמוארען. זיי זענען געשריבען געווארען „צוליעב עפעס וואס" און „ביז עפעס וואס", אבער לדורות האבען זיי קיין שום ווערט נישט. אין דער צוקינפטיגער יודישער שול וועלען אזעלכע זאכען נישט אריינגעהן אלס מוסטער-קריטיקען. זיי ענטהאלטען אין זיך אנ'עלעמענט, מיט וועלכען די אמת'ע קריטיק קאן נישט האבען צו טהון. דאס איז קאפריז. זיין קראפט איז ווייבער-שער קאפריז. ווען ער איז ביז, שפריצט ער מיט גיפט, ווי א יודענע א בעסנ-טע. אין זיינע ארטיקלען וועגען ד. פינסקי'ן, גארדינען און וועגען „אונזערע

קלײנשטעדטעלדיגע טאַלענטען" (די לעצטע זענען נישט אריין) האָט ער שוין צופיעל איבערגעהאַפּט די מאָס. פערשטעהט זיך, אַז מיט אַזאַ קאַפּריזער נאַטור קאָן מען נישט קומען צו דער קינסטלערישער פאָלקאָמענהײט. דאָך, ווען מען לעגט אַוועק זײנע בײדע ביכער, שטעלט זיך אָב אין האַרץ און דמיון בעל-מחשבות'עס פיגור. ער האָט נישט געגעבען קײן אײן פּובליציסטיש, קײן אײן קריטיש און קײן אײן בעלעטריסטיש בעדײטענד ווערק. דערפאַר האָט ער אין זײנע שריפטען זיך אַלײן טיעף געלאָזט פיהלען. פאַרהאַן אַזעלכע מענשען, וועלכע ערוועקען אין אונז סימפּאַטיע צו זיך פון דעם ערשטען בליק, וואָס מיר געבען אויף זײ. ערקלערען אונזער געפיהל זענען מיר נישט אימשטאַנד, דאַכט זיך עס איז דאָ נישטאָ אַזוינס פון וואָס בעגײסטערט צו ווערען, אָבער מיר ווילען דערפון נישט וויסען. עפּעס אַ בעהאַלטענער חן איז אויסגעגאָסען אויף זײער גאַנצער פיגור, אויף אַלעם, וואָס מיר הערען פון זײ און וועגען זײ, אַפילו דער פוסטער קלאַנג פון זײער נאָמען געפעלט אונז. דאָס זענען מענשען, וואָס זענען ווײט נישט דאָס, וואָס זײ רײדען, וואָס זײ טהוען. מיר ליעבען זײ צוליעב דעם אינערליכען ליכט, וואָס מיר אַהנען עס זאָל זײן פערבאָרגען אין זײ. דאָס זענען די טראַגישע האַלב-מענשען. מיר ליעבען זײ בײ אַלע זײערע פעהלערען, מיר ליעבען זײ זאָגאַר דאַן, ווען זי מאַכען אונז בײז, מיר ליעבען זײ צוליעב דאָס נישט קלאָרע אין זײ. אַזאַ געפיהל האָב איך אַרויסגעטראָגען פון בעל-מחשבות'עס ווערק.

ווארשוי.

Ред. Изд. Я. ЛИДСКІЙ, Европейская Литература То. 4.
Тип. Г. Пиментъ Варшава Ул. Сѣраковская № 4.